ספרי' — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
שמיני

שער
שלישי

# ספר הזכרונות

•

# ליובאַוויטשער רבי'נס זכרונות

•

זכרונות פון כבוד קדושת

## אדמו"ר יוסף יצחק

זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע

## שניאורסאהן

מליובאוויטש

דריטער טייל

אַרויסגעגעבן דורך
"אוצר החסידים"
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות חמשים וארבע לבריאה
הי' תהא שנת נפלאות דגולות

ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

היכל שמיני

קובץ
שלשלת האור

שער שלישי

# ספר הזכרונות

# ליובאַוויטשער רבי׳נס זכרונות

זכרונות פון כבוד קדושת

## אדמו״ר יוסף יצחק

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

## שניאורסאהן

מליובאוויטש

דריטער טייל

אַרויסגעגעבן דורך
„אוצר החסידים"

770 איסטערן פארקוויי

ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות חמשים וארבע לבריאה
הי׳ תהא שנת נפלאות דגולות

פאָרוואָרט פון אַרויסגעבער ........ V
אינהאַלט ........ VIII
אַריינפיר ........ 1
ספר הזכרונות – דריטער טייל ........ 9
די יסורים פון ליובאַוויטשן רבי'ן אין סאָוועט רוסלאַנד ........ 227
מפתח אנשים ........ 311
מפתח מקומות ........ 315


# SEFER HAZICHRONOS

MEMOIRS OF

**RABBI JOSEPH I. SCHNEERSOHN**

**of Sainted Memory**

**of Lubavitz**

**Volume III**


*Published and Copyrighted 1993 by*
"KEHOT" PUBLICATION SOCIETY
770 Eastern Parkway, Brooklyn, N.Y. 11213
Tel. (718) 493-9250 • 774-7200 • 778-0226
Printed in the U.S.A.

**Library of Congress Cataloging-in-Publication Data**
Schneersohn, Joseph Isaac, 1880-1950
**Sefer ha-zikhronot = Lyubavitsher Rebin's zikhroynes.**
(Kovets Shalshelet ha-or; hekhal 8., sha'ar 3.)
sifriy. --Otsar ha-Hasidim--Lyubavitsh)
In Yiddish.
Title of t.p. verso: Sefer hazichronons.
Bibliogrphy: p.
Includes index.
1. Hasidism--History. 2. Hasidim--Legends.
I. Mekler, D. L., 1891-1981. II. Title. III. Title: Lyubavitsher Rebin's sikhroynes. IV. Title: Sefer hazichronos. V. Series: Kovets Shalshelet ha-or; hekhal 8., sha'ar 3. VI. Series; Sifriyat Otsar ha-Hasidim, Lyubavitsch.
BM198.S3345 1993 296.8'33
ISBN 0-8266-5420-7 (set)
ISBN 0-8266-5418-5 (v.1)
ISBN 0-8266-5419-3 (v.2)
ISBN 0-8266-5421-5 (v.3)
**Library of Congress Catalog # 85-23288**

נסדר בדפוס „עמפייער פרעסס"
ע"י מרדכי ליב בן פיגא ויוסף יצחק בן ברכה
**Empire Press**
550 Empire Blvd. • Brooklyn, N.Y. 11225 • (718) 756-1473
Fax (718) 604-7633

נדפס בדפוס
שמחה ובנו גרשון גלוקאָוו
**Bookmart Press, Inc**
N. Bergen, N.J. 07047

# זכרונות פון ליובאַוויטשער רבי'ן
# אדמו"ר יוסף יצחק
## זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע
## שניאורסאהן

דורך

**ד. ל. מעקלער**

לויט די אינפאָרמאַציעס וואָס ער האָט באַקומען
פון כ"ק אדמו"ר מהוריי"ץ נ"ע
און פון בית הרב

דריטער טייל

# פאָרוואָרט פון אַרויסגעבער

לויט דער אָנווייזונג פון כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א, גיבן מיר דאָ אַרויס דעם דריטן טייל[1] פון „ספר הזכרונות" פון ליובאַוויטשער רבי'ן, כ"ק אדמו"ר ר' יוסף יצחק זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע.

די ערשטע צוויי טיילן, באַשטייען פון זכרונות, וועלכע זיינען אָריגינעל געשריבן געוואָרן דורך כ"ק אדמו"ר (מהוריי"צ) נ"ע אין לשון הקודש און דער רעדאַקטאָר פון „מאָרגן זשורנאַל" דוד לייב מעקלער ע"ה האָט זיי איבערגעזעצט אין אידיש, זיי צוגעגרייט צום דרוק און אָפּגעדרוקט – דעם ערשטן טייל אין „מאָרגן זשורנאַל"[2] און דעם צווייטן טייל אין דער וואָכנשריפט „אַמעריקאַנער"[3].

דער דאָזיקער דריטער חלק איז אָבער אַנדערש דערמיט, וואָס ער איז נישט קיין איבערזעצונג, נאָר די זכרונות זיינען געשריבן געוואָרן דורך ד. ל. מעקלער, באַזירט אויף אָריגינעלע מאַטעריאַל געגעבן פון רבי'ן (מהוריי"צ) נ"ע און זיינע דערציילונגען בעל פה[4], ווי אויך אויף אַנדערע מקורות. כראָנאָלאָגיש זיינען די זכרונות פון דעם חלק פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „מאָרגן זשורנאַל" מיט איבער צען יאָר פריער ווי דער ערשטער טייל. אונטערן קעפל „פון דעם ליובאַוויטשן רבי'נס הויף – הונדערט און זעכציק יאָר חב"ד", זיינען קאַפּיטלעך פון די זכרונות דערשינען וועכנטלעך אין דערמאָנטן זשורנאַל (יעדן מיטוואָך) פון חשון תר"ץ ביז סיון תר"ץ (אונטערן פסעוודאָנים „בן שלמה").

---

1) דער ערשטער טייל איז געדרוקט געוואָרן דעם ערשטן מאָל אין יאָר תש"ז, און דער צווייטער טייל אין תשכ"ה.

2) פון ה' תשרי תש"א ביז ו' אדר תש"ב (7טער אָקטאָבער 1940 – 23טער פעברואַר 1942). אין דעם טייל זיינען אַריין נאָר די קאַפּיטלעך וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן ביז ג' תשרי תש"ב (24טער סעפּטעמבער 1941).

3) אדר תש"ב – אלול תש"ג (אַנטהאַלט אויך די קאַפּיטלעך פון „מאָרגן זשורנאַל" פון תש"ב וואָס זיינען ניט אַריין אין ערשטן טייל).

4) אין אַ בריוו פון כ"ק אדמו"ר (מהוריי"צ) נ"ע צו הר' ניסן שי' מינדל פון ד' טבת תש"ב (אגרות קודש – אדמו"ר הריי"צ חלק ח' ע' תעב) און אין אַן אַנדער בריוו צו הרב אלי' יאַנג פון ד' שבט תש"ו (דאָרט חלק ט' ע' נו) ווערט דערמאָנט נאָך אַ רשימה וואָס איז געשריבן געוואָרן אויף לשון קודש בהמשך צו די זכרונות, די רשימה איז אָבער צו אונז דערווייל ניט דערגאַנגען. און אפשר וועלן דאָ געמיינט די ווייטער דערמאָנטע רשימות.

אויך אין אינהאַלט איז דער חלק אַנדערש פון די ערשטע צוויי חלקים: די זכרונות אין די ערשטע צוויי חלקים זיינען וועגן די תקופה פון דעם אַלטן רבי'נס פאָטער און משפחה, אָבער אין דעם חלק ווערט דערציילט וועגן דער היסטאָריע פון חסידות־חב"ד רביים פון דעם אַלטן רבי'ן ביז די תקופה פון רבי'ן מהוריי"צ נ"ע (אין אָנהויב פון זיין נשיאות).

*

אויסער געוויסע נויטיקע ענדערונגען דאָ און דאָרט, און אַ צאָל שפּראַכלעכע און סטיליסטישע אויסבעסערונגען און תיקונים אין טעקסט פון ספר דורך הרב יהושע שי' דובראַווסקי, זיינען דאָ צוגעגעבן געוואָרן: א) באַמערקונגען און הוספות; ב) צום סוף ספר איז דאָ צוגעדרוקט, אין אַ פאַרבעסערטער אויסגאַבע, דער קונטרס „יסורים פון ליובאַוויטשער רבי'ן אין סאָוועט רוסלאַנד", דערשינען אין ריגע אין יאָר תר"ץ; ג) מפתח פון די מענטשן און ערטער וועלכע ווערן דערמאָנט אין די זכרונות.

די נויטיקייט פון די צוגעגעבענע באַמערקונגען און צוצייכענונגען איז קלאָר און פשוט: פון זינט אָט־די „זכרונות" זיינען דערשינען (מיט איבער 60 יאָר צוריק), זיינען צוגעקומען אומצייליקע געשיכטלעכע ידיעות און אויטענטישע אינפאָרמאַציעס וועגן רבותינו נשיאינו אין די צאָלרייך־געדרוקטע שיחות ק', און אגרות ק' פון רבותינו נשיאינו; ווי אויך די תולדות רבותינו ווערק פון הרב א. ח. גליצענשטיין און נאָך אַנדערע ספרים און נייע מקורות — איז דערפאַר וויכטיק מ'זאָל ווי ווייט מעגלעך אָנצייגן דעם לייענער וואו צו געפינען נאָך אַ סך ידיעות און פרטים (אָדער שינויים) אין צוגאָב צו די דערציילטע אין די זכרונות (הגם די הערות זיינען ווייט ניט קיין אויסשעפּלעכע).

נאָך דער ניט־לאַנג פאָרגעקומענער איבערקערעניש אין רוסלאַנד איז געגעבן געוואָרן אַ מעגלעכקייט צוצוקומען צו די אַמאָליקע געריכטלעכע אַרכיוון פון פּעטערבורג, וועלכע אַנטהאַלטן אָריגינעלע דאָקומענטן, קאָפּיעס און שריפטלעכע דעטאַלן בשייכות צו די משפטים און אַרעסטן פון אַלטן רבי'ן, אין די יאָרן תקנ"ט און תקס"א (געדרוקט אין „כרם חב"ד" גליון 4; און „ספר התולדות־אדה"ז" דריטער חלק) וואָרפנדיק אַ ניי־היסטאָריש ליכט אויף פאַרשידענע מאָמענטן פון די אַרעסטן, איז געוועזן מער ווי כדאי אָנצומערקן פון דאָרט געוויסע פרטים.

*

די באַמערקונגען און הוספות זיינען גענומען געוואָרן פון פאַרשידענע מקורות – און צווישן זיי: א) הערות פון כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א אויפן ספר „הרב״ (פון הרב שמעון גליצענשטיין (ירושלים, תש״ה)), וועלכער איז, אין אַ גרויסער מאָס, באַזירט אויף אָט־די זכרונות־קאַפּיטלען אין דעם „מאָרגן זשורנאַל״[5]; ב) די אויבן־דערמאָנטע געריכט־דאָקומענטן וואָס זיינען לעצטנס פאַרעפנט־לעכט געוואָרן וועגן דעם אַרעסט און באַפרייאונג פון דעם אַלטן רבי׳ן; ג) רשימות אויף לשון קודש פון כ״ק אדמו״ר (מהוריי״צ) נ״ע וועגן דעם אַלטן רבי׳ן, באַוואוסט מיט די נעמען „מאמר ליובאַוויטש״ וואָס איז טיילווייז געדרוקט אין „בטאון חב״ד״ נומער 38־39; „אבות החסידות״ וואָס איז געדרוקט אין „התמים״; „דברי הימים ההם״ און „וויכוח מינסק״, געדרוקט אין „ספר התולדות אדמו״ר הזקן״. ד) „אגרות קודש״ פון רבותינו נשיאינו.

*

מיר ווילן באַדאַנקען הרב שאול שמעון שי׳ דויטש פאַר זיין הילף ביים צוגרייטן דעם ספר צום דרוק; ווי אויך הר״ר אהרן שיחי׳ חיטריק, און הרב שלום יעקב שי׳ חזן פאַר זיין צוצייכענען אַ צאָל הערות.

*

ויהי רצון אַז דער זכות פון רבותינו נשיאינו וואָס זייער לעבנס־געשיכטע ווערט דערציילט דאָ אין דעם „ספר הזכרונות״, זאָל צוהיילן נאָך מער די רפואה שלימה פון כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א, און בקרוב ממש זאָל ער אונז, בתוך כלל ישראל, פירן לארצנו הקדושה. אמן כן יהי רצון.

מערכת „אוצר החסידים״

י״ד כסלו, התשנ״ד (הי׳ תהא שנת נפלאות דגולות)
ברוקלין, נ. י.

---

5) אויך דער ספר „אדמו״ר האמצעי״ (פון הרב שמעון גליצענשטיין (תל אביב, תש״י)) איז באַזירט אויף אָט־די זכרונות קאַפּיטלען. דער רבי שליט״א האָט צוגעצייכנט אויף דעם ספר איינצעלנע הערות.

# אינהאַלט

**אַריינפיר** . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 1

דער ליובאַוויטשער רבי אין גלות. — די עוואַקואַציע פון ליובאַוויטש. — ר׳ שניאור זלמן און זיין קעגנערשאַפט צו נאַפּאָלעאָנען. — זיין וויכוח מיט ר׳ שלמה קאַרלינער. — די ראש־השנה׳דיקע תקיעות וואָס האָבן „אַנטשיידט". — די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות. — דייטשלאַנד און דער וועלט קריג. — ניקאָלאַיס מפלה. — די אידישע נשמה און דער אידישער גוף.

**א. דעם רבי׳נס רבי** . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 7

ביי וועמען דער אַלטער רבי האָט געלערנט תורה און קבלה. — זיינע דריי יאָר אין ליובאַוויטש. — דער ליטווישער בעל מקובל, ר׳ ישכר בער. — ר׳ שניאור זלמנ׳ס גאונישער קאָפּ און זיין גרויסע חכמה. — וויטעבסק און אירע גאונים. — דער דרייצן־יעריקער חתן און זיינע תנאים צום שווער.

**ב. תורה און חכמה** . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 19

דעם אַלטן רבינ׳ס גרויסע התמדה. — זיין צדקות און זיין גרויסע חכמה. — דער גענעראַל־גובערנאַטאָר און זיין וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיע. — דער זון־זייגער און די געהיימניש וואָס האָט אים אַרומגערינגלט. — ר׳ שניאור זלמנ׳ס גרויסע קענטעניש אין אַסטראָנאָמיע. — זיין לייזונג פון אַ זייער שווערער שאלה און זיין אויפקלערונג פון דעם גענעראַל־גובערנאַטאָרס געהיימניש.

**ג. ווילנע און מעזריטש** . . . . . . . . . . . . . . . . . . 27

וואו מען קען לערנען און וואו מען קען דאַוונען. — ר׳ שניאור זלמנ׳ס באַזוך אין ווילנע און זיין באַזוך אין מעזריטש. — די דריי שאלות און זייער ענטפער. — דעם בעל שם טוב׳ס „חדר" און דעם רבי ר׳ בער׳ס תלמידים. — די „פאַרטיילונג" פון דער וועלט און צו וועמען ליטע איז „אָפּגעגעבן געוואָרן".

**ד. חסידישע פירערשאַפט** . . . . . . . . . . . . . . . . . . 34

ר׳ שניאור זלמן איז נתגלה געוואָרן פאַר דעם מעזריטשער מגיד׳ס תלמידים. — דעם מגיד׳ס קוק. — זיין הסתלקות און ווי ר׳ שניאור זלמן האָט באַקומען זיין „קאָפּ" אַלס ירושה. — די גרויסע אסיפה אין וואָלין. — חסידים אָן אַ פירער. — די פראַגע וועגן ארץ ישראל. — חסידישע „מלוכות" און די געפאַר פון צעברעקלונג. — עניוות און מסירת נפש.

## אינהאַלט

**ה. דעם רבינ'ס חדר** ........................ 42

ווי אַזוי ר' שניאור זלמן האָט אָנגעפאַנגען פאַרשפרייטן חסידות אין ליטע. — די געקליבענע תלמידים פון זיין חדר אין ליאָזנע. — זיינע פאָדערונגען צו זיינע תלמידים. — דער קריג פון די מתנגדים קעגן די חסידים צעפלאַקערט זיך. — דעם רבינ'ס תלמיד ר' משה מייזליש און זיין קעגנערשאַפט צו נאַפּאָלעאָנ'ען. — די אויפרייסונג פון אַ רוסישן אַרסענאַל. — אַ מיליטערישע געהיימניש.

**ו. נאַפּאָלעאָנ'ס קעגנער** ........................ 49

ווי ר' משה מייזליש, דעם אַלטן רבינ'ס תלמיד, האָט באַקעמפט די פראַנצויזן. — ער פאַרהיט ווילנע פון אַן אומגליק און צייגט נאַפּאָלעאָנ'ען זיין שטאַרקייט. — ר' שניאור זלמן גרייפט אָן ווילנע. — פסקנ'ט אַ שאלה און רופט אַרויס די קנאה־שנאה פון די מתנגדים. — די וויכוחים אין זשלאָבין און אין מינסק. — נייע תלמידים און חסידים פון אַלטן רבי'ן. — די פאַרשפרייטונג פון חב"ד.

**ז. דער ברודער־קריג** ........................ 57

די ביטערע מלחמה צווישן מתנגדים און חסידים. — ר' לוי יצחק בערדיטשעווער, איינער פון די ערשטע קרבנות. — דער ווילנער גאון און זיין ראָלע אין דעם קאַמף קעגן חסידים. — חסידים ווערן געלייגט אין חרם; זייערע ספרים ווערן פאַרברענט. — חסידים ענטפערן מיט אַ חרם. — דעם מעזריטשער מגיד'ס קעגנערשאַפט צום חרם. — ר' שניאור זלמנ'ס פרידלעכע מעטאָדן. — זיין נייער דרך.

**ח. דער ווילנער גאון און דער אַלטער רבי** ........................ 65

דער פאַרזוך צוזאַמענצובריינגען ר' שניאור זלמנ'ען און דעם ווילנער גאון. — ר' שניאור זלמנ'ס נסיעה קיין ווילנע. — דער אַלטער רבי און זיין קעגנערשאַפט צווישן די חסידישע מנהיגים. — ווי זיין טאַכטער האָט זיך מקריב געווען פאַר אים. — דער פּלאַן אַריינצוציִען דעם ווילנער גאון אין חרם און ווי ער איז צעשטערט געוואָרן.

**ט. ר' שניאור זלמנ'ס אַרעסט** ........................ 73

דעם ווילנער גאונ'ס פטירה און די בלוטיקע מלחמה וואָס האָט זיך דערנאָך צעפלאַקערט צווישן חסידים און מתנגדים. — דער איבערפאַל אויף די חסידים אין ווילנע. — דער „תניא" און ווי ער איז געדרוקט געוואָרן. — די מסירה אויפן אַלטן רבי'ן און זיינע חסידים. — ר' שניאור זלמן אַנטזאָגט זיך צו אַנטלויפן פון ליאָזנע און וואַרטן אַז מען זאָל אים קומען אַרעסטירן.

**י. דעם רבינ׳ס שליח** .................. 83
ווי אַזוי ר׳ שניאור זלמן איז אַרעסטירט געוואָרן און ווי מען האָט אים געבראַכט קיין פעטערבורג. — זיין הונגער־סטרייק און ווי אַזוי ער האָט געקראָגן כשר עסן. — ווי מען האָט זיך דערוואוסט וואו ער ווערט געהאַלטן. — זיין געהיים צעטעלע. — דעם ווילנער גאונ׳ס פלימעניק וואָס לאָזט זיך אין וועג אויף אַ געהיימער שליחות פאַרן אַרעסטירטן חסידישער פירער.

**יא. אין מתנגדישן לאַגער** .................. 92
וואָס ר׳ לייב יאַנאָוויטשער האָט אויסגעפונען אין ווילנע. — דעם סוד וואָס ער איז דערגאַנגען אין גאונ׳ס קלויז. — דעם אַלטן רבינ׳ס ענטפער אויף קיסר פאַוועל׳ס פראַגן און די איבערזעצונג פון דעם ענטפער. — ווי ר׳ לייב פאַרהיט דעם רבי׳ן פון אַ צרה. — דער פאַרזוך צו פעלשן די איבערזעצונג פון רבינ׳ס כתב.

**יב. דער רבי אין געפענגעניש** .................. 102
וואָס עס ווערט דערציילט פון דער חכמה וואָס דער אַלטער רבי האָט געצייגט אין פעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג אין פעטערבורג. — זיין באַגעגעניש מיט קיסר פאַוועל. — ר׳ שניאור זלמנ׳ס צווייטער אַרעסט און זיין באַפרייאונג דורך קיסר אַלעקסאַנדער. — ווי דער צדיק האָט זיך אויסגעהיט פון אַ פאַסטקע.

**יג. דער בויער פון ליאַדי** .................. 114
דער גוי וואָס האָט געבויט אַ נייע רעזידענץ פאַר דעם אַלטן רבי׳ן. — ליובאָמירסקי און זיין פריינטשאַפט צו ר׳ שניאור זלמנ׳ען. — ווי דער אַלטער רבי האָט זיך דערוואוסט פון קיסר פאַוועל׳ס טויט. — דער ברוגז מיט ר׳ ברוך פון מעזשיבוזש. — ר׳ שניאור זלמנ׳ס באַזוך ביי ר׳ ברוכ׳ן. — דער שאַרפער וויכוח און דאָס פאַנאַנדערגיין זיך.

**יד. דער מאַרש אויף מאָסקווע** .................. 122
ווי דער אַלטער רבי האָט פאַרלאָזן ליאַדי. — די געפאַר אַריינצופאַלן ביי די פראַנצויזן. — דעם רבינ׳ס פאַנטאָפל. — גלות אין טיף רוסלאַנד. — אין מיטן פון די שטרייטנדיקע אַרמייען. — דער רבי וויינט אויפן אידישן חורבן. — די הסתלקות פון אַלטן רבי׳ן.

**טו. ליובאַוויטש** .................. 130
ווי אַזוי ליובאַוויטש איז געוואָרן די רעזידענץ־שטאָט פון דער חב״ד־מלוכה. — דער חורבן פון ליאַדי און דער אויפבוי פון ליובאַוויטש. — ליובאָמירסקי שענקט זיין פלימעניק אַ מתנה. —

דעם אַלטן רבינ׳ס אַ ווערטל. — ווי ער האָט אויסגעקליבן אַ רביצין פאַר דעם מיטעלן רבי׳ן. — אַן אַנדייטונג וועגן „צמח־צדק״.

טז. דעם רבינ׳ס קאַפעליע ....................137

דער מיטעלער רבי און זיין טעטיקייט. — שטעלט צוזאַמען דעם אַלטן רבינ׳ס ניגונים. — די קאַפעליע אין ליובאַוויטש און איר באַדייטונג פאַר דער חב״ד׳סקער נגינה. — די חזנים וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון דער קאַפעליע. — אַלטע און נייע ניגונים. — די כוונות אין דעם אַלטן רבינ׳ס ניגונים. — תורה און נגינה.

יז. די חסידישע קאָלאָניע ....................145

די טעטיקייט פון דעם מיטעלן רבי׳ן פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד. — די לאַגע פון די אידן אין רוסלאַנד און די סיבות וואָס האָבן אים באַוואויגן צו קאָלאָניזאַציע. — די ערשטע קאָלאָניע און ווי דער רבי האָט זי געהאָלפן בויען. — מלאכה און ערד־אַרבעט. — קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד און ישוב ארץ ישראל.

יח. ארץ ישראל ....................152

וואָס דער מיטעלער רבי האָט געטאָן פאַר ישוב ארץ ישראל. — ווי ער האָט געשיקט חסידים און חסידות קיין ארץ ישראל. — זיינע גויאישע פאַרערער. — דעם רבינ׳ס שיינע טעכטער. — די מסירה. — דעם גובערנאַטאָר׳ס זון און זיינע זינדיקע מחשבות. — דעם רבינ׳ס אַרעסט און זיין באַפרייאונג.

יט. גזרות ....................160

די גזרות וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן און די גזרות וואָס זיינען געפּלאַנט געוואָרן קעגן אידן אין די צייטן פון דעם מיטעלן רבי׳ן. — דעם רבינ׳ס צער. — זיין נסיעה אויפן אַלטן רבינ׳ס קבר. — זיין הסתלקות אונטערוועגנס. — ווי דער צמח־צדק איז געוואָרן רבי. — זיין גאונות. — אַ חסידישע מעשה.

כ. דער „צמח־צדק״ ....................167

זיין ליבשאַפט צו מלאכה. — ווי ער האָט אַליין זיך פאַרנומען מיט מלאכה. — ווי ער איז געוואָרן אַ נשרף. — ווערט רבי און באַנייט דעם מיטעלן רבינ׳ס טעטיקייט פאַר קאָלאָניזאַציע. — די גרינדונג פון שטשעדרין. — די טליתים־אינדוסטריע אין דובראָוונע. — גוף און נשמה. — תורה און מעשים טובים.

כא. די דין תורה ....................174

ווי דער צמח־צדק איז גערופן געוואָרן אַלס דיין אין אַ הימלישער דין תורה. — וואָס זיין פסק איז געווען. — אַ מעשה מיט דעם רוזשינער׳ס אַ חסיד. — די שריפה אין ליובאַוויטש. — דעם צמח־צדק׳ס ממלא מקום. — דער מהר״ש און זיין טעטיקייט.

**כב. ליובאַוויטש און פעטערבורג** ........................ 182

די פּאָליטישע טעטיקייט פון ליובאַוויטש און די פּאָליטישע טעטיקייט פון די משכילים. — דער קאַמף מיט די משכילים. — די פּרוּוון פאַר אייניקייט — דער משומד און וואָס ער האָט געטאָן אויסצוקויפן זיך פון זיינע זינד. — פּאָגראָם־געפאַר און עלילת־דם.

**כג. פּאָגראָמען** ........................ 189

די ווירקונג פון די פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן אויף ליובאַוויטש. — דער מהר"ש סטראַשעט דעם צאַר'ס מיניסטאָרן. — וויל פאַרלאָזן רוסלאַנד און פאָרן קיין ארץ ישראל. — זיין באַגעגעניש מיט פּאָביעדאָנאָסצעוו'ן און זיין וויכוח מיטן רוסישן „סינאָד". — די פּלענער פאַר ארץ ישראל. — די פּטירה פון מהר"ש. — ליובאַוויטש אָן אַ רבי'ן. — דער נייער רבי ר' שלום דובער.

**כד. גירוש־מאָסקווע** ........................ 197

די שמד־מגפה צו וועלכער דער גירוש האָט געפירט. — ווי דער ליובאַוויטשער רבי האָט געקעמפט קעגן דער דאָזיקער מגפה. — שמד און „צעטעלעך". — אַרבעט פאַר אידן און אידישע אַרבעט־געבער. — די אידישע פאַבריק אין דובראָוונע. — דער ליובאַוויטשער רבי און באַראָן גינזבורג. — תורה, מלאכה און השכלה. — דער זיג פאַר ליובאַוויטש.

**כה. דער תחום המושב** ........................ 204

וואָס דער ליובאַוויטשער רבי ר' שלום דובער האָט געטאָן צו לינדערן די אידישע נויט אין דער „טשערטאַ". — זיין טעטיקייט פאַר תורה און מלאכה. — דער „תפארת בחורים" און דער פּלאַן פאַר אַרבעט־ישיבות. — זיין צוזאַמענשטויס מיט באַראָן גינזבורג. — די רעוואָלוציע פון 1905 און דעם רבי'נ'ס ענטפער צו „פעטערבורג".

**כו. דעם רבי'נ'ס ישיבה** ........................ 211

די גרינדונג פון דער ישיבה „תומכי תמימים" און איר באַדייט. — דער מהרש"ב שיקט אַ שליח קיין ארץ־ישראל. — די מלחמה און די אויסוואַנדערונג פון ליובאַוויטש. — דער גלות פון רבי'ן און זיין ישיבה. — באָלשעוויזם און די נייע געפאַרן פאַר אידישקייט. — דער מהרש"ב'ס פּטירה און דער נייער ליובאַוויטשער רבי. — די פאַרשטאַרקטע תורה טעטיקייט אין רוסלאַנד און ארץ ישראל.

**כז. מאַרטירערטום** ........................ 219

וואָס דער ליובאַוויטשער רבי האָט געהאַט אויסצושטיין פון די באָלשעוויקעס. — די פאַרפאָלגונגען קעגן זיין ישיבה און דעם

רבינ׳ס אַרעסט. — די זיבעצן טעג אין דער טשעקיסטישער געפענגעניש אין לענינגראַד. — דעם רבינ׳ס הונגער־סטרייק. — זיין פאַרשיקונג קיין קאַסטראָמאַ און זיין באַפרייאונג. — זיין פאַרלאָזן רוסלאַנד. — זיין רייזע קיין ארץ ישראל און זיין באַזוך אין אַמעריקע.

די יסורים פון ליובאַוויטשן רבי׳ן אין סאָוועט רוסלאַנד 227
זיין אַרעסט פון „טשעקא״. — זיינע ליידן אין „שפּאַליארקע״. — זיין פאַראורטיילונג צום טויט. — זיין פאַרשיקונג קיין קאַסטראָמאַ און זיין באַפרייאונג.

1 — די טשעקיסטן רייסן זיך אַריין אין רבינ׳ס הויז .. 229
2 — דער ליובאַוויטשער רבי בלאָנדזשעט אין די קאָרידאָרן פון „שפּאַליערקע״ ........ 238
3 — דער רבי פאַלט אַריין אין די הענט פון ווילדע חיות ........ 241
4 — דער רבי דערקלערט אַ הונגער־שטרייק אויב מען וועט אים ניט אָפּגעבן די תפילין ........ 250
5 — שפּאַליערקע, טויט־שטראָף און „ויתן לך״ מיט דעם ליובאַוויטשער ניגון ........ 256
6 — אַ זון פון אַ ליובאַוויטשער חסיד איז מודיע דעם רבי׳ן אַז מען וועט אים דערשיסן אין 24 שעה ........ 260
7 — די אידן פון גאַנץ רוסלאַנד באַשטימען אַ תענית צבור צוליב דעם רבי׳ן ........ 267
8 — דער ליובאַוויטשער רבי ווערט פאַרמשפּט צום טויט ........ 274
9 — געהיימע פאַרהאַנדלונגען ........ 281
10 — „נאַ ראַסכאָד״ — „פינף יאָר סאָלאָוועצקע אינדזלען״ — „דריי יאָר אין קאָסטראָמאַ״ ........ 285
11 — דער רבי ווערט פאַרשיקט קיין קאַסטראָמאַ, אָבער ווערט באַפרייט נאָך 10 טעג ........ 289
12 — דעפּוטאַט דובין איז זיך משתדל פאַרן רבי׳ן .. 294
13 — דער ליובאַוויטשער רבי פאָרט אַרויס פון רוס־לאַנד ........ 299

ווער עס איז ר׳ מרדכי דובין, דער אַמאָליקער עסקן און מאָדערנער פאָלקס־פירער ........ 303

מפתח אנשים ........ 311

מפתח מקומות ........ 315

# אריינפיר

**דער ליובאַוויטשער רבי אין גלות. — די עוואַקואַציע פון ליובאַוויטש. — ר' שניאור זלמן און זיין קעגנערשאַפט צו נאַפּאָלעאָנען. — זיין וויכוח מיט ר' שלמה קאַרלינער. — די ראש־השנה'דיקע תקיעות וואָס האָבן „אַנטשיידט". — די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות. — דייטשלאַנד און דער וועלט קריג. — ניקאָלאַיס מפּלה. — די אידישע נשמה און דער אידישער גוף.**

שוין יאָרן ווי דער ליובאַוויטשער רבי (ר' יוסף יצחק שניאורסאהן) וואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט, פון מדינה צו מדינה. דער גייסט פון ליובאַוויטש וואַנדערט אָבער מיט אים, דאָס פייער פון הונדערט און זעכציק יאָר חב"ד לייכט אַזוי הערלעך ווי פריער.

די גאָלדענע קייט וואָס ציט זיך פון ר' שניאור זלמן און גייט דורך דעם „מיטעלן רבי'ן", דעם צמח־צדק און די אַנדערע גרויסע רביים, איז ניט איבערגעריסן.

ליובאַוויטש אַליין איז פאַרלאָזן. די שטאָט פון פיל דורות באַרימטע רביים, וואוהין טויזנטער חסידים פלעגן שטראָמען פון אַלע עקן רוסלאַנד און די שכנישע לענדער, פוסטעוועט. דעם רבינ'ס הויף דאָרט איז שוין לאַנג אין חורבות.

„ליובאַוויטש" איז אָבער אין גייסט נאָך אַלץ אַן „עיר ואם בישראל". טויזנטער אידן באַטראַכטן דעם ליובאַוויטשער רבי'ן אַלס זייער גייסטיקער מנהיג, אַלס זייער פאַרשפּרייטער פון תורה.

איז „ליובאַוויטש" געוואָרן אַ „וועלט־שטאָט", און דער ליובאַוויטשער רבי, וועלכער האָט זיין „קרויך" געקראָגן אין גלות, איז געוואָרן אַ כמעט לעגענדאַרישער פאָלקס־העלד.

ער איז געוואָרן איינער פון די הויפּט־פּאַרקעמפער פאַר דער באַפעסטיקונג פון דער אידישער אמונה גראָד דאָרט וואו דער שטראָם פון לעבן גייט קעגן אידן און אידישקייט.

דעם ליובאַוויטשער רבינ׳ס מאַרטירער־געשיכטע אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואו ער איז געווען אַרעסטירט פון דער „גע־פּע־או״, געהאַלטן געוואָרן אין געפענגעניש און דערנאָך פאַרשיקט געוואָרן, איז שוין לאַנג גוט באַקאַנט פאַר דער גאַנצער וועלט.

דאָס איז אָבער ניט מער ווי אַ חלק פון אין דער וואונדערלעכער געשיכטע און מאַרטירערטום פון דעם איצטיקן ליובאַוויטשער רבי׳ן [ר׳ יוסף יצחק נ״ע] און די פריערדיקע רביים, וועלכע האָבן פאַר הונדערט און זעכציק יאָר געקעמפט פאַר תורה און אידישקייט.

צו פאַרשטיין די האַנדלונג פון דעם ליובאַוויטשער רבי׳ן, זיין מאַרטירערטום און זיין טעטיקייט, מוז מען פאַרשטיין ליובאַוויטש אַלס שיטה און ריכטונג אין אידישקייט, מוז מען „גיין״ אַ רייע יאָרן אויף צוריק — צו ליאַדי — צו ר׳ שניאור זלמן, דעם גרינדער פון חב״ד.

די געשיכטע פון ליאַדי און ליובאַוויטש קייטלט זיך, עס איז איין המשך. דער פינפטער ליובאַוויטשער רבי, דער רבי מהורש״ב און זיין הויף האָבן זיך עוואַקואירט פון ליובאַוויטש אין צייט פון ערשטן וועלט־קריג; און גראַד איז דאָס ניט געווען קיין געצוואונגענע „עוואַקואַציע״ נאָר אַ פרייוויליקע. עס איז אַ געשיכטע פון ספּעציעל־חב״ד׳ישער „וועלט־פּאָליטיק״ און האָט צו טאָן מיטן ספּעציעל־ליובאַוויטשער קוק אויף וועלט און זאַכן.

אויב איר ווילט, גייט עס גאָר צוריק אויף איבער הונדערט יאָר — צו אַן אַנדער „עוואַקואַציע״ — די צייט ווען דער „אַלטער רבי״ (ווי חב״ד׳ניקעס רופן דעם גרויסן ר׳ שניאור זלמן, דעם „בעל התניא״, דער עלטער־עלטער־זיידע פון דעם איצטיקן ליובאַוויטשער רבי׳ן [מהוריי״צ נ״ע] ) האָט פאַרלאָזן ליאַדי אונטער ענלעכע אומשטענדן.

אויך דעמאָלט איז געווען מלחמה־צייט. עס איז געווען די צייט פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות. נאַפּאָלעאָן מיט אַ ריזיקער אַרמיי האָט אָנגעפאַנגען זיין היסטאָריש־באַרימטן מאַרש אויף מאָסקווע.

ליאַדי איז געווען אין וועג. נאַפּאָלעאָנ׳ס אַרמיי האָט געוואָלט פאַרנעמען ליאַדי. ר׳ שניאור זלמן האָט אָבער ניט געוואָלט אַריינפאַלן צו די פראַנצויזן.

ער איז געווען אַ קעגנער פון נאַפּאָלעאָנען און זיינע פּלענער איינצונעמען די וועלט.

אין דער אמת׳ן האָט ר׳ שניאור זלמן גאָר אַליין געהאַט „געפירט״ קריג, אויף זיין אייגענעם שטייגער, מיטן מעכטיקן נאַפּאָלעאָן. אויב ער האָט פאַר זיינע לעגיאָנען געדאַרפט צוריקטרעטן, האָט ער אָבער שפּעטער אים „באַזיגט״. נאַפּאָלעאָן האָט מיט זיינע אַלע אַרמייען ניט געקענטביישטיין דעם באַרימטן רב פון ליאָדי . . .

ס׳איז דאָך ידוע, אַז די חסידישע רביים פון יענער צייט זיינען געווען צעטיילט איבער די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות.

געווען אַזוינע וואָס האָבן געזען אין נאַפּאָלעאָנען אַ דערלייזער — אַ באַפרייער פון אַלע פעלקער און בתוכם אויך אידן. זיינען זיי דעריבער געווען אויף נאַפּאָלעאָנ׳ס צד.

עס זיינען אָבער אויך געווען אַזוינע, וואָס זיינען געווען קעגן נאַפּאָלעאָנען. זיי האָבן אין אים געזען אַ געפאַר — אַ סכנה פאַר אידן און אידישקייט. ר׳ שניאור זלמן איז געווען דער לייטנדער גייסט פון די וואָס זיינען געווען קעגן נאַפּאָלעאָנען.

ווערט דערציילט ווי אַזוי ר׳ שניאור זלמן האָט געהאַט אַ גרויסן וויכוח איבער דעם מיט דעם באַרימטן ר׳ שלמה קאַרלינער[1].

1) אויך אין „לקוטי דיבורים״ (חלק ד, ז׳ 1428) ווערט דערמאָנט וועגן דער „תלונה״, דאָס באַקלאָגן זיך פון „הצדיק הקדוש״ ר׳ שלמה קאַרלינער פאַרוואָס דער אַלטער רבי איז געווען קעגן נאַפּאָלעאָנען. אויפן זעלבן אופן ווערט דערציילט אין „שמועות וסיפורים״ א. אַ.

אָבער אין די „אגרות קודש״ פון כ״ק אדמו״ר שליט״א (באַנד טו, ז׳ תז) שרייבט דער רבי שליט״א, אַז דאָס שטימט ניט מיט דעם וואָס ווערט געבראַכט אין די ספרי דברי־הימים, אַז ר׳ שלמה קאַרלינער איז אומגעקומען על קידוש־השם אַ סך יאָרן פריער פאַר אָט־דער רוסיש־פראַנצויזישער מלחמה. אין „בית רבי״ (לה״ק, פרק כב, הערה א) באַמערקט דער מחבר, אין נאָמען פון „געדרוקטע ספרים״, אַז דער אַלטער רבי איז אין דערמאָנטן ענין ניט געווען איינשטימיק מיט ר׳ שלמה קאַרלינער: דער אַלטער רבי האָט מתפלל געווען פאַרן נצחון פון רוסלאַנד: ר׳ שלמה — פאַר פראַנקרייכס זיג. דער „בית רבי״ פירט אָבער אויס, אַז דאָס איז ניט איסגעהאַלטן: די מלחמה מיט נאַפּאָלעאָנען איז פאָרגעקומען אין יאָר תקע״ב, און ר׳ שלמה איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקנ״ב — בעת דאָס רוסישע מיליטער האָט אונטערדריקט דעם פּוילישן אויפשטאַנד. דעמאָלט האָט אַ „הינקעדיקער קאָזאַק״ געשאָסן אויף ר׳ שלמה קאַרלינער, וועלכער האָט געהאַלטן אין מיטן דאַוונען. עטלעכע טעג נאָכדעם איז ר׳ שלמה נפטר געוואָרן פון די שווערע וואונדן. דער „בית רבי״ נעמט־אָן, אַז די חילוקי־דעות צווישן אַלטן רבי׳ן און ר׳ שלמה קאַרלינער זיינען טאַקע געווען בנוגע אָט־דער מלחמה צווישן רוסלאַנד און פּוילן: דער אַלטער רבי איז געווען אויף רוסלאַנד׳ס זייט; ר׳ שלמה — אויף דער זייט פון פּוילן.

זיי האָבן פאַרטראַטן צוויי ריכטונגען, צוויי שיטות בנוגע די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות וועלכע האָבן, ווי געזאָגט, צעטיילט די חסידישע ווי אויך די מתנגדישע וועלט אין צוויי מחנות.

ר׳ שניאור זלמן איז געווען נאַפּאָלעאָנ׳ס אַ קעגנער און ר׳ שלמה קאַרלינער — זיינער אַן אָנהענגער, האָבן די צוויי גרויסע חסידישע מנהיגים געהאַט וועגן דעם אַ וויכוח. דאָס איז ניט געווען סתם אַ וויכוח, נאָר אַזוינס וואָס האָט געדאַרפט באַשטימען דעם גורל פון דעם גרויסן קריגס־העלד און זיין מאַרש אויף מאָסקווע . . .

נאַפּאָלעאָנ׳ס גורל איז געלעגן אין די הענט פון ר׳ שלמה קאַרלינער און דעם רב פון ליאַדי. עס האָט זיך געווענדט ווער פון זיי עס וועט מנצח זיין . . .

ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ביידע צדיקים זאָלן אָנגיין מיט זייער עבודה, יעדער אויף זיין שטייגער און יעדער אויף זיין אייגן פּלאַץ. ווער עס וועט אָבער בלאָזן שופר פריער, דער זאָל אַרויס דער זיגער.

האָבן זיך ביידע באַלד אָנגעהויבן צוגרייטן פאַר די ראש־השנה׳דיקע תפלות — ר׳ שניאור זלמן אין ליאַדי, און ר׳ שלמה אין קאַרלין.

דער קאַרלינער איז דעם ערשטן טאָג ראש־השנה אויפגעשטאַנען פרי, ממש כאור הבוקר, און האָט זיך אין איילעניש אָנגעהויבן מכין זיין צום דאַוונען. ער איז געגאַנגען אין מקוה און זיך פאַרפרי געשטעלט דאַוונען — אַ סך פריער ווי דאָס איז געווען זיין שטייגער לויט זיין חסידישער הנהגה.

עס איז געקומען צו שופר בלאָזן. ר׳ שלמה אַליין איז געווען דער בעל־תוקע. אָט, אָט, וועט זיך דערהערן זיין תקיעה, שברים תרועה, און ער וועט דעם ליאַדיער האָבן באַזיגט. יענער האָט נאָך אַוודאי ניט דערגרייכט צו שופר־בלאָזן. ער מוז נאָך האַלטן ביים אָנפאַנג שחרית, דער קאַרלינער וועט אים האָבן פאַרכאַפּט דעם וועג.

ר׳ שלמה נעמט דעם שופר צו די ליפּן און נאָך איידער ער קען אַרויסלאָזן אַ תקיעה, פילט ער שוין אַז דער ליאַדיער האָט אים מנצח געווען . . .

„דער „לעטוואַק״ (אַזוי האָט דער פוילישער ר׳ שלמה גערופן דעם

ליטווישן פירער פון חסידות) האָט מיר אויסגעכאַפּט. ער האָט מיך מנצח געווען . . .״

און ער איז געווען גערעכט. ר׳ שניאור זלמן האָט שוין פריער געהאַט געבלאָזן שופר. ער האָט זיך גאָר ניט געדאַרפט איילן מיטן דאַוונען — ער האָט געבלאָזן שופר פאַרן דאַוונען . . .

און אָט דער דאָזיקער איינפאַל פון דעם „לעטוואַק״ האָט געבראַכט נאַפּאָלעאָנ׳ס מפּלה . . . נאַפּאָלעאָן האָט מיט זיין אַרמיי געמוזט פאַרלאָזן רוסלאַנד און דער וועג קיין ליאַדי און אַנדערע אַרומיקע שטעט איז געווען אָפן פאַר חב״ד.

אַנדערש איז געווען מיט ליובאַוויטש. דער ליובאַוויטשער רבי האָט זיך שוין ניט געקענט צוריקקערן אין זיין „הויף״ וואָס איז געווען דאָס וואוינאָרט פון פיל דורות רביים. דער ליובאַוויטשער „הויף״ איז געבליבן אין גלות.

די אומשטענדן פון דעם ווי אַזוי ליובאַוויטש איז פאַרלאָזן געוואָרן זיינען אָבער געווען כמעט די זעלביקע וואָס מיט ליאַדי.

אויב ליאַדי איז געווען אַ קעגנערין פון די פראַנצויזן אין די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, איז ליובאַוויטש געווען אַ קעגנערין פון דייטשלאַנד אין דעם גרויסן וועלט־קריג. דייטשלאַנד איז באַטראַכט געוואָרן אַלס דאָס לאַנד פון רעפאָרם, דאָס לאַנד וואו די „קליפּה״ האָט זיך געמאַכט איר נעסט.

ס׳איז שוין לאַנג אומגעגאַנגען אַ וואָרט צווישן חסידים בכלל און חב״ד׳ניקעס בפרט, אַז דייטשלאַנד איז לאַנג „לאחר הבירור״[2]. און מיט דעם האָט מען געמיינט גאָר אַ סך.

ווען דער מעזריטשער מגיד, דער רבי ר׳ בער, האָט פאַרטיילט די „וועלט״ צו זיינע תלמידים, יעדער זאָל פאַרשפּרייטן די חסידישע לערע אין זיינע אייגענע גרענעצן, האָט ער דייטשלאַנד אויסגעלאָזט — לויטעט די חסידישע מסורה.

אין יעדן לאַנד זיינען נאָך געבליבן גענוג „ניצוצות״ (פונקען פון קדושה)

---

2) זען „ספר השיחות תרצ״ז״, ז׳ 219 און אין דעם וואָס איז דאָרט פאַרצייכנט (הערה 8) אין נאָמען פון אדמו״ר מהורש״ב אין דער התוועדות פון שמחת תורה תרע״ו.

און ווי גרויס די „קליפה״ זאָל דאָרט ניט האָבן געוועזן איז נאָך געוועזן אַ מעגלעכקייט, אַז דאָס לאַנד זאָל „נתברר״ ווערן, קריגן איר „תיקון״ דורך תורה און מעשים טובים. אויף דייטשלאַנד האָט מען אָבער שוין געהאַט אויפגעגעבן אַלע האָפענונגען. די „קליפה״ האָט זיך דאָרט שוין געהאַט צו שטאַרק באַפעסטיקט, אַז מען זאָל דאָס לאַנד קענען „מברר״ זיין, דאָרט צו באַפעסטיקן אידישקייט אויף דאָס ניי ווי אין די אַלטע גוטע צייטן.

האָט דער ליובאַוויטשער רבי, דער מהורש״ב געהאַט די זעלביקע שטעלונג צו דייטשלאַנד ווי דער ליאַדיער צו פראַנקרייך. ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט אַריינפאַלן צו די דייטשן, און ווען די דייטשן האָבן זיך געהאַלטן אין דערנענטערן צו ליובאַוויטש, האָט ער זיך „עוואַקואירט״ פון דאָרטן מיט זיין גאַנצן „הויף״ און מיט זיין באַרימטער ישיבה „תומכי תמימים״, אַלץ מיט אַנאַנדער.

ער איז אַוועק אין גלות אין ראָסטאָוו, זוכנדיק דאָרט אַ ניי פעלד פון טעטיקייט, זוכנדיק אַנדערע שטחים וואו צו באַפעסטיקן אידישקייט.

דאָס איז אָבער, רחמנא ליצלן, ניט געוועזן אויס ליבע צום אַלטן רוסלאַנד, און אַוודאי ניט צו ניקאָלאַי׳ס רעזשים.

וואָרום ווען ניקאָלאַי׳ס מאַכט איז געפאַלן האָט דער ליובאַוויטשער רבי געמאַכט אַ „שהחיינו״.

— אידיש בלוט און אידישע צרות זיינען אויך ניט קיין קלייניקייט — האָט ער געזאָגט.

די אידישע נשמה איז טאַקע וויכטיקער. מען קען אָבער דעם אידישן גוף אויך ניט פאַרזען.

האָט טאַקע ליובאַוויטש תמיד געזאָרגט פאַרן אידישן גוף אַזוי גוט ווי פאַר דער אידישער נשמה.

(חשון תר״ץ)

# א

# דעם רבינ׳ס רבי

**ביי וועמען דער אַלטער רבי האָט געלערנט תורה און קבלה. — זיינע דריי יאָר אין ליובאַוויטש. — דער ליטווישער בעל מקובל, ר׳ ישכר בער. — ר׳ שניאור זלמנ׳ס גאונישער קאָפּ און זיין גרויסע חכמה. — וויטעבסק און אירע גאונים. — דער דרייצן־יעריקער חתן און זיינע תנאים צום שווער.**

די אָריגינעלע יחוס־בריוו פון דער שניאורסאָן־פאַמיליע זיינען פאַרברענט געוואָרן אין די פאַרשידענע שרפות וואָס זיינען פאָרגעקומען אין ליאָזנע, ליאַדי און ליובאַוויטש, ווען פיל כתבים פון אַלטן רבי׳ן, דעם מיטעלן רבי׳ן, דעם צמח־צדק און אַנדערע רביים זיינען פאַרניכטעט געוואָרן[3].

עס איז אָבער אָנגענומען ווי אַ פאַקט[4], אַז די פאַמיליע ציט איר יחוס פון דעם מהר״ל פון פראָג, דער שאַפער פון דעם גולם. דער מהר״ל, ווידער, האָט זיין יחוס, לויט טראַדיציע, געצויגן אַזש פון דוד המלך.

וואָס עס איז געווען באַקאַנט אין דער פאַמיליע איז, אַז ר׳ שניאור זלמנ׳ס טאַטע ר׳ ברוך, האָט קיין ליאָזנע, מאָהליוּוער גובערניע, וואו דער אַלטער רבי האָט געלייגט דעם גרונט־שטיין פאַר חב״ד, איינגעוואַנדערט

---

3) זען אויך „ספריית ליובאַוויטש״ ז״ז ח: לג.

4) אין „שלשלת היחס וראשי פרקים מתולדות בית רבינו״, וואָס איז געדרוקט אין אָנפאַנג פון „היום יום״ ווערן אויסגערעכנט די נעמען פון דעם אָפּשטאַם־סדר צווישן דעם מהר״ל מפראג און דעם אַלטן רבי׳ן אין דעם סדר:

הגאון מרנא ורבנא יהודה ליואי זצ״ל — מהר״ל מפראג — מגזע הגאונים המיוחסים לדוד בן ישי. א) זיין זון הר׳ בצלאל. ב) זיין זון הר׳ שמואל. ג) זיין זון הר׳ יהודה ליב. ד) זיין זון הר׳ משה. ה) זיין זון הר׳ שניאור זלמן. ו) זיין זון הר׳ ברוך. ז) זיין זון כ״ק אדמו״ר הר׳ שניאור זלמן.

פון פּאָזען[5], וועלכע האָט דעמאָלט, נאָך פאַר דער צעטיילונג פון פּוילן, געהערט צו דער פּוילישער מלוכה.

---

5) אין אַ בריוו פון כ"ק אדמו"ר שליט"א („אגרות קודש", באַנד ב', אגרת ריג*, ביים סוף) ווערט געזאָגט (אין אידיש. איבערז.): „לויט די זכרונות („ספר הזכרונות", קאַפּ. י) האָט נאָך ר' משה, דער זיידע פון ר' ברוך, אויסגעוואַנדערט פון פּאָזען און זיך באַזעצט אין מינסק. ר' שניאור זלמן (דער פאָטער פון ר' ברוך) האָט זיך באַזעצט אין וויטעבסק און דאָרט איז „ר' ברוך געבוירן געוואָרן — אין יאָר תפ"ג בערך".

אין „בית רבי" (לה"ק, אַנהויב פרק א און אין די ערשטע הערות דאָרט) ווערט דערציילט, אַז ר' ברוכ'ס פאָטער האָט פריער געוואוינט אויסער מדינת רוסלאַנד און צוליב דער דאָרטיקער צעלאָזנקייט, אַז דאָס זאָל ניט שאַטן זיינע קינדער, האָט ער פאַרלאָזט זיין געבורט־לאַנד: געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט, ביז ער איז געקומען אין רוסלאַנד און זיך באַזעצט אַרום ליאָזנע.

אָבער אין אַן אַנאָנימער רשימה „תולדות אדמו"ר הזקן" איז פאַרצייכנט, אַז ר' ברוך אַליין האָט אין זיינע יוגנט־יאָרן („בימי נעוריו") געוואוינט „אויסער אונזער מדינה" — אויסער די גרענעצן פון רוסלאַנד. אין אַ צווייטער אַנאָנימער רשימה, וואָס איז פאַרשריבן געוואָרן, ווי קענטיק, פון אַן אייניקל פון כ"ק אדמו"ר מהר"ש (געדרוקט אין „כרם חב"ד", גליון 4, ערשטער חלק) ווערט אויך דערמאָנט, אַז ר' ברוך האָט גאָר געוואוינט אין פּראָג.

לויט „דער רב" (קאַפּ' א) האָט ר' ברוכ'ס פאָטער „פריער געוואוינט אין פּאָזען (דערפון שטאַמט אויך דער נאָמען פויזנער). שפּעטער, זייענדיק באַזאָרגט וועגן דעם חינוך פון די קינדער, האָט ער פאַרלאָזן פּאָזען און זיך אַריבערגעצויגן קיין ליאָזנע".

נאָך די לעצטע גרויסע ענדערונגען אין רוסלאַנד איז דערמעגלעכט געוואָרן אַ צוטריט צו די ביז־איצט שטרענג־געהיימע מלוכה־אַרכיוון אין פּעטערבורג: צווישן זיי אויך די געריכט־דאָקומענטן וועגן דעם אַלטן רבינ'ס אַרעסטן, אויספאָרשונגען, מסירות, עדות און פאַרשידענע אַנדערע דאָקומענטן אַרום דעם. אַ גרויסער טייל פון אָט־די נייע דאָקומענטן זיינען (פון פאָטאָ־קאָפּיעס) גענוי איבערזעצט געוואָרן אין לשון־קודש און פאַרעפנטלעכט (מיט אַ צאָל פאַקסימיליעס פון די אָריגינאַלן) אין „כרם חב"ד" (גליון 4, חלק א). צווישן זיי איז דאָ אַ דאָקומענט (סימן ג) מיט פראַגעס ביי אַן אויספאָרשונג פון אַ געהיים־קאָמיסיע ביים צווייטן אַרעסט און דעם אַלטן רבינ'ס ענטפערס אויף זיי. די צווייטע פראַגע איז געווען: ווי אַזוי און מיט וויפל צייט צוריק איז ער (דער אַלטער רבי) געקומען אין ווייסרוסלאַנד — האָט דער אַלטער רבי געענטפערט, אַז זיין טאַטע און זיידע האָבן אויף דעם אָרט געלעבט.

לויט געוויסע מקורים האָט ר' ברוכ'ס פאָטער געהייסן ר' אברהם — און ניט ר' שניאור זלמן, ווי אין „ספר הזכרונות", א. אַ. ערטער. אויך דער „בית רבי" (דאָרט) ברענגט איין מיינונג, אַז דער נאָמען פון ר' ברוכ'ס פאָטער איז געווען ר' אברהם. אַזוי איז אויך אויסגעקריצט אויף דער מצבה פון ר' ברוכ'ס קבר — וואָס די פאָטאָגראַפיע פון איר נוסח איז געדרוקט אין „אגרות קודש" פון אדמו"ר הזקן. אויך פון דריי אויסצוגן פון ליאָזנער חברה־קדישא פּנקס ווילן אַנדערע אויסדרינגען אַז ר' ברוכ'ס פאָטער האָט געהייסן ר' אברהם (זע „יגדיל תורה" זיבעטער יאָרגאַנג, זייט קפז-ח, און אין די הערות דאָרט.

אגב, וועגן דעם וואָס הרב לעווין שרייבט אין „יגדיל תורה" אין דער הערה (76), אַז

ר' ברוך איז געווען אַ גרויסער למדן און צדיק. ר' שניאור זלמן איז שוין געווען צוויי און אַ האַלב יאָר ווען ער איז געבראַכט געוואָרן קיין ליאָזנע[6]. דאָס יאָר פון זיין געבורט איז געווען תק"ז[7].

---

פונעם המשך פון די דריי אויסצוגן זעט אויס, אַז דאָס איז אַלץ דער זעלבער ר' ברוך (ובמילא איז זיין טאַטנס נאָמען געווען אברהם): ובפרט אַז אין צווייטן אויסצוג שטייט „אביו זקנו... אביו זקנו הנ"ל" און ס'איז ניט אויסגעטייטשט (דער נאָמען) ווער איז דער „אביו זקנו הנ"ל", איז אַ געוויסע זאַך אַז דערמיט ווערט געמיינט „מו"ה אברהם" פון ערשטן אויסצוג.

אין פלוג איז עס זייער לאו־דווקא'דיק: ערשטנס, פון דריטן אויסצוג איז לכל הדעות ניטאָ קיין שפור פון אַ הוכחה — דאָ ווערט איבערהויפט ניט דערמאָנט — ניט „אביו זקנו", ניט „ר' אברהם". ווידער, דער „הנ"ל" וואָס שטייט ביים צווייטן מאָל „אביו זקנו" באַציט זיך געוויס צום ערשטן „אביו זקנו" אין צווייטן אויסצוג (ווי מ'וואָלט זאָגן אויף אידיש: דער זעלבער זיידע האָט זיך... און מוז ניט באַציען זיך דווקא צו אַ נאָמען) און זיכער ניט צו „מו"ה אברהם" פון ערשטן אויסצוג (אפילו ווען דער „הנ"ל" וואָלט געשטאַנען ביים ערשטן „אביו זקנו" פון צווייטן קטע וואָלט געווען זייער משונה'דיק צו זאָגן אַז ער בינדט זיך צו אַ נאָמען אין פינקס וואָס איז פאַרצייכנט מיט עטלעכע יאָר פריער אין ערשטן אויסצוג פון תק"ז. אינצווישן זיינען דאָך זיכער געווען מערערע פאַרצייכענונגען. היינט מכל־שכן אַז דער הנ"ל שטייט גאָר ביים צווייטן „אביו זקנו" אין צווייטן קטע). אַזוי אַרום בלייבט שוין גאָר־גאָר אַ שוואַכע השערה צו זאָגן, אַז דער ערשטער „אביו זקנו" סתם באַצט זיך צו אַ נאָמען דערמאָנט אין פנקס מיט דריי יאָר פריער).

6) כמעט אַזוי איז פאַרצייכנט אין דער דערמאָנטער רשימה פון אדמו"ר מהר"ש'ס איניקל, אַז צו דריי יאָר איז ער געבראַכט געוואָרן אין אונזער מדינה (רוסלאַנד). אָבער אין אַנדערע מקורים ווערט אָנגעגעבן ליאָזנע (אָדער אַרום ליאָזנע) ווי דאָס געבורטס־אָרט פון אַלטן רבי'ן.

צווישן די דערמאָנטע ערשט־אַנטדעקטע געריכט־דאָקומענטן בשייכות דעם אַלטן רבינ'ס ערשטן אַרעסט (געדרוקט אין „כרם חב"ד", דאָרט) איז דאָ דאָס שריפטלעכע עדות־זאָגן (פאָטאָ פון אָריגינעלן כתב־יד־קדש — סימן יז, אות יד) פון אַלטן רבי'ן, וואו ער שרייבט קלאָר: „כ'בין געבוירן געוואָרן אין ליאָזנע" („נולדתי בליאָזנע").

7) אַזוי געפינען מיר אויך אין „בית רבי". און אַזוי לאָזט זיך אַרויסדרינגען פון דער הקדמה צום אַלטן רבינ'ס שולחן ערוך פון „הרבנים בני הגאון המחבר ז"ל", וואו זיי שרייבן (אין איד. איבערז.): „...ווען ער (דער אַלטער רבי) איז אַלט געווען דרייסיק יאָר... זייענדיק אין דער קהילה קדושה מאָהליוו וואָס לעבן טייך דניעסטער"... און ס'איז באַוואוסט, אַז דער אַלטער רבי איז אין מאָהליוו געווען אין יאָר תקל"ז, ווען ער האָט זיך דאָרט געזעגנט פון זיינע חברים, וועלכע האָבן (אונטער דער אָנפירונג פון רבי מנחם מענדל וויטעבסקער און רבי אברהם קאַליסקער) עולה געווען קיין ארץ־ישראל אין דעם יאָר. לויט דעם איז זיין געבורטס־יאָר, מיט 30 יאָר פריער, געווען תק"ז.

אין „יגדיל תורה" (זיבעטער יאָרגאַנג, חוב' נב, זייט קפח) ווערן געבראַכט ציטאַטן פון אַמאָליקן חברה־קדישא פנקס פון ליאָזנע, וואו ס'איז פאַרשריבן, אַז נאָכן אַלט ווערן דרייצן יאָר איז „החכם המופלג תנא ופליג... שניאור זלמן" אָנגענומען געוואָרן ווי אַ פולער חבר פון

פון ר׳ ברוכ׳ס הנהגה קען מען שוין זען וואָס פאַר אַ השפעה ער האָט געהאַט אויף זיין זון. ר׳ ברוך איז פאַר יאָרן לאַנג געווען אַ ישובניק, ציענדיק זיין פרנסה פון אַ שטיקל ערד וואָס ער האָט געהאַט אַ קורצע שטרעקע פון פאָזען[5] און האָט עס באַאַרבעט מיט זיינע אייגענע הענט.

ער וואָלט געקענט זיין אַ רב און וואָלט בכבוד געהאַט זיין פרנסה. ער האָט אָבער געוואָלט מקיים זיין דעם „בזיעת אפיך תאכל לחם״ און האָט פון דער תורה גאָר ניט געוואָלט נהנה זיין.

דעם זעלביקן גייסט האָט מען שפּעטער אויך געזען ביי ר׳ שניאור

---

ליאָזנער חברה־קדישא – און די דאַטע פון דער פאַרשרייבונג איז: „אור ליום ג׳... ט״ו כסלו תק[כ״א]״. לויט דעם קומט אויך אויס, אַז דעם אַלטן רבינ׳ס יום הולדת איז געווען אין יאָר תק״ז (זע דאָרט אַן אַריכות אינעם ענין אין די הערות צו די פנקס־ציטאַטן).

אויך אין „דער רב״ ווערט דערציילט, אַז אין יאָר תקי״ז, ווען ליאָזנער חברה קדישא האָט באַהאַנדלט זיין בקשה אָנגענומען צו ווערן דאָרט ווי אַ חבר, איז ער אַלט געווען צען יאָר.

אָבער לויט די שיחות ק׳ פון כ״ק אדמו״ר הריי״צ נ״ע (קונט׳ ח״י אלול, תש״ג) איז דער אַלטער רבי געבוירן געוואָרן אין יאָר תק״ה (קהת) און אַזוי, פאַרשטייט זיך, איז אָנגענומען אין דער חב״ד־וועלט און געדרוקט און פאַרעפנטלעכט אין אַלע נאָכקומענדיקע ספרי־חב״ד.

דער ענין ווערט קאָמפּליצירט אין אָנבליק פון די דערמאָנטע אַנטדעקטע געריכט־אַרכיוון: אין אַ דאָקומענט – סימן ג – וואו ס׳איז פאַרצייכנט דעם אַלטן רבינ׳ס ענטפערס אויף די געשטעלטע פראַגעס פון געריכטביים צווייטן אַרעסט, איז אויף דער פראַגע וועגן זיינע יאָרן, האָט דער אַלטער רבי געענטפערט: 52 יאָר. וויבאַלד דער צווייטער אַרעסט איז געווען אין יאָר תקס״א, הייסט עס, אַז ער איז גאָר געבוירן געוואָרן אין יאָר תק״ט!

אויך פונעם חשבון פון די יאָרן וועלכע ער האָט געוואוינט אין די שטעט, וואָס ער רעכנט אויס אינעם דערמאָנטן עדות־זאָגן ביים ערשטן אַרעסט, איז שווער צו סומירן אַז תק״ה איז דאָס געבורט־יאָר פון אַלטן רבי׳ן. דער אַלטער רבי שרייבט אין דעם דאָזיקן דאָקומענט: ...„כ׳בין געבוירן אין ליאָזנע און כ׳בין געווען דאָרט ביז 15 אָדער 16(?) יאָר, כ׳האָב חתונה געהאַט אין וויטעבסק און געווען דאָרט אַן ערך 17 יאָר, און דערנאָך אין האַראָדאָק אַרום 2 יאָר און איצט בין איך אין ליאָזנע אַן ערך 15 יאָר און מער(?)״... אין אַ געריכטלעך־געקירצטער איבערזעצונג פון אַלטן רבינ׳ס שריפט אין רוסיש (פון פראַנצויזיש!) איז דער חשבון סומירט אויפן פאָלגנדיקן אופן: 16 (ליאָזנע) 17 (וויטעבסק), 2 (האַראָדאָק) 15 (ליאָזנע) – סך־הכל 50 יאָר. און וויבאַלד דער ערשטער אַרעסט און משפט איז געווען אין תקנ״ט, איז דאָס הולדת־יאָר געווען תק״ט! אָבער אַפילו צוגעבנדיק אַ יאָר־צוויי, איז עס אַלץ ניט פריער ווי תק״ז.

אין דערמאָנטן (צווייטן) אויסצוג פון חברה־קדישא פנקס, וואו ס׳איז פאַרצייכנט דאָס אַריינעמען דעם אַלטן רבי׳ן אין ליאָזנער חברה־קדישא („נתקבל הילד ש״ז...״), ווערט אָנגעגעבן די דאַטע: „יום ט״ו כסלו תק״י״. טאַ אויב זיין געבורטס־טאָג איז ח״י אלול תק״ט – איז ער דאַן אַלט געווען אַרום דריי חדשים?!

זלמנ׳ען און ביי זיינע קינדער, אייניקלעך און אור-אייניקלעך. זיי זיינען תמיד געווען פאַרערער פון מלאכה און אין דעם זינען אויך באַאיינפלוסט אַנדערע.

ר׳ ברוך וואָלט אפשר זיינע יאָרן אויסגעלעבט אויף זיין שטיקל ערד לעבן פאָזען[8], אָבער שווערע צייטן זיינען דאָרט געקומען.

עס זעט אויס, אַז דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען נאָך דער מלחמה מיט שוועדן, האָט מען אין פאָזען און דעם געגנט אַרום אָנגעהויבן שטאַרק רודפ׳ן אידן, מען האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט גרויסע און שווערע שטייערן און אויך געמאַכט אויף זיי בלוט-בלבולים.

אידן האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן פון פאָזען. די אידישע באַפעלקערונג איז דאָרט שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן, מען איז געלאָפן וואו די אויגן האָבן געטראָגן.

צווישן די אויסגעוואַנדערטע אידן פון פאָזען איז אויך געווען ר׳ ברוך און זיין הויזגעזינט[9].

פאַר אַ קורצער צייט האָט ר׳ ברוך געהאַט פאַרבראַכט אין גאַליציע און דערנאָך אין פוילן, ביז וואַנען ער האָט דערגרייכט ליאָזנע און דאָרט געמאַכט זיין שטענדיקע היים.

---

8) אין „ספר הזכרונות" (חלק א׳) ווערט דערציילט, אַז זיין שווער ר׳ אברהם האָט אים געגעבן אַ שטיקל ערד אַרום ליאָזנע; און ווי פריער דערמאָנט אַז לויט „ספר הזכרונות" איז ר׳ ברוך שוין געבוירן געוואָרן אין וויטעבסק (און ניט אין פאָזען).

9) זען הערה 5. — „עס פאָדערט זיך דאָ תיקון (קאָרעקטור) לויט דעם וואָס איז געדרוקט אין די זכרונות פון כ״ק מו״ח אדמו״ר שליט״א (הריי״צ נ״ע) אין דער שיחה פון ח״י אלול תש״ה. צום ביישפיל: צוליב דער באַוועגונג פון פרייהייט פון דת און מצוות, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפרייטן נאָך פאַר דער השכלה-באַוועגונג, האָבן ר׳ ברוכ׳ס פאָטער און זיידע אויסגעוואַנדערט פון פאָזען..." (איבערגעזעצט אין אידיש פון אַ הערה פון כ״ק אדמו״ר שליט״א — „אגרות קודש", אגרת שיא). — ווי געזאָגט פריער, אַז ניט ר׳ ברוך האָט אויסגעוואַנדערט פון פויזן, נאָר זיין זיידע און פאָטער; און ניט צוליב רדיפות דאָרט אויף אידן מצד דעם ניט-אידישן אַרום, נאָר צוליב די פרייהייט-ווינטן וועלכע האָבן זיך דאָרט אָנגעהויבן אויסשפרייטן אויף דער אידישער גאַס.

אין „דער רב" (ז׳ 3) ווערט דערציילט, אַז ר׳ ברוכ׳ס פאָטער האָט אויסגעוואַנדערט פון פאָזען קיין ליאָזנע, ווי געבראַכט אין הערה 5.

ר׳ שניאור זלמן האָט גלייך פון אָנפאַנג אָנגעהויבן אַרויסצייגן זעלטענע כשרונות צום לערנען.

ר׳ ברוך אַליין האָט מיט אים געלערנט און ווען ער איז פון ליאָזנע אַוועק אָפּריכטן גלות, האָט ער דעם יונגן שניאור זלמן איבערגעלאָזט אונטער דער השגחה פון זיין[10] עלטערן ברודער ר׳ מרדכי.

ר׳ שניאור זלמן איז שוין דעמאָלט געווען זעקס יאָר אַלט. צוויי יאָר האָט ר׳ ברוך אָפּגעריכט גלות, וואַנדערנדיק פאַרשטעלטערהייט פון שטאָט צו שטאָט, דערנערנדיק זיך אונטערוועגנס פון פאַרשידענע אַרבעטן וואָס ער האָט געטאָן.

ווען ער איז צוריקגעקומען קיין ליאָזנע האָט ער אויסגעפונען, אַז די מלמדים אין ליאָזנע זיינען שוין ממש צו קליין צו קענען ווייטער לערנען מיט זיין גאונישן קינד. צו אַכט יאָר, איז ר׳ שניאור זלמן שוין געווען אַ גרויסער למדן.

האָט ר׳ ברוך אָנגעהויבן אַרומזוכן אַ נייעם רבי׳ן פאַר זיין קינד. אַזאַ רבי׳ן האָט ער ענדלעך געפונען, דאָס איז געווען ר׳ ישכר בער קאָבילניקער, וועלכער האָט זיך צו יענער צייט געפונען אין ליובאַוויטש[11].

דער דאָזיקער ר׳ ישכר בער איז געווען אַ מערקווירדיקע פערזענלעכקייט. פיל מעשיות ווערן וועגן אים דערציילט.

---

10) דאָ האָט געמוזט זיין אַ מיספאַרשטענדעניש מצד דעם פאַרצייכענער (ד.ל. מעקלער): אין אַלע חב״ד ספרים ווערט פאַרצייכנט אַז דער אַלטער רבי איז געווען דער בכור.

11) אין „מאמר ליובאַוויטש״ (אות ל): „אַז כ״ק אדמו״ר הזקן איז אַלט געוואָרן עלף יאָר האָט אים זיין פאָטער געבראַכט אין דער שטאָט ליובאַוויטש צום „מוכיח״ (מוסר-זאָגער) דער „גאון מפורסם״ ר׳ יוסף און ער (ר׳ יוסף) האָט אים איבערגעגעבן צו זיין איידעם דער גאון ר׳ ישכר דובער ער זאָל לערנען מיט אים״. אָבער אין „ספר השיחות״ (תש״ה, ז׳ 174) שטייט, אַז דער אַלטער רבי האָט געלערנט אין ליובאַוויטש ביים גאון ר׳ ישכר דוב ביז זיין אַלט ווערן עלף יאָר.

אין „בית רבי״ איז אָנגעגעבן, אַז דער אַלטער רבי האָט אָנגעהויבן לערנען ביי ר׳ ישכר בער פון ליובאַוויטש אינעם עלטער פון צוועלף יאָר, אַזוי איז אויך געשריבן אין „דער רבּ״ (אָנהויב קאַפּ׳ ג).

אין דער „רשימה פון אדמו״ר מהר״ש׳ס איניקל״ איז פאַרצייכנט, אַז ער איז געוואָרן אַ תלמיד פון ר׳ ישכר בער צו זעקס יאָר און האָט ביי אים געלערנט ביזן אַלט ווערן צוועלף יאָר.

געקומען איז ער קיין ליובאַוויטש פון קאַבילניק, אַ שטעטל אין דער ליטע. ער איז דעם וועג קיין ליובאַוויטש געגאַנגען צופוס.

וואָס עס האָט אים געבראַכט קיין ליובאַוויטש איז ניט גענוי באַקאַנט[12]. ליובאַוויטש איז צו יענער צייט נאָך געווען אַ גאָר קליין שטעטל, באַשטייענדיק פון ניט מער ווי אַרום פערציק-פופציק משפחות. דאָס שטעטל איז געווען אַרומגערינגלט פון גרויסע וועלדער און ווי עס זעט אויס, האָבן עס אָט די דאָזיקע וועלדער צוגעצויגן דעם ליטווישן ר׳ ישכר בער.

וואָרום ר׳ ישכר בער איז געווען ניט בלויז גרויס אין נגלה, נאָר אויך אין נסתר. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ בעל מקובל און עס איז געווען זיין שטייגער אַריינצוקומען אָפט אין וואַלד וואו ער האָט געקענט זיין אָפגעזונדערט פון מענטשן און זיך פאַרטיפן אין זיינע הויכע רעיונות.

קיין אַנדער אידיש שטעטל איז ניט געווען אַזוי אָפגעזונדערט ווי ליובאַוויטש, איז אים ליובאַוויטש דערפאַר געווען שטאַרק צום האַרצן. ער האָט זיך דאָרט געקענט פירן לויט זיין פאַרלאַנג.

ליובאַוויטש איז געווען קליין און אויך אָרעם. זי האָט אפילו קיין רב ניט געהאַט[13], איז ר׳ ישכר בער דאָרט געוואָרן דער גייסטיקער מנהיג, געלערנט מיטן עולם און געזאָגט אים מוסר. דערפאַר האָט מען אים טאַקע גערופן „מוכיח״[14].

אָט צו דעם דאָזיקן ר׳ ישכר בער האָט עס ר׳ ברוך געבראַכט זיין וואונדער-קינד ווי אַ תלמיד און האָט אים דאָרט איבערגעלאָזט.

---

12) אין „ספר הזכרונות״ ווערט דערציילט, אַז זיין שווער, ר׳ יוסף האָט געוואוינט אין ליובאַוויטש (זען אויבן דאָס געבראַכטע פון „מאמר ליובאַוויטש״).

13) אין „ספר הזכרונות״ געפינען מיר, ווי אויבן געבראַכט, אַז זיין שווער איז דאָרט געווען דער „מוכיח״ און אַז אין יאָר תצ״ו (לערך) איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן זיין תלמיד ר׳ בנימין ווי ליובאַוויטשער רב. ערשט נאָך דער פטירה פון זיין שווער איז דאָרט ר׳ ישכר דוב געוואָרן דער מגיד.

14) אַזוי געפינען מיר אויך אין אגרות קודש — אדמו״ר שליט״א (צווייטער חלק, ז׳ רסט — אין איד. איבערז.): „ר׳ ישכר בער איז געווען מגיד און ניט רב״ (אין ליובאַוויטש). אָבער אין „אגרות קודש — אדמו״ר הזקן״ (ערשטער חלק, ז׳ נא, אגרת כב) ווערט געזאָגט: „הרב הגדול . . מו״ה ישכר בער סג״ל אב״ד ומו״ץ דק״ק ליובאַוויטש״, וואָס מיינט לכאורה אַז ער איז דאָרט געווען רב. אויך אין די „אגרות קודש — אדמו״ר הזקן״ (צווייטער חלק, ז׳ ו) שטייט וועגן ר׳ ישכר בער דער לשון: „המ״ץ דק׳ לובאוויץ״.

אויף אַזאַ אופן איז שוין ליובאַוויטש נאָך לאַנג אין פאָרויס געוואָרן אַ הייליק אָרט פאַר די חב"ד'ניקעס. דער אַלטער רבי האָט דאָרט געלערנט תורה.

דריי יאָר איז ר' שניאור זלמן פאַרבליבן אין ליובאַוויטש ביי ר' ישכר בער קאָבילניקער[15].

צוערשט האָט ר' ישכר בער געלערנט מיט אים די געוויינלעכע לימודים וואָס מען לערנט מיט אַזאַ יונג קינד. ער האָט אָבער באַלד דערזען אין אים אַ רייפקייט וואָס האָט אים באַוואויגן אויך אָנצוהויבן לערנען מיט אים קבלה. ר' שניאור זלמנ'ס גרויסער מוח האָט אַלץ פאַרנומען. קיין זאַך איז פאַר אים ניט צו שווער געווען; קיין רעיון איז פאַר אים ניט צו טיף געווען.

ר' ישכר בער פלעגט אים אַרויסנעמען אויף שפּאַצירן אין וואַלד און דאָרט אונטערן שאָטן פון די בוימער מיט אים געלערנט וועגן אַלע פאַרבאָרגענע זאַכן.

איז צווישן רבי'ן און תלמיד געוואָרן אַ שטאַרקער צובונד און אין די שפּעטערדיקע יאָרן פלעגט ר' שניאור זלמן שטענדיק דערמאָנען זיין אַמאָליקן רבי'ן און האָט זיך פון אים גאָר ניט געקענט אָפּלויבן[16]. ר' ישכר בער'ס השפעה אויף דעם יונגן שניאור זלמן איז געווען אומגעהויער גרויס.

פון דעם דאָזיקן בעל־מקובל האָט ר' שניאור זלמן אויך געלערנט אַנדערע חכמות, באַזונדערס אַסטראָנאָמיע און מאַטעמאַטיק[17], צוויי

---

15) אין „מאמר ליובאוויטש" (אות לו) איז פאַרצייכנט, אַז אַרום צוויי יאָר איז דער אַלטער רבי געווען אין ליובאַוויטש.

16) זען צב"ש ווי דער אַלטער רבי דריקט זיך אויס וועגן אים אין זיין בריוו („אגרות קודש – אדמו"ר הזקן", צווייטער חלק, ז' ו): „וכתר שם טוב עולה על גביהם אמו"ר (אדוני מורי ורבי) הרב המאה"ג המ"ץ דק' לובאוויץ" – געמיינט ר' ישכר דוב קאָבילניקער פון ליובאַוויטש.

17) אין דער רשימה „דברי הימים ההם" איז פאַרצייכנט, אַז ר' יעקב צבי פון קעניגשטיין האָט אים געלערנט די חכמה פון געאָמעטריע און אַסטראָנאָמיע, און אַז ער האָט איבערגעחזרט דאָס געלערנטע מיטן גאון ר' ישכר דובער פון ליובאוויטש (און איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר צוועלף).

בכדי צו האָבן מער־ווייניקער אַ באַגריף וואָס ס'מיינט אַז דער אַלטער רבי האָט געלערנט די דערמאָנטע וועלט־חכמות, איז כדאי צו ברענגען דאָס ווייטערדיקע.

וויסנשאַפטן אין וועלכע ר׳ שניאור זלמן האָט אַרויסגעצייגט גרויסע גאונות און אַרויסגערופען די באַוואונדערונג פון וועלטלעכע געלערנטע.

זייענדיק אין ליובאַוויטש האָט ער איינמאָל זיין רבי׳ן, ר׳ ישכר בער, אַריינגעבראַכט אין גרויס התפעלות, ווען ער האָט אים אויפן אָרט, גאָר גיך אויסגערעכנט וויפל „שעורות"[18] אַנטהאַלט אין זיך דער שיעור פון אַ מקוה.

---

ביים סוף פון ספר „שני המאורות הגדולים" — אַ חסידות־חב"ד ספר פון גרויסן גאון און צדיק ר׳ אייזיק הלוי עפשטיין (באַקאַנט צווישן חסידים ווי ר׳ „אייזל האָמליער"), פון די גרעסטע חסידים און תלמידים פון אַלטן רבי׳ן — זיינען געדרוקט דריי בריוו פונעם מחבר צו „מוה"ר צבי הירש פייהין" (זעט אויס, זייער אַ חשובער בן־תורה און אַנגעזעענע פערזענלעכקייט). דער אינהאַלט פון די זייער באַלערנדיקע בריוו איז אַן אויפקלערונג אינעם ענין פון אמונת חכמים. צווישן אַנדערן שטעלט ער זיך דאָרט אָפּ וועגן דעם אומגעוויינלעכן כח השכל והחכמה פון אַלטן רבי׳ן, וועלכער איז אויך געווען אַ „חכם בכל החכמות". ער דערמאָנט זיין הפלגה׳דיקע ידיעה (צווישן אַנדערע) אין חכמת הרפואה, אין אַסטראָנאָמיע און מאַטעמאַטיק. אינעם צווייטן בריוו קלערט ער אויף דייטלעכער וואָס ס׳מיינט דעם אַלטן רבינ׳ס חכמה און באַהאַוונטקייט אין אַט די וויסנשאַפטן. אַ פּאָר ציטאַטן (אין איד. איבערז.):

די הפלגה פון אַלטן רבי׳ן אין רפואה, „איז ניט די כוונה, אַז ער איז געווען אַ דאָקטאָר: ווייל ער האָט ניט געוואוסט די נעמען פון די קרענק און ניט די נעמען פון די רפואות... און אַזוי אויך (זיין וויסן) די חכמה פון אַלגעברע, איז עס ניט אַז ער האָט זי געלערנט און זיך באַשעפטיקט מיט איר: נאָר מיר האָבן געהערט פון איינעם אַ חכם אין דער חכמה אויף אַן אומגעוויינלעכן אופן, אַז ער איז געווען אין ליאָדי און איז אַריין (צום אַלטן רבי׳ן) ווייזן זיין חכמה אין אַסטראָנאָמיע און מאַטעמאַטיק, ווייל ,אמ"ו׳ (אדוננו מורנו ורבינו — דער אַלטער רבי) איז געווען זייער באַהאַוונט אין דעם... האָט ,אמ"ו׳ געפרעגט אַט־דעם גרויסן וויסנשאַפטלער: כ׳האָב געהערט, אַז דו ביסט אַ חכם אין דער חכמה פון אַלגעברע — און איך האָב זי ניט געלערנט. איז אפשר קענסטו מיר אין קורצן אויפקלערן אירע יסודות (פּרינציפּן)? האָט דער חכם אים געזאָגט אַ צאָל כללים פון דער חכמה. אויף מאָרגן איז דער וויסנשאַפטלער ווידער אַריין צו ,אדמו"ר׳ און דער אַלטער רבי האָט אים געזאָגט נייע געדאַנקען אין חשבון פון אַלגעברע און אַ נייעם חשבון (=סיסטעם) אין אַסטראָנאָמיע לויט אַלגעברע. אַרויסגייענדיק פון אַלטן רבי׳ן האָט אַט־דער איד (דער וויסנשאַפטלער) זיך ניט געקענט איינהאַלטן (פון באַגייסטערונג) און אין דער אַנוועזנהייט פון די וואָס זיינען דאָן געווען אין הויף אויסגעשריען: געוואַלד! כ׳האָב אַזאַ קאָפּ ניט געזען! מיטן ביסל כללים וואָס איך האָב פאַר אים אַרויסגעבראַכט האָט ער דערפונדן אַזעלכע (מאַטעמאַטישע) נייעסן — אַז געלערנטע פאַרשער וועלן ניט דערגרייכן פאַר אַ סך צייט דאָס צו וואָס ער איז דערגאַנגען אין איין טאָג..."

(דער לענגערער ציטאַט איז דערפאַר ווייל אַט־די בריוו פון ר׳ „אייזל האָמליער" זיינען ווייניק באַקאַנט).

18) אין אָריגינעלן צייטונג־דרוק שטייט דאָ: „שערות" (האָר). ס׳זעט אָבער אויס, אַז ס׳דאַרף זיין „שעורות", וואָס זייער מאָס־שיעור קען האָבן אַ שייכות צו די מאָסן מיט וועלכע מ׳רעכנט אַ שיעור מקוה. דאַקעגן אַ „שערה", אַ האָר, הגם זי איז אויך אַ געוויסע מאָס (אין

„אַ שעורה" – אַ גערשטן־קערנדל – איז לויט חז"ל אַזאַ וואָג און מאָס, לויט וועלכער מ'רעכנט די גרויס און געוויכט פון אַ מטבע. עס וואָלט געדאַרפט נעמען לאַנג צו קענען אויסרעכענען וויפיל „שעורות" עס קענען זיך געפינען אין דער מאָס פון אַ כשר'ער מקוה לויט ווי דער דין פאָדערט.

עס איז געווען אַ מאַטעמאַטישער חשבון וואָס האָט ניט געקענט אַזוי לייכט געמאַכט ווערן אפילו פון אַ דערוואַקסענעם און גוט דערפאַרענעם מאַטעמאַטיקער. דער יונגער ר' שניאור זלמן האָט אָבער דעם חשבון געמאַכט איינס־צוויי.

ר' ישכר בער האָט דאַן געשריבן אַ בריוו צו זיין תלמיד'ס פאָטער קיין ליאָזנע:

– נעמט צו אייער שניאור זלמנ'ען פון מיר – איז געווען געשריבן אינעם בריוו – ער איז צו גרויס פאַר מיר, איך האָב מיט אים מער ניט וואָס צו לערנען.

ר' ברוך איז אין עטלעכע טעג אַרום געקומען קיין ליובאַוויטש אָפּצונעמען זיין קינד[19]. ר' ישכר בער האָט אים גע'עצה'ט, אַז ער זאָל זיין זון נעמען קיין וויטעבסק, וואו עס האָבן זיך דעמאָלט געפונען גרויסע גאונים.

צו עלף יאָר איז ר' שניאור זלמן אַוועקגענומען געוואָרן פון זיין רבי'ן אין ליובאַוויטש און איז אַוועקגעפירט געוואָרן קיין וויטעבסק[20]. ליובאַוויטש

---

שייכות צום שיעור „גריס" ביי טומאה), האָט זי אָבער לכאורה קיין שייכות ניט צו די שיעורים פון מקוה.

19) אין „רשימת ליובאַוויטש" (אות לג) איז פאַרצייכנט (אין איד. איבערז.): „ווען דער גאון ר' ישכר דובער איז אַוועק אָפּריכטן גלות, ווי זיין דרך איז געווען, האָט ער מיטגענומען הוד כ"ק רבינו (דעם אַלטן רבי'ן) בכדי גייענדיק אויף זיין וועג אים אומצוקערן צו זיין טאַטן".

20) פון דעם וואָס ווערט דאָ און ווייטער דערציילט איז קענטיק, אַז פון עלף יאָר און ווייטער האָט זיך דער אַלטער רבי געפונען אין וויטעבסק.

אָבער אין זיין עדות־זאָגן פאַרן געריכט (צווישן די דערמאָנטע ניי־אַנטדעקטע געריכט־אַרכיוון פון פעטערבורג – סימן יז) שרייבט דער אַלטער רבי (אין איד. איבערז.): ...„כ'בין געבוירן געוואָרן אין ליאָזנע און כ'בין דאָרט געווען ביז כ'בין געוואָרן 15 אָדער 16 יאָר".

אין „רשימת ליובאַוויטש" (דאָרט) ווערט אָנגעגעבן: „אַרום צוויי יאָר האָט הוד כ"ק רבינו (הזקן) געלערנט מיט גאָר גרויסער התמדה אינעם גרויסן בית־המדרש אַרום זיין פאָטערס הויז".

אָבער לויטן חברה־קדישא פנקס פון ליאָזנע, אַז ער איז אַרום זיין דרייצנטן יאָר, אין יאָר

איז אָבער ניט אויסגעמעקט געוואָרן פון דער געשיכטע וואָס ר׳ שניאור זלמן האָט אָנגעהויבן מאַכן פאַר צוקונפטיקע דורות.

מיט יאָרן שפּעטער איז ליובאַוויטש געוואָרן די „עיר הבירה״ — די הויפּט־שטאָט פון דער חסידישער „מלוכה״ וואָס ער האָט אויפגעבויט. פאַר הונדערט און צוויי יאָר איז ליובאַוויטש פאַר זיינע קינדער און קינדס־קינדער געווען דער צענטער פון זייער נשיאות־טעטיקייט.

געבראַכט קיין וויטעבסק, האָט מען דעם יונגן עילוי געגומען צו די דאָרטיקע גאונים. מען האָט אים אָנגעהויבן פאַרהערן אין לערנען, מען האָט אים געשטעלט שאלות. ר׳ שניאור זלמן האָט אָבער אויף די שאלות ניט געוואָלט ענטפערן, ער האָט געהאַט אייגענע שאלות צו שטעלן. זיין אָפּענער מוח האָט שוין געזוכט ענטפערס אויף אַ רייע פראַגן, וועלכע האָבן אים געמאַטערט.

אין וויטעבסק האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ ניי קאַפּיטל אין זיין לעבן.

צוויי יאָר[21] האָט ער דאָרט געלערנט ביי פאַרשידענע רביים און מיט יעדן טאָג איז זיין לומדות געוואַקסן. מען האָט שוין געוואוסט, אַז ער וואַקסט אַ גאון.

צו דרייצן יאָר[22] האָט אים אַ דאָרטיקער בעל הבית[23] גענומען פאַר אַן

---

תקכ״א, אָנגענומען געוואָרן ווי אַ מיטגליד פון חברה קדישא אין ליאָזנע, דאַרף אויסקומען, אַז ליאָזנע איז דאַן געווען זיין וואוין־אָרט.

21) אין „ספר השיחות״ (קיץ ה׳ש״ת, ז׳ 78, אות לג) ווערט וועגן יענער צייט דערציילט: „אין אַ קורצער צייט נאָך בר־מצוה, איז דער (אַלטער) רבי געפאָרן אין וויטעבסק צו זיין פעטער הגאון ר׳ יוסף יצחק, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ פּאָר חדשים צייט״.

22) פונעם דערמאָנטן אַלטן רבינ׳ס שריפטלעכן עדות־זאָגן — סימן יז — פאַרן געריכט איז צו דרינגען, אַז דער אַלטער רבי האָט חתונה געהאַט ניט פריער פון 15־יאָריקן עלטער; ווי אויבן ציטירט, אַז ער איז געווען אין ליאָזנע ביז „15 אָדער 16 יאָר, און איך האָב (נאָכדעם) חתונה געהאַט מיט אַ פרוי פון וויטעבסק״.

אין „ספר השיחות״ (דאָרט ז׳ 79) שטייט געשריבן, אַז די חתונה פון אַלטן רבי׳ן האָט געדאַרפט זיין אין אלול פון יאָר תקי״ט. אָבער פאַקטיש איז די חתונה פאָרגעקומען ערב שבת נחמו, י״ב אב (פון יאָר תק״כ).

אָננעמענדיק, אַז לויטן אַלטן רבינ׳ס עדות־זאָגן איז זיין חתונה געווען צו 15 יאָר און זיין געבורטס־יאָר (אויך לויט זיין עדות־זאָגן אין די אַרכיוו־דאָקומענטן) איז תק״ז אָדער תק״ט — ווי וועט עס שטימען מיט דער חתונה־דאַטע פון יאָר תק״כ?

23) ר׳ יהודה לייב סגל — ראש הקהל פון וויטעבסק („אגרות קודש״ מהוריי״צ, חלק ט, ז׳ נז).

איידעם. שטערנא איז געווען דער נאָמען פון זיין ווייב. דער ערשטער באַדינג וואָס ר׳ שניאור זלמן אַליין האָט געשטעלט, ווען מען האָט געשריבן תנאים איז געווען, אַז מען זאָל אים נאָך דער חתונה אומגעשטערט לאָזן לערנען.

דער שווער האָט צוגעזאָגט דריי יאָר קעסט און דער אָפּמאַך איז געווען, אַז פאַר די גאַנצע דריי יאָר זאָל מען ר׳ שניאור זלמנ׳ען אָפּגעבן אַ סאַלקע[24] וואו ער זאָל קענען זיצן ביחידות און לערנען.

און ר׳ שניאור זלמן האָט די דאָזיקע דריי יאָר געלערנט מיט אַ זעלטענער התמדה. ער האָט זיך ממש אויף דער ווייסער וועלט ניט געצייגט, פאַרברענגענדיק יומם ולילה אין תורה און עבודה.

24) סאַלקע — אַ בוידעם־שטיבל.

## ב

# תורה און חכמה

**דעם אַלטן רבינ'ס גרויסע התמדה. — זיין צדקות און זיין גרויסע חכמה. — דער גענעראַל־גובערנאַטאָר און זיין וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיע. — דער זון־זייגער און די געהיימניש וואָס האָט אים אַרומגערינגלט. — ר' שניאור זלמנ'ס גרויסע קענטעניש אין אַסטראָנאָמיע. — זיין לייזונג פון אַ זייער שווערער שאלה און זיין אויפקלערונג פון דעם גענעראַל־גובערנאַטאָרס געהיימניש.**

די גרויסע התמדה אין לערנען וואָס דער אַלטער רבי, ר' שניאור זלמן, האָט אַרויסגעצייגט פון זיין פריסטער יוגנט, האָט צו זיך קוים געהאַט אַ פאַרגלייך אין דער געשיכטע פון אידישער גאונות און צדקות.

אין דער צייט וואָס ר' שניאור זלמן איז געזעסן אויף קעסט ביי זיין שווער אין וויטעבסק און האָט יומם ולילה געלערנט אין דער סאַלקע, וואָס איז אים אָפּגעגעבן געוואָרן, האָט דער שווער אָנגעהויבן מורא האָבן, אַז דאָס לערנען וועט נאָך פאַרשאַטן זיין יונגן איידעם.

ער האָט מיט אים אָנגעהויבן איינ'טענה'ן, אַז ער זאָל ניט אַוועקגעבן אַזוי פיל כוחות אויף לערנען. ר' שניאור זלמן האָט אָבער זיך צו אים ניט געוואָלט צוהערן, האָט דער שווער באַשלאָסן ממש מיט געוואַלד אים צו צווינגען רוען[25], אַמווייניקסטנס דורך די נעכט. האָט ער אַוועקגענומען פון

25) לויט דעם קומט אויס, אַז מ'האָט דעם אַלטן רבי'ן אַרויסגעוויזן געטריישאַפט אין שווער'ס הויז — ניט ווי ס'ווערט דערציילט אין „בית רבי" (אין ערשטן קאַפּיטל), אַז דער הייליקער דרך פון אַלטן רבי'ן האָט ביי זיין שווער און משפחה אַרויסגערופן אַזאַ ווידערגעפיל, ביז זיי האָבן געוואָלט, אַז זיין רביצין „זאָל פון אים נעמען אַ גט... און דערפאַר האָבן זיי דעם אַלטן רבי'ן פאַרשאַפט יסורים און צרות... און אין די ווינטער־נעכט האָט ער (אין זייער הויז) געליטן קעלט: און אַ סך מאָל האָבן זיי אים ניט געגעבן וואָס צו עסן..."

אַזוי — און נאָך פיל שאַרפער — ווערט אויך דערציילט אין דער „רשימה פון אייניקל פון אדמו"ר מהר"ש":

אים דעם לאָמפּ און אַלע ליכט. זאָל ער בלייבן אין דער פינצטער וועט ער שוין במילא מוזן גיין שלאָפן.

עס איז געקומען די נאַכט און דער שווער איז געווען זיכער, אַז דאָס מאָל וועט שוין זיין איידעם ניט זיצן זיין שטענדיקן „משמר”. אין מיטן נאַכט איז ער געגאַנגען זוכן אים אין בעט. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט אים געפינען אַ שלאָפנדיקן.

ער האָט אים אָבער דאָרט ניט געפונען. ער איז אַרויף צו אים אין סאַלקע. דאָרט איז געווען פינצטער, ר׳ שניאור זלמן איז דאָרט ניט געווען.

וואו קען ער זיין? ער האָט אים אָנגעהויבן אַרומזוכן און האָט אים געפונען זיצנדיק אויפן גאַניק און לערנענדיק פאַרן שיין פון דער לבנה . . .

אַן אַנדער מאָל האט דער שווער אַרויסגענומען פון דער סאַלקע אַלע בענקלעך. ער איז געווען זיכער, אַז ר׳ שניאור זלמן וועט ניט קענען אָפּשטיין אַ גאַנצע נאַכט אויף די פיס; ער וועט מיד ווערן און זיך גיין לייגן שלאָפן. אין דער פרי האָט ער אים נאָך געפונען ווי ער שטייט און לערנט.

— איר האָט געטאָן אַ גוטע זאַך, שווער — האָט דער יונגער ר׳ שניאור זלמן געזאָגט מיט פרייד — עס איז באמת אַן איינפאַל. שטייענדיק איז מיר אפילו אויף אַ רגע ניט באַפאַלן קיין שלאָף. איך וועל פון איצט און ווייטער יעדער נאַכט אַזוי טאָן — אַרויסנעמען די בענקלעך פון חדר . . .

און ווי גרויס עס איז געווען זיין התמדה אין לערנען, אַזוי גרויס איז געווען זיין איבערגעגעבנקייט צו עבודה. תורה און עבודה זיינען תמיד געגאַנגען האַנט אין האַנט ביי ר׳ שניאור זלמנ׳ען, נאָך לאַנג איידער ער איז געוואָרן דער מעזריטשער מגיד׳ס אַ תלמיד.

---

„די שוויגער האָט אים פיינט געהאַט... און האָט אים דערצאָרנט אין אַלע ענינים...” איין מאָל האָט ער פּרייטיק צו־נאַכטס, נאָך אַ תענית, געדאַוונט שפּעט און קומענדיק אין שווערס הויז אַרום האַלבע נאַכט האָט ער ניט געהאַט אויף וואָס קידוש צו מאַכן און גאָרניט וואָס צו עסן. בקיצור, ער איז געווען אין אַ סכנת־נפשות ממש פון אַ באַפאַלענער הונגער־מחלה: און אַ נס איז געשען וואָס ער האָט געפונען אַביסל שיריים פון קאַשע, וואָס ער האָט אַראָפּגעקראַצט פון אַן איבערבלייב אין אַ טאָפּ פון אַ דאָנערשטיק־געקעכץ.

אויך אין „דער רב” ווערט דערציילט, אַז זיין שווער און שוויגער זיינען געווען זייער ניט צופרידן מיט דער הנהגה פון זייער איידעם, דעם אַלטן רבי׳ן.

ער פלעגט לאַנג פאַרברענגען ביים דאַוונען און האָט שטענדיק געדאַוונט מיט גרויס כוונה און דביקות.

אין דער זעלביקער צייט האָט ר׳ שניאור זלמן אויך געלערנט אַנדערע חכמות, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר וויכטיק סיי צו תורה און סיי צו עבודה. ער האָט טיכטיק געלערנט „חכמת ההנדסה״ (געאָמעטריע), אָדער „חכמת התכונה״ (אַסטראָנאָמיע), „חכמת הטבע״ (נאַטור־וויסנשאַפט), מאַטעמאַטיק און אפילו געאָגראַפיע[26].

וואָרום, ווי דער אַלטער רבי האָט שפּעטער זיך אַרויסגעזאָגט, איז אוממעגלעך צו באַגרייפן די אויפטועז פון דעם באַשאַפער און צו פאַרשטיין די מעשים פון דעם אויבערשטן, אויב מען זאָל זיך ניט פאַרטיפן אין די פאַרבאָרגענישן פון דער באַשאַפונג און די סודות פון דער טבע (נאַטור) . . .

ר׳ שניאור זלמן האָט אויך געזאָגט, אַז די אַנטפּלעקונג פון ג־טלעכקייט אויף דער אונטערשטער וועלט איז דורך פאַרשטענדלעכקייט, גראַדע דורך גשמיות׳דיקע זאַכן. דער וואונדער פון דער ערד איז וואָס זי איז געוואָרן אַ „יש מאין״ (עפּעס פון גאָרניט) און דאָס אייגענע איז מיט די לעבעדיקע ברואים און מיט דעם מענטשן אַליין. ג־ט אַנטפּלעקט זיך דורך זיינע טאַטן און דערפאַר דאַרף דער מענטש זיך פאַרטיפן אין דער וועלט און זי בעסער פאַרשטיין.

איז ר׳ שניאור זלמן נאָך גאָר אין זיין פריסטער יוגנט געווען ניט נאָר גרויס אין נגלה און נסתר, נאָר אויך אין חכמה. דער געדאַנק פון „חב״ד״ — די ראשי תיבות פון חכמה, בינה, דעת — האָט זיך שוין אַוודאי ביי אים אָנגעהויבן וועבן נאָך אין זיין יוגנט.

צוליב זיין אָפּגעשלאָסנקייט אין זיין סאַלקע פון וואַנען ער פלעגט זעלטן אַרונטערקומען, וואָלט ר׳ שניאור זלמן נאָך מעגלעך אַ לאַנגע צייט געבליבן אומבאַקאַנט פאַר דער דרויסנדיקער וועלט, כאָטש אַ סך האָבן שוין געוואוסט פון זיין גרויסקייט. ס׳האָט אָבער אין וויטעבסק פּאַסירט אַזוינס, וואָס האָט אים באַרימט געמאַכט ניט נאָר צווישן אידן, נאָר אויך צווישן ניט־אידן.

---

26) זען אין הערה 17 דעם ציטאַט פונעם בריוו פון הגאון החסיד ר׳ „אייזיל האָמליער״.

אין וויטעבסק האָט זיך צו יענער צייט געפונען אַ וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיע, אין וועלכער אַ מאַטעמאַטיקער און געלערנטער מיטן נאָמען בוראָוו איז געווען פּראָפעסאָר[27].

אין דער דאָזיקער אַקאַדעמיע איז געווען באַזונדער פאַר־אינטערעסירט דער דעמאָלטיקער גענעראַל־גובערנאַטאָר, וועלכער האָט זיך אַליין געהאַלטן פאַר אַ ידען אין מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע.

פלעגן ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר זיין גאַנץ אָפט צוזאַמענקונפטן, ביי וועלכע מען פלעגט ריידן וועגן הויכע וויסנשאַפטלעכע ענינים. דאָרט פלעגט זיין פּראָפעסאָר בוראָוו און אַנדערע געלערנטע און דאָרט פלעגן אויך אַמאָל קומען אידישע לומדים און קענער, וועלכע פלעגן דערקלערן וויכטיקע ענינים פון אידישן קוואַל פון תורה און חכמה.

דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט געהאַט זיין גוט עטלעכע וויאָרסט פון וויטעבסק, אויף דעם דאָזיקן גוט האָט ער געהאַט איינגעאָרדנט אַ זון־זייגער און דער גענעראַל־גובערנאַטאָר, באַזונדער זיין זון, פלעגט שטאַרק ליב האָבן צו שטודירן דעם דאָזיקן זון־זייגער, ווי ער ווייזט די שטונדן פון טאָג.

צוקוקנדיק זיך אָפט צום זון־זייגער האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר אָנגעהויבן באַמערקן, אַז עפּעס אין אַ געוויסער האַלבער שעה פון טאָג פאַלט ניט דער שאָטן פון דער זון ווי געהעריק[28] און די צייט קען דעמאָלט ניט באַשטימט ווערן פּינקטלעך.

איז עס פאַר אים געווען אַ רעטעניש. די זון פלעגט דאַכט זיך זיין אויפן

---

27) אין דער רשימה פון כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ ווערט דערציילט, אַז די לערער אין די רוסישע אַקאַדעמיעס זיינען, בכלל, געווען פראַנצויזישע געלערנטע; און אַז אין דער אַקאַדעמיע לעבן וויטעבסק — אויפן גוט פון פירשט טעקטשינסקי, וואו ס'איז געשען די ווייטער־דערציילטע פאַסירונג מיטן זון־זייגער — איז דער הויפּט־לערער געווען פּראָפעסאָר מאַרסעי (אַ פראַנצויז).

28) אַזוי איז אויך פאַרצייכנט אין דער „רשימה פון אייניקל פון אדמו"ר מהר"ש" (אָנגעבנדיק דערביי אויך, אַז די האַלבע שעה איז געווען פון האַלב נאָך 4 ביז 5). אָבער אין דער רשימה פון כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ איז געשריבן, אַז דער זון־זייגער האָט ניט געוויזן די ריכטיקע צייט פון דער צווייטער שעה ביז אַרום דער פינפטער נאָך מיטאָג (אַרום 3 שעה).

אין דער דאָזיקער רשימה ווערט אָט־דער סיפור מיטן זון־זייגער דערציילט מיט מער

ריכטיקן פלאַץ. דער הימל פלעגט זיין ריין און דאָך איז עפּעס פּונקט אין יענער האַלבער שעה פון טאָג דער שאָטן ניט געפאַלן ווי עס באַדאַרף צו זיין און דער זון־זייגער האָט ניט געוויזן די ריכטיקע צייט.

האָט ער געשיקט רופן פּראָפעסאָר בוראָוו. ער, אַ גרויסער מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָם, וועט געוויס אויסגעפינען דעם חסרון. אַוודאי איז דער זייגער ניט אין אָרדענונג.

איז פּראָפעסאָר בוראָוו געקומען און האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן דעם זייגער. אַלץ איז געווען אין אָרדענונג. ער האָט פאַרבראַכט אייניקע טעג אויפן גוט און נאָכגעקוקט ווי אַזוי דער זייגער „אַרבעט" אין יענער באַשטימטער האַלבער שעה און ער איז געוואָרן איבערצייגט, אַז דער זייגער איז טאַקע דעמאָלט ניט אין אָרדענונג. אָבער ער האָט ניט געקענט דערקלערן די אורזאַך. עס האָט אויסגעזען ווי עס וואָלט גאָר קיין אורזאַך ניט געווען, נאָר דאָס וואָלט געווען סתם אַ „קאַפּריז" וואָס האָט בשום־אופן ניט געקאָנט דערקלערט ווערן.

האָט מען אָנגעהויבן רופן אַנדערע און אויך אידישע קענער בתוכם. אָבער קיינער האָט דעם וואונדער ניט געקענט דערקלערן; עס איז געווען אַווירקלעכע מיסטעריע און פאַרשטייט זיך, אַז וואָס גרעסער די געהיימניש, אַלץ נייגעריקער איז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר געוואָרן אויפצוקלערן די דאָזיקע געהיימניש.

איינער פון די אידישע מלומדים, וואָס זיינען גערופן געוואָרן באַטראַכטן דעם זון־זייגער אויפן גובערנאַטאָר׳ס גוט, איז געווען אַ זון פון איינעם פון די וויטעבסקער רבנים.

— איך האָב פאַר אייך איינעם וואָס וועט אייך קענען אויפקלערן די געהיימניש — האָט ער געזאָגט צום גענעראַל־גובערנאַטאָר. און ער האָט אָנגערופן דעם יונגן ר׳ שניאור זלמנ׳ס נאָמען.

---

אויספירלעכקייט און אַ היפשער צאָל אַנדערשדיקע פּרטים. זען „ספר התולדות — רבי שניאור זלמן מליאַדי" (וואו עס ווערן געבראַכט גרויסע טיילן פון דער רשימה), זייט טז און ווייטער.

(אין דער רשימה פון אדמו״ר מהר״ש׳ס אייניקל איז אויך פאַרצייכנט אָט־דער סיפור מיטן זון־זייגער, אַ סך מער בקיצור, אָבער ווידער מיט טייל אַנדערשדיקע פּרטים ווי אין די אַנדערע מקורים).

דעם רב׳ס זון האָט שוין לאַנג געהאַט געהערט פון ר׳ שניאור זלמנ׳ען. מיט עטלעכע טעג פריער האָט ער אָבער געהאַט אַ באַזונדערע געלעגנהייט זיך איבערצייגן ניט נאָר אין זיין גרויסקייט אין תורה, נאָר אויך אין זיין חכמה, ספּעציעל אין „הנדסה״ (געאָמעטריע).

געהאַנדלט האָט זיך עס וועגן אַ געוויסער „שאלת נשים״, וועלכע האָט געדאַרפט געלייזט ווערן לויט דער אויסרעכענונג פון רגעים. די דאָזיקע שאלה האָט געהאַט באַשעפטיקט די מוחות פון די גרעסטע לומדים פון וויטעבסק און אומגעגנט.

דער דערמאָנטער רב׳ס זון האָט זיך צופעליק געהאַט פאַנאַנדער־גערעדט מיט ר׳ שניאור זלמנ׳ען וועגן דעם דאָזיקער „שאלת־תשובה״ און ר׳ שניאור זלמן האָט באַלד „איינגעשפּאַנט״ זיין גרויסן וויסן אין געאָמעטריע און האָט באַוויזן ווי אַזוי די גאַנצע צייט־רעכענונג איז פאַלש און קען ניט באַשטימט ווערן אויפן געוויינלעכן וועג. ער האָט די גאַנצע שאלה פאַרענטפערט אויף אַ גאָר נייעם דרך.

דאָס האָט אַלעמען דעמאָלט אַזוי איבערראַשט, אַז מען האָט באַלד געקרוינט ר׳ שניאור זלמנ׳ען ווי אַ גרויסן גאון און חכם. גאַנץ וויטעבסק האָט מיט אים געקלונגען, כאָטש ער אַליין האָט פון דעם גאָר ניט געוואוסט און איז זיך ווייטער געזעסן אין סאַלקע און געלערנט.

איז פאַרן רב׳ס זון געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז ער זאָל אָנגעבן ר׳ שניאור זלמנ׳ען אַלס דער יעניקער וואָס קען מעגלעך אויפקלערן די געהיימניש פון דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר׳ס זון־זייגער.

געהערט אַ נייעם נאָמען, האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר באַלד געהייסן שפּאַנען פערד און געשיקט אַ שליח צום הויז וואו ר׳ שניאור זלמן האָט געוואוינט מיט זיין שווער. דערזעענדיק דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר׳ס קאַרעטע און געהערט פון שליח, אַז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פאָדערט צו זיך אַרויס דעם יונגן ר׳ שניאור זלמנ׳ען, איז אויף אַלעמען אָנגעפאַלן אַ שרעק.

ווער ווייסט וואָס אין דעם שטעקט!

דער יונגער ר׳ שניאור זלמן איז אָבער געבליבן רואיק. זיין איינציקער פאַרדרוס איז געווען וואָס ער וועט דאַרפן מבטל זיין צייט פון לערנען.

האָט מען אים געבראַכט אויפן גענעראַל־גובערנאַטאָר׳ס גוט און באַלד איז פאַר אים קלאָר געוואָרן וואָס מען וויל פון אים. ער האָט געדאַרפט אויפקלערן די געהיימניש פון דעם זון־זייגער.

ר׳ שניאור זלמן האָט געגנוי באַטראַכט דעם זייגער און דעם הימל פון אויבן. ער איז אַליין געוועזן איבערראַשט וואָס דער זייגער אַרבעט ניט רעגלמעסיק אין אַ באַשטימטער צייט פון טאָג.

— גיב מיר אַ פּאָר טעג צייט — האָט ער פאַרלאַנגט פון גענעראַל־גובערנאַטאָר.

— גוט, דו קריגסט די פּאָר טעג וואָס דו פאַרלאַנגסט — איז געוועזן דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר׳ס ענטפער.

— איצט באַזאָרגט מיר מיט אַ פערד־און־וואָגן — האָט ר׳ שניאור זלמן פאַרלאַנגט.

דער גענעראַל־גובערנאַטאָר און די אַנדערע אַרום אים האָבן זיך געוואונדערט צו וואָס ר׳ שניאור זלמן דאַרף אַ פערד־און־וואָגן. אָבער זיין פאַרלאַנג איז אָן פראַגן נאָכגעגעבן געוואָרן.

— גיב מיר איינעם פון דיינע דינער וואָס איז גוט באַקאַנט מיט דעם געגנט אַרום און ער זאָל מיך אַרומפירן — איז געוועזן דער וויטערדיקער פאַרלאַנג פון יונגן צדיק.

אַ דינער איז אים געגעבן געוואָרן און ר׳ שניאור זלמן האָט אָנגעהויבן אַרומפאָרן איבער דעם געגנט, באַטראַכטנדיק יעדן בערגל און שטודירנדיק יעדן בוים און פעלז וואָס האָט זיך אויפגעהויבן הויך איבער דער פלאַך פון דער ערד.

ענדלעך איז ער צוגעקומען צו אַ געוויסן באַרג אויפן גענעראַל־גובערנאַטאָר׳ס גוט. ער איז אַרונטער פון וואָגן און האָט דעם באַרג באַטראַכט פון אַלע זייטן. ער איז דאַן אַרויף אויפן באַרג און באַטראַכט די בוימער וואָס זיינען דאָרט געוואַקסן. דאָס זיינען געוועזן הויכע צעצווייגטע בוימער, וועלכע האָבן זיך ברייט פונאַנדערגעשפּרייט מיט זייערע צווייגן.

אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף ר׳ שניאור זלמנ׳ס ליפּן. ער האָט געהאַט אַנטדעקט דעם סוד.

— נעם מיך צוריק צום גענעראַל־גובערנאַטאָר — האָט ער געזאָגט צום דינער.

באַלד איז ער געווען פאַר דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר.

— לאָז אויסהאַקן די בוימער אויף יענעם באַרג — האָט ר׳ שניאור זלמן געזאָגט, דערקלערנדיק וועלכן באַרג ער מיינט — און דער זון־זייגער וועט אַרבעטן רעגלמעסיק.

דער גענעראַל־גובערנאַטאָר איז געווען פאַרוואונדערט.

— וואָס מיינסטו דערמיט?

— גאָר איינפאַך — איז געווען זיין ענטפער — דער שאָטן פון יענע בוימער האָט אַ ווירקונג אויף דעם אויר (אַטמאָספערע) אַזוי, אַז ווען די זון געפינט זיך אין אַ באַשטימטן פלאַץ, אין אַ באַשטימטער צייט פון טאָג, מוז עס האָבן אַ ווירקונג אויף דעם זון־זייגער, כאָטש ער געפינט זיך גאָר ווייט פון באַרג. עס איז אַ פשוט׳ע מאַטעמאַטישע רעכענונג.

ר׳ שניאור זלמן האָט אַלעמען געהאַט איבערראַשט מיט זיין גרויסער חכמה.

דער גענעראַל־גובערנאַטאָר איז געווען אַזוי אַנטציקט, אַז ער האָט באַלד געשיקט נאָך ר׳ שניאור זלמנ׳ס שווער און צו אים אַזוי געזאָגט:

— דיין איידעם קען אויסוואַקסן אַ גרויסער געלערנטער, שיק אים אין דער אַקאַדעמיע. זאָל ער לערנען די חכמות פון וועלט.

די דאָזיקע ווערטער האָט דער שווער איבערגעגעבן צו ר׳ שניאור זלמנ׳ען.

— איצט איז די צייט, אַז איך זאָל פאַרלאָזן וויטעבסק — איז געווען זיין ענטפער.

אויב לערנען האָט ר׳ שניאור זלמן געהאַט ערגעץ אַנדערש וואו צו גיין — ווילנע אָדער מעזריטש.

## ג

# ווילנע און מעזריטש

**וואו מען קען לערנען און וואו מען קען דאַוונען. — ר׳ שניאור זלמנ׳ס באַזוך אין ווילנע און זיין באַזוך אין מעזריטש. — די דריי שאלות און זייער ענטפער. — דעם בעל שם טוב׳ס „חדר" און דעם רבי ר׳ בער׳ס תלמידים. — די „פּאַרטיילונג" פון דער וועלט און צו וועמען ליטע איז „אָפּגעגעבן געוואָרן".**

צוויי ריכטונגען, צוויי שיטות — צוויי באַזונדערע וועלטן. דאָס זיינען געווען ווילנע און מעזריטש.

די ערשטע — די שטאָט וואָס האָט מיט זיך פאַרקערפּערט דעם גייסט פון ווילנער גאון, און די צווייטע — די שטאָט, וואָס האָט מיט זיך פאַרקערפּערט דער גייסט פון דעם רבי׳ן ר׳ בער.

האָט דער „אַלטער רבי", דער גרויסער ר׳ שניאור זלמן, דער גרינדער פון חב״ד, די דאָזיקע צוויי שטעט טרעפלעך כאַראַקטעריזירט:

— אין ווילנע ווייס מען ווי צו לערנען, אָבער אין מעזריטש ווייס מען ווי צו דאַוונען...[29]

איז די צעטיילונג צווישן ווילנע און מעזריטש געווען די צעטיילונג צווישן תורה און עבודה.

---

29) אין „ספר השיחות ה׳תש״ה" (ז׳ 132 — אַראָפּגעבראַכט אין „ספר התולדות — רבי שניאור זלמן מליאַדי") שטייט געשריבן, אַז דער אַלטער רבי האָט געזאָגט: „איך האָב זיך מיישב געווען ביני לבין עצמי וואוהין צו גיין, און ניט געקאָנט מחליט זיין. אחי הגאון מהרי״ל איז אַ בעל שכל הישר, האָט ער געזאָגט אַז איך זאָל גיין אין מעזריטש.

„איך האָב געוואוסט אַז אין ווילנע קען מען זיך אויסלערנען לערנען און אין מעזריטש קען מען זיך אויסלערנען ווי מען דאַוונט. לערנען האָב איך אַביסל געקענט און דאַוונען האָב איך גאָר ווייניק געקענט. בין איך אַוועק קיין מעזריטש". (זען „רשימת דברים" צווייטער טייל, ז, א).

ר׳ שניאור זלמן, האָט אָבער צוזאַמענגעבונדן די צוויי זאַכן — תורה און עבודה. ער האָט געוואוסט ווי צו לערנען און אויך ווי צו דאַווענען. האָט ער דעריבער געזאָלט זיין די בריק צווישן מעזריטש און ווילנע; איינגעמען די מתנגדישע און לומדישע ליטע פאַר שיטת החסידות.

אויב דאָס איז אים ניט איגגאַנצן געלונגען און ער האָט קעגן זיך אַרויסגערופן דעם צאָרן פון די מתנגדישע ליטוואַקעס, האָט ער אָבער דאָרט דאָך געוואונען שטאַרקע פאָזיציעס פאַר חסידות. זיין אייגענער דרך החסידות — דער דרך פון חב״ד — האָט געוואונען אַ שטאַרקן אָנהאַלט אין ליטע, צוציענדיק צו זיך טויזנטער און טויזנטער אידן און לייגנדיק דעם יסוד פאַר איינער פון די שטאַרקסטע רבישע דינאַסטיעס.

איז דערפאַר ר׳ שניאור זלמן פאַררעכנט ניט בלויז ווי אַ גרויסער לערער און אויסטרעטער פון נייע וועגן, נאָר אויך פאַר אַ גרויסן קעמפער פאַר תורה.

דער גרויסער ר׳ שניאור זלמן האָט אַליין די גרויסע ירושה איבערגענומען פון דעם רבי׳ן ר׳ בער, דעם מגיד פון מעזריטש, וואָס האָט אים „אָוועקגעשאָנקען״ ליטע...

עס איז געווען לויט דער צוואה פון דעם רבי׳ן ר׳ בער, אַז פאַר ר׳ שניאור זלמן איז איבערגעלאָזט געוואָרן די שווערסטע פון אַלע אויפגאַבן — צו באַפעסטיקן דעם דרך החסידות אין דער ליטע[30]; ברענגען די תורה פון בעל שם טוב אין די סאַמע גרענעצן פון דעם ווילנער גאון.

די געשיכטע ווי אַזוי ר׳ שניאור זלמן אַליין איז געוואָרן אַ חסיד איז באַזונדער אינטערעסאַנט.

ער איז געווען נאָך גאָר יונג, ניט לאַנג נאָך דער חתונה, ווען ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אַליין אויסצוגעפינען וועלכער איז דער בעסערער וועג — דער וועג פון ווילנער גאון אָדער דער וועג פון דעם מעזריטשער מגיד.

ר׳ שניאור זלמן, דעמאָלט אַן איידעם אויף קעסט ביי אַ שווער, וואָס האָט געוואוינט אין וויטעבסק, האָט ער זיך צוערשט געלאָזט גיין קיין ווילנע[31].

30) זען אויך „לקוטי דיבורים״, צווייטער באַנד, ז׳ 570.

31) לויט דער ערשט-געבראַכטער ציטאַט (אין הערה 29) און לויטן „בית רבי״ (פרק ב,

אַליין שוין אַ גרויסער למדן, גרויס אין נגלה אַזוי גוט ווי אין נסתר, האָט ער געוואָלט זיך איבערצייגן וועלכער וועג איז דער ריכטיקער — דער מתנגדישער אָדער דער חסידישער.

דער שווער האָט אים פון דער היים ניט געוואָלט אַוועקלאָזן. דאָס ווייב האָט אָבער געגעבן איר צושטימונג. ווען דער מאַן נעמט אויף זיך אַזאַ גרויסע שליחות האָט זי, ווי אַן אמת׳ע צדיקת, אים נישט געוואָלט שטיין אין וועג.

איז ר׳ שניאור זלמן אַוועק אין דער פעסטונג פון התנגדות — אין ווילנע.

דריי גרויסע שאלות האָט ער געהאַט — און די דאָזיקע שאלות האָבן אים ניט געלאָזט צורו. האָט ער געוואָלט אויסגעפינען אויב ער וועט אין ווילנע קריגן אויף די שאלות צופרידנשטעלנדיקע תשובות.

ער האָט זיך דאָרטן געטראָפן מיט איינעם פון דעם גאונ׳ס תלמידים. יענער האָט אים אויף די שאלות ניט געקענט ענטפערן.

האָט ווילנע פאַר אים פאַרלאָרן דעם אינטערעס. זיין באַגער איז איצט געווען צו גרייכן מעזריטש. אויב אין ווילנע האָט מען ניט פאַרענטפערט די שאלות, וועט ער מעגלעך די ענטפערס קריגן אין מעזריטש.

דער וועג קיין מעזריטש איז געווען אַ לאַנגער. געלט אויף צו דינגען אַ פור איז ניט געווען. האָט ער דעם גרעסטן טייל פון וועג געמוזט גיין צופוס[32], אונטערפאָרנדיק נאָר דעמאָלט ווען עמיצער האָט אויף אים

הערה ב) איז דער אַלטער רבי איבערהויפּט ניט געפאָרן קיין ווילנע, „אויסצוגעפינען וועלכער וועג איז דער ריכטיקער״, נאָר ער האָט מלכתחילה באַשלאָסן צו גיין קיין מעזריטש. אַזוי איז אויך קענטיק פון נאָך פיל מקורות.

אין „אגרות קודש — אדמו״ר שליט״א״ (צווייטער באַנד, אגרת שיא) ווערט געזאָגט קלאָר (אין איד. איבערז.): „אַז דער אַלטער רבי איז געקומען קיין ווילנע אײדער ער איז געווען אין מעזריטש — איז אָפּגעפרעגט״ (אויסגעשלאָסן).

32) אין „בית רבי״ (צווייטער קאַפּ׳. הערה ב) ווערט דערציילט (ווי געהערט פון אַן „איש נאמן״), אַז דעם אַלטן רבינ׳ס רביצין האָט פאַר דעם אַלטן רבי׳ן געקראָגן דרייסיק רובל און זי האָט עס אים געגעבן אויף רייזע־הוצאות. האָט ער געקויפט אַ פערד־און־וואָגן און ער איז דערויף געפאָרן צוזאַמען מיט זיין ברודער (ר׳ יהודא לייב). קומענדיק קיין אָרשע איז דאָס פערד געפּגרט — און פון דאָרט איז שוין דער אַלטער רבי געגאַנגען צופוס.

רחמנות געהאַט און אַרויפגענומען אויפן וואָגן פאַר אַ לענגערער אָדער קירצערער שטרעקע.

אַן ערך צוויי חדשים האָט אים גענומען, ביז ער האָט דערגרייכט מעזריטש.

אָנגעקומען קיין מעזריטש, וואו ער האָט דערוואָרט צו געפינען אַ גרויסע ישיבה, אָנגעפירט פון רבי'ן ר' בער, איז ער געווען שטאַרק אַנטוישט פון דעם וואָס ער האָט דאָרט געזען.

עס איז ניט געווען דאָס וואָס ער האָט דערוואַרט. אַלץ איז געווען אַנדערש, ווי ער האָט זיך געהאַט פאַרגעשטעלט אין זיין געדאַנק.

ער האָט דאָרט פאַרבראַכט עטלעכע וואָכן, אָבער האָט ניט געמאַכט קיין פאַרזוך צו פרעגן זיינע שאלות ביים מעזריטשער מגיד אָדער ביי איינעם פון זיינע תלמידים.

זיין ערשטער איינדרוק איז געווען, אַז אין מעזריטש קען מען בכלל ווייניק לערנען און דערפאַר וועט מען דאָרט זיכער ניט קענען ענטפערן אויף דעם וואָס מען האָט ניט געקענט ענטפערן אין ווילנע.

האָט ער שוין געהאַט בדעה צו פאַרלאָזן מעזריטש[33]. ער וועט זיך צוריקקערן צו זיין ווייב און שווער אין וויטעבסק. צו וואָס דאָרט ווייטער בלייבן, ווען מעזריטש איז פאַר אים געווען ניט קיין קלענערע, און אפשר אַ גרעסערע, אַנטוישונג ווי ווילנע.

שוין גרייט צו פאַרלאָזן די שטאָט, איז ער אַריין צום רבי'ן ר' בער זיך צו געזעגענען מיט אים*.

— דו ביסט טאַקע נאָך גאָר אַ יונגערמאַן — האָט צו אים דער רבי ר' בער געזאָגט — פונדעסטוועגן האָסטו געמעגט קענען בעסער לערנען.

33) אין „בית רבי" ווערט דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי ער האָט לכתחילה געוואָלט פאַרלאָזן מעזריטש און דערנאָך באַשלאָסן בלייבן, אויף אַן אַנדער אופן, מיט אַנדערשדיקע פּרטים. זען דאָרט (פרק ב, הערה ד). אין „ספר השיחות — תרח"ץ" (ז' 255) ווערט דערציילט וואָס דער אַלטער רבי האָט געזאָגט וואָס ס'האָט אים „גענומען" און פון וואָס ער איז „געוואָרן אַ חסיד".

*) מעגלעך, אַז דאָ פעלט אינעם טעקסט.

און דער רבי ר׳ בער האָט אָנגעהויבן זאָגן תורה און דערווייל פאַרענטפערט צווי פון די דריי שאלות, אויף וועלכע ר׳ שניאור זלמן איז געקומען זוכן אַן ענטפער.

דער יונגער ר׳ שניאור זלמן איז אַריין אין התפעלות. הייסט עס, אַז ניט נאָר האָט ער פונעם מעזריטשער מגיד געהערט גרויסע לומדות, וואָס ער האָט ניט געהאַט געהערט אין ווילנע, נאָר ער האָט אויך דייטלעך געזען ביים מגיד אמתן רוח הקודש. ווי אַנדערש האָט דער מגיד געקענט אָנהויבן ריידן וועגן אַן ענין וואָס האָט געפירט צו דער פאַרענטפערונג פון צווי פון זיינע שאלות אויב ניט דורך רוח הקודש?

האָט ר׳ שניאור זלמן באַלד געענדערט זיין פּלאַן צוריקצוקערן זיך אַהיים און איז ווייטער געבליבן אין מעזריטש.

די דריטע שאלה איז נאָך געבליבן ניט פאַרענטפערט. אַוודאי איז נאָך ניט געקומען די צייט, אַז דער רבי ר׳ בער זאָל אויך די דאָזיקע שאלה פאַרענטפערן.

די צייט איז אָבער באַלד געקומען.

עס איז געווען אַ געוויסער אָוונט, ווען ר׳ בער האָט ביים טיש, אַרומגערינגלט פון זיינע תלמידים, אָנגעהויבן זאָגן תורה. דאָס זיינען געווען איינצלנע אָפּגעהאַקטע ווערטער, ווי זיין דרך איז געווען. גרויסע דבקות, איינפאַכע התפשטות הגשמיות.

האָט ער אָנגעפאַנגען אַן ענין פון קבלה און דעם דאָזיקן ענין אַזוי דערקלערט, אַז ביי ר׳ שניאור זלמן איז באַלד רעכט געוואָרן די דריטע שאלה.

און ר׳ שניאור זלמן האָט נאָך עפּעס אַנדערש אויסגעפונען, אַזוינס וואָס ער האָט ניט געהאַט באַמערקט אין די ערשטע טעג פון זיין אָנקומען אין מעזריטש.

דער רבי ר׳ בער איז אין זיינע דרשות פאַרן געוויינלעכן עולם געווען גאָר אַנדערש ווי אין זיין תורה פאַר זיינע תלמידים.

פאַרן עולם האָט ער גערעדט וועגן הנהגת בני אדם: געזאָגט אַ פסוק און אים אַזוי אויסגעטייטשט, אַז דער פשוט׳ער איד פון גאַס זאָל פון דעם עפּעס לערנען.

אַזאַ תורה־זאָגן האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט מאַכן קיין גרויסן רושם אויפן לומדישן ר' שניאור זלמן.

פאַר די תלמידים איז שוין אָבער דער רבי ר' בער געווען אַ גאַנץ אַנדערער. זיין גאַנצער אופן פון זאָגן תורה פאַר זיי איז געווען אַן אַנדערער.

דער מעזריטשער מגיד פלעגט זאָגן עטלעכע ווערטער און זיך אָפּשטעלן, זיך פאַרדבקען און דאַן פאַרזינקען אין טיפע און הויכע רעיונות.

אַמאָל פלעגט ער אָנהויבן ריידן אַזוי ווי ער וואָלט זיין תורה געזאָגט נאָר פאַר נשמות און ניט פאַר מענטשן פון בשר־ודם.

— אויב אַ נשמה פרעגט אַזוי און אַזוי איז דער ענטפער אַזוי און אַזוי — איז געווען דער דרך ווי דער רבי ר' בער פלעגט זאָגן תורה פאַר זיינע תלמידים. דערביי האָט ער אַנטפלעקט טיפע סודות, וועלכע האָבן די תלמידים תמיד אַריינגעבראַכט אין גרויס התלהבות און התרוממות.

דער רבי ר' בער האָט אויך נאָכגעפאָלגט און נאָך פאַרשטאַרקט דאָס וואָס דער בעל־שם־טוב האָט געטאָן — ער האָט פון זיינע תלמידים געפאָדערט נאָך גרעסערע לומדות ווי דער בעל־שם־טוב האָט געפאָדערט פון זיינע תלמידים.

דער בעל־שם־טוב האָט געהאַט דאָס, וואָס מען האָט גערופן „חדר". אַזאַ סאָרט „חדר" האָט שפּעטער אויך געעפנט ר' שניאור זלמן אין ליאָזנע — דאָס שטעטל פון וואַנען ער האָט אָנגעפאַנגען צו פאַרשפּרייטן תורת החסידות אין ליטע.

אַריינגענומען צו ווערן אין דעם בעל־שם־טוב'ס חדר האָט מען געמוזט זיין קלאָר ש"ס, רמב"ם, די שיטה פון אריז"ל, די חקירה ספרים „כוזרי" און „עקרים" און נאָך און נאָך[34].

34) אין „אגרות קודש — אדמו"ר שליט"א" (אגרת ריג*) באַמערקט דער רבי שליט"א וועגן דעם, וואָס דער בעל־שם־טוב האָט (ווי דאָ ווערט געזאָגט) „געהאַט... אַ „חדר"... געמוזט זיין קלאָר... כוזרי..." (אין אידיש. איבערז.): „ס'וואונדערט זייער, און ס'איז אינגאַנצן ניט מתאים צום ,רוח' פון בעל־שם־טוב'ס הנהגה און זיין שיטה ביים צוזאַמענקלייבן זיינע תלמידים, און ס'איז ניט באַוואוסט (אָדער: כ'ווייס ניט) קיין שום מקור דערויף" (אַז ביים אַלטן רבי'ן איז געווען אַזאַ סדר. — זעט שיחת י"ט כסלו צ"ג אות כב).

דער רבי ר׳ בער האָט אָבער געפאָדערט נאָך גרעסערע לומדות פון זיינע תלמידים. דאָס האָט דעם גרויסן ר׳ שניאור זלמן צופרידנגעשטעלט. אויב אַזוי, האָט ער דאָך געהאַט פאַר זיך לומדים און ניט קיין „עם־הארצים״, ווי די מתנגדים פלעגן זאָגן אויף די חסידים.

איז ר׳ שניאור זלמן געוואָרן איינער פון ר׳ בער׳ס תלמידים און דער רבי ר׳ בער האָט באַלד דערזען די גרויסע אויפגאַבע וואָס ר׳ שניאור זלמן האָט פאַר זיך.

ווען ער האָט „צעטיילט די וועלט״ צווישן זיינע תלמידים, געבנדיק יעדן אַ באַשטימטע מדינה וואו אָנצופירן זיין טעטיקייט און צו דערנענטערן די דאָרטיקע אידן צו חסידות, האָט ער פאַר ר׳ שניאור זלמנ׳ען באַשטימט ליטע.

— דאָרט דאַרף מען גרויסע כחות — האָט דער מעזריטשער מגיד געזאָגט — און ווער האָט נאָך אַזוינע כחות געהאַט ווי דער ליאַדיער?

צוערשט האָט ער געהאַט די הילף פון ר׳ מענדל וויטעבסקער. יענער איז אָבער אַוועק קיין ארץ ישראל.

ער האָט פאַרלאָזן די גלות־לענדער און איז אַוועק אויף אַ גרויסער חסידישער שליחות אין הייליקן לאַנד. ליטע איז אין גאַנצן איבערגעלאָזט געוואָרן צו ר׳ שניאור זלמנ׳ען.

דאָס איז געווען אַ שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. עס איז געווען די אַרבעט פאַר אַ גייסטיקן ריז און נאָך מער — פאַר אַווירקלעכן גיבור, איינער וואָס קען פירן מלחמות. און ר׳ שניאור זלמן האָט די דאָזיקע מלחמות, ווען זיי זיינען אויף אים אַרויפגעצוואונגען געוואָרן, געפירט מיט גרויס מוט און העלדישקייט.

ער האָט זיך ניט אָפגעשראָקן פאַר קיין שום רדיפות און פאַר קיין שום בלבולים.

ווען עס איז געקומען די צייט ווען מען האָט אים אַרעסטירט איז ער אומדערשראָקן געגאַנגען אין תפיסה.

און ער האָט מיט דעם אָנגעצייגט דעם וועג פאַר די שפּעטערדיקע דורות. ער האָט געוויזן דעם כח פון מסירת נפש און דעם דאָזיקן כח האָבן פון אים שפּעטער גע׳ירש׳נט זיינע קינדער און קינדס־קינדער.

# ד

# חסידישע פירערשאַפט

**ר׳ שניאור זלמן איז נתגלה געוואָרן פאַר דעם מעזריטשער מגיד׳ס תלמידים. — דעם מגיד׳ס קוק. — זיין הסתלקות און ווי ר׳ שניאור זלמן האָט באַקומען זיין „קאָפּ" אַלס ירושה. — די גרויסע אסיפה אין וואָלין. — חסידים אָן אַ פירער. — די פראַגע וועגן ארץ ישראל. — חסידישע „מלוכות" און די געפאַר פון צעברעקלונג. — עניוות און מסירת נפש.**

ווען דער אַלטער רבי, ר׳ שניאור זלמן, איז געקומען קיין מעזריטש דאָרט צו לערנען דעם נייעם דרך פון חסידות פון דעם רבי׳ן ר׳ בער, איז ער געווען ניט מער ווי אַ יאָר נײַנצן-צוואַנציק.

ער איז שוין געווען גרויס אין נגלה און אין נסתר, אויך גרויס אין חכמה. ער האָט נאָך אָבער געדאַרפט לערנען חסידות און דאָס האָט ער אָנגעפאַנגען לערנען מיט גרויס התמדה פון דעם מעזריטשער מגיד, וועלכער האָט באַלד דערקענט זיין גרויסקייט. און כאָטש ר׳ שניאור זלמן איז געווען דער אינגסטער פון זיינע תלמידים, האָט ער פון אים געהאַלטן זייער פיל.

ר׳ שניאור זלמן איז געוואָרן אַ נאָענטער חבר מיטן מעזריטשער מגיד׳ס זון, ר׳ אברהם, וועמען מען האָט גערופן דער „מלאך", צוליב זיין רוחניות׳דיקייט און הימלישקייט.

ביים מעזריטשער מגיד זיינען דעמאָלט געזעסן אַלס תלמידים די שטאַרקסטע זיילן פון חסידות. דאָס זיינען געווען באַרימטע גאונים און צדיקים, אַזוינע ווי ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער, ר׳ שלמה קאַרלינער, די ברידער רבי אלימלך פון ליזענסק און ר׳ זושא אַניפּאָליער: די ברידער ר׳ פנחס הורוויץ און ר׳ שמעלקע ניקלשבורגער, דער צדיק און גאון ר׳ מנחם מענדל וויטעבסקער און אַנדערע.

צום מגיד פלעגן אויך פון צייט צו צייט קומען אַזוינע חסידישע ריזן ווי ר' נחום טשערנאָבילער, ר' לייב שרה'ס, וכדומה.

דער מגיד איז געווען דער קוואַל פון וואַנען אַלע האָבן געשעפּט חסידות און פון אַלע ווינקלען פון דער אידישער וועלט איז מען צו אים געקומען הערן תורה.

האָט מען, פאַרשטייט זיך, צוערשט זיך דאָרט ווייניק אומגעקוקט אויף דעם יונגערמאַן, וואָס איז דאָרט געקומען ממש צו־פוס אַזש פון וויטעבסק: בפרט נאָך ווען דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט זיך, ווי אַ גרויסער צדיק און בעל מדות טובות, שטענדיק געהאַלטן פון דערווייטנס, אָפּגעזונדערט, און אַנשטאָט צו וועלן ווייזן זיין אייגענע גרויסקייט האָט ער גאָר זיך באַהאַלטן אין די ווינקלען און געהאַט גרויס הנאה ווען ער האָט געקענט באַדינען די גרויסע תלמידי חכמים און צדיקים וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם מעזריטשער מגיד.

ער פלעגט פאַר זיי גיין אַ גאַנג און טאָן פאַר זיי אַנדערע שליחות'ן. אַליין האָט ער געלעבט אין גרויס דחקות, שפּייזנדיק זיך מיטן שטיקל ברויט און אַ ביסל מילך, וואָס די אלמנה, ביי וועמען ער האָט געהאַט זיין קוואַרטיר, פלעגט אים צוטיילן אויס רחמנות.

ער האָט דעמאָלט בוכשטעבלעך מקיים געווען דעם „פת במלח תאכל, מים במשורה תשתה ועל הארץ תישן ובתורה אתה עמל" (זאָלסט עסן ברויט מיט זאַלץ, טרינקען וואַסער מיט אַ מאָס, שלאָפן אויף דער ערד און זאָלסט האָרעווען אין דער תורה).

ר' שניאור זלמן וואָלט אפשר די אַלע יאָרן וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין מעזריטש פאַרבליבן אַ „נעלם" און קיינמאָל ניט אַרויסגעצייגט זיין גרויסקייט, ווען דאָס וואָלט זיך געווענדט אין אים אַליין. דער מעזריטשער מגיד, וועלכער האָט געוואוסט גלייך פון אָנפאַנג זיין גרויסקייט, האָט אָבער געהאַלטן אויף אים אַן אויג און ווען די צייט איז געקומען איז דער יונגער גאון און צדיק נתגלה געוואָרן דורך ניט קיין אַנדערן ווי דורך דעם רבי'ן ר' בער אַליין.

דער מגיד האָט אַמאָל געהאַט געזאָגט תורה פאַר די תלמידים און יענעם מאָל איז זיין תורה געווען באַזונדער טיף. אַפילו די גאונישע

תלמידים האָבן די תורה קוים געקענט משיג זיין, באַגרייפן זי און האָבן שפּעטער געהאַט שוועריקייטן ביים איבער׳חזר׳ן איינער מיטן אַנדערן, ווי דער שטייגער איז געווען.

זיינען זיי געקומען צום רבי׳ן ר׳ בער ער זאָל די תורה פאַר זיי נאָך אַמאָל איבערזאָגן און זיי עס בעסער מסביר זיין.

— גייט צו שניאור זלמנ׳ען און זאָגט אים, אַז איך הייס אים ער זאָל איבערזאָגן פאַר אייך די תורה — האָט זיי דער מגיד געזאָגט.

די תלמידים זיינען געווען פאַרוואונדערט[35]. ווי קומט עס, אַז דער יונגער ר׳ שניאור זלמן זאָל קענען פאַר זיי *איבערזאָגן די תורה*, וואָס זיי אַליין האָבן קוים באַנומען? זיי האָבן אָבער שוין פון דעם געזען, אַז אין דעם יונגערמאַנטשיק שטעקט גרויסקייט און האָבן פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן קוקן אויף אים מיט אַנדערע אויגן.

ר׳ שניאור זלמן האָט נאָך אַלץ זיך געהאַלטן אַזוי עניוותדיק ווי פריער. זיין גדלות האָט שוין אָבער מער ניט געקענט בלייבן באַהאַלטן און מען האָט אויף אים אָנגעהויבן קוקן ווי אויף איינעם פון וועמען מען קען דערוואַרטן גאָר גרויסע זאַכן.

חסידים דערציילן נאָך אַ מעשה, ווי אַזוי ר׳ שניאור זלמן איז נתגלה געוואָרן פאַרן רבי׳ן ר׳ בער׳ס תלמידים[36]:

עס איז געווען אַ מיטן נאַכט. די תלמידים זיינען שוין אַלע געשלאָפן אין דעם גרויסן פאָדער־צימער פון רבינ׳ס הויז, יעדער אויף זיין געלעגער.

ר׳ שניאור זלמן, דער אינגסטער פון זיי, איז געשלאָפן אונטערן טיש. ער האָט תמיד אַליין אויסגעקליבן פאַר זיך דאָס ערגסטע פּלאַץ.

---

35) אין „בית רבי״ (פרק ב, געבראַכט אין ספר התולדות — רבי שניאור זלמן מליאַדי״) איז פאַרצייכנט, אַז די הייליקע תלמידים פון דעם מגיד „האָבן דעם אַלטן רבי׳ן זייער ליב געהאַט; נאָר אין אָנהויב איז זייער אהבה צו אים געווען ווי פון אַ „גדול״ צו אַ „קטן״, וואָרעם זיי האָבן אויף אַזויפיל ניט משער געווען זיין גרויסקייט, ווייל ער איז געווען אַ „נחבא אל הכלים״, ער האָט אויסבאַהאַלטן זיין גדלות. אָבער מיט דער צייט האָבן זיי מרגיש געווען זיין גרויסקייט...״.

36) זען דעם מאמר פון הרב שמואל קראוס אין „כפר חב״ד״ (נומ. 502).

בלויז ר׳ מנחם מענדל וויטעבסקער איז נאָך געווען וואַך.

מיט אַמאָל דערהערט ר׳ מנחם מענדל ווי דעם רבינ׳ס קוליע קלאַפּט אויפן האַרטן דיל (דער רבי ר׳ בער האָט געליטן אויף די פיס און האָט געניצט אַ קוליע ביים גיין) דאָס האָט געמיינט, אַז דער רבי קומט אָט. האָט ר׳ מנחם מענדל אָנגעשטרענגט זיינע אויערן, אויפצוכאַפּן יעדן שאָרך און יעדע באַוועגונג פון דעם גרויסן רבי׳ן.

עס עפנט זיך די טיר פון רבינ׳ס חדר און דער רבי ר׳ בער קומט אַריין מיט אַ ליכט אין האַנט.

ער גייט פון איין געלעגער צום צווייטן און באַקוקט יעדן פון די תלמידים באַזונדער, ווי אַ געטרייע מאַמע אירע שלאָפנדיקע קינדער.

ער איז צוגעקומען צום פּלאַץ. וואו ר׳ שניאור זלמן איז געשלאָפן. לעבן אים איז ער געבליבן שטיין פיל לענגער און האָט זיך ממש ווי ניט געקענט אָפּרייסן פון זיין פנים, וואָס האָט געלויכטן אין שלאָף אַזוי גוט ווי אויף דער וואַך.

„וואָס פאַר אַ פלא (וואונדער)", האָט דער מגיד אַרויסגעמורמלט. „דער אויבערשטער זאָל אַזוי פיל תורה און חכמה אַריינגעבן אין אַזאַ קליינעם גוף!"

ר׳ מנחם מענדל האָט עס געהערט און מאָרגן האָבן פון דעם געוואוסט אַלע תלמידים. ר׳ שניאור זלמנ׳ס גדלות איז פאַר זיי אַנטפּלעקט געוואָרן.

פון דעמאָלט אָן און ווייטער איז שוין ר׳ שניאור זלמן געווען באַוואוסט ביי אַלעמען ווי דער גרויסער גאון און צדיק און עס האָט שוין אַפילו קיינעם מער ניט געוואונדערט וואָס דוקא ער איז אויסגעקליבן געוואָרן פון דעם מגיד מחבר צו זיין דעם „שלחן ערוך", וועלכער האָט ר׳ שניאור זלמנ׳ען פאַראייביקט אַלס איינער פון די גרעסטע גאונים פון זיין דור און אַנדערע דורות.

די נויטווענדיקייט פון אַזאַ „שלחן ערוך", לויט וועלכן מען זאָל קענען וויסן אַלע דינים פון דער תורה (מיט זייערע טעמים), האָט דער מעזריטשער מגיד לאַנג געהאַט איינגעזען. ער איז געווען אַרומגערינגלט פון גאונישע תלמידים, פיל עלטער פון ר׳ שניאור זלמנ׳ען. אָבער ער האָט אויסגעקליבן דעם יונגן גאון פון וויטעבסק פאַר דער דאָזיקער ריזן־

אַרבעט. ער האָט געוואוסט אַז ער פּאַסט אַמבעסטן פאַר אַזאַ גאונישער אַרבעט.

ר' שניאור זלמן האָט זיך צו דער דאָזיקער אַרבעט גענומען מיט פייער און ברען, וואָס ער האָט תמיד אַרויסגעוויזן אין אַזוינע אַרבעטן. דער גאַנצער ים פון תורה איז פאַר אים געווען אָפן. ער האָט זיך געקענט אַרונטערלאָזן צו זיינע טיפסטע טיפענישן און דערגרייכן זיינע גרעסטע ווייטקייטן.

און עס איז נויטיק געווען ניט בלויז בקיאות נאָר אויך זעלטענע, אויסערגעוויינלעכע חריפות; באַזונדערס — גרויסע אויטאָריטעט צו באַשטימען דאָרט וואו די סברות זיינען געווען צעטיילט.

פון איינעם אַזוי יונג, איז עס געווען אַווירקלעכער וואונדער און ר' שניאור זלמן איז טאַקע געווען איינער פון די גרעסטע וואונדער־מענטשן פון זיין צייט.

נאָכן מגיד'ס הסתלקות האָט ר' שניאור זלמן געקענט ווערן דער פירער פון דער גאַנצער חסידישער וועלט. מען האָט אים די פירערשאַפט געהאַט אָנגעבאָטן; מען האָט געהאַט אָנערקענט זיין גדלות און זיינע פאַרדינסטן צו קענען פאַרנעמען דאָס פּלאַץ פון רבי'ן ר' בער.

דערציילט מען, אַז דעם מגיד'ס תלמידים האָבן דערפילט, אַז ר' שניאור זלמנ'ען קומט די „קרוין" פון פירערשאַפט גלייך ביי דער טהרה פון זייער גרויסן רבי'ן.

די תלמידים האָבן זיך מטפל געווען מיט דער טהרה און קבורה פון זייער רבי'ן און זיי האָבן עס געטאָן, פאַרשטייט זיך, מיט גרויס קדושה און טהרה[37].

---

37) אין „בית רבי" (סוף פערטן פרק) איז דאָ צוגעגעבן, אַז ס'איז געווען אַ סכסוך צווישן דער חברה־קדישא און די תלמידים ווער ס'זאָל האָבן דעם זכות דורכצופירן די טהרה. ס'איז געקומען צו אַ דין־תורה צווישן זיי און דער פסק־דין איז געווען, אַז דאָס געהערט צו חברה־קדישא און נאָר די תלמידים, וועלכע זיינען איינגעשריבן אין פנקס פון חברה־קדישא אין זייערע שטעט, קענען האָבן דעם זכות זיך צו באַטייליקן אין דער טהרה (האָט דער אַלטער רבי געזאָגט, אַז ער איז דאַנקבאַר זיינע עלטערן, וואָס זיי האָבן אים נאָך קינדוויז איינגעשריבן אינעם פנקס פון חברה־קדישא).

דער גוף פון דעם מגיד איז גענומען געוואָרן פאַר טבילה אין מקוה. האָט מען געדאַרפט באַשטימען ווער פון די תלמידים זאָל האַלטן דעם אָדער יענעם טייל פון הייליקן קערפּער. עס האָט געדאַרפט זיין אַ באַזונדערע זכיה צו זיין דער יעניקער וואָס זאָל האַלטן דעם קאָפּ.

איז באַשלאָסן געוואָרן צו וואַרפן גורל: און ס׳איז אויסגעפאַלן דער גורל אַז ר׳ שניאור זלמן זאָל האַלטן דעם קאָפּ...

האָט מען עס אָנגענומען ווי אַ באַווייז, אַז ער איז דער יעניקער וואָס „ירשנט" דעם רבי׳ן ר׳ בער׳ס „קאָפּ" און דאַרף דעריבער זיין באַרעכטיקט צו דער „נשיאות" פון דער חסידישער וועלט[38].

די דאָזיקע נשיאות איז אים שפּעטער אָנגעבאָטן געוואָרן אויף דער גרויסער אסיפה[39] וואָס די תלמידים פון דעם מעזריטשער מגיד האָבן געהאַט אין וואָלין.

דער רבי ר׳ בער האָט איבערגעלאָזט אַ סך תלמידים. ער האָט פאַר זיי, ווי מיר ווייסן שוין, אויך „צעטיילט די וועלט", אָפּגעבנדיק יעדערן אַ באַזונדערע מדינה וואו אָנצופירן זיין חסידישע טעטיקייט.

איז די חסידישע וועלט איצט שוין געווען צעטיילט — יעדע „מלכות" מיט איר אייגענעם געקרוינטן „מלך". מען האָט זיי אָבער געדאַרפט האַלטן פאַראייניקט. איז דאָך חסידות עפּעס איין זאַך, איין גאַנצקייט און די געפאַר איז געווען גרויס, אַז זי זאָל צעברעקלט און צעטיילט ווערן אין באַזונדערע חלקים.

פריער דער בעל־שם־טוב און שפּעטער דער מעזריטשער מגיד האָבן אַלעמען געהאַלטן פאַראייניקט. זיי זיינען געווען די אָנערקענטע פירער.

ווער זאָל אָבער זיין דער פירער נאָך זיי?

---

38) מ׳זאָל דאָ קיין טעות ניט האָבן, איז כדאי צו ברענגען (אין איד. איבערז.) וואָס כ״ק אדמו״ר שליט״א באַמערקט (אין אגרת ריג* [און אַזוי אויך אין אגרת שיא] פון „אגרות קודש — אדמו״ר שליט״א"): „אַז מ׳זאָל האָבן פאָרגעלייגט דעם אַלטן רבי׳ן (באַלד נאָך דער הסתלקות פון מעזריטשער מגיד) צו זיין דער ממלא־מקום פון מעזריטשער מגיד, איז אָפּגעפרעגט, נעמענדיק אין אַכט דעם יחס פון אַלטן רבי׳ן און אַלע תלמידים צו ר׳ אברהם דעם מלאך און ר׳ מנחם מענדל וויטעבסקער... זע התמים חלק ב, ז׳ מה)". זען ווייטער הערה 40.

39) וועגן דער אסיפה זען אין „אבות החסידות", אות י־יא („התמים" חוב׳ ב, ז׳ 50).

דער „מלאך", דעם מעזריטשער מגיד׳ס זון, האָט ניט געוואָלט איבערנעמען זיין טאַטנ׳ס פירערשאַפט[40].

ר׳ נחום טשערנאָבילער, וועלכער איז נאָך געווען פון דעם בעל־שם־טוב׳ס תלמידים, און טייל האָבן אים באַצייכנט ווי דער „קליינער בעל־שם־טוב", האָט זיך צוליב געוויסע טעמים אַנטזאָגט פון דער פירערשאַפט וואָס איז אים אָנגעבאָטן געוואָרן אויף דער דערמאָנטער אסיפה, וואו ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז ר׳ מענדל וויטעבסקער און ר׳ אברהם קאַליסקער זאָלן פאָרן קיין ארץ ישראל.

האָט דאָך חסידות, וועלכע האָט איר יניקה געצויגן פון דעם אר״י ז״ל און אַנדערע מקובלים, וואָס האָבן געלעבט און געווירקט אין ארץ ישראל, זיך אויך געדאַרפט איינוואָרצלען אין הייליקן לאַנד. און אַודאי האָט מען מיט דעם געצילט נאָך ווייטער. ארץ ישראל האָט געדאַרפט ווערן דער צענטער, דער קוואַל פון וואַנען אַלע אין גלות זאָלן טרינקען. אויך די גאולה, וואָס מען האָט דערוואַרט דורך דער פאַרשפרייטונג פון חסידות, האָט דורך דעם געזאָלט דערנענטערט ווערן...

האָט זיך דאָך דער בעל־שם־טוב אַליין געריסן קיין ארץ ישראל און האָט טאַקע זיין נסיעה שוין געהאַט אָנגעהויבן. ער איז אָבער געווען געצוואונגען זי אויפצוגעבן צוליב די שטערונגען וואָס מען האָט אים

---

40) אין „אבות החסידות", אות ח („התמים" חוב׳ ב׳, ז׳ מח) דערציילט כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ, אַז פאַר זיין הסתלקות האָט דער מעזריטשער מגיד געזאָגט דעם אַלטן רבי׳ן, אַז ער זאָל זיך משתדל זיין וויפל ער קען אַז זיין זון הה״ר ר׳ אברהם זאָל אָננעמען די נשיאות (נאָך זיין הסתלקות): און אויב ער וועט ניט וועלן, זאָל די נשיאות אָננעמען הה״ר ר׳ מנחם מענדל „ליטוואַק" (וויטעבסקער).

און ווייטער — אַז נאָך דער פטירה פון דעם מעזריטשער מגיד זיינען אויסגעקליבן געוואָרן דריי תלמידים פונעם מגיד, זיי זאָלן דערלאַנגען דעם צדיק און קדוש ר׳ אברהם (זון פון ר׳ אברהם דער „מלאך") אַ כתב־התקשרות פון אַלע תלמידים פון דעם מגיד.

(די דריי תלמידים זיינען געווען: דער אַלטער רבי, דער בעל התניא, און די צוויי תלמידי המגיד וועלכע האָבן געגעבן אַ הסכמה אויפן תניא: הרה״ק ר׳ יהודא ליב הכהן און הרה״ק ר׳ משולם זוסיא פון אַניפּאָליע).

אין „אגרות קודש — אדמו״ר הזקן" (הגניזה החרסונית) איז דאָ אַ בריוו (אגרת קיג) פון אַלטן רבי׳ן צו ר׳ אברהם „דער מלאך", וואו ער שרייבט, אַז דער מעזריטשער מגיד האָט פאַר זיין הסתלקות געזאָגט צום אַלטן רבי׳ן מיט דעם לשון: „זלמינא, זערצע דיא זאהלשט טי׳ן וואש מעגליך אַז מיין אברהמיניו לעבין זאהל בלייבין זיצין אויף מיין שטיל און טאמיר חו״ש וועט ער ניט וועלין זאהל מנדילע דער ליטוואַק" . . .

גערמאַכט פון הימל, ווי חסידים דערציילן. אַנשטאָט אַליין צו פאָרן האָט דער בעל־שם־טוב געשיקט זיין שוואָגער ר׳ גרשון קיטיווער[41] און יענער האָט געלייגט דעם יסוד פאַר חסידות אין ארץ ישראל.

איצט האָט מען אָבער געדאַרפט אַהין שיקן נייע כחות, האָט מען געשיקט ר׳ מענדל וויטעבסקער און ר׳ אברהם קאַליסקער.

ר׳ שניאור זלמן האָט אויך געוואָלט מיטפאָרן קיין ארץ ישראל[42]. דאָס וואָלט אים געווען שטאַרק צום האַרצן. האָט מען אים אָבער דערקלערט, אַז ער האָט פאַר זיך אַ גרעסערע אויפגאַבע — צו געווינען ליטע פאַר דער שיטה פון חסידות.

„איינצונעמען" ליטע איז געווען גענוג פאַר אים און צו דער דאָזיקער אויפגאַבע האָט ער זיך באַלד גענומען מיטן גאַנצן פייער פון זיין נשמה און מיט גרויס מסירת נפש.

וואָרום, ווי דער גאַנג פון דער געשיכטע האָט שפּעטער געצייגט, האָט טאַקע אין דעם געשטעקט גרויס מסירת נפש, ווי מ׳זעט עס פון זיינע אַרעסטן.

די מתנגדישע ליטע האָט אָנגעגורט אירע לענדן ניט צו דערלאָזן, אַז דאָס ליכט פון חסידות זאָל אַריינדרינגען אין אירע גרענעצן. איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה.

ר׳ שניאור זלמן איז אָבער פון זיינע פּאָזיציעס ניט אָפּגעטראָטן. און אים איז ענדלעך געלונגען דורכצוברעכן די אייזערנע וואַנט פון ליטווישער התנגדות. חסידות, אין ר׳ שניאור זלמנ׳ס אייגענער אויפפאַסונג און באַגרינדונג — חב״ד — האָט זיך שטאַרק איינגעוואָרצלט אין ליטע און האָט געוואונען הונדערטער אָנהענגער אַפילו אין ווילנע גופא — די פעסטונג־שטאָט פון דעם גאון, דער הויפּט קעגנער פון חסידות.

---

41) אין דער דערמאָנטער אגרת (ריג*) באַמערקט דערויף דער רבי שליט״א (אין איד. איבערז.): „מ׳דאַרף מעיין זיין אין ׳גנזי נסתרות׳... וואו ס׳איז קענטיק פון די בריוו פון בעל־שם־טוב און זיין שוואָגער (ר׳ גרשון קיטעווער), אַז ווען דער בעל־שם־טוב האָט געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל איז שוין דער שוואָגער, ר׳ גרשון, געווען אין ארץ־ישראל.

אַזוי איז אויך קלאָר פון אַ צאָל ספרי דברי הימים און סיפורים ספרים וועגן בעל־שם־טוב.

42) זען אויך „אבות החסידות", אות יג־טו („התמים", חוב׳ ב, ז׳ 52).

## ה

# דעם רבינ׳ס חדר

**ווי אַזוי ר׳ שניאור זלמן האָט אָנגעפאַנגען פאַרשפּרייטן חסידות אין ליטע. — די געקליבענע תלמידים פון זיין חדר אין ליאָזנע. — זיינע פאָדערונגען צו זיינע תלמידים. — דער קריג פון די מתנגדים קעגן די חסידים צעפלאַקערט זיך. — דעם רבינ׳ס תלמיד ר׳ משה מייזליש און זיין קעגנערשאַפט צו נאַפּאָלעאָנ׳ען. — די אויפרייסונג פון אַ רוסישן אַרסענאַל. — אַ מיליטערישע געהיימניש.**

די ווירקלעכע „דעראָבערונג״ פון דער מתנגדישער ליטע פאַר תורת החסידות פאַנגט זיך אָן מיטן אַלטן רבינ׳ס „חדר״, וואָס ר׳ שניאור זלמן האָט געעפנט אין ליאָזנע אין יאָר תקל״ז[43].

אָט פון דעם חדר האָבן עס אָנגעהויבן אַרויסקומען די תלמידים וועלכע, האָבנדיק געלערנט די נייע תורה פון חסידות פון ר׳ שניאור זלמנ׳ען אַליין, זיינען געוואָרן פאַרשטייער פון חב״ד אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון ליטע.

די תלמידים פון אַלטן רבינ׳ס חדר זיינען געווען יחידי סגולה, געקליבענע מענטשן — גרויסע צדיקים, גרויסע לומדים, פייערדיקע נשמות — מענטשן וואָס זיינען געווען גרייט אויף קרבנות פאַר דער נייער שיטה וואָס זיי האָבן באַשלאָסן נאָכצופאָלגן.

צוערשט האָט ר׳ שניאור זלמן געהאַט ניט מער ווי אַ טוץ תלמידים אין זיין חדר אין ליאָזנע. ער איז ניט געווען גערן אַריינצונעמען אין חדר אַבי וועמען. ר׳ שניאור זלמן האָט געשטעלט גרויסע פאָדערונגען צו זיינע

43) אין „ליקוטי־דיבורים״ (ערשטער באַנד, זייט 58) איז פאַרצייכנט, אַז דער „חדר״ איז געעפנט געוואָרן אין יאָר תקל״ח.

תלמידים. און די פאָדערונגען זיינען ניט געווען בלויז וועגן זייער לומדות נאָר אויך, און הויפּטזעכלעך, וועגן זייערע מדות, זייער אויפפירונג.

פריער פאַר אַלץ האָט ער געפאָדערט, אַז יעדער תלמיד מוז בלייבן אין חדר אַ לענגערע צייט. אויב מען לערנט חסידות, באַזונדערס חסידות חב״ד, מוז מען עס לערנען גרינטלעך. על רגל אחת קען מען ניט ווערן קיין חב״דניק. האָט יעדער תלמיד געמוזט קומען מיט אַ דערלויבעניש פון זיין ווייב, אַז ער קען בלייבן אין ליאָזנע אַ לענגערע צייט. אויב מען איז נאָך ניט געווען פאַרהייראַט, האָט מען געמוזט האָבן די דערלויבעניש פון טאַטן.

אויב מען האָט ניט געהאַט קיין דערלויבעניש פון שווער האָט דער אַלטער רבי ניט מקפיד געווען. ווייל ער האָט אָנערקענט, אַז איידעמס קענען אַמאָל האָבן גרויסע שוועריקייטן מיט זייערע שווער און שוויגער.

דער אַלטער רבי איז אין דעם געווען אַזוי שטרענג, אַז אַמאָל איז געקומען איינער זיך אָנבאַטן אַלס תלמיד אין זיין חדר און האָט געהאַט די דערלויבניש פון ווייב צו פאַרבלייבן אין ליאָזנע איין חודש צייט, האָט ר׳ שניאור זלמן אים צוריקגעשיקט אַהיים.

— צו ווייניק צייט צו לערנען חסידות — האָט ער אים געזאָגט.

אַזוינער האָט געקענט בלייבן אין ליאָזנע און זיך צוהערן צו די חסידות און תורה וואָס דער אַלטער רבי האָט אָפט געזאָגט ברבים, עס הייסט פאַרן ברייטן עולם. אין זיין חדר, וואָס איז געווען פאַר אויסדערוויילטע, האָט אַזוינער ניט געקענט אַריינקומען.

מיט די ערשטע תלמידים פון זיין חדר איז ר׳ שניאור זלמן געווען אַזוי פאָרזיכטיק, אַז יעדער האָט געמוזט צוגעבן קיינמאָל ניט צו פירן קיין וויכוחים מיט מתנגדים וועגן חסידות. בלויז אין לערנען האָבן זיי זיך געקענט מתווכח זיין מיט מתנגדים. אויב עמעצער האָט זיי געשטעלט שווערע קשיות וועגן חסידות איז זייער פליכט געווען מיט די דאָזיקע קשיות צו קומען צו אים, צו ר׳ שניאור זלמנ׳ען.

אויף אַזאַ אופן האָט דער אַלטער רבי געוואָלט פאַרמיידן אומזיסטע מחלוקת׳ן און ניט אויפרייסן די אויגן ביי די קריגערישע ליטוואַקעס.

ער האָט געוואָלט שטיל און לאַנגזאַם זיך איינוואָרצלען מיט זיין חב״ד אין ליטע. זאָלן די ליטוואַקעס שטורעמען, פירן מלחמות קעגן די חסידים:

ער וועט שאַפן וואָס מער תלמידים און יעדער תלמיד וועט ווערן אַליין אַ קוואַל פון וואַנען חסידות וועט שטראָמען און זיך נאָכאַנאַנד מער אויסשפרייטן.

עס איז געווען אַ פאַל פון פאַרמעסטן זיך מיט תורה קעגן שווערד: און תורה האָט טאַקע באַזיגט די שווערד, אָבער ניט אָן גרויסע קרבנות.

וואָרום נאָך איידער ר׳ שניאור זלמנ׳ס חדר האָט זיך געהאַט ווי געהעריק איינגעפעסטיקט, האָט מען שוין אָנגעהויבן שטורמען קעגן אים און זיינע תלמידים פון אַלע זייטן. ווילנע האָט אָנגעהויבן קאָנצענטרירן אַלע אירע אַטאַקעס אויף ליאָזנע.

דער חדר איז געוואָרן דער צענטער פון אַלע מתנגדישע אַטאַקעס. יעדער תלמיד און סתם אַ חסיד האָט געקראָגן דעם צונאָמען „כת׳ניק״. ער האָט, הייסט עס, געהערט צו אַ „כיתה״ פון דעם רבינ׳ס חדר און דערפאַר איז ער געווען טריף ביי די מתנגדים: מען האָט דעם „כת׳ניק״ געמעגט פאַרפאָלגן און פייניקן.

ר׳ שניאור זלמן האָט געלערנט די תלמידים פון זיין חדר און אויך די אַנדערע, וואָס פלעגן קומען צו אים אין די הונדערטער הערן חסידות, אַז זיי זאָלן ניט צייגן תנועות, אויסערלעכע באַוועגונגען און אויפפירונגען, לויט וועלכע מען זאָל זיי דערקענען אַלס חסידים. ער האָט זיי אויך פאַרבאָטן צו אַגיטירן פאַר זייער נייער תורה. זיי האָבן געדאַרפט זיין נאָר פאַר זיך אַליין.

מתנגדים האָבן שוין אָבער געוואוסט ווער עס איז אַ חסיד, ווער עס געהערט צו דער „כת״ און אַזוינער האָט געהאַט קעגן זיך די גאַנצע מתנגדישע וועלט.

געגרינדעט דעם חדר האָט ר׳ שניאור זלמן פונקט אַ יאָר נאָכדעם ווי ר׳ מנחם מענדל וויטעבסקער איז אָפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל, דאָרט צו פאַרשטאַרקן דעם בעל־שם־טוב׳ס תורה.

כל־זמן ר׳ מנחם מענדל איז געווען אין ליטע, האָט מען אים באַטראַכט אַלס דער חסידישער מנהיג. ר׳ שניאור זלמן האָט זיך געהאַלטן אין הינטערגרונט.

ווען ר׳ מנחם מענדל איז אַוועקגעפאָרן איז ר׳ שניאור זלמן געוואָרן

דער ראש. ער האָט אויף דעם געהאַט דעם אָנזאָג פונעם רבי׳ן ר׳ בער און אויך פון די אַנדערע חסידישע פירער.

ר׳ שניאור זלמן האָט באַגלייט ר׳ מנחם מענדל׳ען ביז מאָהילעוו, וואו זיי האָבן זיך געזעגנט.

— דו וועסט האָבן אַ שווערע אויפגאַבע — האָט אים ר׳ מנחם מענדל געזאָגט ביים צעשיידן זיך — דו וועסט אַ סך ליידן. דער אמת וועט זיך אָבער אַרויסווייזן. איך וועל זיין מיט דיר, כאָטש איך וועל זיך געפינען אין ארץ ישראל. הקדוש ברוך הוא וועט דיר העלפן.

די שווערקייט פון דער אויפגאַבע און די ליידן וואָס זיינען אים פאַרגעשטאַנען, האָבן אים אָבער ניט אָפּגעשראָקן. ר׳ שניאור זלמן האָט פאַרכאַפּט די הערצער פון הונדערטער און טויזנטער.

די גרעסטע מוחות פון ליטע זיינען געוואָרן זיינע תלמידים. צווישן די תלמידים פון רבינ׳ס חדר זיינען אַפילו געוועזן פריערדיקע נאָכפאָלגער און מקורבים פון ווילנער גאון. אַזוי שטאַרק האָט ר׳ שניאור זלמן פאַרכאַפּט די הערצער פון די ליטוואַקעס און אַזוי ווייט האָט געגרייכט זיין השפעה און דערפאַר האָט ער טאַקע אַזוי שטאַרק דערצאָרנט די פאַרביסענע מתנגדים.

איינער פון די תלמידים פון דעם אַלטן רבינ׳ס חדר איז געוועזן ר׳ משה מייזליש פון ווילנע, איינע פון די אינטערעסאַנטסטע פיגורן אין חסידיש־מתנגדישן לעבן פון יענער צייט.

דער דאָזיקער ר׳ משה מייזליש איז געוועזן ניט נאָר אַ גרויסער למדן און צדיק, נאָר אויך אַ גרויסער שפּראַכן־קענער און דערפאַר זייער שטאַרק אָנגענומען אין די גאָר הויכע פענסטער.

אָבער ווי גרויס און וויכטיק דער דאָזיקער ר׳ משה מייזליש איז געוועזן, האָט מען אים באַטראַכט בלויז פאַרן קלענסטן פון די תלמידים פון דעם אַלטן רבינ׳ס חדר.

דער דאָזיקער ר׳ משה מייזליש האָט צוליב זיין גרויסער קענטעניש אין שפּראַכן געהאַט באַקאַנטשאַפט מיט באַרימטע און איינפלוסרייכע פּערזאָנען אין אויסלאַנד, באַזונדערס פראַנצויזן. ער האָט געהאַט גוטע געפילן צו די פראַנצויזן און ווען עס האָבן זיך אָנגעפאַנגען די

נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, איז ער געווען גרייט צו האַלטן מיט נאַפּאָלעאָנ'ען.

אָבער אַלס טרייער תלמיד פון ר' שניאור זלמנ'ען, וועלכער איז געווען אַ ביטערער קעגנער פון נאַפּאָלעאָנ'ען, דערפאַר וואָס ער האָט געזען אין אים אַ געפאַר פאַר אידן און אידישקייט, איז ר' משה מייזליש אויך געוואָרן אַ קעגנער פון די פראַנצויזן.

און זיין קעגנערשאַפט, ווי פריער דערציילט, האָט ממש געפירט צו נאַפּאָלעאָנ'ס מפּלה.

אויב ר' שניאור זלמן האָט געפירט קעגן נאַפּאָלעאָנ'ען אַ גייסטיקן קריג, האָט ר' משה געפירט קעגן אים אַווירקלעכן און ממשות'דיקן קריג.

אַלס קענער פון פראַנצויזיש פלעגן צו אים קומען די וויכטיקסטע פראַנצויזן וואָס האָבן זיך געפונען אין ווילנע אָדער דורכגעפאָרן די שטאָט. נאַפּאָלעאָן האָט שוין געהאַט אַגענטן אין רוסלאַנד לאַנג אין פאָראויס, איידער ער האָט אָנגעפאַנגען זיין באַרימטן מאַרש אויף מאָסקווע.

צוליב ר' משה'ס שטענדיקער פריינדשאַפט צו די פראַנצויזן, האָבן די פראַנצויזן געמיינט, אַז זיי קענען זיך אויף אים פאַרלאָזן. אַלנפאַלס, האָבן זיי אויף אים געקוקט ווי אויף אַן אייגענעם מענטשן.

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז שפּעטער ווען ווילנע איז שוין געווען פאַרנומען פון די פראַנצויזן, האָבן פראַנצויזישע גענעראַלן זיך מיט אים באַראָטן וועגן פאַרשידענע זאַכן; אַפילו נאַפּאָלעאָן אַליין האָט זיך מיט אים געהאַט באַראָטן.

ר' משה מייזליש איז שוין אָבער געווען אַנטשלאָסן צו העלפן די רוסן קעגן די פראַנצויזן. אויב דעם רבינ'ס שיטה פאָדערט, אַז מען זאָל זוכן נאַפּאָלעאָנ'ס מפּלה, איז ר' משה מייזליש געווען גרייט צו טאָן אַלץ וואָס ס'איז געווען אין זיין כח, אַז די דאָזיקע מפּלה זאָל קומען.

איז ר' משה מייזליש געשטאַנען אויף דער וואַך.

פאַסירט אַזאַ מעשה:

אין שווינציאַן, לעבן ווילנע, איז אַ קורצע צייט איידער די פראַנצויזן

האָבן אָנגעפאַנגען זייער מאַרש, אויפגעריסן געוואָרן דער דאָרטיקער געווער־אַרסענאַל.

קיינער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי דאָס איז געשען און ווער עס איז געווען פאַר דעם פאַראַנטוואָרטלעך.

זיינען נאַפּאָלעאָנ'ס שפּיאָנען, וועלכע האָבן זיך (ווי מ'האָט געוואוסט) געפונען אין רוסלאַנד אין די הונדערטער, פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם? אָדער האָט עמעצער פון די אינעווייניקסטע, אַ רוס, זיך געלאָזט אונטערקויפן און אָפּגעטאָן די פאַרברעכערישע שטיקל אַרבעט?

אַלע אויספאָרשונגען האָבן צו גאָרניט געפירט. דער אויפרייס איז געבליבן אַ געהיימניש.

און עס איז טאַקע קיין וואונדער ניט געווען, וואָס מען האָט גאָרניט געקענט דערגיין ווי אַזוי דאָס איז געשען. די אַרבעט איז דורכגעפירט געוואָרן, טאַקע פון נאַפּאָלעאָנ'ס אַגענטן, אויף אַ העכסט געשיקטן און אויסערגעווייגלעכן אופן. מען האָט גאָר ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי דאָס איז געשען און ווער עס איז פאַר דעם פאַראַנטוואָרטלעך.

אָבער טאַקע צוליב דעם האָט די דאָזיקע פּאַסירונג צוגעצויגן גרויס אויפמערקזאַמקייט און אין די הויכע פענצטער אין רוסלאַנד האָט מען פיל גערעדט וועגן דעם.

אויב אַ געהיימע האַנט אַרבעט קעגן רוסלאַנד פון אינעווייניק אַזוי געשיקט, ווער ווייס וואָס עס קען פּאַסירן? ווער ווייס אויב אַנדערע אַרסענאַלן וועלן ניט אויפגעריסן ווערן אויף אַן ענלעכן אופן?

אָבער וואָס טוט מען ווייטער צו פאַרהיטן אַזוינע זאַכן? קיינער האָט ניט געקענט זאָגן, פּשוט דערפאַר וואָס מען האָט גאָרניט געוואוסט וועגן די אומשטענדן און די אורזאַכן פון דעם שווינציאַנער אויפרייס.

עס איז אָבער געווען איינער אין גאַנץ רוסלאַנד, חוץ די וואָס זיינען געווען דירעקט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אויפרייס, וואָס האָט געוואוסט וועגן אַלץ. דאָס איז געווען ר' משה מייזליש.

און ניט נאָר האָט ער געוואוסט ווי אַזוי דער שווינציאַנער אַרסענאַל איז אויפגעריסן געוואָרן, נאָר ער האָט אויך געוואוסט, אַז נאַפּאָלעאָנ'ס אַגענטן קלייבן זיך צו טאָן דאָס זעלבע אין ווילנע.

נאָך דעם ווי עס איז זיי אַזוי גוט געלונגען אין שווינציאַן, האָבן זיי געוואָלט נאָכפאָלגן זייער פריערדיקן פּלאַן און אויפרייסן דעם ווילנער אַרסענאַל.

דאָס וואָלט זיי געוויס אויך געלונגען — עס איז ניט געווען קיין אורזאַך פאַרוואָס ניט.

ר' משה מייזליש איז אָבער שוין געווען אויף דער זייט פון רוסלאַנד און דערוויסנדיק זיך וואָס עס האָט פּאַסירט און וואָס עס דאַרף ווייטער פּאַסירן, האָט ער גענומען די געהעריקע שריט דאָס צו פאַרמיידן און ער האָט עס טאַקע פאַרמיטן. דער ווילנער אַרסענאַל איז געבליבן גאַנץ.

נאַפּאָלעאָנ'ס אַגענטן האָבן געכאַפּט אַ מפּלה און זיי האָבן גאָרניט געוואוסט און קיינמאָל ניט אויסגעפונען וועגן דעם, אַז ר' משה מייזליש האָט עס געקעמפט קעגן זיי און געקעמפט צוליב זיינע אייגענע מאָטיוון און זיינע אייגענע צילן, אָנפירנדיק אַ אידישע מלחמה קעגן נאַפּאָלעאָנ'ען און האָט די דאָזיקע מלחמה אָנגעפאַנגען לאַנג אין פאָראויס, נאָך איידער נאַפּאָלעאָן האָט מיט זיין אַרמיי געהאַט דערגרייכט די רוסישע גרענעצן.

ו

# נאַפּאָלעאָנ'ס קעגנער

וויִ ר' משה מייזליש, דעם אַלטן רבינ'ס תלמיד, האָט באַקעמפט די פראַנצויזן. — ער פאַרהיט ווילנע פון אַן אומגליק און ציַיגט נאַפּאָלעאָנ'ען זיַין שטאַרקייט. — ר' שניאור זלמן גריַיפט אָן ווילנע. — פסקנ'ט אַ שאלה און רופט אַרויס די קנאה־שנאה פון די מתנגדים. — די וויכּוחים אין זשלאָבין און אין מינסק. — נייע תלמידים און חסידים פון אַלטן רבי'ן. — די פאַרשפּרייטונג פון חב"ד.

צוליב זיַין באַקאַנטשאַפט און פריַינטשאַפט מיט הויכע פראַנצויזישע באַאַמטע, האָט מען צו ר' משה מייזליש געהאַט גרויס צוטרוי. עס איז דעריבער געווען נאַטירלעך, אַז נאַפּאָלעאָנ'ס געהיימע אַגענטן זאָלן זיך צו אים ווענדן פאַר אויסקונפטן און אַפילו פאַר עצות.

דאָס וואָס ר' משה מייזליש האָט געקענט גוט פראַנצויזיש האָט פיל בייגעטראָגן צו דעם, וואָס ער איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אייגענער מענטש ביי נאַפּאָלעאָנ'ס אַגענטן, וועלכע האָבן געשוויבלט און ג[illegible]ריבלט אין אַלע טיילן פון רוסלאַנד, צוגרייטנדיק אין פאַר'יס דעם וועג פאַר דעם קומענדיקן מאַרש אויף מאָסקווע.

פאַר אים האָט מען קיין סודות ניט געהאַט און אין זיַין קעגנוואַרט האָט מען גערעדט וועגן זאַכן, וואָס פאַר קיין אַנדערן וואָלט מען עס ניט געטאָן. האָט ר' משה מייזליש אויף אַזאַ אופן זיך דערוואוסט, אַז דער אויפריַיס פון דעם שווינציאַנער אַרסענאַל איז געקומען דורך נאַפּאָלעאָנ'ס אַגענטן און אַז זיי קלייבן זיך צו טאָן דאָס אייגענע מיט דעם ווילנער אַרסענאַל.

אויפגעריסן דעם שווינציאַנער אַרסענאַל האָבן זיי דורך אַ געלונגענעם איינפאַל.

צוויי פראַנצויזישע אַגענטן פאַרשטעלט אַלס רוסישע פויערים,

באַטרונקענע און וויגנדיק זיך אויף די פיס, זיינען פאַרקראָכן צום אַרסענאַל. זיי האָבן זיך געהאַלטן אין קריגן זיך ווי צוויי שיכורים וואָלטן עס געווינלעך געטאָן און זייענדיק דאָרט ביים אַרסענאַל, האָבן זיי זיך מיט אַמאָל אָנגעהויבן שלאָגן. איינער האָט זיך איינגעבויגן און אויפגעהויבן אַ שטיין צו וואַרפן דעם צווייטן אין קאָפּ. אָבער אַנשטאָט דער שטיין זאָל פליען יענעם אין קאָפּ איז ער גאָר געפלויגן צו איינעם פון די פענסטער אין אַרסענאַל, און אויסגעבראָכן אַ שויב.

אַ זעלנער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום פאַרשטעלטן פראַנצויזישן אַגענט. יענער, כלומרשט אַ דער־שראָקענער און מיט אַ מינע פון אַ פאַרזינדיקטן, האָט זיך אָנגעהויבן בעטן, אַז דער זעלנער זאָל אים גאָרניט טאָן פאַר דעם.

— איך גיי גלייך ברענגען אַ גלעזער און וועל אויף מיין חשבון לאָזן אַריינשטעלן אַ נייע שויב.

דער אָנבאָט איז דעם זעלנער געפעלן געוואָרן. דער פראַנצויז איז פאַרשוואונדן און באַלד צוריקגעקומען מיט אַ גלעזער. דער שאָדן איז גוטגעמאַכט געוואָרן. די פאַרשטעלטע פראַנצויזן זיינען אַוועק און דער אינצידענט איז שנעל פאַרגעסן געוואָרן.

די נייע אַריינגעשטעלטע שויב איז געווען פון ברען־גלאָז, וואָס קאָנצענטרירט די זון־שטראַלן, און דאָס איז געווען די סיבה פון דעם אויפרייס וואָס איז שפּעטער פאָרגעקומען...

דורך דער נייער שויב, וועלכע האָט ניט אויסגעזען אַנדערש ווי די אַנדערע שויבן, האָבן זיך קאָנצענטרירט די זון־שטראַלן, פאַלנדיק אויף אַ פאַס פולווער און דער אויפרייס איז געשען, בלייבנדיק אַ סוד פאַר אַלעמען, אויסער די פראַנצויזן און ר׳ משה מייזליש.

זעענדיק ווי די שפּיל איז זיי געלונגען אין שווינציאַן, האָבן די פראַנצויזן געוואָלט טאָן דאָס אייגענע אין ווילנע. זיי זיינען געווען זיכער, אַז מען וועט זיך ניט כאַפּן.

ר׳ משה מייזליש איז שוין אָבער געווען אַן אַנטשלאָסענער קעגנער פון נאַפּאָלעאָנ׳ען און ער האָט דערפאַר באַלד געלאָזט וויסן די העכערע רוסישע באַאַמטע וועגן דעם. ווען די פאַרשטעלטע פראַנצויזישע אַגענטן

האָבןביים ווילנער אַרסענאַל געטאָן דאָס אייגענע וואָס ביים שווינציאַנער אַרסענאַל — זיך צעשלאָגן און אויסגעבראָכן אַ שויב, אָנבאַטנדיק גוטצומאַכן דעם שאָדן — האָט מען זיי אַרעסטירט און זיי האָבן וואַרשיינלעך קיינמאָל ניט אויסגעפונען, אַז דאָס איז געווען די אַרבעט פון ר׳ משה מייזליש.

וואָרום ר׳ משה מייזליש איז ווייטער געבליבן אין גוטע באַציאונגען מיט די פראַנצויזן און טאַקע נאָר בכדי צו קענען דורך דעם אָנפירן זיין אייגענעם קריג קעגן נאַפּאָלעאָנ׳ען.

ווען די פראַנצויזן זיינען שוין אַריינגעדרונגען אין רוסלאַנד און ווילנע איז פאַר אַ צייט געוואָרן די שטאָט וואו נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט זיין הויפּט־קוואַרטיר, איז ר׳ משה מייזליש געווען אַן אָפטער באַזוכער פון דעם גרויסן פראַנצויזישן קריגער.

עס ווערט דערציילט, אַז נאַפּאָלעאָן האָט זיך פיל מאָל מיט אים באַראַטן און גענומען זיינע עצות, ניט פאַרדעכטיקנדיק, אַז ר׳ משה מייזליש איז זיינער אַ קעגנער און אַרבעט אין געהיים קעגן אים.

מען דערציילט, אַז איינמאָל איז ר׳ משה מייזליש אַריינגעקומען צו נאַפּאָלעאָנ׳ען אין חדר ווען יענער האָט מיט זיינע גענעראַלן געהאַלטן אין שטודירן אַ לאַנד־מאַפּע, צוגרייטנדיק די פּלענער פאַרן ווייטערדיקן מאַרש אויף מאָסקווע.

ר׳ משה מייזליש איז געשטאַנען אין דער זייט, אָבער זיין שאַרף אויג האָט געזען אויף וועלכע פּונקטן נאַפּאָלעאָן ציינט מיטן פינגער.

זיין צוקוקן זיך צו דער לאַנד־מאַפּע, און זיין צוהערן זיך צו דעם וואָס איז גערעדט געוואָרן, האָט באַלד צוגעצויגן נאַפּאָלעאָנ׳ס אויפמערק־זאַמקייט און עס זעט אויס, אַז דער גרויסער קריגס־פירער האָט אויפן מאָמענט אָנגעהויבן פאַרדעכטיקן, אַז ר׳ משה מייזליש איז אים ניט געטריי.

נאַפּאָלעאָן איז צו אים צוגעקומען און אים אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין מיט אַ פאַרשנדיקן בליק און האָט אים אַ כאַפּ געטאָן ביי דער האַנט.

ר׳ משה מייזליש איז געבליבן שטיין ווי עס וואָלט גאָרניט פאַסירט. זיינע אויגן האָבן קיין איבעריקן פינטל ניט געגעבן. זיין פּנים האָט ניט געביטן קיין קאָלירן און זיין האַנט האָט קיין ציטער ניט געטאָן.

אָבער נאַפּאָלעאָן האָט זיך דערמיט ניט באַנוגנט; וועלנדיק ווייטער אויספּרובירן ר׳ משה׳ן האָט ער צוגעלייגט זיין האַנט צו ר׳ משה׳ס האַרץ.

דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט רעגלמעסיק. ר׳ משה מייזליש איז געווען פולשטענדיק ביי זיך אין דערהיים.

די דאָזיקע מעשה איז שפּעטער דערציילט געוואָרן פון דעם צמח־צדק[44] און ער האָט ר׳ משה מייזליש גענומען אַלס ביישפּיל, ווען דער מוח באַהערשט דאָס האַרץ. ביי ר׳ משה מייזליש איז עס געווען דער פאַל. דער קאָפּ האָט פולשטענדיק באַהערשט דאָס האַרץ, וואָס איז פּונקט אין איינקלאַנג מיט דער תורה פון חב״ד, וועלכע לערנט, אַז הגם די נייגונגען פון מענטשלעכן האַרץ קענען ניט אין גאַנצן איגנאָרירט ווערן, מוז אָבער דער מענטש זיך שטאַרקן און זיך לאָזן פירן פון קאָפּ, פון העכערן שכל; און וואָס מער דער קאָפּ פירט אים, אַלץ צו אַ העכערער מדרגה דערהויבט ער זיך.

און אָט דער דאָזיקער ר׳ משה מייזליש איז פאַררעכנט געוואָרן אַלס ניט מער ווי דער קלענסטער תלמיד פון דעם אַלטן רבינ׳ס חדר.

אַזוינע תלמידים ווי ר׳ משה מייזליש האָבן עס געהאָלפן באַפעסטיקן חסידות און באַזונדערס די אייגנאַרטיקע חסידות פון חב״ד אין ליטע... און טאַקע אויך אין ווילנע גופא, אין די סאַמע גרענעצן פון דעם ווילנער גאון.

דאָס איז טאַקע געווען איינע פון די הויפּט־אורזאַכן וואָס די מתנגדים זיינען געוואָרן אַזוי דערצאָרנט און וואָס האָט דעם ווילנער גאון אַליין אַריינגעשלעפּט אין דער מלחמה קעגן חסידות.

אין תקל״ט, צוויי יאָר[45] נאָכדעם ווי ר׳ שניאור זלמן האָט געעפנט זיין ערשטן חדר אין ליאָזנע, איז פאָרגעקומען אין וואָלין אַ צווייטע אסיפה פון די חסידישע פירער.

אויף דער דאָזיקער אסיפה האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס האָט די ליטווישע מתנגדים שטאַרק אויפגעבראַכט קעגן ר׳ שניאור זלמנ׳ען. ער האָט געפּסק׳נט אַ שאלה פּונקט דער היפּוך ווי דער ווילנער

---

44) זען ספר השיחות תרפ״ז ז׳ 112־111.

45) זען די פריערדיקע הערה — 43.

גאון[46]: און דאָס ניט דערפאַר וואָס דער דין איז ניט געווען ווי דער ווילנער גאון האָט גע׳פּסקנט, נאָר דערפאַר וואָס דער פאַל איז געווען אַן אַנדערער. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ שאלת־נשים און דער דין — אויב מען זאָל נעמען די פאַקטן ווי זיי זיינען געווען אָנגעגעבן — וואָלט טאַקע געווען ווי דער גאון האָט גע׳פּסקנ׳ט.

ר׳ שניאור זלמן האָט אָבער דערקלערט, אַז די פאַקטן זיינען ניט ווי זיי ווערן אָנגעגעבן און דערפאַר איז דער פּסק קיין פּסק ניט. דאָס האָט אַלעמען איבערראַשט. דאָס איז שוין געווען עפּעס מער ווי גאונות. עס איז געווען ניט נאָר חכמה, נאָר ווירקלעכער רוח הקודש.

צוערשט האָט מען קוים געוואָלט גלויבן, אַז דאָס זאָל זיין ווי דער אַלטער רבי האָט געזאָגט, באַלד האָט מען זיך אָבער איבערציי֑גט אַז דאָס איז אַזוי.

פאַר די מתנגדים איז עס געווען ווי אויל אויפן פייער. ס׳טייטש, ער איז געגאַנגען קעגן ווילנער גאון און האָט טאַקע באַוויזן אַז ער איז גערעכט! האָט עס שטאַרק געברענט און גערופן צו קריג און דער קריג האָט זיך אָנגעהויבן צו צעפלאַקערן.

אין תקמ״א[47] האָט דער אַלטער רבי פאַנאַנדערגעלאָזט זיין ערשטן חדר און געעפנט אַ צווייטן חדר. די תלמידים פון ערשטן חדר האָבן שוין געהאַט גרינטלעך דערלערנט די נייע תורה פון חב״ד, זיי האָבן געקענט ווערן פאַרשפּרייטער פון חב״ד.

אין צווייטן חדר, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען אַזוינע באַרימטע חסידים ווי ר׳ אהרן סטראַשעלער און ר׳ שמואל מונקעס, איז שוין די צאָל תלמידים געווען אַ גרעסערע, גרייכנדיק דריי מנינים.

---

46) אין „אבות החסידות״ אות יד („התמים״, חוב׳ ב, ז׳ נג) ווערט דערציילט וועגן דער שאלה, וואָס איז געווען מפורסם אין גאַנצן געגנט דורך „פּיל שאלות־ותשובות פון רבנים וועגן דעם״ און אַלע האָבן גע׳אסרט: און אַז די שאלה איז געקומען פאַר דעם אַלטן רבי׳ן, האָט ער געזאָגט אַנדערש, ווייל אין דעם פאַל איז ער געווען זיכער, אַז ס׳איז ניט געווען אין אַן אופן וואָס איז אסור. דער אַלטער רבי האָט געגעבן אַן עצה ווי מ׳זאָל האַנדלען אין דעם פאַל און עס האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן ווי אַלץ איז געווען אין אָרדענונג (זען דאָרט די אַלע פּרטים פון דער געשעעניש).

47) אין „לקוטי דבורים״ (דאָרט) ווערט דערויף אָנגעגעבן די דאַטע פון יאָר תק״מ.

אַן אַנדער תלמיד פון צווייטן חדר איז געווען יאָסעלע דעם מגיד׳ס, וועלכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער אַנטוויקלונג און איינוואָרצלונג פון חב״ד.

ער איז געווען אַ זון פון ר׳ ישכר בער קאָבילניקער, ר׳ שניאור זלמנ׳ס ערשטער רבי אין ליובאַוויטש.

ווען ר׳ ישכר בער האָט פון זיך אַוועקגעלאָזט ר׳ שניאור זלמנ׳ען, האָט ער זיך צו אים געזעגנט מיט די דאָזיקע ווערטער:

— פאַר דעם וואָס איך האָב מיט דיר געלערנט תורה בעט איך דיר, אַז דו זאָלסט שפּעטער לערנען תורה מיט מיין זון.

ר׳ יאָסעלע איז נאָך דעמאָלט ניט געווען געבאָרן. שפּעטער איז דער דאָזיקער ר׳ יאָסעלע געווען ר׳ שניאור זלמנ׳ס אַ תלמיד.

כאָטש דעם אַלטן רבינ׳ס איינפלוס האָט געהאַלטן אין וואַקסן, זיינען נאָך אָבער צו יענער צייט זיינע תלמידים געווען ניט גרויס אין צאָל. זיי האָבן זיך אויך געהאַלטן אַן אַ זייט און אויסגעמיטן וועלכע עס איז מחלוקתן מיט די מתנגדים, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס די לעצטע האָבן אויף זיי געשטורעמט.

דער אַלטער רבי אַליין האָט זיך אויך געהיט ניט צו פאַרטשעפּען זיך מיט די מתנגדים. אין תקמ״ז האָט ער צום ערשטן מאָל עפנטלעך אָנגעגריפן ווילנע.

דאָס איז געווען אין זשלאָבין[48], וואו עס איז פאָרגעקומען די „גרויסע חתונה", ווי עס ווערט גערופן די חתונה צווישן די קינדער פון דעם אַלטן רבי׳ן און ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער.

אויף דער דאָזיקער חתונה זיינען זיך צוזאַמענגעקומען גרויסע לומדים, חסידים ווי ניט חסידים, און עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ גרויסער וויכוח. ר׳

---

48) (ווי באַוואוסט איז די „גרויסע (זשלאָבינער) חתונה" געווען צווישן אַ טאָכטער פון מיטעלן רבי׳ן און דעם בערדיטשעווערס אַן אייניקל) אין „אגרות קודש" פון כ״ק אדמו״ר שליט״א (צווייטער באַנד, אגרת ריג*) שליסט דער רבי שליט״א אויס די דאַטע פון תקמ״ז ווי דאָס יאָר פון דער חתונה: ס׳איז דאָך געווען די חתונה פון מיטעלן רבינ׳ס טאָכטער — און אין דעם יאָר איז דער מיטעלער רבי אַליין אַלט געווען בלויז דרייצן יאָר!

שניאור זלמן האָט געענטפערט אויף אַלע שאלות וואָס זיינען אים געשטעלט געוואָרן פון פריינד און קעגנער.

דאָרט האָט ער זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן תורה אָן חסידות. ער האָט געזאָגט, אַז תורה אָן חסידות איז קיין תורה ניט און האָט ווילנע באַצייכנט אַלס אַ שטאָט פון „תורה בלי יראת שמים״.

אין דעם דאָזיקן וויכוח האָבן זיך באַטייליקט פיל פייערדיקע מתנגדים, באַזונדער שקלאָווער מתנגדים, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פאַרביסנקייט קעגן די חסידים.

דער רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן וויכוח איז געווען, אַז ר׳ שניאור זלמן האָט צוגעקראָגן הונדערטער נייע חסידים און איינִיקע נייע תלמידים פאַר זיין חדר פון יחידי סגולה.

איינער פון די, וואָס איז דעמאָלט געוואָרן זיינער אַ תלמיד, איז געווען ר׳ פנחס, דער זון פון ר׳ העניך שיק.

ר׳ העניך איז געווען פאַררעכנט פון דעם ווילנער גאונ׳ס תלמידים. ער איז געווען אַ ביטערער קעגנער פון חסידים און איינער פון די „גענעראַלן״ אין דעם קריג קעגן חסידות.

זיין זון ר׳ פנחס איז געווען אַן עילוי. ער האָט אויך געהאַט נאָכ־געפאָלגט זיין טאַטנ׳ס דרכים און געשטורעמט קעגן די חסידים.

אָבער אין זשלאָבין, קומענדיק פנים אל פנים מיט ר׳ שניאור זלמנ׳ען, איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם אַלטן רבינ׳ס תורה און מיט אים צוריקגעפאָרן קיין ליאָזנע, וואו ער איז געבליבן זיצן אַלס זיינער אַ תלמיד.

אַזוינע עפנטלעכע וויכוחים זיינען פאָרגעקומען עטלעכע און ביי יעדן פון זיי האָט דער אַלטער רבי צוגעקראָגן תלמידים און חסידים.

אין תק״ז[49] איז פאָרגעקומען דער באַרימטער וויכוח אין מינסק און ר׳

---

49) אינעם פריער־דערמאָנטן אגרת (ריג*) פון כ״ק אדמו״ר שליט״א איז צוגעצייכנט צו „אבות החסידות״ און „קונטרס שיקאגא״ (שיחה ג׳) וועגן דעם „גרויסן וויכוח אין מינסק אין יאָר תקמ״ג״. אויך אין „ספר השיחות – תש״ב״ ווערט אָנגעגעבן, אַז די „גרויסע וויכוח־אסיפה״ איז פאָרגעקומען „אין יאָר תקמ״ג אין מינסק״.

שניאור זלמן האָט דאָרט געמאַכט אַזאַ איינדרוק אויפן עולם, אַז הונדערטער אידן זיינען פון דאָרט אַוועק קיין ליאָזנע צופוס.

דער רבי האָט זיי געמוזט באַזאָרגן מיט דירות און מיט אַלע זייערע באַדערפעניש. אָבער אַפילו דעמאָלט, שוין דרייצן יאָר נאָך זיין עפענען דעם ערשטן חדר, האָט ר' שניאור זלמן געהאַט ניט מער ווי ניינציק תלמידים אין זיין חדר. פון וועלכע די מערסטע זיינען געווען ווירקלעכע גאונים. נאָענט צו אַ העלפט זיינען געווען ליטוואַקעס און זיינען געוואָרן די יעניקע וואָס האָבן געהאָלפן איינצעמען די פעסטונג פון התנגדות פאַר חסידות.

פון דעמאָלט און ווייטער הויבן זיך אָן זיינע תלמידים צו פאַרמערן און זיינע חסידים הויבן זיך אָן ציילן אין די צענדליקער טויזנטער[50]. דער קריג פון די מתנגדים ווערט שאַרפער און ביטערער. ער איז שוין אין גאַנצן קאָנצענטרירט אויף ר' שניאור זלמנ'ען, ביז עס קומט צו דעם טרויעריקן קאַפיטל פון זיין אַרעסט.

---

50) אין „רשימת ליובאוויטש" ווערט אָנגעגעבן, אַז שוין אין די ערשטע 15 יאָר — תק"מ — האָט די חב"ד־חסידישע עדה אין ווייס־רוסלאַנד זיך געציילט אַרום דרייסיק טויזנט נפשות. אין „דער רבי" ווערט געזאָגט, אַז אייניקע יאָר נאָכדעם ווי דער אַלטער רבי האָט איבערגענומען די פירערשאַפט פון חסידים, האָט זייער צאָל דערגרייכט 80 טויזנט און לויט אַן אַנדער מיינונג — 100 טויזנט חסידים.

אין אַ דאָקומענט פון די דערמאָנטע פעטערבורגער געריכט־פאַפירן („כרם חב"ד" גליון 4, ז' 79) איז פאַרצייכנט, אַז אין דער צייט פונעם אַרעסט האָט דער אַלטער רבי געהאַט אין ווייסרוסלאַנד און אין *ליטע ביי 40 טויזנט חסידים.*

## ז

# דער ברודער־קריג

**די ביטערע מלחמה צווישן מתנגדים און חסידים. — ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער, איינער פון די ערשטע קרבנות. — דער ווילנער גאון און זיין ראָלע אין דעם קאַמף קעגן חסידים. — חסידים ווערן געלייגט אין חרם; זייערע ספרים ווערן פאַרברענט. — חסידים ענטפערן מיט אַ חרם. — דעם מעזריטשער מגיד׳ס קעגנערשאַפט צום חרם. — ר׳ שניאור זלמנ׳ס פרידלעכע מעטאָדן. — זיין נייער דרך.**

דער קאַמף דעמאָלט אין דער אַמאָליקער ליטע איז געווען דער רעזולטאַט פון אַן אינערלעכער צעטיילונג אין אידישן לעבן פון אַ ברודער־קריג. די אידישע וועלט האָט זיך צעטיילט אין צוויי פיינטלעכע מחנות און דער קאַמף איז געווען אַ ביטערער, אַ פאַרצווייפלטער.

אָנגעפאַנגען האָט זיך דער קאַמף, נאָך איידער דער אַלטער רבי איז געווען גרייט געגנוג אַרויסצוקומען אויף דער אַרענע איבערצונעמען די חסידישע פירערשאַפט אין ליטע. ווילנע האָט שוין געשטורעמט קעגן דעם וואַקסנדיקן און שטענדיק־אויסשפרייטנדיקן דרך פון חסידות, נאָך דעמאָלט ווען ר׳ שניאור זלמן איז געזעסן אין מעזריטש אַלס תלמיד פון רבי׳ן ר׳ בער.

חסידות האָט שוין געהאַט פאַרכאַפּט הונדערטער הערצער אין סאַמע ליטע. אין דעם ווילנער גאונ׳ס אייגענער פעסטונג האָט די נייע תורה פון בעל שם טוב און פון דעם מעזריטשער מגיד געהאַט געפונען אַן אָפּקלאַנג און דאָס האָט נאָך מער פאַרשאַרפט די קעגנערשאַפט פון דעם ווילנער גאון און זיינע נאָכפאָלגער.

אויב חסידות קען פאַרכאַפּן לומדישע ליטוואַקעס איז עס דאָך באמת זייער „געפערלעך״ און עס איז דערקלערט געוואָרן אַ „הייליקער קריג״ קעגן חסידות און קעגן חסידים.

דעם ערשטן אָפּקלאַנג פון דער ביטערער מלחמה וואָס האָט זיך געהאַלטן אין צעפלאַקערן און וואָס איז שפּעטער קאָנצענטרירט געוואָרן קעגן אים, האָט דער אַלטער רבי געמוזט האָבן אויפגעכאַפּט זיצנדיק ביים מגיד.

עס איז געווען אין יאָר תקל״ב, דער מגיד איז דעמאָלט שוין געווען אין ראָוונע, וואו ער האָט זיך געהאַט איבערגעקליבן פון מעזריטש. דאָרט זיינען דאַן אָנגעקומען די ידיעות, אַז די מתנגדים מיטן ווילנער גאון בראש האָבן אָנגעהויבן אַ ווירקלעכע מלחמה קעגן די חסידים: אַריינלייגנדיק חסידים אין חרם; פאַרברענענדיק חסידישע ספרים און אָפּטוענדיק אַלערליי רדיפות קעגן די וואָס גייען אין דעם דרך פון בעל שם טוב.

באַלד איז קיין ראָוונע אויך אָנגעקומען איינער פון די סאַמע ערשטע קרבנות פון דעם דאָזיקן קריג. דאָס איז געווען דער באַרימטער ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער.

ר׳ אביגדור, איינער פון דעם גאונ׳ס נאָכפאָלגער און תלמידים, וועלכער האָט שפּעטער זיך אַזוי „אויסגעצייכנט״ אין זיין קאַמף קעגן ר׳ שניאור זלמנ׳ען, האָט געהאַט אַרויסגעשטויסן ר׳ לוי יצחק׳ן פון זיין כסא הרבנות אין פּינסק[51].

לויט ווי עס איז אָנגעגעבן געוואָרן, איז עס געטאָן געוואָרן אויף דעם ווילנער גאונ׳ס באַפעל. ר׳ אביגדור האָט אַליין פאַרנומען דאָס אָרט פון ר׳ לוי יצחק.

צווישן דעם מגיד׳ס תלמידים האָט די דאָזיקע נייעס געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. אַ סך פון די תלמידים האָבן געוואָלט עפּעס טאָן[52]; ענטפערן מיט אַ חרם קעגן דעם חרם: די מתנגדים האָבן די חסידים

---

51) דאָ רעדט זיך, ווי פריער דערמאָנט, וועגן דער צייט פון אַרום יאָר תקל״ב, אָבער, ווי באַקאַנט, איז ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער באַזייטיקט געוואָרן פון פּינסק ערשט אין יאָר תקמ״ה (זען „כרם חב״ד״ גליון 4 ז׳ 2־201).

52) אָט־די אסיפה פון דעם מעזריטשער מגיד׳ס תלמידים אין ראָוונע ווערט דערמאָנט אויך אינעם לענגערן בריוו פון דעם אַלטן רבי׳ן (צו ר׳ אברהם קאַליסקער — „אגרות קודש — אדה״ז״, ערשטער חלק, ז׳ קכה־ו): אָבער דאָרט ווערט גאָרנישט דערמאָנט וועגן דעם חרם. אויך אין אַן אַנדער בריוו פון אַלטן רבי׳ן („אגרות קודש — אדה״ז״, צווייטער חלק, ז׳ יט־כ) ווערט דערמאָנט וועגן דער אסיפה — און דאָרט קען מען שוין אפשר יע געפינען אַן אָנדייט אויפן חרם (זען דאָרט). זען אויך הערה 54.

אַריינגעלייגט אין חרם — זאָלן די חסידים טאָן דאָס אייגענע מיט די מתנגדים.

דער מגיד איז שוין דאַן געווען אין טיפן עלטער און שוואַך אין געזונט. עס איז געווען בלויז אַ יאָר פאַר זיין פטירה.

די תלמידים האָבן געוואָלט הערן פון רבי׳ן אַליין, וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן אַ חרם אויף די מתנגדים. זיי האָבן שבת צו שלש סעודות אָנגעהויבן ריידן וועגן די נבלות וואָס די מתנגדים באַגייען קעגן די חסידים; וועגן די חרמות און די רדיפות וואָס ווערן קעגן זיי געמאַכט. די תלמידים זיינען געווען פאַרביטערט. זיי האָבן דערוואַרט אַז דער רבי זאָל עפּעס זאָגן וועגן דעם.

דער רבי האָט זיי אויסגעהערט, אָבער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט. זיינען די תלמידים געווען שטאַרק אַנטוישט.

דער רבי שווייגט; אָבער זיי קענען ניט שווייגן. זיי מוזן עפּעס טאָן: די מתנגדים לייגן די חסידים אַריין אין חרם, מוזן זיי די מתנגדים אַריינלייגן אין חרם.

זיינען אָבער דעמאָלט ביים רבי׳ן געווען נאָר צען תלמידים און דער צענטער איז געווען ר׳ שניאור זלמן. ר׳ שניאור זלמן, כאָטש ער איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט איבער די מעשים פון די ליטוואַקעס, האָט ער אָבער געצייגט זיין קעגנערשאַפט צו וועלכע עס איז קעגן־שריט, באַזונדער אַזאַ זאַך, ווי אַ חרם.

דער אַלטער רבי האָט זיך שטענדיק געהאַלטן ביי זיין שיטה, אַז תורת החסידות דאַרף אַליין זיין שטאַרק גענוג אויסצוטרעטן אַ וועג פאַר זיך און צו געווינען אַן אָנהאַלט צווישן אידן. האָט ער שפּעטער טאַקע תמיד געלערנט זיינע תלמידים אויסצומיידן אַלע מחלוקות, ניט צו האַלטן קיין שום וויכוחים מיט די מתנגדים, נאָר מיט זייער אייגענעם דרך און מיט זייער אייגענעם וויסן ווערן אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע.

האָבן דעם רבי׳ן ר׳ בער׳ס תלמידים געוואוסט, אַז ר׳ שניאור זלמן וועט זיין קעגן אַזאַ שרעקלעכן שריט ביי אידן ווי אַ חרם. האָבן זיי באַשלאָסן אים אַריינצוציען אין דעם קעגן זיין ווילן.

זיי האָבן זיך צו אים געווענדט „בלויז" מיט אַ שאלה: צי דערלויבט דער

דין צו ענטפערן מיט אַ חרם אויף אַ חרם. דער דין איז געווען קלאָר. ר׳ שניאור זלמן האָט געענטפערט ווי דער דין איז.

„קריינא דאיגרתא איהו להוי פרוונקא" (דער לייענער פונעם בריוו זאָל אַליין זיין דער אויספירער פון דער שליחות) — האָבן זיי אים דאַן געזאָגט, ניט געבנדיק אים קיין געלעגנהייט זיך אַרויסצודרייען פון דעם, וואָס זיי האָבן געוואוסט אַז דאָס איז געווען קעגן זיין וואונטש.

עס ווערט דערציילט, אַז ר׳ שניאור זלמן האָט דאַן געפונען אַן אויסרייד זיך ניט צו באַטייליקן אין חרם[53] און דאָס איז אויך געווען דער פאַל אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען מען האָט אים געהאַט אויפגעפאָדערט צו באַטייליקן זיך אין אַ חרם קעגן דעם ווילנער גאון אַליין.

דער אַלטער רבי האָט מיט דעם אַרויסגערופן קעגן זיך די אומצופרידנקייט פון זיינע חברים. ער האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי זיינס.

די תלמידים האָבן דעמאָלט געפונען עמעצן אַנדערש וואָס זאָל זיין דער צענטער; און חסידים דערציילן, אַז נאָך אין דער זעלביקער נאַכט האָבן זיי דורכגעפירט דעם חרם.

אין מיטן נאַכט זיינען זיי אויפגעוועקט געוואָרן פון דעם רבי׳ן ר׳ בער.

— וואָס האָט איר געטאָן? — האָט ער זיך צו זיי געווענדט מיט גרויס פאַרדרוס.

— מיר האָבן שוין לענגער ניט געקענט אויסהאַלטן — איז געווען זייער פאַרענטפערונג.

— איר האָט גורם געווען, אַז איר זאָלט פאַרלירן אייער „קאָפּ"[54] —

---

53) ניט ווי עס ווערט געזאָגט אין „בית רבי" (פרק ד), אַז „די המצאה האָט מצליח געווען און דער אַלטער רבי האָט זיך מיטבאַטייליקט מיט זיי" אין דורכפירן דעם חרם אויף די מתנגדים.

54) אין „בית רבי" (דאָרט) ווערט געזאָגט, אַז דער מעזריטשער מגיד האָט דערביי צוגעגעבן: „אָבער דאָס האָט איר ,מרוויח' געווען, אַז אין יעדער צייט ווען ס׳וועט זיין אַ מחלוקת צווישן חסידים און מנגדים וועלן די חסידים האָבן די אויבערהאַנט" („יד החסידים על העליונה"). זען וואָס הרב ר׳ שמואל קראַוס שרייבט אויספירלעך וועגן דעם אין „כפר חב"ד", גליון 502.

האָט דער רבי געזאָגט מיט באַדויערן. און לויט ווי חסידים דערציילן איז דאָס געווען די אורזאַך פון דעם מגיד׳ס פטירה וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ קורצער צייט אַרום — י״ט כסלו, תקל״ג אין אַניפּאָליע, וואו ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה.

דער קריג, וואָס איז געווען קעגן וואונטש פון דעם מגיד און ר׳ שניאור זלמן, איז אָבער אין די שפּעטערדיקע יאָרן דאָך אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אויפן אַלטן רבי׳ן.

ווילנע האָט געדונערט, די רדיפות אויף די חסידים האָבן זיך פאַרשטאַרקט, און פאַרשטאַרקט האָבן זיי זיך אַ דאַנק דעם, וואָס חסידות האָט דערגרייכט ממש צו דער שוועל פון ווילנער גאון אַליין.

צוויי פון זיינע פּאַקטישע תלמידים זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער נייער חסידישער תורה.

דאָס זיינען געווען דער דרשן ר׳ חיים, וועלכער איז געווען אַ מלמד פון דעם גאונ׳ס קינדער, און ר׳ איסר.

צוערשט האָבן זיי געהאַט באַהאַלטן זייערע נייע נייגונגען. מען האָט זיך אָבער דערפון דערוואוסט און ווען דאָס האָט זיך דערטראָגן צום גאון, ווערט דערציילט, אַז ער האָט דערקלערט, אַז לענגער קען ער שוין ניט אויסהאַלטן.

ר׳ חיים און ר׳ איסר זיינען געלייגט געוואָרן אין חרם און מען האָט זיי אין דער ווילנער שול איינגעטיילט מלקות. ביי דער שול האָט מען געברענט חסידישע ספרים און די צוויי פאַרזינדיקטע זיינען געצוואונגען געוואָרן זיך צו מודה זיין אויף זייערע זינד און מקבל זיין פאַרשידענע שטראָפן וואָס מען האָט פאַר זיי באַשטימט.

עס איז געווען אַ פּאַסירונג וואָס האָט אויפגערודערט ווילנע. די קעגנער פון חסידות זיינען געוואָרן קאַמפּס־לוסטיק, און די אָנהענגער האָבן אָנגעהויבן איינזען אַז זיי וועלן מוזן ענטפערן מיט מלחמה קעגן מלחמה.

פון דעמאָלט אָן און ווייטער איז שוין די מלחמה געווען אַן אָפענע און זי איז אָנגעפירט געוואָרן אין אַלע ווינקלעך פון ליטע און איבעראַל און אומעטום וואו עס האָבן זיך געפונען מתנגדים און חסידים.

מען האָט אָנגעהויבן לייגן די חסידים אין חרם. מען האָט פאַרבאָטן זיך מיט זיי מתחתן צו זיין און מען האָט זיי אָנגעהויבן באַטראַכטן ווי מענטשן וואָס שטייען מחוץ למחנה פון אידישן לעבן.

אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם האָט חסידות זיך שטענדיק געהאַלטן אין אויסשפּרייטן און אין געווינען נייע אָנהענגער.

און וואָס שטאַרקער די חסידים זיינען געוואָרן אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן דער ווידערשטאַנד. עס איז שוין אַפילו געקומען דערצו, אַז אין אייניקע פּלעצער זיינען די חסידים געוואָרן די אָנגרייפער.

דער זעלביקער ר׳ אביגדור, וועלכער האָט אַרויסגעזעצט ר׳ לוי יצחק׳ן פון זיין רבנות שטעלע, האָט זיך שפּעטער באַקלאָגט, אַז ער איז אַליין אַ נרדף פון די חסידים.

אין דער צייט וואָס די מלחמה האָט זיך געהאַלטן אין צעפלאַקערן איז ר׳ שניאור זלמן געווען פאַרנומען מיט לערנען און מיט צוגרייטן זיך פאַר דער גרויסער ראָלע וואָס איז פאַר אים באַשטימט געווען אַלס „דעראָבערער" פון ליטע פאַר חסידות.

זיין עניוות און זיין גרויסע התמדה האָבן אים פאַר אַ צייט צוריקגעהאַלטן פון אַרויסקומען אין פאָדערגרונט.

עס האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן קריסטאַליזירן דער געדאַנק, וואָס איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די עיקרים פון דער חב"ד־פילאָסאָפיע. דער צדיק האָט בכלל אַ גאַנץ אַנדער אויפגאַבע ווי די וואָס די אוקראַינער און פּוילישע חסידים האָבן באַשטימט פאַר זייערע צדיקים.

ניט דער צדיק קען טראָגן אויף זיך די וועלט און זיין דער וואָס דאַרף פאַר אַלעמען ברענגען אַ „תיקון", נאָר אַז ער קען בלויז זיין דער פאַרמיטלער אויפצוהויבן דאָס פאָלק צו זיך.

זיין הויפּט אויפגאַבע איז צו פאַרשפּרייטן תורה, ער דאַרף זיין אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע מיט זיינע מעשים. טאָן דאַרפן אַלע. לערנען דאַרף יעדער.

אָבער גראָד דאָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן צו זיין דער שטאַרקסטער און העפטיקסטער וואָפן קעגן די פאַרביסענע און פאַר־ביטערטע ליטווישע מתנגדים.

דער ענטפער פון ר׳ שניאור זלמן אויף זייער מלחמה איז ניט געווען אַ קעגן-מלחמה, נאָר תורה — די פאַרשפּרייטונג און די איינוואָרצלונג פון תורת חב״ד. און דאָס איז, ווי די צייט האָט באַוויזן, געווען דאָס ווירקזאַמסטע.

מיט דעם האָט דער אַלטער רבי ענדלעך באַזיגט ליטע. ער האָט פאַר דעם טייער באַצאָלט, ער האָט פיל געליטן. ער האָט אָבער זיינס דערגרייכט.

זיין תורה האָט ענדלעך אַריינגעדרונגען אין אַלע ווינקלעך פון דער מתנגדישער ליטע און אויב ניט אַלע זיינען דאָרט געווען חב״דניקעס, האָבן אָבער אַלע אָנגעהויבן קריגן גרויס רעספּעקט פאַר דער דאָזיקער שיטה אין חסידות און אירע פירער.

האָט דאָך דער ליטווישער מתנגד געמוזט זיך פילן אַנטוואָפנט, ווען ער האָט געזען פאַר זיך אַזוי פיל לומדות, אַזוי פיל חכמה, אַזוי פיל וויסן און טאַקע אַזוי פיל צדקות און איבערגעבנקייט צו תורה און אַלץ וואָס איז הייליק.

זיינען די וואָפנס אַוועקגעלייגט געוואָרן. שלום איז דערקלערט געוואָרן. חסידים און מתנגדים האָבן זיך צוריק אָנגעהויבן באַטראַכטן ווי ברידער, קינדער פון איין פאָלק. די פירער פון חב״ד און די פירער פון דער לומדישער ליטווישער התנגדות זיינען געוואָרן נאָענטע פריינט אין די שפּעטערדיקע יאָרן; אַ פריינדשאַפט וואָס האַלט אָן ביז היינט-צו-טאָג.

ר׳ שניאור זלמן האָט דעם ביישפּיל געצייגט — אַ ביישפּיל פון פרידלעכקייט, פון מאַרטירערטום.

שטיל און עניוותדיק האָט ער אָנגעהויבן בויען זיין גראַנדיעזן בנין פון חב״ד און אָנגעהויבן האָט ער עס אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל — אין ליאָזנע, מאָהילעווער גובערניע, וואוהין זיין טאַטע ר׳ ברוך האָט אים אַלס עופה׳לע געהאַט געבראַכט פון פאָזען[55].

נאָך זיין פאַרפאַלקאָמונג אין חסידות, גרויס אין נגלה און נסתר, האָט

---

55) ווי דערמאָנט פריער, האָט דער אַלטער רבי אַליין געשריבן אין זיין עדות-זאָגן פאַרן געריכט (צווישן די דערמאָנטע לעצטנס-פאַרעפנטלעכע געריכט-דאָקומענטן), אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין ליאָזנע.

ער זיך דאָרט אין ליאָזנע באַזעצט און פון דאָרט פאַנגט זיך אָן די וויקלעכע געשיכטע פון חב"ד.

ואף שאינם מכירים את הרבי הנ"ל כמו שאני הכרתי שבאו מוקירו מאוד ולא שמעתי ברשיונותם [illegible]
מכל מקום אומר שכך הוא הענין של בהשגותיהם על טהרת הלב וה' וברית [illegible]
והענין של הדרשות [illegible] רק כי [illegible]
[illegible] שאין רוצים להאריך בתפלה [illegible] והם [illegible]
[illegible] ויותר [illegible] מפני הקהל הם כי דבריהם [illegible]
וביותר [illegible] בהקבלה והבנה אשר [illegible] בספרי [illegible] רבים [illegible]
מספרי קבלה [illegible] והסבר [illegible] בספרי קבלה [illegible] אנשים
[illegible] והם [illegible] ומסכימים בדבר שבאמון ואינם רוצים [illegible]
על [illegible] דבר [illegible] בניהם [illegible] טוב [illegible]
אין לו שום תקיפות רק [illegible] הם [illegible] הקיסר ירה נם על בעניני
חרת [illegible] :
[illegible] חוקים [illegible] בניהם
[illegible] לו [illegible] כי הוחזקתי
[illegible] בעיני כל העמים והשרים [illegible]
[illegible] חסד הקיסר ירה ועשות שם באמינה רוסיא ובנה על.

דרישה וחקירה הנ"ל שלעבסטוועט

והנה מחמת כל הנ"ל נפלה עלי קנאה [illegible] אנשים קנאים
ונחפו על דברים [illegible] רבים [illegible] אשר [illegible] ידוע לכל מדינת
רוסיא ובפרט בליאזנע וויטעבסק אשר נתגדלתי שם [illegible] עד היום
הזה כי נולדתי בליאזנע והייתי שם עד שהייתי בן [illegible] שנה ונשאתי אשה
בוויטעבסק והייתי שם [illegible] שנים ואחר הייתי בבראדאן [illegible] שנים ועכשיו אני
בליאזנע [illegible] ידעו [illegible] ועם בני
[illegible] ולא [illegible] כי הובאתי [illegible]
[illegible] הדרשות שלי הנה נם אם אין לו שום נחת רוח [illegible]
כי אין נותנין לו [illegible] ואדרבה יש לו [illegible]
אך [illegible] ועשות [illegible] היודע [illegible]
שאינו יודע [illegible] הקיסר הרחמן ירה [illegible] היא [illegible]
ונשובו [illegible] לעשות דרישה וחקירה [illegible] רבים [illegible] דרשותי
[illegible] על כל [illegible] הקיסר ירה וכולם
[illegible] דרשותי רק על טהרת הלב וה' ובריות [illegible]
[illegible] רשות [illegible] בחסד הקיסר הרחמן ירה
[illegible] התפלה היא [illegible]
[illegible] עיקר התפלה [illegible]
[illegible] ישראל הנה כי ההוספה אינה [illegible]
התפלה [illegible] רבים בכל מדינה ובכל עיר ואפי' בעיר א' [illegible]
[illegible] שאין אומרים אותו [illegible] כמו [illegible]

# ח

## דער ווילנער גאון און דער אַלטער רבי

**דער פאַרזוך צוזאַמענצוברענגען ר' שניאור זלמנ'ען און דעם ווילנער גאון. — ר' שניאור זלמנ'ס נסיעה קיין ווילנע. — דער אַלטער רבי און זיין קעגנערשאַפט צווישן די חסידישע מנהיגים. — ווי זיין טאַכטער האָט זיך מקריב געווען פאַר אים. — דער פלאַן אַריינצוליגן דעם ווילנער גאון אין חרם און ווי ער איז צעשטערט געוואָרן.**

וואָס טיפער חסידות האָט זיך איינגעוואָרצלט אין ליטע, אַלץ ביטערער איז געוואָרן די מלחמה מצד די מתנגדים. אָבער ר' שניאור זלמן האָט געהאַט קעגן זיך ניט בלויז מתנגדים, נאָר אויך חסידים.

פיל פון די אוקראַאינישע און פוילישע חסידישע מנהיגים האָבן אָנגעהויבן אַרויסווייזן קעגנערשאַפט צו אים. זיין נייע ווענדונג אין חסידות — די תורה פון חב"ד — און זיין אייגנאַרטיקער וועג ווי צו באַפעסטיקן חסידות אין ליטע, האָט אַרויסגערופן אומצופרידנקייט ביי פיל חסידישע מנהיגים.

ר' שניאור זלמן האָט זיך אויך אַנטזאָגט צו ענטפערן די מתנגדים מיט קריג קעגן קריג און פיל פון די אוקראַאינישע און פוילישע חסידישע פירער האָבן געוואָלט דווקא קריג.

ווערט דערציילט[56], אַז ר' שלמה קאַרלינער איז אַמאָל געקומען ספּעציעל קיין ליאָזנע אויסווירקן ביי ר' שניאור זלמנ'ען, אַז ער זאָל צושטימען צו דעם וואָס פיל פון די אַנדערע חסידישע מנהיגים האָבן געוואָלט און דאָס איז — אַריינלייגן אין חרם דעם ווילנער גאון.

דער ווילנער גאון איז שוין געווען די צענטראַלע פיגור אין דעם קאַמף קעגן חסידות. מיט זיין דירעקטער אָדער אומדירעקטער צושטימונג האָט

---

56) זען אויך „לקוטי דיבורים", צווייטער באַנד, ז' רנו און ווייטער.

מען פאַרפאָלגט די חסידים פון יענער צייט. האָבן פיל געוואָלט אָנווענדן דעם וואָפן פון חרם קעגן דעם גאון אַליין.

ר' שניאור זלמן האָט זיך אָבער פון דעם אַנטזאָגט. ער האָט דערקלערט ר' שלמה קאַרלינער, אַז דאָס איז אַ שרעקלעכע זאַך צו טאָן צו אַזאַ גדול ווי דער ווילנער גאון.

פאַרוואָס ר' שלמה קאַרלינער איז געשיקט געוואָרן צו ר' שניאור זלמנ'ען און פאַרוואָס אָן ר' שניאור זלמנ'ען האָט מען זיך געפילט מאַכטלאָז צו נעמען אַזאַ שריט — ווערט דערציילט אַזאַ מעשה:

די אוקראַינער און פוילישע חסידישע צדיקים האָבן געפילט, אַז זיי האָבן ניט קיין אַנדער אויסוועג. זיי האָבן געמיינט אַז נאָר מיט אַ חרם אויפן ווילנער גאון וועט די מלחמה, וועלכע האָט זיך צעפלאַקערט אין דער אידישער וועלט, איינגעשטילט ווערן.

האָבן זיי אָבער ניט געוואָלט טאָן אַזאַ זאַך סיידן זיי האָבן די צושטימונג דערצו פון הימל. פון הימל האָט מען זיי אָבער געענטפערט, אַז צו טאָן אַזאַ זאַך מוזן זיי האָבן צווישן זיך איינעם וואָס זאָל קענען לערנען אַזוי פיל ווי דער ווילנער גאון. אַזאַ איינער איז געווען ר' שניאור זלמן און זיי האָבן דערפאַר געוואָלט האָבן זיין צושטימונג.

ווען ר' שלמה קאַרלינער איז געקומען צו ר' שניאור זלמנ'ען און אים פאַרגעלייגט דעם פלאַן, האָט דער אַלטער רבי זיך אָנגעשפאַרט אויף דער האַנט, זיך פאַר'דבק'עט און זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

דערביי ווערט צוגעגעבן, אַז דער מעזריטשער מגיד, וועלכער האָט נאָך ביי זיין לעבן אַרויסגעזאָגט זיין קעגנערשאַפט צו חרמות קעגן די מתנגדים, האָט זיך דעמאָלט באַוויזן צו ר' שניאור זלמנ'ען און אים געהייסן טאָן דאָס אויף וואָס ער אַליין איז שוין געווען אַנטשלאָסן — זיך אָפּצוזאָגן פון צושטיין צו די אַנדערע חסידישע פירער וואָס האָבן געוואָלט מחרים זיין דעם ווילנער גאון.

און ר' שניאור זלמנ'ס אַנטשיידענער ענטפער איז דעמאָלט געקומען: ער וועט ניט מיטהעלפן אין אַזאַ זאַך. און אָן אים האָבן די אַנדערע גאָרניט געקענט טאָן.

דאָס האָט ר' שלמה קאַרלינער שטאַרק אויפגעבראַכט קעגן דעם אַלטן

רבי'ן און ער האָט זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט: „אויב אַזוי, האָט איר מיט אונז קיין שייכות ניט"...

פון דעם איז אַרויסגעקומען דאָס וואָס מען האָט דעמאָלט באַטראַכט אַלס אַ צייטווייליקע שפּאַלטונג אין די חסידישע רייען.

די חסידישע וועלט האָט שיער ניט געהאַלטן ביים צעברעקלט ווערן און ר' שניאור זלמן האָט געפילט די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אָנפירן דעם קריג, אויף זיין אייגענעם שטייגער, קעגן די מתנגדים. און אין דער זעלבער צייט ניט צו דערלאָזן צו אַ צעברעקלונג אין זיין אייגענעם לאַגער.

אַ ווייט־פאַרשפּרייטע מעשה ווערט בשייכות דערמיט דערציילט, אַז ר' שניאור זלמן איז אַלס רעזולטאַט פון דעם קראַנק געוואָרן. מען האָט דערפילט אַז זיינע טעג זיינען געציילטע.

נאָך אַזאַ אויסגעשפּראָכענער קעגנערשאַפט צו אים מצד אַזוינע צדיקים ווי ר' שלמה קאַרלינער, האָט דער אַלטער רבי עס מער ניט געקענט איבערלעבן.

ר' שניאור זלמן האָט געפילט, אַז זיין סוף איז געקומען, און ער האָט געשיקט קוויטלעך צו ר' לוי יצחק בערדיטשעווער און ר' נחום טשערנאָבילער. אפשר וועלן זיי אים העלפן און וועלן מיט זייער ברכה גוטמאַכן דעם ריס וואָס איז געקומען אין דער ביז־דעמאָלטיקער חסידישער גאַנצקייט.

דערווייל איז אָבער דער אַלטער רבי געלעגן קראַנק און זיין צושטאַנד איז געוואָרן קריטישער פון טאָג צו טאָג[57]. עס איז געווען ראש השנה און דער אַלטער רבי האָט מער ניט געקענט אַרויס פון בעט.

ר' שניאור זלמנ'ס טאָכטער, דבורה לאה, אַ גרויסע צדיקת, די מוטער פון דעם צמח־צדק, האָט דערזען דעם קריטישן צושטאַנד פון איר גרויסן טאַטן און זי האָט אַלץ גענומען אויף זיך — זי האָט זיך דערקלערט אַלס קרבן פאַר איר טאַטן...

57) אין „לקוטי דבורים" (פערטער באַנד, ז' תרסו א"וו) דערציילט כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ באריכות און מיט אַ סך פּרטים דעם גאַנצן סיפור ווי אַזוי די טאָכטער האָט זיך מוסר נפש געווען פאַרן לעבן פון אַלטן רבי'ן, פאַר תורת החסידות. דאָרט ווערט אָבער ניט דערמאָנט, אַז דער אַלטער רבי איז דאַן געוואָרן קריטיש קראַנק אא"וו.

אויף מאָרגן נאָך ראש השנה איז דבורה לאה נפטר געוואָרן און ר׳ שניאור זלמן האָט אָנגעהויבן צוריקגעווינען די כוחות. ער איז געזונט געוואָרן, ווייטער פאָרצוזעצן זיין קאַמף קעגן די מתנגדים; אָבער ניט דורך חרמות, נאָר דורך פאַרשפּרייטן זיין אייגענע תורה פון חב״ד.

אויף ווי ווייט ר׳ שניאור זלמנ׳ס מיטלען זינען געווען פרידלעך און וואָס זיין באַציאונג איז געווען צום ווילנער גאון, קענען צייגן די פאָלגנדיקע מעשיות וואָס דער ליובאַוויטשער רבי (דער רבי ריי״צ) דערציילט*[57]:

ווען ר׳ שניאור זלמן איז אַן ערב יום כפור צוריקגעקומען פון איינער פון די אסיפות וואָס די חסידישע מנהיגים האָבן אָפּגעהאַלטן אין וואָלין, האָבן זיך זיינע תלמידים אַרומגעקליבן אַרום אים פאַר זיין ערב־יום־כיפור׳דיקער ברכה.

די מלחמה מצד די מתנגדים איז דעמאָלט געווען אין רעכטן ברען און די חסידישע הערצער זיינען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט.

— רבי, זאָגט עפּעס וועגן דעם ווילנער גאון — האָבן זיך די תלמידים צו אים געוואָנדן, דערוואַרטנדיק, אַז דער אַלטער רבי זאָל אַרויס מיט אַ שאַרף וואָרט קעגן אים און ערב יום כפור קען נאָך אַזאַ וואָרט האָבן די געהעריקע ווירקונג.

— איך בענטש אים — האָט דער רבי געזאָגט — אַז זיינע אייניקלעך זאָלן זיין חסידים...

קיין שאַרפערן וואָרט האָט דער אַלטער רבי ניט געהאַט פאַרן ווילנער גאון.

די דאָזיקע מעשה האָט שפּעטער דערציילט דעם ווילנער גאונ׳ס אַן אייניקל, צום צמח־צדק, דעם אַלטן רבינ׳ס אַן אייניקל. וואָס איז ניט נאָר געווען שטאַרק אויפגעטראָגן מיטן צמח־צדק, נאָר איז אויך געוואָרן זיינער אַ פייערדיקער חסיד.

— ר׳ שניאור זלמן האָט אַוודאי מיר געמוזט האָבן אין זינען — האָט ער פאַרענדיקט די מעשה — דעם רבינ׳ס ברכה איז מקוים געוואָרן. דעם ווילנער גאונ׳ס אייניקל איז געוואָרן אַ חסיד.

---

*57) דער דאָזיקער סיפור ווערט דערציילט אין „ספורי חסידים — תורה״ ז׳ 34 אויף אַן אַנדער אופן.

ר׳ שניאור זלמן איז אויך גרייט געווען אויף שלום מיטן ווילנער גאון און ער האָט דעם דאָזיקן שלום געוואָלט דערגרייכן דורך דעם וואָס ער האָט געוואָלט זיך צוזאַמענקומען מיטן ווילנער גאון און מיט אים זיך דורכריידן אויג אויף אויג.

ר׳ מאיר רפאל׳ס, איינער פון די ראשי הקהל אין ווילנע און אַ נאָענטער פריינד פון ווילנער גאון און גלייכצייטיק אויך אַ חסיד פון אַלטן רבי׳ן, האָט זיך שטאַרק משתדל געווען, אַז די צוויי פירער זאָלן זיך צוזאַמענקומען.

ר׳ משה מייזליש און אייניקע אַנדערע ווילנער לומדים, וואָס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער נייער תורת חב״ד, האָבן ר׳ מאיר רפאל׳ס מיטגעהאָלפן.

ר׳ שניאור זלמן האָט גלייך איינגעוויליקט זיך צוזאַמענצוקומען מיטן ווילנער גאון. ער האָט אַפילו איינגעשטימט אַז דער צוזאַמענקונפט זאָל זיין אין ווילנע. ער איז געווען גרייט צו קומען קיין ווילנע און אויפגענומען ווערן פון גאון, אויב יענער וועט נאָר זיין מרוצה אויף דעם.

ר׳ מאיר רפאל׳ס האָט שוין געהאַט גע׳פועלט ביים ווילנער גאון, אַז ער זאָל אויפנעמען ר׳ שניאור זלמנ׳ען. אַלץ איז געווען צוגעגרייט פאַרן צוזאַמענקונפט.

גרויסע האָפענונגען זיינען געלייגט געוואָרן אויפן דאָזיקן צוזאַמענקום. געוויס וועלן די צוויי גרויסע גייסטער קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג און צו אַן אויסגלייך. דער שלום וועט צוריקגעשטעלט ווערן אין אידישן לאַגער.

די פאָרבאַרייטונגען פאַרן צוזאַמענקום האָבן אָבער געמוזט געהאַלטן ווערן בסוד. ערשטנס, זיינען געווען אַ סך ביטערע קעגנער און איידער וואָס־ווען קענען נאָך אַלע פּלענער צעשטערט ווערן.

עס האָט אויך געמוזט געהאַלטן ווערן בסוד ר׳ שניאור זלמנ׳ס קומען קיין ווילנע.

דאָס אַרונטערברענגען דעם הויפּט פון די חסידים אין ווילנע גופא האָט דאָך געקענט ווירקן ווי אויל אויפן פייער און ווער ווייס מיט וואָס דאָס האָט זיך געקענט ענדיקן.

די הערצער זיינען געווען צעפלאַקערט. די לופט איז געווען געלאַדן מיט האָפענונג.

ווי ווייט ערנסט אַזאַ באַזוך אין ווילנע האָט געקענט זיין, איז געווען צו זען פון דעם וואָס עס האָט פאַסירט ווען דער אַלטער רבי איז אָנגעקומען אין שווינציאַן, אַ שטעטל ניט ווייט פון ווילנע.

חסידים האָבן פרובירט האַלטן בסוד ר׳ שניאור זלמנ׳ס נסיעה קיין ווילנע; בלויז יחידי סגולה האָבן געוואוסט פון דעם.

ווען ר׳ שניאור זלמן איז אָנגעקומען אין שווינציאַן, וואו עס זיינען נאָר געווען געציילטע חסידים, האָט דער אַלטער רבי זיך ממש געדאַרפט אויסבאַהאַלטן. מען האָט זיך אָבער אין שטעטל באַלד דערוואוסט, אַז ער איז דאָרט און מתנגדים האָבן זיך אָנגעהויבן בונטעווען.

דאָס הויז, וואו דער אַלטער רבי האָט זיך געפונען, איז אַרומגערינגלט געוואָרן פון מתנגדים און דער צדיק וואָלט נאָך אַוודאי באַפאַלן און אַטאַקירט געוואָרן.

אַ דאַנק דער „סטראַטעגיע" מצד די חסידים איז דער צדיק שנעל אַוועק פון הויז און האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ צווייט הויז. ער האָט אויך באַלד פאַרלאָזן דאָס שטעטל און די מתנגדישע געמיטער זיינען איינגעשטילט געוואָרן.

די דערפאַרונג אין שווינציאַן האָט אָבער דעם אַלטן רבי׳ן ניט אַנטמוטיקט. ער האָט ווייטער פאָרגעזעצט דעם וועג קיין ווילנע.

זאָל דער וועג זיין אַ ריזיקאַלישער; דער ציל איז אָבער געווען אַזאַ גרויסער און וויכטיקער. ער איז געווען גרייט איינצושטעלן מיט אַלץ, אַבי שאַפן שלום אין דער אידישער וועלט.

ר׳ שניאור זלמן איז שוין געווען אין ווילנע. אין אַ גרעסערער שטאָט איז געווען לייכטער צו האַלטן זיין אָנוועזנהייט בסוד.

ר׳ מאיר רפאל׳ס און די אַנדערע חסידישע מנהיגים פון ווילנע האָבן זיך באַלד געשטעלט אין פאַרבינדונג מיטן גאון.

ר׳ שניאור זלמן איז געווען אין שטאָט. דער גאון האָט בלויז געדאַרפט זאָגן דאָס וואָרט און דער פירער און באַגרינדער פון חב״ד וואָלט צו אים געקומען.

אָבער גראַדע דעמאָלט האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ שטאַרקער „קטרוג״ מצד געוויסע פייערדיקע מתנגדים וועלכע זיינען געווען די מייעצים פון גאון.

— דער גאון טאָר בשום אופן ניט איינשטימען זיך צו זען מיט ר׳ שניאור זלמנ׳ען — האָבן זיי גע׳טענה׳ט — עס וואָלט בלויז געצייגט זיין שוואַכקייט. עס וואָלט אָנגענומען געוואָרן ווי אַ באַווייז, אַז דער גאון איז נאָך אין ספק צי זיין קעגנערשאַפט צו חסידות איז אַ גערעכטע. ער מוז זיך קאַטעגאָריש אַנטזאָגן פון אַ באַגעגעניש מיט ר׳ שניאור זלמנ׳ען. דער קריג מוז אָנגעפירט ווערן ביזן ביטערן סוף.

די דאָזיקע ווערטער האָבן געהאַט אַ ווירקונג. אין דער לעצטער מינוט האָט דער גאון חרטה געהאַט. ער האָט זיך אַנטזאָגט אויפצונעמען ר׳ שניאור זלמנ׳ען.

ר׳ שניאור זלמן איז אַוועקגעפאָרן פון ווילנע מיט ליידיקן[58].

---

58) פון דעם גאַנצן המשך הסיפור דאָ איז משמע: א) אַז דער אַלטער רבי איז געפאָרן צום וויכוח (מיטן גר״א) אַליין, ניט מיט נאָך עמעצן: ב) אַז דאָס איז געווען אין דער תקופה פון אַלטן רבינ׳ס ברייט־פאַרנעמיקער נשיאות; ג) אַז די הויפט־סיבה דערפון, וואָס דער וויכוח מיטן ווילנער גאון איז ניט צושטאַנד־געקומען, איז געווען די שאַרפע, פאַרביסענע קעגנערשאַפט פון די „פייערדיקע״ מתנגדים אַרום דעם גר״א, בעת ער אַליין איז געווען כמעט וויליק דערצו.

אָבער אין דער דערמאָנטער אגרת (ריג*) צייכנט־צו כ״ק אדמו״ר שליט״א צום אַלטן רבינ׳ס בריוו פון יאָר תקנ״ז (געדרוקט אין „בית רבי״ קאַפּ׳ יב), פון וועלכן ס׳איז קלאָר, אַז „ער איז געפאָרן קיין ווילנע צוזאַמען מיט רבי מנחם־מענדל וויטעבסקער (און ניט נאָכדעם) — און אויב אַזוי איז דאָס געווען פאַר דעם יאָר תקל״ח (איידער רבי מנחם מענדל איז אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל) — און אַז דער ווילנער גאון האָט זיך ניט געוואָלט זען מיט זיי״ (אין אידיש. איבערז.).

אין דעם אַלטן רבינ׳ס בריוו ווערט בפירוש געזאָגט, אַז די „גדולי העיר״ פון ווילנע האָבן זיך באַמיט צו פועל זיין ביים גר״א אַ הסכם צו דער באַגעגעניש און בלויז דער גר״א האָט זיך אַנטזאָגט און האָט „פאַר אונז צוויי מאָל פאַרשלאָסן די טיר״ — פאַרקערט ווי דאָ דערציילט.

אין אגרת שיא (פון „אגרות קודש — אדמו״ר שליט״א״) צייכנט צו דער רבי שליט״א צו „התמים״ (חלק ב, ז׳ נ), וואו עס ווערט דערציילט, אַז דער אַלטער רבי „איז געווען אין ווילנע שטילערהייט אין די יאָרן (צווישן) תקל״ג (און) תקל״ו — אויסער דעם, וואָס ער איז דאָרט געווען צוזאַמען מיט ר׳ מענדעלע האָראָדאָקער, אָפענערהייט״. דאָרט אין „התמים״ דערציילט כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ נ״ע (צוו. אַנד. — אין איד. איבערז.):

„אַרום זעקס וואָכן איז דער אַלטער רבי געזעסן שטילערהייט אין ווילנע: ער פלעגט

אַזוי ווי זיין אָנקומען אין ווילנע איז געווען בסוד, האָבן ר׳ מאיר רפאל׳ס און אַנדערע יחידי סגולה, וואָס האָבן געוואוסט פון זיין קומען אין ווילנע, וועגן דעם מער ניט גערעדט. זיי האָבן ניט געוואָלט צייגן, אַז זייער רבי איז אַזוי שלעכט באַהאַנדלט געוואָרן. זיי האָבן געפילט אַז דאָס וואָלט פאַר ר׳ שניאור זלמנ׳ען געווען אַ פחיתת הכבוד.

פון דעמאָלט אָן און ווייטער האָט מען שוין געוואוסט, אַז דער קריג מוז אויסגעפאָכטן ווערן ביזן סאַמע סוף. קיין שלום איז ניט געווען מעגלעך ביז די געמיטער פוןביידע צדדים וועלן איינגעשטילט ווערן. און דאָס איז געשען ערשט אַ צייט שפּעטער, נאָך די צוויי אַרעסטן פון אַלטן רבי׳ן.

---

וואָנדערן פון בית־מדרש צו בית־מדרש, ווי אַ פאַרבייגייענדיקער אורח און פלעגט עסן נאָר ברויט און וואַסער אפילו שבת קודש . . . דער אַלטער רבי האָט געזאָגט, אַז אין משך פון זיין זיצן אין ווילנע האָט ער זיך מפלפל געווען אין לערנען מיט אַלע גדולי תורה, (אָבער) מיטן גר״א האָט ער מורא געהאַט צו מפלפל זיין, טאָמער וועט ער אים דערקענען . . .״

דערפון איז קענטיק, אַז דער דאָ־דערציילטער באַזוך פון אַלטן רבי׳ן אין ווילנע איז ניט דער זעלבער וואָס ער האָט אונטערגענומען מיט ר׳ מנחם מענדל וויטעבסקער פאַר תקל״ח. די דאָ־געשילדערטע פרטים פונעם באַזוך זיינען אויך ניט אינגאַנצן איינשטימיק מיט דעם אופן פון זיין שטילן באַזוך פון תקל״ג־תקל״ו, ווי אויבן ציטירט.

עס לייגט זיך אויך ניט אויפן שכל, אַז ס׳איז געווען אַ דריטער באַזוך. און אויסער דעם — ווען איז ער פאָרגעקומען? אין זיין דערמאָנטן בריוו פון תקנ״ז צו אנ״ש פון ווילנע (וועלכע האָבן געבעטן אַז דער אַלטער רבי זאָל קומען צו אַ וויכוח מיטן גר״א אין ווילנע) שרייבט דער אַלטער רבי (אין איד. איבערז.): „וואָס זאָלן מיר נאָך טאָן וואָס מיר האָבן ניט געטאָן און מיר האָבן אַזויפיל מטריח געווען און ס׳איז אונז ניט געראָטן, זיינען מיר ,נקיים מה׳ ומישראל׳!״ — האָט ניט קיין אָרט אָנצונעמען, אַז נאָך אָט־דעם אָפּזאָג אין בריוו האָט דער אַלטער רבי יאָ „נאָכגעגעבן״ די ווילנער חסידים און געפאָרן קיין ווילנע, ווי דאָ דערציילט.

פון דעם איז אויך גוט קענטיק, אַז פון זינט דעם באַזוך אין ווילנע פון פאַר תקל״ח (צוזאַמען מיט רמ״מ וויטעבסקער) ביז תקנ״ז איז דער אַלטער רבי ניט געפאָרן קיין ווילנע. אגב, איז צו דרינגען פון אַלטן רבינ׳ס לשון „כידוע לזקני עירם״ (ווי ס׳איז באַוואוסט די מעשה, אַז דער גר״א איז אָפּגעפאָרן פון ווילנע ביז רמ״מ און דער אַלטער רבי האָבן פאַרלאָזט ווילנע), אַז דאָס האָט געמוזט פאָרקומען היפּשע יאָרן פריער, אַפילו פאַר תקל״ח, וויבאַלד דאָס קענען געדענקען די „זקנים״ פון שטאָט. בלייבט ניט קלאָר ווי עס שטימען די מקורים וועגן אַלטן רבינ׳ס באַזוך (אָדער באַזוכן) אין ווילנע.

## ט

# ר׳ שניאור זלמנ׳ס אַרעסט

**דעם ווילנער גאונ׳ס פטירה און די בלוטיקע מלחמה וואָס האָט זיך דערנאָך צעפלאַקערט צווישן חסידים און מתנגדים. — דער איבערפאַל אויף די חסידים אין ווילנע. — דער „תניא" און ווי ער איז געדרוקט געוואָרן. — די מסירה אויפן אַלטן רבי׳ן און זיינע חסידים. — ר׳ שניאור זלמן אַנטזאָגט זיך צו אַנטלויפן פון ליאָזנע און בלייבט וואַרטן אַז מען זאָל אים קומען אַרעסטירן.**

אַ משך פון צענדליקער יאָרן האָט אָנגעהאַלטן די מלחמה צווישן די מתנגדים און חסידים און וואָס ווייטער איז די מלחמה געוואָרן ביטערער און אַפילו בלוטיקער. וואָרום עס האָט אין דער דאָזיקער מלחמה ניט געפעלט קיין שפיכת דמים, אַזוי פאַרביטערט זיינען ביידע צדדים געווען איינע קעגן די אַנדערע.

אַמשטאַרקסטן האָט זיך דער ברודער־קריג צעפלאַקערט נאָכן טויט פון דעם ווילנער גאון — י״ט תשרי אין יאָר תקנ״ח.

נאָך מיט אַ יאָר פאַרן גאונ׳ס פטירה האָט זיך שוין דער קריג אָנגעהויבן קאָנצענטרירן אַרום דעם אַלטן רבי׳ן, ר׳ שניאור זלמנ׳ען אַליין. דאָס איז געווען דעמאָלט ווען עס איז צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן זיין ספר „לקוטי אמרים" באַקאַנט אַלס דער „תניא" — אַ ספר וואָס האָט געשפּילט די גרעסטע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג און דער פאַרשפּרייטונג פון חסידות, באַזונדער פון חסידות חב״ד.

יאָרן־לאַנג איז דער דאָזיקער ספר פאַרשפּרייט געוואָרן איבער ליטע אין „קונטרסים", העפטן, וועלכע זיינען געווען געשריבן מיט דער האַנט. ספּעציעלע סופרים זיינען געזעסן אין ליאָזנע, וועלכע פלעגן איבערשרייבן די איינצלנע מאמרים פון דעם אַלטן רבי׳ן און זיי צעשיקן בכל תפוצות ישראל.

די דאָזיקע מאמרים פלעגן מיט דער גרעסטער התמדה געלערנט ווערן פון חסידים. מתנגדים האָבן אין זיי אויך אַריינגעקוקט. מאַנכע פלעגן פון זיי אָפט פאַרכאַפּט ווערן און ווערן פייערדיקע חסידים. אַנדערע פלעגן אָבער נאָר אין זיי זוכן און טאַקע געפינען אורזאַכן פאַרוואָס זיך צו טשעפּען צו ר׳ שניאור זלמנ׳ען און זיינע נאָכפאָלגער.

די קונטרסים פלעגן פאַרשפּרייט ווערן אָן דעם רבינ׳ס נאָמען. אויך די „לקוטי אמרים״, ווי זיי זיינען צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן, האָבן ניט געהאַט דעם אַלטן רבינ׳ס נאָמען. דאָס איז וואַרשיינלעך געווען דערפאַר, וואָס ר׳ שניאור זלמן האָט ניט געוואָלט, אַז מען זאָל זיין תורה אָננעמען דערפאַר וואָס דאָס קומט פון אַזאַ גרויסער אויטאָריטעט ווי ער. נאָר דערפאַר וואָס די לאָגיק פון זיין תורה און די טיפקייט אירע דאַרפן אַליין זיין איבערצייגנדיק, אַז זי זאָל אָנגענומען ווערן.

צוליב עניוות וואָלט ער אפשר אין גאַנצן ניט געוואָלט אַז דער ספר זאָל געדרוקט ווערן. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז געוויסע געשריבענע קונטרסים זיינען איינפאַך געפעלשט געוואָרן פון פרעמדע און בייזוויליקע מענטשן. אַריינפאַלנדיק צו מתנגדים אין די הענט, האָט מען צו זיי צוגעשריבן זאַכן וואָס זיינען פון דעם אַלטן רבי׳ן קיינמאָל ניט געזאָגט געוואָרן. די פעלשער האָבן עס געטאָן נאָר דערפאַר כדי עס זאָל זיין פאַרוואָס זיך צו טשעפּען צום אַלטן רבי׳ן.

דערפאַר האָט ר׳ שניאור זלמן ענדלעך איינגעזען די נויטווענדיקייט אָפּצודרוקן זיינע מאמרים אין אַ ספר, זאָל מער קיין מעגלעכקייט ניט זיין פאַר פעלשונגען.

אָבער דער געדרוקטער ספר איז צווישן די פאַר׳עקשנ׳טע מתנגדים ניט אויפגענומען געוואָרן פריינטלעכער ווי די געשריבענע קונטרסים.

דער ווילנער גאון אַליין איז געוואָרן נאָך שטאַרקער ווי פריער פאַרביטערט קעגן די חסידים, נאָכדעם ווי ער האָט געזען ר׳ שניאור זלמנ׳ס ספר.

די צעטיילונג אין אידישן לאַגער איז געווען אַ פולקאָמענע. דער גאון איז אַרויס מיט אַ חרם אויף די חסידים. די מתנגדים פון שקלאָוו זיינען אַרויס מיט אַ „קול קורא״ אין וועלכן זיי האָבן איינפאַך גערופן צו אַ בלוטיקן קאַמף קעגן די חסידים.

אין מאָהילעוו האָבן די פּני פון שטאָט געהאַט אַן אסיפה און באַשלאָסן אַרויסצורופן ר' שניאור זלמן פון ליאָזנע און פאָדערן פון אים אַ דערקלערונג וועגן זיינע מעשים.

ר' שניאור זלמן האָט זיך אָבער אַנטזאָגט צו קומען. דער חסידישער פירער האָט געוואוסט אַז די מתנגדים האָבן אים שוין פאַר'משפט אונטער די אויגן און עס וואָלט געווען נוצלאָז צו קומען פאַר זיי זיך צו רעכטפאַרטיקן. ער האָט די בעלי בתים פון מאָהילעוו געענטפערט מיט אַ בריוו*[58], אין וועלכן ער מאַכט קלאָר זיינע טעמים פאַרוואָס ער זאָגט זיך אָפּ צו קומען.

דאָס האָט אַרויסגערופן נאָך מער ביטערקייט צווישן די מתנגדים קעגן ר' שניאור זלמנ'ען און ווען, שפּעטער, ביים גאונ'ס לוי' זיינען פאָרגעקומען טרויעריקע אינצידענטן, איז דער פייער פון קריג שוין געווען אַזוי צעפלאַקערט אַז קיין מענטשלעכע קראַפט האָט אים ניט געקענט איינלעשן.

אין דער צייט וואָס גאַנץ ווילנע האָט זיך באַטייליקט אין דער לוי' פון גאון, זיינען געווען חסידים וואָס האָבן דעמאָלט געמאַכט אַ שמחה'דיקע מסיבה. דער טויט פון גרעסטן קעגנער פון חסידות איז פון זיי אויפגענומען געוואָרן מיט פרייד.

די נייעס אַז חסידים האָבן זיך פאַרקליבן אין זייער שטיבל און זיינען זיך דאָרט משמח, האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די מתנגדים, וועמעס הערצער זיינען געווען שטאַרק פאַרביטערט צוליב דער פּטירה פון דעם גאון. דאָס האָט געווירקט ווי אויל אויפן פייער.

אויפן בית עולם, ביים אָפענעם קבר פון דעם גאון, זיינען צווישן די פאַרזאַמלטע געווען אייניקע פון די חסידישע פירער, אַזוינע ווי ר' מאיר רפאל'ס און ר' משה מייזליש און אַנדערע, וועלכע זיינען אויך געווען פריינט פון דעם גאון.

עס ווערט דערציילט, אַז ר' מאיר רפאל'ס זון, וועלכער איז געווען אַ פייערדיקער חסיד ווי זיין טאַטע, אָבער מיט ווייניקער טאַקט און איינגע־האַלטנקייט, האָט אויפן בית עולם ניט געקענט באַהאַלטן זיין גרינגשעצונג

---

*58) זען „אגרות קודש — אדמו"ר הזקן" ערשטער חלק ז' יד.

פון גרויסן נפטר און געמאַכט אַ ניט־בכבודיקע באַמערקונג וועגן דעם גאון.

דאָס איז אויפגעכאַפּט געוואָרן פון די וואָס זיינען דאָרט געווען פאַר־זאַמלט און באַלד האָט זיך דער עולם אויף אים אַרויפגעוואָרפן מיט צאָרן. לויט ווי די מעשה גייט, האָט מען דעם יונגנמאַן דער׳הרג׳ט אויפן אָרט.

שפּעטער האָבן פאַרביטערטע מתנגדים געמאַכט אַווירקלעכן פּאָגראָם אויף ר׳ מאיר רפאל׳ס הויז. זיין גאַנצער פאַרמעגן איז פאַרניכטעט געוואָרן, דאָס אייגענע האָט מען געטאָן מיט אַנדערע חסידישע פירער פון ווילנע.

מען איז אויך באַפאַלן דאָס חסידישע שטיבל און געשלאָגן מכות רצח די יעניקע וואָס מען האָט דאָרט געפונען.

פון ווילנע האָט זיך דער קאַמף צעשפּרייט איבער גאַנץ ליטע. און אין יעדער שטאָט און שטעטל זיינען פאָרגעקומען ביטערע געשלעגן. מען האָט געצונדן הייזער, געשפּאָלטן קעפּ. עס איז געוואָרן אַ ווירקלעכער חורבן.

ר׳ שניאור זלמן האָט אַרויסגעשיקט אַ בריוו צו די חסידים[59], אויפפאָדערנדיק זיי זיך צו האַלטן פרידלעך און ריידן מיט מער רעספּעקט און יראת הכבוד וועגן פאַרשטאָרבענעם גאון. אין זיין בריוו האָט ער שטאַרק געלויבט דעם גאון און געזאָגט, אַז זיין פּטירה איז אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר אידן.

אָבער אַפילו ר׳ שניאור זלמן אַליין האָט שוין ניט געקענט ווירקן. עס איז מער ניט געווען קיין פראַגע פון שלום מצד די חסידים. די צאָל פון די חסידים איז שוין געווען צו גרויס, אַז די מתנגדים זאָלן זיי קענען גובר זיין. ווען די מתנגדים האָבן זיי אַטאַקירט, האָבן די חסידים געענטפערט מיט אַ קאָנטער־אַטאַקע און דער קריג איז געווען אין פולן גאַנג.

אָבער אויב פריער איז דער דאָזיקער קריג געווען אין גאַנצן אַן אינערלעכע אידישע אָנגעלעגנהייט, איז ער באַלד אויך אַרויסגעטראָגן געוואָרן אין דרויסן.

מתנגדים האָבן זיך גענומען צו מסירה און דאָס האָט געפירט דערצו אַז ר׳ שניאור זלמן זאָל אַרעסטירט ווערן.

---

59) דערמאָנט אין „אגרות קודש — אדמו״ר הזקן״ ערשטער חלק ז׳ קא.

יעקאַטערינאַ (די קעניגין פון רוסלאַנד) איז געווען טויט, און פּאַוועל איז אַרויף אויפן רוסישן טראָן. די לאַגע אין פּוילן און אין ליטע איז געווען אַזאַ אַז דער מינדסטער שאָרך און טומל איז אין פּעטערבורג אויפגענומען געוואָרן מיט פאַרדאַכט: אפשר איז עס אַ פאַרשווערונג קעגן דער מלוכה? אפשר איז עס אַ בונט, וואָס דאַרף אונטערדריקט ווערן מיט אַן אייזערנער האַנט?

פאַרשטייט זיך, אַז ווען מען האָט מיט אַמאָל דערטראָגן צו דער רעגירונג, אַז די חסידים זיינען פאַררעטערישע עלעמענטן און גייען רחמנא ליצלן קעגן גאָט און קעגן דעם קיסר, האָט מען עס אויפגענומען ערנסט אין פּעטערבורג.

צוויי מאָל איז ר׳ שניאור זלמן געווען אַרעסטירט. דאָס ערשטע מאָל איז זיין אַרעסט פאָרגעקומען אין תשרי אין יאָר תקנ״ט.

דער דאָזיקער אַרעסט איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון אַ מסירה אויף וועלכער עס איז געווען אונטערגעשריבן „הירש דאַווידאָוויטש״[60]. ס׳ווערט

---

60) אין „בית רבי״ (און אַנדערע מקורים) ווערט איבערהויפּט ניט דערמאָנט דער נאָמען „הירש דאַווידאָוויטש״ (אָדער הירש בן־דוד) און זיין מסירה־בריוו ווי די סיבה פון אַלטן רבינ׳ס ערשטן אַרעסט. זיי „דערשיינען״ אָבער שוין גאָר „פּראָמינענט״ אין די דערמאָנטע ניט־לאַנג צוריק פאַרעפנטלעכע (אין „כרם חב״ד״) דאָקומענטן פון פּעטערבורגער מלוכה־אַרכיוו (בנוגע די אַרעסטן פון אַלטן רבי׳ן). צוליב דעם רעוועלאַטיוון כאַראַקטער פון די דאָזיקע דאָקומענטן איז כדאי דאָ צו פאַרצייכענען וועגן זיי אַ ריי דאָ־באַרירטע פּרטים.

(אין „בית רבי״ (אָנהויב פּרק טו) ווערט דערמאָנט אביגדור און זיין נסיעה קיין פּעטערבורג צו מסרן דעם אַלטן רבי׳ן פאַר דער צאַרישער ממשלה. דאַקעגן אין די דאָזיקע דאָקומענטן פיגורירט ניט דער נאָמען אביגדור בשייכות דעם ערשטן אַרעסט).

צווישן די דאָזיקע דאָקומענטן איז (אין „כרם חב״ד״) געדרוקט (סימן א) אַ פאָטאָ־קאָפּיע און אַן איבערזעצונג פונעם אָריגינעלן מסירה־בריוו פון הירש בן־דוד, וואָס איז געשריבן מיט אַ בולט־ליגנערישן תוכן און ווילדן נוסח. וועגן אַלטן רבי׳ן שרייבט דער מסור (מיט אַ „שבועה פאַר זיין דורכלויכט־הויכקייט דער קיסר״), אַז ער, דער אַלטער רבי, איז אַ „בונטאָווטשיק״: זאַמלט צונויף הפקר־יוגנטלעכע און גרייט ליסטעס אויף צו העלפן די רעוואָלוציע אין פראַנקרייך... אַז די חסידים פירן אַ צעלאָזן לעבן, אויסער די ראָמען פון געזעץ: גנבענען, גזלענען, נעמען כאַבאַר אאַ״וו: אויך זיינע, דעם מסור׳ס קינדער, האָבן ביי אים (ביים פאָטער) געגזלט איבער 10,000 רובל(!) און עס אַוועקגעגעבן צו „זלמן בן ברוך״... ער קען זיי ניט געפינען, ווייל זיי גיבן כאַבאַר... דער מסור עצה׳ט אין מסירה־בריוו, אַז מ׳זאָל זיי אַלע (די חסידים און זייער פירער) אַוועקשיקן אויפן מלחמה־פראָנט, אָדער פאַרשיקן אין ווייטער וויסטעניש און „דאָרט וועלן זיי האָבן דאָס הייליקע ,צוגעזאָגטע לאַנד׳ און דעם שור הבר... לויתן״...

אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז אַזאַ פערזאָן האָט ניט עקזיסטירט: ס׳איז נאָר געווען דער אָנגעגעבענער נאָמען פון איינעם פון די פּני אין ווילנע.

---

ווי געשריבן דאָ (אין די זכרונות) האָט „אַזאַ פערזאָן („הירש דאַווידאָוויטש") ניט עקזיסטירט". שוין ביים אָנהויב פון דעם אַרעסט האָבן די הויכע מלוכה-באַאַמטע אויסגעפאָרשט און זיך איבערצייגט, ווי אָנגעגעבן אין זייערע דאָקומענטאַרע בריוו, אַז ס׳איז ניט צו געפינען (אין ווילנע און אפילו אין גאַנץ ליטע) אַ פערזאָן מיט אַזאַ נאָמען, און אַז דער אונטערשריפט איז אַ געפעלשטער און גיט דעם בולטן איינדרוק, אַז אַ ניט-איד האָט עס אונטערגעשריבן (דערצו איז די דאַטע פונעם מסירה-בריוו אינעם ערשטן טאָג פון יום-טוב שבועות). ווי מ׳קען דאָ מערקן פון דער פאַקסימיליע, זיינען די אותיות „צבי הירש" לייענבאַר, מיט אַ ברעקל „אידיש פנים", אָבער „בן דוד" איז שוין גאָר אַנדערש: ס׳זעט אויס, אַז אַנשטאָט דעם לאַנגן נון (בן) איז געשריבן אַ רוסישער „ען" — H און דערנאָך צווישן מאָדנע אותיות-



אָבער ווער דער דאָזיקער „הירש דאַווידאָוויטש״ איז ניט געווען, האָט אָבער זיין מסירה געהאַט אַ ווירקונג.

די מסירה איז געשיקט געוואָרן צום אויבער־פּראָקוראָר אין פּעטערבורג, פּירשט לאָפּוכין, און איז געווען דירעקט געריכטעט קעגן ר׳ שניאור זלמן פון ליאָזנע. זיין חסידישע טעטיקייט האָט געזאָלט זיין געריכטעט קעגן דער רעגירונג, האָט די מסירה געלויטעט. און דאָס איז געווען גענוג אַז זי זאָל האָבן די געהעריקע ווירקונג.

לאָפּוכין, זעט אויס, האָט באַלד אינפאָרמירט צאַר פּאַוועל׳ן וועגן דעם און דער קיסר האָט גענומען אַ פּערזענלעכן אינטערעס אין דער גאַנצער אָנגעלעגנהייט, דער אויבער־פּראָקוראָר האָט דאַן אויפגעפאָדערט דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר פון ליטע, גראַף בולגאַקאָוו, אַז ער זאָל מאַכן אַן אויספאָרשונג וועגן דעם גאַנצן ענין און שיקן, אונטער אַ שטרענגער וואַך,

---

פאָרמען קען מען געפינען דריי אותיות ווי די ציפערן 212, וואָס קענען אפשר געבן דעם אויסזען פון „דוד״. (הרב מונדשיין, דער רעדאַקטאָר פון „כרם חב״ד״, דערמאָנט ניט וועגן דעם נאָמען „צבי״ אין דער אידישער חתימה). אויף רוסיש חתמעט ער זיך „גירש דאַווידאָוויטש״.

אָבער טראָץ דער פעלשונג פון דער חתימה און דעם גאַנצן צעשויבערטן אינהאַלט און פאָרם פון בריוו (ווי געשריבן פון אַ קנאַפּן בר־דעת), האָט דער צאַר און זיינע הויפּט מיניסטאָרן דאָך גענומען ערנסט די מסירה, מיט חשד: זעט אויס בעיקר צוליבן זאָץ, אַז דער אַלטער רבי שטיצט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע. פאַר דעם מינדסטן פאַרדאַכט פון עפּעס וואָס שמעקט מיט רעוואָלוציע האָט די צאַרישע מלוכה געציטערט „אימת מות״. איז דערפאַר דער אַלטער רבי אַרעסטירט געוואָרן, ווי אויך אַ צאָל פון זיינע חסידים.

פון די בריוו פון העכסטן פּראָקוראָר און ליטווישן גובערנאַטאָר איז קענטיק, אַז דער מסירה־בריוו איז אַדרעסירט צום גענעראַל־פּראָקוראָר און גלייכצייטיק געווענדט צום קיסר: אָבער מיטן ווייטערדיקן טיטל „גנעדיקסטער גאָסודאַר״ איז גיכער געמיינט דעם צאַר (בכלל איז „גאָסודאַר״ געווען אַ קעניגלעכע באַצייכענונג).

צוזאַמען מיטן מסירה־בריוו אויפן אַלטן רבי׳ן איז פון זעלבן „הירש דאַווידאָוויטש״ אָנגעקומען אַ צווייטע געהיימע מסירה אויף אַ סעקרעטאַר פון ווילנער שטאָט־הויפּט (אגב, לויט די איבערזעצטע דאָקומענטן אין „כרם חב״ד״ קומט אויס, אַז אינעם מסירה־בריוו הייסט דער סעקרעטאַר „מאַטוויעוו״ און לויטן בריוו פון הויפּט־פּראָקוראָר צום צאַר הייסט ער אַלעקסייעוו?). אָבער ניט דאָ איז דאָס אָרט פאַר דעם.

האָבן אָט־די, וועלכע זיינען דאָרט אין ווילנע געשטאַנען הינטער דער דאָזיקער מסירה, ספּעציעל איניציאירט און אויסגעאַרבעט אַזאַ מסירה־נוסח און אַזאַ פאַרפירערישע חתימה און דאַטע? איז דאָס געווען דער באַהאַלטענער „שפּיצל״־פּרואוו, איידער מ׳איז אַרויס אָפענערהייט מיט דער צווייטער מסירה, וואָס האָט דערפירט צום צווייטן אַרעסט פון אַלטן רבי׳ן?...

קיין פעטערבורג ר' שניאור זלמנ'ען און די הויפּט-פירער פון די חסידים.

דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט באַלד אויסגעפירט דעם באַפעל. ר' שניאור זלמן איז אַרעסטירט געוואָרן אין ליאָזנע, און אין ווילנע און אומגעגנט זיינען אַרעסטירט געוואָרן זיבן-און-צוואַנציק חסידישע פירער[61].

זיבן, וועלכע זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי מקורבים פון אַלטן רבי'ן, זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין פעטערבורג. די איבעריקע זיינען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין דער ווילנער געפענגעניש.

וועגן ר' שניאור זלמנ'ס אַרעסט, וועגן זיין געפינען זיך אין דער פעטראָ-פּאַוולאָווסקער פעסטונג אין פעטערבורג, ווי אויך וועגן זיין שפּעטערדיקער באַפרייאונג, ווערן דערציילט אַ רייע וואונדער-מעשיות, וואָס באַווייזן ניט נאָר די גרויסע חכמה און צדקות פון דעם פירער פון חב"ד, נאָר אויך די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס ער האָט געפילט אַז ס'ליגט אויף אים אַלס מנהיג.

אַזוי, למשל, ווערט דערציילט, אַז די מסירה איז געמאַכט געוואָרן אויף אַ געהיימען אופן און דאָס איז געווען צוליב אַ גוטער אורזאַך: די מוסרים האָבן מורא געהאַט[62], אַז אויב די חסידים וועלן זיך דערפון דערוויסן אין

61) צווישן די אויבן-דערמאָנטע געריכט-דאָקומענטן זיינען דאָ גענויע נומערירטע רשימות פון אַלע אַרעסטירטע חסידים. זייער צאָל איז געווען 22 (אָנגעגעבן יעדנס נאָמען און פאָטערס נאָמען). זיבן פון די אַרעסטירטע זיינען געשיקט געוואָרן קיין פעטערבורג און 15 זיינען געבליבן אַרעסטירט אין ווילנע.

עס זיינען אויך דאָ צווישן די דאָקומענטן צוויי אויספירלעכע ליסטעס מיט 30 נעמען פון אידן „וואָס באַלאַנגען צו דער נייער אידישער סעקטע וועלכע רופן זיך קאַרלינער" (געמיינט חסידים). צווישן זיי זיינען דאָ אַלע אַרעסטירטע. איין רשימה רעכנט אויס ביי יעדן נאָמען אינפאָרמאַטיווע פּרטים: וואוינונגס-אָרט, באַשעפטיקונג א. אַנד. די אַנדערע רשימה (געשיקט מיט דער געהיים-פּאָסט) אַנטהאַלט נייע באַמערקונגען, און צוגעגעבן ביי יעדן דעם נומער פון זיינע אויספאָרש-פּאַפּירן.

ס'איז מעגלעך, אַז די צאָל 27 שליסט איין די אַלע וועלכע די צאַרישע מאַכט האָט געזוכט צו אַרעסטירן, ווי ס'איז קענטיק פון אייניקע צושריפטן צו נעמען פון די דרייסיק, ווי, למשל: 4) שמואל בן אליהו — אָפּגעפאָרן אין ליאָזנע פאַרן אַרעסט פון די קאַרלינער... 11) לייב בן יהודה — מ'האָט אים אין ערגעץ ניט געפונען... 18) משה בן מרדכי — פאַרשוואונדן פאַרן אַרעסט... אד"ג.

62) אינעם בריוו פון גענעראַל-פּראָקוראָר צום צאַר (צווישן די דערמאָנטע אַרכיוו-דאָקומענטן) באַצייכנט ער דעם מסירה-בריוו (און נאָך צוויי בריוו) ווי געהיימע בריוו.

פאַראויס, וועלן זיי באַלד נעמען שריט בטל צו מאַכן די מסירה. די חסידים האָבן אויף דעם געהאַט געוווג געלט און האָבן אויך געהאַט גרויס איינפלוס.

דערפאַר איז דערטראָגן געוואָרן צום קיסר אַליין, אַז ר' שניאור זלמן איז דער אָנפירער פון אַ סעקטע, וואָס זוכט זיך אָפּצורייסן פון דער רוסישער מלוכה און וויל זיך דערקלערן אומאָפּהענגיק. ר' שניאור זלמן אַליין זאָל האָבן בדעה זיך צו דערקלערן אַלס דער מושל[63]. דער פאַקט וואָס ר' שניאור זלמן פלעגט קלייבן געלט פאַר די חסידים אין ארץ ישראל, אונטער דער פירערשאַפט פון ר' מנחם מענדל וויטעבסקער, ר' אברהם קאַליסקער און אַנדערע, איז אָנגעגעבן ווי אַ באַווייז, אַז ער זאַמלט פאָנדן אונטערצוקויפן דעם טערקישן סולטאַן[64].

די מוסרים האָבן אויך געזאָגט, אַז אויב ר' שניאור זלמן וועט ניט אַרעסטירט ווערן תיכף ומיד און אויב דאָס וועט ניט געטאָן ווערן אין געהיים, איידער ער וועט זיך פון דעם דערוויסן אין פאָראויס, קען ער נאָך אַנטלויפן.

אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם, האָט מען זיך אין ליאָזנע דאָך דערוואוסט לאַנג אין פאָראויס, אַז ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ מסירה און אַז מען קען זיך ריכטן אַז באַלד-באַלד וועט ר' שניאור זלמן אַרעסטירט ווערן.

אייניקע פון זיינע מקורבים, פילנדיק די געפאַר, האָבן דעם אַלטן רבי'ן געראָטן, ער זאָל אַנטלויפן קיין אויסלאַנד אָדער זיך ערגעץ אויסבאַהאַלטן ביז וואַנען דער טאָג פון „צאָרן" וועט אַריבער.

ר' שניאור זלמן האָט זיך אָבער אַנטזאָגט פון דעם.

די פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז געווען צו גרויס.

וואָס וועלן די גויים זאָגן? אויב ער וועט אַנטלויפן, וועט עס נאָר זיין אַ

---

63) אין דער דערמאָנטער מסירה פון „הירש בן דוד" ווערט בלויז גערעדט וועגן „הילף צו דער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך".

64) אין דערמאָנטן מסירה-בריוו ווערט וועגן דעם ניט דערמאָנט. אָבער אין גאַנג פון דער סענאַט אויספאָרשונג איז איינע פון די 11 שאלות ביים אַלטן רבי'ן (אויסגערעכנטע אין אַ דאָקומענט) געווען: וועלכע פאַרבינדונגען האָט ער מיט אויסלאַנד? אַ צווייטע: דורך וועמען איז ער אַריין אין די געהיימע פאַרבינדונגען? פון דעם לענגערן עדות-זאָגן פון אַלטן רבי'ן (אַ פאָטאָקאָפּיע פון זיין כתב-יד קודש) איז קענטיק, אַז די אויספאָרשונג האָט אויך באַרירט דעם ענין פון שיקן געלט קיין ארץ-ישראל.

באַווייז אַז ער פילט זיך שולדיק, אַז וואָס די מוסרים האָבן געזאָגט וועגן אים איז אמת. ער אַליין וועט זיך מעגלעך ראַטעווען, אָבער וואָס וועט זיין מיט די אַנדערע, די נאָכפאָלגער זיינע? און וואָס וועט בכלל ווערן פון חסידות?

ניין, ער וועט ניט אַנטלויפן! ער וועט זיך איבערגעבן צו דער רעגירונג, זיך לאָזן נעמען קיין פּעטערבורג און אויפקלערן דעם קיסר וועגן דער פאַלשקייט פון די באַשולדיקונגען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן קעגן אים און קעגן די אַנדערע פאַר׳מסר׳טע.

די גערעכטיקייט איז געווען מיט אים און ער האָט פאַר קיין זאַך ניט געדאַרפט מורא האָבן.

— איך גיב זיך אין גאַנצן איבער אין די הענט פון רבונו־של־עולם — האָט דער אַלטער רבי געזאָגט — וויבאַלד ער איז מיט מיר, דאַרף איך פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן...

און ר׳ שניאור זלמן איז געבליבן אין ליאָזנע, אַנגייענדיק ווייטער מיט זיין הייליקער אַרבעט, טראָץ דעם וואָס ער האָט זיך געריכט יעדן טאָג אַז מען וועט אים קומען נעמען קיין פּעטערבורג.

און דער טאָג איז געקומען, אַ שליח איז אַרונטערגעקומען פון פּעטערבורג אין באַגלייטונג פון זשאַנדאַרמען, צו אַרעסטירן דעם צדיק...

## י

# דעם רבינ׳ס שליח

**ווי אַזוי ר׳ שניאור זלמן איז אַרעסטירט געוואָרן און ווי מען האָט אים געבראַכט קיין פעטערבורג. — זיין הונגער־סטרייק און ווי אַזוי ער האָט געקראָגן כשר עסן. — ווי מען האָט זיך דערוואוסט וואו ער ווערט געהאַלטן. — זיין געהיים צעטעלע. — דעם ווילנער גאון׳ס פלימעניק וואָס לאָזט זיך אין וועג אויף אַ געהיימער שליחות פאַרן אַרעסטירטן חסידישער פירער.**

ר׳ שניאור זלמנ׳ס אַרעסט איז געמאַכט געוואָרן פון אַ הויכן באַאַמטן, וואָס איז, אין באַגלייטונג פון זשאַנדאַרמען, אַרונטערגעשיקט געוואָרן קיין ליאָזנע דירעקט פון פעטערבורג[65].

ווען מען האָט אין שטעטל דערזען אָנקומען דעם עלטסטן און די זשאַנדאַרמען, האָט מען באַלד פאַרשטאַנען וואָס זייער שליחות איז געווען. דער עולם האָט זיך געלאָזט גלייך צו ר׳ שניאור זלמנ׳ס הויז. דער־שראָקענע זיינען די מקורבים אַריינגעלאָפן צום רבי׳ן אין חדר און אים מודיע געווען, אַז זיין אַרעסט איז נאָענט.

דער רבי איז דעמאָלט געווען אָנגעטאָן אין טלית און תפילין[66]. ער האָט

---

65) צווישן די דערמאָנטע געריכט־דאָקומענטן איז דאָ אַ בריוו (געדרוקט אין איבערזעצונג אין „כרם חב״ד״) פון זשאַגאָלין, געהיימער ראַטגעבער און גובערנאַטאָר פון ווייס־רוסלאַנד, צום הויפט־פּראָקוראָר לאָפּוכין אין פעטערבורג. אינעם בריוו לאָזט ער וויסן וועגן זיין אויספירן דעם צאַרישן באַפעל צו שיקן דעם „אידישן רב, זלמן בן ברוך, אונטער דער אויפזיכט פון אַ פאַרטרוילעכן אָפיציר („קצין״) פונעם אָרטיקן פּאָלק פון דער וייסרוסישער גובערניע, צווייטער לויטענאַנט בונאַקאָוו און נאָך צוויי סאָלדאַטן...״ (בכדי צו ברענגען אים אין פעטערבורג).

66) אַזוי (אַז ביים קומען אים אַרעסטירן איז דער אַלטער רבי געווען אָנגעטאָן אין טלית־און־תפלין) ווערט אויך דערציילט אין „בית רבי״ (אָנהויב פרק טו). אָבער אין „ספר התולדות — רש״ז מליאַדי״ (ז׳ קצה) איז געשריבן (אין איד. איבערז.): „חול המועד סוכות אין יאָר ה׳תקנ״ט

אויסגעהערט וואָס מען האָט אים געזאָגט און איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דער עבודה.

ווען דער עלטסטער און די זשאַנדאַרמען זיינען שוין געווען נאָענט צום צדיק׳ס הויז, איז דער אַלטער רבי צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין דרויסן.

דער עלטסטער האָט דערזען דעם רבי׳ן און עס איז אים באַפאַלן אַ גרויסער פחד. ער איז אַרונטערגעפאַלן פון פערד און איז אַ ווײַלע געבליבן ליגן אַ האַלב-פאַר׳חלש׳טער.

---

איז פלוצים אָנגעקומען קיין ליאָזנע... אַ מיליטער-הויפּט („שר צבא״), אין דער באַגלייטונג פון באַוואָפנטע זשאַנדאַרמען צו אַרעסטירן דעם אַלטן רבי׳ן און אים אַוועקפירן קיין פעטערבורג״. (פאַרשטייט זיך, אַז חול המועד האָט דער אַרעסט-שליח ניט געקענט טרעפן דעם אַלטן רבי׳ן אין תפילין).

דאָרט ווערט ווייטער דערציילט, אַז דער אַלטער רבי האָט געוואָלט איבערוואַרטן אַ ווײַלע, „עד יעבור זעם״, און איז אַרויס דורך אַ הינטער-טיר. דער געשיקטער הויכער אָפיציר האָט ניט געוואָלט שטערן די יום-טוב טעג, האָט ער איבערגעלאָזט עטלעכע מענטשן זיינע און איז אַליין אַוועק פון דער שטאָט. בינתיים האָט דער אַלטער רבי באַשלאָסן, אַז ווען מ׳וועט קומען אים נאָכאַמאָל אַרעסטירן, וועט ער זיך לאָזן. מוצאי יום-טוב שפּעט ביינאַכט זיינען די אַרעסט-שלוחים ווידער געקומען אַרעסטירן דעם אַלטן רבי׳ן. (אויב דער אַרעסט איז פאָרגעקומען ממש ביינאַכט — ווי ס׳איז קענטיק פון ווייטערדיקן זאַץ (אין איד. איבערז.): „אין יענער נאַכט ווען דער אַלטער רבי איז אַרעסטירט געוואָרן״ — איז ווידער ניט שייך ער זאָל זיין אין טלית און תפילין).

אין „לקוטי דבורים״ (ז׳ תשנ) שטייט: „שפּעט אין דער נאַכט פון אסרו חג איז באַוואוסט געוואָרן, אַז עס איז געקומען אַ שליח מיוחד ומזויין, אויף אַרעסטירן דעם רבי׳ן. ווי ידוע, איז דער רבי אַוועק פון שטוב און דער גענעראַל וואָס איז געקומען אַרעסטירן דעם רבי׳ן, איז אָפּגעפאָרן מיט גאָרנישט און איז אין צוויי טעג אַרום געקומען צוריק״.

אין „בית רבי״ (דאָרט) איז דער סיפור ווידער אַנדערש: ווען דער אָפיציר איז געקומען אַרעסטירן, און געטראָפן דעם אַלטן רבי׳ן דאַוונען אין טלית-ותפילין, האָט ער ניט געוואָלט מבלבל זיין און איז אַרויס אין דרויסנדיקן חדר, וואַרטן ביז דער אַלטער רבי וועט ענדיקן דאַוונען. דערווייל האָט דער אַלטער רבי אויסגעטאָן טלית-ותפילין, איז אַרויס אין דרויסן דורך אַ זייטיקער טיר. אַ ליאָזנער איד האָט אים איבערגעטראָגן אויף יענער זייט טייך און דער אַלטער רבי האָט זיך באַהאַלטן אויפן בית-עולם. דערנאָך איז ער איינגעשטאַנען אין אַן אכסניא און אַזוי ווייטער (ווי דערציילט דאָרט, האָט דער אָפיצער געזידלט דער רביצין (און יש אומרים אויך געשלאָגן), געסטראַשעט חרב צו מאַכן די שטאָט, אַרעסטירן די איינוואוינער און אַפילו אָנגעצונדן פעך-פעסער אַרום דער שטאָט אא״וו). ביז דער אַלטער רבי האָט באַשלאָסן אומצוקערן זיך און זיך לאָזן אַרעסטירן — נאָכן אַנטלויפן אויף אַ ווייל צו מקיים זיין דעם „ויברח יעקב״.

חסידים, וואָס האָבן געהאַט אַרומגערינגלט דעם צדיק און האָבן צוגעזען וואָס עס איז געשען מיטן עלטסטן, זיינען געוואָרן נייגעריק צו וויסן פאַרוואָס דער ערל האָט זיך דערשראָקן.

— די תפילין האָבן אויף אים אָנגעיאָגט אַ פחד — איז געווען דעם אַלטן רבינ׳ס ענטפער.

— אָבער פאַרוואָס שרעקן זיך ניט די גויים פאַר אונדזערע תפילין? — האָבן חסידים געפרעגט דעם צדיק.

— עס שטייט „תפילין שבראש" (די תפילין וואָס זיינען אין קאָפּ) און ניט „תפילין שעל הראש" (די תפילין וואָס אויפן קאָפּ). ביי מיר, ברוך השם, זיינען די תפילין אין קאָפּ און ניט אויפן קאָפּ, און דערפאַר האָבן זיי אַזאַ ווירקונג געהאַט אויפן גוי[67]...

זעענדיק ווען ער האָט פאַר זיך, האָט דער עלטסטער מורא באַקומען פאַרן גרויסן צדיק. און אַנשטאָט אַריינצוקומען צו אים מיט שטרענגקייט איז ער אַריין ווי איינער וואָס קומט מיט אַ בקשה.

— איך בין ניט מער ווי אַ שליח פון קיסר — האָט דער עלטסטער אָנגעפאַנגען מיט אַ טאָן פון תחנונים — איך בין געצוואונגען אויסצופירן מיין שליחות. האָט אויף מיר קיין פאַראיבל ניט און האָט איינזעעניש מיט מיר, איך זאָל פאַר דעם ניט דאַרפן ליידן...

דער אַלטער רבי האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער וועט צוליב דער שליחות פון קיסר ניט ליידן.

אַ וואָגן איז צוגעגרייט געוואָרן און דער רבי איז אַוועקגענומען געוואָרן פון ליאָזנע.

די חסידים האָבן פאַרגאָסן טייכן טרערן. אין ליאָזנע איז געוואָרן אַן אמת׳ער תשעה־באב. דער אַלטער רבי איז פילייכט געווען דער איינציקער וואָס איז געבליבן רואיק.

דער אַרעסטירטער צדיק איז געבראַכט געוואָרן קיין וויטעבסק, פון וואַנען ער האָט ווייטער געדאַרפט געשיקט ווערן אויפן וועג קיין

67) זען „ספר השיחות, תש״ב", ז׳ 126 — דאָרט ווערט דער סיפור דערציילט אויף אַן אַנדער אופן.

פּעטערבורג. דער עלטסטער, וואָס האָט אים אַרעסטירט און וואָס האָט אים געזאָלט באַגלייטן ביז פּעטערבורג, האָט באַקומען אַ באַפעל דעם אַרעסטאַנט איבערצוגעבן אין די הענט פון עמעצן אַנדערש. אַליין האָט ער געזאָלט בלייבן אין וויטעבסק.

דער צווייטער, וועלכער האָט ניט געהאַט די דערפאַרונג פון דעם ערשטן, איז געווען פיל שטרענגער. ער האָט דעם צדיק געבראַכט קיין נעוול, ערב שבת, און האָט געהאַט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל פאַרצוזעצן די רייזע.

יאָ־שבת, ניט־שבת — ער האָט זיך וויניק־וואָס געוואָלט רעכענען מיט דער וויכטיקייט פון זיין אַרעסטאַנט.

עס איז געווען פרייטיק פאַר זון־אונטערגאַנג. דער וואָגן איז שוין געווען געשפּאַנט און דער רבי האָט געקראָגן דעם באַפעל זיך צו מאַכן גרייט פאַר דער נסיעה.

דער רבי איז צוגעגאַנגען צום וואָגן. ער האָט זיך אין אים אַריינגעזעצט. אָבער די פערד האָבן זיך בלויז אַ ריר געטאָן פון אָרט און אַן אַקס האָט זיך צעבראָכן.

דער אַלטער רבי האָט געמוזט אַרונטערגענומען ווערן פון וואָגן. מען האָט זיך באַלד געשטעלט פאַרריכטן דעם וואָגן. עס האָט אָבער געדויערט ביז נאָך שבת איידער דער וואָגן איז געווען פאַרטיק און די רייזע האָט געקענט פאָרגעזעצט ווערן[68].

דער צדיק האָט דערוויילע ניט געדאַרפט מחלל שבת זיין אַפילו געצוואונגענערהייט.

ווען דער צדיק איז געבראַכט געוואָרן קיין פּעטערבורג האָט ער משמעות אַליין ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך. קיינער פון זיינע פריינד האָט עס אויך ניט געוואוסט.

68) אין „ספר התולדות — רש״ז מליאַדי״ (ז׳ קצו) ווערט דערציילט, אַז „אַ פערד איז געפאַלן און געפּגרט. מ׳האָט געבראַכט אַן אַנדער פערד פון דאָרף, אָבער די פערד האָבן ניט געקענט רירן דעם וואָגן פון אָרט... דעמאָלט האָט דער אָפיציר פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָרט...״ ענלעך צו דעם ווערט דערציילט אויך אין „בית רבי״ (פרק טו, הערה ב).

קלאַנגען זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן, אַז מען האָט דעם צדיק אוועקגענומען מיט אַ שיף אויפן וואַסער. די צאַרישע ממשלה האָט פון דעם גאַנצן ענין געוואָלט מאַכן אַ געהיימניש: אַמווייניקסטן ביז וואַנען מען וועט זיך אָפּפּאַרטיקן מיט דער אויספאָרשונג פון צדיק.

עס ווערט דערציילט, אַז מען האָט ר' שניאור זלמנ'ען פאַרבונדן די אויגן און מען האָט אים מיט פאַרבונדענע אויגן געהאַלטן אין אַרומפירן צוויי שעה נאָכאַנאַנד, כדי ער זאָל ניט וויסן וואוהין ער ווערט גענומען. ענדלעך האָט מען אים אַריינגעפירט אין אַ גרויס הויז וואָס איז געווען אַרומגערינגלט פון הויכע ווענט און אים אַריינגעבראַכט אין אַ חדר וואָס איז געווען פול מיט פענסטער. פאַר די פענסטער האָט זיך געפונען אַ הויכע וואַנט און עס איז געווען אוממעגלעך פאַר אים צו וויסן וואו ער געפינט זיך.

פון דאָרט האָט מען אים אַריינגעפירט אין אַ קלענערן חדר און אים פאַרשלאָסן. עס איז געווען קלאָר, אַז ער איז אין אַ געפענגניש, אָבער אין וועלכער און וואו, איז געווען אוממעגלעך צו זאָגן.

זיין שפייז האָט געזאָלט זיין ברויט און וואַסער. דער אַלטער רבי האָט אָבער פאַר דריי מעת לעת זיך ניט צוגערירט ניט צום ברויט און ניט צום וואַסער.

דער הויפּט פון דער געפענגעניש, דערוויסנדיק זיך אַז דער צדיק עסט ניט, איז צו אים אַריינגעקומען.

ער האָט אים אָנגעהויבן טרייסטן. ער דאַרף פאַר גאָרניט מורא האָבן. מען וועט אים קיין בייז ניט טאָן. ער האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער עסט ניט.

— איר וועט זיך דאָך איינפאַך פאַרהונגערן צום טויט און איר וועט דאָך דאַן זיין אַ „מאבד עצמו לדעת" (איינער וואָס נעמט זיך אַליין דאָס לעבן), וועלכער האָט ניט קיין חלק לעולם הבא!

ר' שניאור זלמן האָט אים אויף דעם געענטפערט, אַז אויב ער עסט ניט, איז עס דערפאַר וואָס ער פילט זיך ניט מיט אַלעמען און קען ניט עסן דאָס וואָס מען גיט אים אין געפענגעניש. נאָר וואָס איז שייך עסן ניט קיין אידישע מאכלים, וואָלט ער זיי ניט געגעסן אפילו ער זאָל וויסן, אַז ער

וועט צוליב דעם דאַרפן פאַרלירן זיין חלק עולם הבא. ער קען קיין טרפות פשוט ניט פאַרטראָגן.

דער הויפּט פון געפענגעניש האָט געקראָגן גרויס סימפּאַטיע צום צדיק.

— וואָס וואָלט איר אַשטייגער געגעסן אין דער היים ווען איר וואָלט זיך געפילט ניט מיט אַלעמען? — האָט ער אים געפרעגט.

דער צדיק האָט אים געזאָגט וואָס פאַר אַ געריכט ער וואָלט געגעסן.

— אויב אַזאַ געריכט זאָל צוגעגרייט ווערן פון אַ אידן וואָלט איר געגעסן? — האָט דער באַאַמטער געפרעגט.

דער צדיק האָט געזאָגט אַז יאָ, אויב דאָס זאָל געבראַכט ווערן צו אים פון דעם באַאַמטן אַליין און קיין אַנדערער זאָל זיך צום מאכל ניט צורירן:

— וואָרום נאָר צו אייך האָב איך צוטרוי און בין איבערצייגט, אַז איר וועט צום עסן אויפן וועג גאָר ניט טאָן — איז געווען דעם צדיק׳ס ענטפער.

דער הויפּט פון געפענגעניש איז דעמאָלט געוואָרן אַזוי פאַראינטערעסירט אַז ער האָט באַלד געלאָזט שפּאַנען זיין קאַרעטע און איז אַוועק צום דעמאָלטיקן באַוואוסטן אידישן כלל-טוער און חסיד אין פעטערבורג, ר׳ מרדכי[69] און האָט אים געבעטן צוגרייטן אַזאַ און אַזאַ געריכט וואָס ר׳ שניאור זלמן האָט געזאָגט אַז ער וואָלט געגעסן.

— דער באַאַמטער האָט ר׳ מרדכי׳ן ניט געזאָגט פאַר וועמען ער דאַרף דעם געריכט.

ר׳ מרדכי׳ן איז עס אָבער געוואָרן אויפפאַלנד און אים איז איינגעפאַלן, אַז דאָס מוז זיין פאַר ר׳ שניאור זלמנ׳ען.

ער האָט דאַן צוגעגרייט דעם מאכל. עס אַריינגעטאָן אין אַ נייער כלי און אונטן, אויפן דעק, האָט ער אַריינגעלייגט אַ שטיקל פּאַפּיר מיט אַ צושריפט צום צדיק.

דער באַאַמטער, ווערלנדיק זיין ערלעך צום צדיק, האָט זיך צום מאכל ניט צוגערירט. ער האָט עס געבראַכט אומבאַרירט צום צדיק אין

69) ר׳ מרדכי ליעפּלער.

געפּענגעניש. דער אַלטער רבי האָט עס געגעסן און זיך אָנגעהויבן פילן שטאַרקער. אויפן דעק פון דער כלי האָט ער געפונען דאָס צעטעלע.

ווען ער האָט געענדיקט דעם מאכל, האָט אים דער באַאַמטער געפרעגט, אויב ער וואָלט געוואָלט האָבן מער פון דער זעלבער פּאַטראַוועע, דער צדיק האָט געזאָגט יאָ, און ער האָט דורך אים צוריק־געשיקט די כלי צו ר' מרדכי'ן אַריינלייגנדיק איצט אַן אייגן צעטעלע צו ר' מרדכי'ן.

אויף זיין צעטעלע איז געווען אויפגעשריבן בלויז פאָלגנדיקע ווערטער:

„זאָל ר' לייב יאַנאָוויטשער תיכף פאָרן קיין ווילנע"[70].

ווען ר' מרדכי האָט באַקומען דאָס צעטעלע, איז ער געווען מלא שמחה. ער האָט איצט געוואוסט וואו ר' שניאור זלמן געפינט זיך. ער האָט וועגן דעם געקענט מעלדן אַלע חסידים און עפּעס האָט געקענט אָנגעהויבן צו טאָן ווערן פאַר זיין באַפרייאונג.

דעם צדיק'ס צעטעלע איז אָבער פאַר אים געווען אַ רעטעניש.

וואָס פאַראַ ר' לייב יאַנאָוויטשער וויל ער האָבן? ר' מרדכי, האָט ניט געקענט אַזאַ אידן. אפשר האָט דער צדיק געמיינט זיין אייגענעם ברודער, ר' לייב? אָבער יענער איז דאָך ניט געווען אין פּעטערבורג און דער צדיק האָט געשריבן, אַז ר' לייב זאָל תיכף אַרויסגעשיקט ווערן קיין ווילנע?

אַז עס איז צווישן די חסידים אין פּעטערבורג באַקאַנט געוואָרן, אַז ר' מרדכי ווייס וואו דער אַלטער רבי געפינט זיך, האָבן צענדליקער אָנגעהויבן שטראָמען צו אים אין הויז.

ר' מרדכי האָט זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן אויב עמעצער פון זיי האָט געהערט פון אַ ר' לייב יאַנאָוויטשער.

---

70) אין „ספר התולדות — רש"ז מליאדי" (ז' רה) ווערט דערציילט (פון „בית רבי" סוף פרק טו) אַז דער אַלטער רבי האָט איבערגעלאָזט אַביסל איינגעמאַכטס אין שיסל און אונטער דעם האָט ער אַוועקגעלייגט אַ צעטל און דאָרט אָנגעשריבן, אַז איך בין דער וואָס עסט: און כ'געפין זיך אין דעם און דעם אָרט און מ'זאָל באַלד שיקן אַ מענטש קיין ווילנע. אָבער אין „בית רבי" (דאָרט סוף פרק טז, הערה ב) ווערט געבראַכט פון „געדרוקטע סיפורים", אַזוי ווי דאָ — אין צעטל איז געשטאַנען אַז ר' לייב יאַנאָוויטשער זאָל פאָרן קיין ווילנע אאַ"וו.

— איך בין עס לייב יאַנאָוויטשער — האָט זיך אָפּגערופן איינער פון עולם.

עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז דער דאָזיקער ר׳ לייב איז געווען דעם ווילנער גאונ׳ס אַ פּלימעניק.

ווי אַ סך אַנדערע מקורבים פון דעם גאון איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער נייער תורה פון חב״ד און איז געווען אַ חסיד פון דעם אַלטן רבי׳ן. ער איז אָבער נאָך ניט געווען פון די וואָס האָבן זיך שוין אָפן געהאַט דערקלערט אַלס חסידים.

— עס איז דער פאַרלאַנג פון דעם צדיק, אַז דו זאָלסט באַלד זיך אַרויסלאָזן קיין ווילנע — האָט אים ר׳ מרדכי מודיע געווען.

— וואָס דאַרף איך אָבער דאָרט טאָן? — האָט ר׳ לייב געוואָלט וויסן. אויב מען שיקט אים אויף אַ שליחות קיין ווילנע, האָט ער געוואָלט וויסן אין וואָס די שליחות באַשטייט.

דאָס האָט מען אים אָבער ניט געקענט זאָגן. דער אַלטער רבי האָט אין זיין צעטל וועגן דעם ניט דערמאָנט. ער האָט בלויז געזאָגט, אַז ר׳ לייב יאַנאָוויטשער זאָל באַלד אַרויסגעשיקט ווערן קיין ווילנע. וואָס ער זאָל דאָרט טאָן האָט ער ניט געזאָגט.

איז עס געווען אַ גרויסער פלא, אָבער אויב דער צדיק האָט געהייסן וועט מסתמא שפּעטער באַקאַנט ווערן וואָס ס׳איז ר׳ לייב׳ס שליחות.

עס איז פאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז דער אַלטער רבי האָט ניט גערעדט סתם אין דער וועלט אַריין. ער האָט געהייסן שיקן ר׳ לייב יאַנאָוויטשער ווען קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז אַזאַ מענטש געפינט זיך אין פּעטערבורג, געוויס וועט שוין אַלץ שפּעטער אַנטפּלעקט ווערן.

ר׳ לייב האָט אונטערגענומען די געהיימניספולע שליחות.

ר׳ מרדכי האָט אים פאַרזאָרגט מיט אַ סומע פון צוויי טויזנט רובל. און ר׳ לייב איז באַלד געווען אויפן וועג קיין ווילנע.

דער וועג איז אָבער געווען אַ געפערלעכער.

ר׳ לייב האָט געזאָלט אַריינדרינגען אין סאַמע צענטער פון דעם „שונא׳ס" טעריטאָריע. זאָל מען נאָר קריגן דעם מינדסטן פאַרדאַכט, אַז

ער איז דעם אַלטן רבינ'ס אַ חסיד און ער אַליין וועט אַרעסטירט ווערן אָדער מען וועט אים גלאַט צעקיילען און צעביילן, אַז ער וועט בלייבן ליגן אין בעט וואָכן־לאַנג. און עס איז ניט געווען בלויז אַ פראַגע פון זיין אייגענער זיכערקייט. עס איז געווען אַ פראַגע פון העלפן דעם אַרעסטירטן צדיק. זיין שליחות האָט דעריבער געמוזט אויסגעפירט ווערן מיט דערפאָלג.

האָט ר' לייב באַהאַלטן דעם פאַקט, אַז ער איז אַ שליח פון אַלטן רבי'ן. ער האָט בכלל געמוזט באַהאַלטן דעם פאַקט, אַז ער איז אַ חסיד. ער האָט געמוזט גרייכן ווילנע אָן צו זיין אונטערן חשד אַז ער איז אַ חב"דניק.

דאָס איז פאַר ר' לייב'ן קלאָר געוואָרן גלייך פון אָנפאַנג, וואָרום וועט ניט דאָס, צו וואָס ווערט ער אין גאַנצן געשיקט קיין ווילנע?

האָט ער באַהאַלטן דאָס געלט וואָס ר' מרדכי האָט אים מיטגעגעבן אין זיין פּאַק און האָט געמאַכט דעם לאַנגן וועג פון פעטערבורג קיין ווילנע אַלס פשוטער אָרעמאַן, אָנגעבנדיק זיך אומעטום, אַז ער איז אַ מתנגד און אויסמיידנדיק די חסידים, ווי ער וואָלט זיך מיט זיי ניט אָנגעהערט.

## יא

# אין מתנגדישן לאַגער

**וואָס ר׳ לייב יאַנאָוויטשער האָט אויסגעפונען אין ווילנע. — דעם סוד וואָס ער איז דערגאַנגען אין גאונ׳ס קלויז. — דעם אַלטן רבינ׳ס ענטפער אויף קיסר פּאַוועל׳ס פראַגן און די איבערזעצונג פון דעם ענטפער. — ווי ר׳ לייב האָט פאַרהיט דעם רבי׳ן פון אַ צרה. — דער פאַרזוך צו פעלשן די איבערזעצונג פון רבינ׳ס כתב.**

דאָס ערשטע וואָס ר׳ לייב יאַנאָוויטשער האָט געטאָן צו באַהאַלטן דעם פאַקט אַז ער איז אַ חסיד, איז געווען דאָס וואָס ער האָט געענדערט דעם „קשר" פון זיינע תפילין, וואָס איז פריער געווען לויט דעם דרך פון אַלטן רבי׳ן.

כידוע האָט דער אַלטער רבי איינגעפירט אַ רייע תקנות פאַר חסידים, קעגן וועלכע מתנגדים האָבן געשטורעמט. איינע פון די תקנות איז געווען ווי צו שטעלן אַ חלף פאַר שחיטה. דער אַלטער רבי האָט איינגעפירט אַז דער חלף זאָל געשאַרפט ווערן אויף איין זייט[71].

אַן אַנדער תקנה איז געווען ווי צו לייגן תפילין, און אויך ווי אַזוי צו מאַכן דעם קשר פון דעם של־ראש. לויט דעם אַלטן רבי׳ן דאַרף דער „קשר" געמאַכט ווערן ווי אַ „ד"[72].

עס ווערט דערציילט, אַז דעם אַלטן רבינ׳ס קשר איז אָנגענומען

---

71) דאָ האָט געמוזט זיין אַ מיספאַרשטענדעניש מצד דעם פאַרצייכענער (ד. ל. מעקלער): ס׳איז גוט באַוואוסט, אַז די תקנה פון אַלטן רבי׳ן איז געווען, אַז די חלפים זאָלן זיין געשליפענע — אַז דער שאַרף פון חלף זאָל זיין געשליפן אויף ביידע זייטן (מיט „זייטלעך", אויפן שוחטישן לשון). אויף אַזאַ אופן איז מעגלעך צו מאַכן דעם חלף זייער שאַרף און אויך גלאַט („חד וחלק"). עס זיינען דאָ געוויסע אידישע געגנטן (אין פוילן, אונגאַרן א״אַ), וואו די שוחטים פירן זיך צו שטעלן איין „געשליפן זייטל". אָבער דער מנהג חב״ד איז בכלל געווען צו „שטעלן" אַ חלף אויף „ביידע זייטלעך".

72) זען „לשמע אוזן", ז׳ לו, וועגן די תקנות בנוגע דעם קשר פון תפילין.

געוואָרן פון דעם מעזריטשער מגיד, דער רבי ר׳ בער. נאָך דעמאָלט ווען ר׳ שניאור זלמן איז געווען אין מעזריטש, האָט דער מגיד זיך צו אים געוואָנדן מיטן פאַרלאַנג, אַז ער זאָל באַשטימען ווי אַזוי דער „קשר" זאָל זיין, און ווי ר׳ שניאור זלמן האָט באַשטימט אַזוי האָט דער מגיד אָנגענומען.

ס׳ווערט אויך דערציילט, אַז ר׳ שניאור זלמן האָט געהאַט געשריבן די פרשיות פאַר דעם מגיד׳ס תפילין.

איינער פון די סימנים ווי אַזוי מען האָט געקענט דערקענען אַ חסיד איז געווען לויט דעם „קשר" און לויט דעם ווי ער האָט געלייגט דעם של יד. ר׳ לייב, אַלס חסיד פון אַלטן רבי׳ן, האָט פאַרשטייט זיך, געלייגט תפילין און געהאַט דעם „קשר" לויט דעם דרך פון די חב"דניקעס. דערפאַר האָט ער באַלד ווי ער האָט פאַרלאָזן פעטערבורג, אויפן וועג קיין ווילנע אין שליחות פון דעם אַלטן רבי׳ן, געענדערט זיין חסידישן דרך פון לייגן תפילין אויפן מתנגדישן[73].

אויף אַזאַ אופן האָט שוין אויף אים ניט געקענט פאַלן קיין חשד, אַז ער איז אַ חסיד.

דערגרייכט ווילנע, איז ער באַלד פאַרפאָרן צו זיין מוטער, דעם גאונ׳ס שוועסטער.

דערפאַר וואָס ער איז געקומען פון אַ געגנט וואו חסידות האָט זיך שטאַרק איינגעפעסטיקט, האָט אים זיין אייגענע מוטער פון אָנפאַנג פאַרדעכטיקט צו זיין אַ „געכאַפטער" אין חסידות און איר ערשטע פראַגע איז געווען, אויב ער איז ניט קיין חסיד. ער האָט געזאָגט, אַז ניט.

— נאָך וואָס ביסטו אַהער געקומען? — האָט די מאַמע געוואָלט וויסן.

— איך האָב אַ דערוואַקסענע טאָכטער. עס איז שוין צייט איר חתונה צו מאַכן. קיין נדן איז ניטאָ, בין איך אַרונטערגעקומען אין ווילנע, אפשר וועט מיר דאָ געלינגען צו קריגן גענוג געלט אויף נדן און אויף אַן אויסשטייער.

---

73) אין „בית רבי" (פרק לו) ווערט צוגעגעבן, אַז ער האָט אויך געביטן דעם חסידישן סידור אויף אַ מתנגדישן.

אַזאַ דערקלערונג איז געווען פאַרשטענדלעך און מען האָט שוין מער ר׳ לייב׳ן ניט געשטעלט קיין שאלות.

אַלס פּלימעניק פון גאון און אַלס איינער וואָס האָט קיין פּאַרדאַכט ניט אַרויסגערופן, אַז ער געהערט שוין מער נ׳ט צו די מתנגדים, האָט ר׳ לייב געקראָגן צוטריט צו די סאַמע פירער פון דער מתנגדישער ווילנע.

ער האָט זיך געזעצט לערנען אין גאונ׳ס קלויז אויפן באַרימטן ווילנער שול־הויף. דאָרט איז ער געווען אין סאַמע צענטער פון דער מתנגדישער וועלט און אַלס „אייגענער" מענטש האָט מען פון אים קיין סודות ניט באַהאַלטן און ער האָט זיך דערוואוסט וועגן אַלץ וואָס ווערט געטאָן און וואָס עס ווערט געפּלאַנט צו טאָן אין דער מלחמה קעגן די חסידים.

ר׳ לייב האָט ערשט דעמאָלט באַגריפן וואָס זיין שליחות איז געווען. ער האָט געזאָלט אויף אַזאַ אופן אויסגעפינען וואָס די מתנגדים טוען און האָבן בדעה צו טאָן און וועגן דעם לאָזן וויסן די חסידישע מנהיגים.

וואָכן זיינען אַוועק און ר׳ לייב פלעגט שטענדיק האַלטן אינפאָרמירט ר׳ מרדכי׳ן אין פּעטערבורג וועגן אַלץ וואָס עס גייט אָן אין ווילנע.

די דאָזיקע אינפאָרמאַציע איז געווען זייער נוצלעך פאַר די חסידים. זיי האָבן געוואוסט וואָס צו טאָן און וואָס פאַראַ שריט צו נעמען און אויסווירקן די באַפרייאונג פון אַלטן רבי׳ן.

ר׳ לייב׳ס אינפאָרמאַציע איז אָבער נאָך אַלץ ניט געווען אַזוי וויכטיק, אַז דעם גאונ׳ס פּלימעניק זאָל שוין האָבן איינגעזען די וויכטיקייט פון זיין שליחות קיין ווילנע.

דאָס איז אָבער געקומען אַביסל שפּעטער.

איינמאָל זיצנדיק אין גאונ׳ס קלויז האָט ער באַמערקט ווי די בטלנים (אַזוי האָט מען גערופן די לומדים וואָס זיינען דאָרט געזעסן און געלערנט) סוד׳ען זיך. ר׳ לייב איז געוואָרן נייגעריק צו וויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. די בטלנים האָבן אים פון אָנפאַנג ניט געוואָלט אויסזאָגן. אויב ער ווייס פון דעם אַליין ניט, טאָר מען אים ניט אויסזאָגן.

ר׳ לייב האָט אָבער ענדלעך אַרויסגעקראָגן דעם סוד.

דער סוד איז געווען דער גאָר פּשוט׳ער פאַקט, אַז ר׳ שניאור זלמן

האָט אין געפענגעניש צוגעשטעלט אַ שריפטלעכן ענטפער אויף קיסר פּאַוועל׳ס[74] אַלע פראַגן וועלכע זיינען אים געשטעלט געוואָרן[75].

---

74) וואָס מיינט „קיסר פּאַוועל׳ס אַלע פראַגן״? אין אַלע מקורים ווערט דערציילט וועגן פראַגעס וואָס די אויספאָרשער אָדער ריכטער האָבן געשטעלט דעם אַלטן רבי׳ן. אין די דערמאָנטע געריכטלעכע אַרכיוו־דאָקומענטן איז דאָ אַ פאַרצייכענונג וועגן קיסר (פּאַוועל׳ס) באַפעל „צו שרייבן אין דער אידישער שפּראַך אַרומנעמיקע און דעטאַלירטע שאלות״ (?).

75) פונדאַנען איז קענטיק, אַז דעם אַלטן רבינ׳ס שריפטלעכער ענטפער איז געווען אויף אַלע געשטעלטע פראַגן דורך די ריכטער, פאַרשער א״א. דאָ דערמאָנט זיך גאָרניט וועגן דער צאָל פראַגעס און ניט וועגן זייער אינהאַלט. אָבער אין „בית רבי״ (אָנהויב פרק ט״ז) ווערט דערציילט אַז די צאָל געפרעגטע שאלות איז געווען צוויי־און־צוואַנציק: אַז אויף זיי אַלע, אויסער איינער, האָט ער געענטפערט (מינדלעך) אויפן אָרט — און בלויז אויף דער שאלה: פאַרוואָס ער זאָגט אין די דרושים אַז מידת המלכות איז די לעצטע מדריגה פון די צען מידות (אַ „דערנידערונג״ פון קעניגטום), האָט דער אַלטער רבי געענטפערט, אַז דאָס פאָדערט אַ ברייטן ביאור, וואָס לאָזט זיך ניט אַרויסברענגען אין רייד און ער וועט עס אויפקלערן שריפטלעך. און אָט־דער ענטפער אויף דער איינציקער שאלה איז, אַזוי אַרום, געווען די שריפט וואָס איז געשיקט געוואָרן צום איבערזעצער אין ווילנע.

(דאָרט אין „בית רבי״ (ווי אויך אין „ספר התולדות — רש״ז מליאַדי״) איז אויך אָנגעגעבן דער אינהאַלט פון אַ טייל שאלות: די ערשטע שאלה איז געווען צי ער איז פון די מענטשן וועלכע זיינען שייך צום בעל־שם־טוב: פאַרוואָס האָט ער געענדערט דעם נוסח התפילה: וועגן זיין איינפירן געשליפענע חלפים: פאַרוואָס ער זאָגט חסידות אָפענערהייט: פאַרוואָס ער האָט איינגעפירט אַז חסידים זאָלן דאַוונען לאַנג און אַזוי אַרום לערנען ווייניקער תורה: וועגן פאַרדאַכט אַז ער שיקט געלט צום טערקישן סולטאַן, וועלנדיק מורד זיין אין דער צאַרישער מלוכה: פאַרוואָס ער שרייט „האַף״ (אָדער „אַף״) אין דאַוונען א״אַ.

צווישן די דערמאָנטע פאַרעפנטלעכטע געריכט־אַרכיוו דאָקומענטן איז פאַראַן אַ רשימה (נומ. טו) פון די פראַגעס פון דער אויספאָרשונג (אין סענאַט?) אינעם ענין פון „זלמן באַרוכאָוויטש פון בעלאַרוסיע״ (ווייס־רוסלאַנד). די רשימה באַשטייט פון עלף פראַגעס און ענטפערס — אַן ענטפער (אין דריטער פערזאָן — „ער״) נאָך יעדער פראַגע (צווישן אָט־די שאלות און ענטפערס ווערט ניט גערעדט וועגן דעם אַלטן רבינ׳ס שייכות צום בעל־שם־טוב; ניט וועגן „געשליפענע חלפים״, ניט (דירעקט) וועגן ענדערן דעם נוסח פון דאַוונען און דאַוונען לאַנג; ניט וועגן שיקן געלט צום סולטאַן, נאָר סתם וועגן פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד: ווי אויך ניט וועגן זיין שרייען „האַף״ אין דאַוונען. וואַרשיינלעך זיינען די פראַגעס און נאָך אַנדערע געפרעגט געוואָרן ביים אַלטן רבי׳ן מינדלעך אין גאַנג פון דער אויספאָרשונג אָדער אויף אַן אַנדער אופן).

אויף איינער פון די עלף שאלות האָט דער אַלטער רבי געענטפערט, אַז צוליב דער שווערקייט פון דער שאלה קען ער אויף איר ניט ענטפערן אָן אַן איבערזעצער. זעט בכן אויס, אַז אויף אָט די 11 פראַגעס האָט דער אַלטער רבי געענטפערט אויפן אָרט, ניט דאַרפנדיק שיקן זיין שריפטלעכן ענטפער צו אַן איבערזעצער.

דער נעקסטער דאָקומענט (סימן טז) באַשטייט פון אַ באַריכט פונעם גענעראַל־פּראָקוראָר

דעם אַלטן רבינ׳ס ענטפער איז געווען געשריבן אין לשון קודש. דער דאָזיקער ענטפער האָט איצט גענויאַלט איבערגעזעצט ווערן אין רוסיש, און צוגעשטעלט ווערן צום קיסר. וועגן איבערזעצן ר׳ שניאור זלמנ׳ס ענטפער האָט מען זיך געוואָנדן אין ווילנע.

אַלס איבערזעצער, ווערט דערציילט, איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ געוויסער דירעקטאָר אין ווילנע[76]. צו אים איז צוגעשיקט געוואָרן דעם אַלטן רבינ׳ס ענטפער.

---

לאָפּוכין צום צאַר, וואו ער לאָזט וויסן צוו״אַנד וועגן די שאלות וואָס מ׳האָט געשטעלט דעם אַלטן רבי״ן און וועגן זיינע תשובות — און באַלד נאָכדעם איז פאַרצייכנט דער באַפעל פון צאַר (אין איד. איבערז.): „וועגן אָט דעם בן־ברוך („באָרוכאָוויטש״) און וועגן דער גרינדונג פון דער „כת״ און דאָס איבעריקע, אָנצושרייבן אויף דער אָרטיקער אידישער שפּראַך אויספּירלעכע און אַרומנעמיקע שאלות״. משמעות, אַז אויף אָט־די אידיש־געשריבענע שאלות איז געקומען דעם אַלטן רבינ׳ס לאַנגער שריפטלעכער ענטפער אָדער „עדות־זאָגן״ (ווי ער ווערט גערופן אין די דערמאָנטע אַרכיוו־פּאַפּירן); און זעט אויס, אַז אָט־דעם ענטפער, געשריבן אין לשון־קודש, האָט די ממשלה געשיקט צום ווילנער איבערזעצער.

דאָס „עדות־זאָגן״ פון אַלטן רבי״ן, וואָס אַ פאַקסימיליע פונעם אָריגינאַל איז געדרוקט אין דערמאָנטן „כרם חב״ד״, אַנטהאַלט 23 פּאַראַגראַפן, נומערירט מיטן אַלף־בית (אייניקע אויך מיט ציפערן). אפשר איז דאָ עפּעס אַ שייכותדיקייט אינעם סכום 23 צו די 22 (כמעט 23) שאלות, וועלכע ווערן דערמאָנט אין „בית רבי״. פאַרשטייט זיך, אַז ניט דאָ איז דאָס אָרט אָפּצושטעלן זיך אויספּירלעך אויפן אינהאַלט פונעם „עדות־זאָגן״, אָבער אין קורצן קען באַמערקט ווערן, אַז דעם הויפּט־פּלאַץ פאַרנעמט אין אים די אויפקלערונג וועגן אויפטו פון חסידות (חב״ד) צו לייגן די גרויסע הדגשה אויף תפילה מיט כוונה און מיט אַריכות; און אַז דאָס איז אייגנטלעך ניט קיין חידוש פון דער חסידות־באַוועגונג, נאָר כבר הי׳ לעולמים (אויך אין דעם שריפטלעכן „עדות־זאָגן״ ווערן ניט באַרירט — זיכער ניט אָפן־דירעקט — די (כמעט) אַלע שאלות, וועלכע ווערן אויבן דערמאָנט פון „בית רבי״).

76) אין „בית רבי״ (קאַפּ׳. טז־יז) ווערט דערציילט, אַז די ריכטער ביים משפט האָבן ביים אַלטן רבי״ן געפרעגט אַ סך שאלות און ער האָט אויף זיי געענטפערט (מינדלעך) באַלד אויפן אָרט. אָבער ווען ס׳איז געקומען צו זייער שאלה, פאַרוואָס ער זאָגט אין זיינע דרושים אַז די בחינה פון מלכות איז די נידעריקסטע מדרגה (פון די צען ספירות), האָט דער אַלטער רבי געענטפערט, אַז דאָס פאָדערט אַ ברייטן ביאור, וואָס לאָזט זיך ניט אַרויסברענגען אין רייד: ער קען עס נאָר איבערגעבן שריפטלעך. אָט־דעם שריפטלעכן ענטפער האָט מען געשיקט איבערזעצן צו צוויי „צענזאָרס״ און איינער פון זיי איז געווען אַ צענזאָר אין ווילנע. צוליב דעם איז געשיקט געוואָרן דער שליח (ר׳ לייב יאַנאָוויטשער), צו באַוואָרענען, אַז דער „צענזאָר״ זאָל ניט פעלשן אין זיין איבערזעצונג אונטערן דרוק פון אַלטן רבינ׳ס קעגנער אין ווילנע. דער דערמאָנטער „עדות זאָגן״ פון אַלטן רבי״ן איז זיכער אַן ענטפער ניט בלויז אויף איין שאלה (זען דעם לענגערן ענטפער אין „כרם חב״ד״, אָבער וועגן דער פראַגע, פאַרוואָס

דער פאַקט, אַז דער ענטפער איז געשיקט געוואָרן קיין ווילנע דאָרט איבערגעזעצט צו ווערן, האָט אויפגערודערט די מתנגדים. עס איז אָנגענומען געוואָרן אַלס באַווייז, אַז דעם אַלטן רבינ׳ס באַפרייאונג איז נאָענט.

צום סוף פון דעם ענטפער, וואָס איז געווען געשריבן פון צדיק אַליין, זיינען געווען צוגעלייגט עטלעכע ווערטער: אַ פאַרלאַנג צו דעם איבערזעצער, ווער ער זאָל ניט זיין, אַז ער זאָל זיך באַמיען צו מאַכן די

---

ס׳קומט אויס לויטן אַלטן רבינ׳ס רייד אַז מלכות איז די נידעריקסטע פון די צען מידות, איז אינעם „עדות זאָגן״ ניטאָ קיין אָנדייט אַפילו.

צווישן די אַנדערע (ווי דערמאָנט) אַרכיוו־פּאַפּירן איז פאַראַן אַן איבערזעצונג פון אַ שריפט פון דעם גענעראַל־פּראָקוראָר לאָפּוכין צום צאַר פּאַוועל, וואו ער לאָזט וויסן דעם צאַר, צווישן אַנדערן, אַז היות דאָס עדות־זאָגן פון אַלטן רבי׳ן איז נאָך אַלץ ניט איבערגעזעצט אין רוסיש (ווייל ס׳איז ניטאָ (אין פּעטערבורג?) קיין איבערזעצער אין סעמינאַר א״נ אַלעקסאַנדער ניעווסקי, און אויך ניט אין אויסערן מיניסטעריום) — בעט ער דעם צאַר׳ס באַפעל מ׳זאָל שיקן דאָס עדות־זאָגן קיין ווילנע (צום בירגערמייסטער אָדער גובערנאַטאָר פון ליטע, בולגאַקאָוו) „און דאָרט וועט אפשר גרינגער זיין צו געפינען אַן איבערזעצער״...

אַזאַ באַפעל האָט דער צאַר געגעבן — צו שיקן דאָס שריפטלעכע עדות־זאָגן פון אַלטן רבי׳ן צו בולגאַקאָוון אין ווילנע מ׳זאָל עס איבערעצן אין געהיים און וואָס פריער...

(צווישן די דאָזיקע שריפטן איז טאַקע דאָ אַ ווענדונג (סימן יח) פון זעלבן הויפּט־פּראָקוראָר לאָפּוכין צום מעטראָפּאָליט גבריאל (פון דער אַקאַדעמיע א״נ פון ניעווסקי אין פּעטערבורג), ער זאָל דאָרט געפינען עמעצן וואָס זאָל דעם אַלטן רבינ׳ס עדות־זאָגן איבערזעצן פון לשון־קודש אויף רוסיש. דעם מעטראָפּאָליטס ענטפער איז געווען, ווי מ׳זעט, אַז ס׳איז דאָרט ניטאָ קיינער וואָס זאָל עס קענען איבערזעצן.)

פון די דאָזיקע אַרכיוו־דאָקומענטן שאַפט זיך אַן איבערראַשנדיקע אַנטפּלעקונג בנוגע דער איבערזעצונג פון אַלטן רבינ׳ס שריפטלעכן עדות־זאָגן פון לשון־קודש אויף רוסיש. אַ דאָקומענט־בריוו (סימן ל) פון דערמאָנטן ליטווישן בירגערמייסטער בולגאַקאָוו צום גענעראַל־פּראָקוראָר לאָפּוכין לאָזט וויסן, אַז (איבערז. פון לשון קודש) „דאָס עדות (זאָגן) פון הרב בן־ברוך פון ליאָזנע האָט מיר דערגרייכט... איבערגעזעצט אויף פראַנצויזיש. דאָס איז פאַר מיר געווען זייער נויטיק, ווייל זי איז ניט געשריבן אין דער פשוטער שפּראַך... נאָר אין אַ געלערנטן ,לשון־עברים׳, וואָס איז באַוואוסט צו ווייניק מענטשן און ווער ס׳זאָל עס איבערזעצן אין רוסיש איז כלל ניט בנמצא...״ און די איבערזעצונג, שרייבט ער, שיקט ער איבער צום פּראָקוראָר אין פּעטערבורג.

צווישן די דאָזיקע געריכט־דאָקומענטן איז טאַקע דאָ אַ תוכן־געקירצטע איבערזעצונג (סימן לד) אין רוסיש פון דער פולער פראַנצויזישער איבערזעצונג פונעם אַלטן רבינ׳ס עדות־זאָגן. זאָל עס הייסן, אַז סוף־כל־סוף איז גאָר ניט געווען (אָדער ס׳איז ניט באַנוצט געוואָרן) קיין דירעקטע רוסישע איבערזעצונג פון אַלטן רבינ׳ס שריפט אין רוסיש?

איבערזעצונג פּינקטלעך, ניט צוצוגעבן און ניט אַרונטערצונעמען קיין וואָרט, כדי עס זאָל חלילה ניט קומען צו קיין מיספאַרשטענדעניש[77].

דערהערנדיק וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט ר׳ לייב באַלד דערפילט אַז זיין אמת׳ע שליחות איז ערשט איצט. עס איז זיין שליחות אַכטונג צו געבן, אַז די איבערזעצונג זאָל ניט אַרויס קיין געפעלשטע.

אַז די געפאַר איז געווען גרויס, אַז די איבערזעצונג זאָל אַבזיכטליך געפעלשט ווערן — האָט ר׳ לייב באַלד אויסגעפונען.

ער האָט זיך נענטער אָנגעהויבן צוקוקן צו דער טעטיקייט פון די הויפּט־פירער פון די מתנגדים און זיך גענויער צוגעהערט צו דעם וואָס זיי האָבן גערעדט צווישן זיך. האָט ער זיך דערוואוסט, אַז זיי האָבן בדעה זיך צו ווענדן צום דירעקטאָר, אַז ער זאָל די איבערזעצונג פון ר׳ שניאור זלמנ׳ס ענטפער מאַכן אַזוי, אַז אין פּעטערבורג זאָל מען האָבן פאַרוואָס זיך צו טשעפּען צו אים און אים אָנהויבן באַטראַכטן פאַר אַ ווירקלעך „געפערלעכן" מענטשן.

אויב אַזוי, האָט ר׳ לייב געפילט, אַז עס איז זיין אויפגאַבע זיך אַליין צו ווענדן צום דירעקטאָר און ביי אים פועל זיין אַז די איבערזעצונג זאָל זיין אַ פּינקטלעכע.

עס איז אים ערשט דאַן איינגעפאַלן צוליב וואָס מען האָט אים מיטגעגעבן די צוויי טויזנט רובל פון פּעטערבורג. אויב נויטיק, וועט ער דעם דירעקטאָר אָנבאָטן געלט.

ר׳ לייב האָט מער ניט געוואַרט און איז באַלד געווען ביים דירעקטאָר. ער האָט פאַר אים געעפנט זיין האַרץ און אים אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז ער איז אַ חסיד און אַז ער געפינט זיך אין ווילנע נאָר אין די אינטערעסן

---

77) אין דעם עדות־זאָגן פון אַלטן רבי׳ן (צווישן די פריער־דערמאָנטע אָריגינעלע אַרכיוו־דאָקומענטן) איז צוגעשריבן אַ „תפילה קצרה" און אַ בקשה פון אים צו די „שרים" (פּראָקוראָר און אויספאָרשער) „מ׳זאָל מיט מיר זיך פירן מיט מדת החסד און רחמים און אָנזאָגן דעם איבערזעצער אויף רוסיש, אַז איידער ער וועט איבערשרייבן אויף ,ווייס׳ זאָל ער מיר איבערשיקן דאָס (ציטווייליק געשריבענע אויף) ,שוואַרץ׳ פאַר מיר דורכצולייענען, ווייל מיט אַ קליינער לשון־ענדערונג ענדערט זיך דער עניין חס־ושלום, ביטע זייער און זייער" (איבערזעצט פון לשון קודש).

פון דעם אַלטן רבי'ן, וועלכער שמאַכטעט אין געפענגעניש אומזיסט און אומנישט. ער האָט פאַרלאַנגט פון דירעקטאָר, אַז ער זאָל די איבערזעצונג מאַכן פּינקטלעך, ווייל דאָס וועט זיכער מיינען דעם אַלטן רבינ'ס באַפרייאונג.

דער דירעקטאָר האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט די איבערזעצונג מאַכן אַזוי פּינקטלעך ווי עס איז נאָר מעגלעך.

דערווייל האָט זיך אָבער ר' לייב דערוואוסט, אַז די מתנגדים זיינען שוין געווען ביים דירעקטאָר פריער און האָבן פאַרלאַנגט אַז ער זאָל פעלשן די איבערזעצונג.

— איך האָב זיך אָבער אַנטזאַגט דאָס צו טאָן און וועל עס ניט טאָן — איז געווען דעם דירעקטאָר'ס פאַרזיכערונג צו ר' לייב'ן, — איך זע פון שריפט, אַז ר' שניאור זלמן איז אַ גרויסער און הייליקער מענטש. איך וועל זיינע ווערטער איבערזעצן פּינקטלעך.

ר' לייב איז געווען צופרידן, אָבער אין האַרצן האָט ער געפילט די מורא, טאָמער וועלן די מתנגדים אונטערקויפן דעם דירעקטאָר.

צו זיין זיכער, האָט ער דעם דירעקטאָר אַנגעבאָטן געלט — די צוויי טויזנט רובל וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך[78].

— זאָל עס זיין אַ מתנה פאַר אייער פּינקטלעכקייט און טרייקייט — האָט ר' לייב זיך צו אים געוואָנדן.

דער דירעקטאָר, ווערט דערציילט, האָט פון אָנפאַנג ניט געוואָלט נעמען דאָס געלט. אָבער, אַז ר' לייב האָט אים ניט אָפּגעלאָזט, האָט ער דאָס געלט צוגענומען און האָט צוגעזאָגט ר' לייב'ן צו ווייזן אים די איבערזעצונג איידער ער שיקט זי אָפּ קיין פּעטערבורג.

אין אַ טאָג אָדער צוויי אַרום איז ר' לייב ווידער געווען ביים דירעקטאָר און דער לעצטער האָט אים געוויזן די איבערזעצונג, וואָס איז געווען אַ פּינקטלעכע, ווי ער האָט געהאַט צוגעזאָגט.

---

78) אין „בית רבי" ווערט ניט דערמאָנט וועגן די 2 טויזנט רובל, וואָס דער חסידישער שליח האָט געגעבן דעם איבערזעצער. דאָרט ווערט גאָר דערמאָנט וועגן אַ דריי טויזנט־סומע, מיט וועלכע די מתנגדים האָבן געוואָלט באַלוינען דעם איבערזעצער פאַר פעלשן די איבערזעצונג.

ר׳ לייב איז געווען מלא שמחה. אָבער מיט אַמאָל ווערט געמאָלדן, אַז עס זיינען געקומען עטלעכע מתנגדים. דער דירעקטאָר האָט געהייסן ר׳ לייב׳ן אַריינגיין אין אַ צווייטן חדר, פון וואַנען ער האָט דורכן טיר געקענט הערן וואָס עס ווערט גערעדט צווישן די מתנגדים און דעם דירעקטאָר.

די מתנגדים האָבן ווידער פאַרלאַנגט, אַז דער דירעקטאָר זאָל די איבערזעצונג פעלשן. דער דירעקטאָר האָט עס ניט געוואָלט. ער האָט אָנגעגעבן אַ גאַנץ גוטן תירוץ, וואָס איז טאַקע געווען, זעט אויס, דער ווירקלעכער מאָטיוו פאַרוואָס ער האָט ניט געוואַגט צו ענדערן עפּעס אין דער איבערזעצונג.

דעם רבינ׳ס ענטפער איז איבערגעשריבן געוואָרן אין עטלעכע קאָפּיעס און איז געשיקט געוואָרן צו עטלעכע איבערזעצער. אויף אַזאַ אופן וואָלט עס געווען גאָרניט זיכער פאַרן דירעקטאָר צו מאַכן וועלכע עס איז פעלשונג. אויב די איבערזעצונגען פון די אַנדערע וואָלטן געווען אַנדערש, וואָלט ער זיך געשטעלט אין אַ גאַנץ אומאָנגענעמער לאַגע.

פאַר די מתנגדים איז עס אָבער ניט געווען קיין תירוץ. זיי זיינען נאָך אַלץ באַשטאַנען, אַז דער דירעקטאָר זאָל זיין איבערזעצונג פעלשן.

— דו ביסט דער וויכטיקערער פון אַלע איבערזעצער. מען וועט זיך רעכענען מיט דיין איבערזעצונג און ניט מיט די אַנדערע. קיינער וועט אין דיר ניט צווייפלען — איז געווען זייער טענה.

דער דירעקטאָר האָט זיי דאַן צוגעזאָגט צו טאָן, וואָס זיי פאַרלאַנגען פון אים און האָט זיי אַפילו צוגעזאָגט צו צייגן די איבערזעצונג איידער ער וועט זי אָפּשיקן.

די מתנגדים זיינען אַוועק צופרידענע. ר׳ לייב איז דאַן אַרויס פון זיין חדר און האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— דו האָסט זיי נאָכגעגעבן! וואָס וועט ווערן פון מיין הייליקן רבי׳ן!

דער דירעקטאָר האָט זיך צעלאַכט:

— האָב קיין מורא ניט, איך האָב זיי עס צוגעזאָגט בלויז כדי פון זיי פּטור צו ווערן. איך וועל זיי טאַקע ווייזן אַן איבערזעצונג וואָס וועט זיין לויט זייער ווונטש. אָבער די ריכטיקע איבערזעצונג, וואָס איך האָב דיר

געצייגט, וועט געשיקט ווערן קיין פעטערבורג און ניט יענע. כדי דיר צו איבערצייגן אַז איך מיין וואָס איך זאָג, וועל איך פאַר דיינע אויגן פאַרזיגלען די ריכטיקע איבערזעצונג און זי אָפּשיקן קיין פעטערבורג.

און אַזוי האָט ער געטאָן. די ריכטיקע איבערזעצונג איז אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין פעטערבורג.

דער אַלטער רבי איז שפּעטער באַפרייט געוואָרן און ר׳ לייב איז געווען גליקלעך. ער האָט געפילט, אַז ער האָט מיט זיין שליחות בייגעטראָגן צו דעם אַז דער צדיק זאָל באַפרייט ווערן.

# יב

# דער רבי אין געפענגעניש

**וואָס עס ווערט דערציילט פון דער חכמה וואָס דער אַלטער רבי האָט געצייגט אין פעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג אין פעטערבורג. — זיין באַגעגעניש מיט קיסר פּאַוועל. — ר' שניאור זלמנ'ס צווייטער אַרעסט און זיין באַפרייאונג דורך קיסר אַלעקסאַנדער. — ווי דער צדיק האָט זיך אויסגעהיט פון אַ פּאַסטקע.**

אין דער צייט וואָס ר' לייב יאַנאָוויטשער האָט דורכגעפירט זיין וויכטיקע שליחות אין ווילנע, איז דער אַלטער רבי געזעסן אין דער פעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג אין פעטערבורג.

דער אַלטער רבי איז באַהאַנדלט געוואָרן איידל און העפלעך. דעם באַוואוסטן חסיד ר' שאול סיראָטינער איז דערלויבט געוואָרן צו באַזוכן דעם צדיק אין געפענגעניש, אים ברענגען עסן און טאָן פאַר אים פאַרשידענע שליחות'ן.

ר' שאול איז אויף אַזאַ אופן געוואָרן ניט נאָר דעם רבינ'ס משמש אין געפענגעניש, נאָר אויך דער פאַרמיטלער צווישן אים און דער דרויסנדיקער וועלט.

אין פאַרלויף פון די חדשים וואָס ער איז געהאַלטן געוואָרן אין געפענגעניש איז ר' שניאור זלמן אָפט גענומען געוואָרן אויף לאַנגע פאַרהערן. מען האָט געוואָלט פון אים אַרויסקריגן צי עס איז טאַקע דאָ אַ גרונט אין דער מסירה וואָס איז געמאַכט געוואָרן קעגן אים.

ר' שניאור זלמן האָט אָבער געוואוסט וואָס צו ענטפערן אויף אַלע פראַגן מיט גרויס חכמה און האָט דערפאַר געפונען גרויס געפעליקייט אין די אויגן פון די הויכע רעגירונגס-פאַרשטייער און אפילו פון קיסר אַליין.

ווי חסידים דערציילן, האָט קיסר פּאַוועל אַליין זיך אינטערעסירט מיטן

צדיק׳ס גורל און האָט אים עטלעכע מאָל באַזוכט אין געפענגעניש און אים גענומען אויף לאַנגע פאַרהערן, איבערצייגנדיק זיך, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ גרויסן צדיק און ניט, רחמנא ליצלן, מיט אַ „מורד במלכות״.

אויסצופּרובירן זיין גרויסע חכמה, ווערט דערציילט, האָט מען ר׳ שניאור זלמנ׳ען אַמאָל פאַרשלאָסן אין אַ פינסטערן חדר, צו וועלכן עס איז ניט צוגעקומען קיין זונען־ליכט. אָפּהאַלטנדיק אים דאָרט אַ לענגערע צייט האָט מען געוואָלט זען צי ער ווייס אויב ס׳איז טאָג אָדער נאַכט.

ר׳ שניאור זלמן האָט אָבער ניט נאָר געקענט זאָגן צי עס איז טאָג אָדער נאַכט, נאָר אויך אָנגעגעבן פּינקטלעך די שעה און די מינוט פון דער צייט, ביז דער סאַמע סעקונדע.

דאָס האָט שטאַרק איבערראַשט די הויכע רעגירונגס־באַאַמטע.

איז עס זיין גרויסע חכמה אָדער עפּעס אַ „כישוף״, רחמנא ליצלן? — האָבן זיי געוואָלט וויסן — אָדער אפשר רוח הקודש?

דער אַלטער רבי האָט באַלד אויפגעקלערט פון וואַנען ער ווייס די צייט פון טאָג אָדער נאַכט.

— בייטאָג לייכטן די צירופים[66] פון „שם ה־ו־י־ה״ און ביינאַכט די צירופים[79] פון „שם א־ד־נ־י״, און לויט די דאָזיקע צירופים קען איך אויסרעכענען פּינקטלעך די צייט, — איז געווען דעם צדיק׳ס ענטפער.

איינמאָל האָט מען אים אַריינגעפירט אין אַ גרויסן חדר, וועלכער האָט געהאַט אין דעם שטיינערנעם אויסגעפּלאַסטערטן דיל אַ פאַסטקע. ס׳איז געווען איינגעאָרדנט אַזוי, אַז ווען מען האָט אויף אַ געוויסן פּונקט אַרויפגעטראָטן, האָט זיך די דאָזיקע פאַסטקע אַן עפן געטאָן און מען איז אַריינגעפאַלן אין אַ גרוב ביזן האַלז.

דאָס האָט מען געהאַט איינגעריכטעט פאַר אַרעסטאַנטן פון וועמען מען האָט געוואָלט אויספּרעסן געוויסע ענטפערס. עס איז געווען איינע פון

---

79) אין „בית רבי״ (איד. פרק כב), ווי אויך אין „ספר התולדות — רש״ז מליאדי״ (ז׳ רב־רג) ווערט צוגעגעבן דער מספר — 12 צירופים פון שם הוי׳ און 12 צירופים פון שם אלקים, אין „ספר התולדות — רש״ז מליאדי״ ווערט אויך דערמאָנט, אַז דאָס האָט פּאַסירט צוויי שעה נאָך האַלבן טאָג.

די מיטלען ווי דעם אַרעסטאַנט אַריינצואוואַרפן אין שרעק. אויב דאָס האָט ניט געהאָלפן פלעגט מען אים שלאָגן.

ווי עס זעט אויס, האָט מען אויף אַזאַ אופן געוואָלט דעם אַלטן רבי׳ן אָנשרעקן.

ר׳ שניאור זלמן, אַריינקומענדיק אין חדר, האָט אויבן־אָן געזען פאַר זיך אַ הויכן באַאַמטן זיצנדיק ביי אַ טיש, קעגנטיק וואַרטנדיק אויף אים. פון ביידע זייטן זיינען געווען זעלנער מיט בלויזע שווערדן. דער וועג האָט פאַר אים געזאָלט זיין אַ גלייכער, און וואָלט ער געגאַנגען גלייך וואָלט ער אַרויפגעטראָטן אויף יענעם פונקט וואָס וואָלט אַ דריק געטאָן אַ געהיימע פרוזשינע: דער דיל וואָלט זיך אַן עפן געטאָן און ער וואָלט אַריינגעפאַלן אין גרוב.

אַלע זיינען געשטאַנען און געוואַרט, אַז דער צדיק זאָל אַריינפאַלן אין דער פאַסטקע. אָבער צו אַלעמענס איבערראַשונג האָט דער אַלטער רבי אָנגעהויבן גיין אויף אַ זייט, צו רעכטס, מאַכנדיק זיך לחלוטין אַ נייעם וועג ווי ער וואָלט געוואוסט אַז ער דאַרף זיך אויסהיטן פון דער פאַסטקע.

דער הויכער באַאַמטער ביים טיש, וועלכער איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי אַ מיניסטער, איז געווען איבערראַשט.

— פון וואַנען האָט איר געוואוסט אַז אין דיל איז דאָ אַ פאַסטקע? — האָט ער געפרעגט דעם צדיק — פאַרוואָס זייט איר ניט געגאַנגען גלייך, ווי יעדער איינער, וואָס ווערט דאָ אַריינגעבראַכט?

— איך האָב בלויז אויסגעפאָלגט אַ מאמר חז״ל — האָט דער אַלטער רבי געענטפערט — די חכמים האָבן געזאָגט, אַז ווען דו גייסט ערגעץ זאָלסטו שטענדיק גיין רעכטס. ווען מען גייט וואו די אויגן טראָגן מוז מען אַריינפאַלן אין אַ פאַסטקע.

דער מיניסטער האָט געוואָלט וויסן אויב מען האָט אים דעם סוד פון דער פאַסטקע אַנטפּלעקט פון הימל.

ר׳ שניאור זלמן האָט אויף דעם געענטפערט, אַז עס איז געווען זיין אייגן שאַרף אויג, וואָס האָט אויפגעכאַפּט באַלד ביים אַריינקומען, אַז אַ געוויסער פונקט פון דיל איז עפּעס ניט ווי דער גאַנצער דיל און ער האָט

ניט געוואָלט אַרויפטרעטן דאָרט וואו דער שכל האָט אים געזאָגט, אַז עס איז אַנדערש און אַוודאי צוליב אַ געוויסער סיבה.

בכדי אים ווייטער אויסצופרובירן האָט מען אים איינמאָל אַריינגעפירט אין אַ חדר מיט פאַרבונדענע אויגן און אים צוגעבראַכט צו אַ טיש.

— ווי הויך איז דער טיש — האָט מען אים געפרעגט.

ער האָט אָנגעטאַפּט מיט דער האַנט דעם טיש און געזאָגט גענוי די הויך זיינע. עס איז געווען פּינקטלעך.

באַלד האָט מען אים ווידער געהייסן אָנטאַפּן דעם טיש און זאָגן צי ער איז די זעלביקע הויך ווי פריער.

— ער איז מיט דער דיק פון אַ גאָלדענעם רענדל נידעריקער — איז געווען דעם צדיק׳ס ענטפער. און ער האָט געהאַט געטראָפן: אונטער די פיס פון טיש זיינען פריער געווען אונטערגעלייגט גאָלדענע רענדלעך. מען האָט געוואָלט אויספרובירן אויב דער צדיק וועט קענען אויפכאַפּן דעם אונטערשייד אין דער ענדערונג פון דער הויך פון טיש. ער האָט עס אויפגעכאַפּט.

— אָבער פון וואַנען האָט איר געוואוסט אַז דאָס זיינען געווען רענדלעך? — האָט מען אים געפרעגט.

— איך האָב עס ניט געוואוסט גענוי. איך האָב נאָר געוואוסט, אַז די ענדערונג אין דער הויך, וואָס איז אַ מאַטעמאַטישער חשבון, איז נאָר די דיק פון אַ רענדל, וואָס האָט אַ באַשטימטע דיק.

ווען ר׳ שניאור זלמן איז אַמאָל גענומען געוואָרן אויף אַ פאַרהער אין איינעם פון די גרויסע אויספאָרשונגס צימערן פון דער געפענגעניש. האָט ער פאַר זיך געהאַט אַ גאַנצע קאָמיסיע פון הויכע באַאַמטע.

אין דער זייט זיינען געזעסן אַ גרופּע פּערזאָנען אָנגעטאָן אין מונדירן מיט גאָלדענע עפּאָלעטן און קנעפּ. זיי זיינען געווען בלויז צוהערער.

ר׳ שניאור זלמן איז געזעסן אויף אַ שטול קעגנאיבער דער קאָמיסיע. צו די צוהערער האָט ער געשענקט ווייניק אויפמערקזאַמקייט.

שפּעטער האָט זיך איינער פון די צוהערער אויפגעהויבן און איז

אַרויס. באַלד האָט ער זיך אָבער צוריקגעקערט און פאַרנומען זיין פריערדיקן פּלאַץ.

ביי זיין אַריינקומען האָט ר׳ שניאור זלמן זיך פלוצלונג אויפגעהויבן און געמאַכט די ברכה, וואָס מען מאַכט ווען מען זעט אַ קיסר.

אַלע זיינען געווען פאַרוואונדערט.

— וואָס איז דען געשען? — האָט מען אים געפרעגט.

— מיר האָבן פאַר זיך דעם קיסר[80] — איז געווען ר׳ שניאור זלמנ׳ס ענטפער.

דאָס וואָס האָט געזאָלט זיין בסוד, האָט ער געהאַט דערפילט בחוש. עס איז געווען אָפּגעמאַכט, אַז איינער פון די צוהערער זאָל אַרויס און קיסר פּאַוועל זאָל אַריין צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ. פּאַוועל האָט ניט געוואָלט קומען אַלס קיסר, נאָר אַלס זייטיקער צוהערער. ער איז דעריבער געקומען אָנגעטאָן אין אַ יוניפאָרם פון אַ גענעראַל און האָט געזאָלט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון אַ גענעראַל וואָס האָט אויסגעזען ענלעך צו אים.

פאַר איינעם וואָס האָט זיך צום גענעראַל ניט געהאַט צוגעקוקט גענוי, וואָלט געווען שווער צו דערקענען אַז עמעצער אַנדערש איז אַריינגעקומען. ר׳ שניאור זלמן, כאָטש ער איז געווען פאַרנומען מיט דער קאָמיסיע, האָט עס אָבער געהאַט באַמערקט.

— פון וואַנען האָט איר געוואוסט, אַז דאָס איז דער קיסר? — האָט מען אים געפרעגט.

זיין ענטפער איז געווען, אַז פון דעם פּחד וואָס איז אויף אים געפאַלן ביי יענעמס אַריינגיין האָט ער דערפילט אַז ער האָט פאַר זיך דעם קיסר.

איינמאָל איז ביי דעם אַלטן רבי׳ן אין צעל געזעסן ר׳ שאול, מיטאַמאָל לויפט אַריין דער עלטסטער פון דער געפענגעניש, וועלכער האָט אויף זיין

80) דער דאָזיקער סיפּור ווערט דערציילט אין „בית רבי״ (איד. פּרק כג) אויף אַן אַנדער אופן: ...„דער קייזער האָט זיך פאַרקליידט ווי אַ חוקר־דין (געריכטלעכער אויספאָרשער) און איז געגאַנגען ריידן מיטן רב...״.

אייגענער רעכענונג געהאַט געגעבן ר׳ שאול׳ן די דערלויבעניש צו ברענגען דעם אַלטן רבי׳ן עסן און אים צו באַזוכן אין צעל.

— דער קיסר קומט אייך באַזוכן — האָט ער אויסגערופן אַ דערשראָקענער — ער וועט דאָ געפינען ר׳ שאול׳ן און איך וועל זיין אַ פאַרלאָרענער. עס איז שוין צו שפעט אים פון דאַנען אַרויסצונעמען און איך האָב אים ניט וואו צו באַהאַלטן!

ר׳ שניאור זלמן האָט אים געזאָגט ער זאָל זיך באַרואיקן. עס וועט גאָרניט געשען. דער קיסר וועט ר׳ שאול׳ן אין חדר ניט זען.

— איך וועל אים שוין באַהאַלטן — איז געווען דעם צדיק׳ס פאַרזיכערונג.

דער עלטסטער האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט ווייניק געגלויבט אין אַלטן רבינ׳ס ווערטער. ער האָט אָבער קיין ברירה ניט געהאַט. דער קיסר איז שוין געווען נאָענט ביי דער טיר. עס וואָלט געווען פונקט אַזוי געפערלעך ר׳ שאול׳ן אַרויסצונעמען פון צעל ווי אים דאָרט איבערצולאָזן.

איז ער אַרויס, איבערלאָזנדיק ר׳ שאול׳ן צום אַלטן רבי׳ן.

דער קיסר האָט פאַרבראַכט ביים רבי׳ן אין צעל אַ לענגערע צייט. ער האָט אים געשטעלט אַ רייע פראַגן און האָט פּרובירט זיך אַריינטיפן אין דער לערע פון חסידות.

ווען דער קיסר איז אַוועק, איז דער עלטסטער פון געפענגעניש ווידער אַריין צום אַלטן רבי׳ן. ר׳ שאול איז געווען לעבן אים ווי פריער.

— אום ג־ט׳ס ווילן, וואָס האָט איר געהאַט געטאָן מיטן דאָזיקן אידן? וואו און ווי אַזוי האָט איר אים באַהאַלטן? — האָט ער געפרעגט.

— עס איז גאָר איינפאַך — האָט דער אַלטער רבי געזאָגט — איך האָב אים געהאַט באַהאַלטן הינטערן פאָרהאַנג פון פענסטער (וואָרום דער אַלטער רבי איז געהאַלטן געוואָרן אין אַ צעל וואָס האָט געהאַט אַ סך באַקוועמלעכקייטן. ער איז געווען ניט סתם אַן אַרעסטאַנט, נאָר איינער צו וועמען מען האָט זיך באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ; כאָטש מען האָט געגעבן

געוואָלט אויסגעפינען וואָס זיין חסידישע לערע שטעלט מיט זיך פאָר און מען האָט אים כסדר געהאַלטן אין מאַטערן מיט פאַרשידענע פראַגן).

— איז דאָס אָבער ניט געווען ריזיקאַליש? — האָט דער עלטסטער געפרעגט — דער קיסר האָט דאָך געקענט אויפהויבן דעם פאָרהאַנג פון פענסטער און אַנטדעקן אַז עמעצער איז דאָרט באַהאַלטן?

— איך בין אָבער געווען זיכער, אַז ער וועט דאָס ניט טאָן. דער קיסר אַליין וואָלט דעם פאָרהאַנג ניט געהויבן. ער וואָלט וואַרשיינלעך געבעטן אַז איך זאָל עס טאָן. אויב יאָ, וואָלט איך שוין געהאַט אַ תירוץ אים צו זאָגן. איך האָב זיך פאַרלאָזן אויפן אויבערשטן, אַז צו דעם וועט ניט קומען און ער האָט מיך באַשיצט.

* * *

ווען די איבערזעצונג פון דעם אַלטן רבינ׳ס ענטפער האָט דערגרייכט פעטערבורג און איז דורכשטודירט געוואָרן פון די הויכע באַאַמטע, און דעם קיסר זעלבסט, איז באַלד פאַראָרדנט געוואָרן צו באַפרייען ר׳ שניאור זלמנ׳ען.

זיין באַפרייאונג איז געקומען דעם ניינצנטן טאָג אין כסלו, תקנ״ט. י״ט כסלו איז זינט דאַן געוואָרן אַ גרויסער יום טוב.

מיט צוויי יאָר שפּעטער איז דער אַלטער רבי ווידער אַמאָל אַרעסטירט געוואָרן[81] און דאָס מאָל צוליב דער מסירה פון ר׳

---

81) אין „בית רבי״ (פרק י״ט) ווערן געבראַכט פאַרשידענע מיינונגען וועגן כאַראַקטער פון צווייטן אַרעסט. איין מיינונג איז, אַז אייגנטלעך איז עס ניט געווען קיין אַרעסט, נאָר, פאַרקערט, די רוסישע מאַכט האָט געוואָלט אַז דער אַלטער רבי זאָל זיך געפינען אין דער הויפּטשטאָט, אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט די מלוכה־אינסטאַנצן, בכדי צו האָבן אַן אויפזיכט אויף די ענינים וועלכע האָבן צו טאָן מיט אחינו בני ישראל. נאָך אַ מיינונג, אַז מ׳האָט אים פאַרמסר׳ט און ער איז געזעסן אין פעטערבורגער תפיסה. לויט דער מיינונג פון „בית רבי״ אַליין איז ער טאַקע געווען אַרעסטירט און נאָך זיין באַפרייאונג פון טורמע איז ער אויף אַ צייט געבליבן אין פעטערבורג אונטער דער פּאָליצייאישער באַוואַכונג (אַזוי ווערט אויך געבראַכט און „ספר התולדות — רש״ז מליאדי״).

אויך פון די אויבן־דערמאָנטע לעצטנס־פאַרעפנטלעכטע געריכט־דאָקומענטן פון פעטערבורגער אַרכיוו איז קלאָר, אַז אין יאָר תקס״א איז דער אַלטער רבי אַרעסטירט געוואָרן אַ צווייטן מאָל; און אַז נאָכן באַפרייען דעם אַלטן רבי׳ן פון אַרעסט האָט ער (מיטן

אביגדור׳ן[82], דער פינסקער רב, וועלכער, ווי מיר ווייסן שוין, האָט געשפּילט איינע פון די הויפּט-ראָלעס אין דעם קאַמף קעגן חסידות בכלל און די חב״ד׳ניקעס בפרט.

ר׳ אביגדור האָט פאַר׳מסר׳ט די חסידים אַלס שבתי-צבי׳ניקעס[83] און האָט אָנגעוויזן אויף ר׳ שניאור זלמנ׳ס טעטיקייט אין קלייבן געלט פאַר ארץ ישראל אַלס אַ באַווייז פאַר זיינע שלעכטע כוונות קעגן דער רוסישער מלוכה[84].

---

איבערזעצער), אויפן באַפעל פון צאַר, ניט געטאָרט פאַרלאָזן די שטאָט און די וואוינונג, ביזן באַקומען אַ דערלויבעניש אויף דעם. אָט-די געחתמעטע פאַרפליכטונג פון אַלטן רבי׳ן (אַ פאַקסימיליע פון איר — אין „כרם חב״ד") האָט אויך זיך אויף די חתימה פון צוויי אידישע ערבים (גאַראַנטירער).

82) אין „בית רבי" ווערט ביים צווייטן אַרעסט ניט דערמאָנט וועגן דער מסירה פון אַביגדור׳ן (און ווערט יאָ דערמאָנט אין פאַרבינדונג מיטן ערשטן אַרעסט). פון די דערמאָנטע געריכט-דאָקומענטן איז קלאָר, אַז אינעם צווייטן אַרעסט האָט אַביגדור געשפּילט די הויפּט-ראָלע מיט זיינע מסירות.

אין דערמאָנטן „כרם חב״ד" איז איבערגעדרוקט די שריפטלעכע מסירה פון אביגדור און אויך אַ פאַקסימיליע פון אָט-דער אָריגינעלער מסירה (אין לשון-הקודש), וועלכע געפינט זיך אין דערמאָנטן פעטערבורגער געריכט-אַרכיוו, וואָס איז לעצטנס פאַרעפנטלעכט געוואָרן. די מסירה אַנטהאַלט 19 (נומערירטע) אויסזעצונגען — פאַרלוימדונגען און בלבולים און באַשמוצונגען — קעגן חסידים און חסידות, קעגן בעל-שם-טוב, מעזריטשער מגיד, דעם אַלטן רבי׳ן, זייערע ספרים און שיטה (ס׳איז באַוואוסט, אַז נאָך איידער ער האָט געשריבן אָט-די 19 טענות-מסירות, האָט ער געשיקט צום צאַר אַ לענגערע מסירה-שריפט קעגן אַלטן רבי׳ן און די חסידים. דאָרט זיינען דאָ צוגאָב-באַווייזן און באַקרעפטיקונגען צו זיינע טענות. זעט אויס, אַז אין די ווייטער-דערמאָנטע ענטפערס פון אַלטן רבי׳ן באַציט ער זיך אויך צו געוויסע פונקטן פון דער ערשטער מסירה).

אין „כרם חב״ד" איז אויך געדרוקט דער לענגערער ענטפער פון אַלטן רבי׳ן אויף די טענות פון אביגדור — דייטלעך-איינגעטיילטע תשובות אויף יעדער טענה: אויף דער ערשטער: אויף דער צווייטער אאַ״וו. דעם אַלטן רבינ׳ס ענטפערס זיינען געדרוקט אין לשון-הקודש, איבערגעזעצט פון רוסישן טעקסט, וואָס געפינט זיך אין די דערמאָנטע געריכט-פּאַפּירן. בלויז די צוויי לעצטע ענטפערס (18, 19) זיינען קאָפּירט לויט ווי זיי האָבן זיך אויפגעהיט אין זייער אָריגינעלן נוסח. (אַ פאָטאָ-קאָפּיע פון די לעצטע שורות פון אָט-דער אָריגינעלער לשון-קודש שריפט און דעם אַלטן רבינ׳ס אונטערשריפט איז געדרוקט אין „כרם חב״ד").

83) דער פערצנטער פונקט פון אביגדור׳ס מסירה-שריפט זאָגט אַזוי (אין איד. איבערז.): „פון דעם וואָס כ׳האָב געשריבן, און פון די זאַכן וואָס כ׳וויל ברענגען באַווייזן לויט מיין שכל, רוף איך זיי די „קאַרלינער" (ד. ה. די חסידים) מיטן נאָמען ,שבתי-צביניקעס׳, וואָס זיי גיבן אַ היתר דער מענטש זאָל טאָן וואָס זיין האַרץ וויל".

84) אין נומער 7 פון אביגדור׳ס מסירה-שריפט ווערט אַרויסגעבראַכט זיין טענה קעגן

פיר טעג אין כסלו[85], תקס"א איז דער אַלטער רבי ווידער אַרעסטירט געוואָרן אין ליאָזנע און איז געבראַכט געוואָרן קיין פּעטערבורג. דאָרט האָט מען אים געבראַכט פּנים אל פּנים מיט זיין מסור ר' אביגדור'ן און ער האָט צו דער צופרידנשטעלונג פון דער רעגירונג זיך גערעכטפערטיקט אין אַלע פּונקטן פון דער מסירה.

זיין באַפרייאונג איז פאַראָרדנט געוואָרן כ"א כסלו[86]. ער האָט אָבער נאָך ניט געקענט פאַרלאָזן פּעטערבורג ביז וואַנען דער סענאַט וועט ניט

---

אַלטן רבי'ן, וואָס מ'קלייבט איצט פאַר די אידן פון ארץ־ישראל „הונדערט מאָל מער ווי אין די ימים הראשונים" און מ'לייגט ניט קיין אַכט וואָס „לויט דת ישראל איז מען מחוייב איבערצולאָזן נייַן־צענטל פאַר די אָרעמעלייט פון אונזער שטאָט און אַ צענטל פאַר די עניים פון ירושלים".

85) לויטן „בית רבי" (פרק י"ט) איז דער אַלטער רבי דעם צווייטן מאָל אַרעסטירט געוואָרן באַלד נאָך סוכות (תקס"א); אין „ספר התולדות — רש"ז מליאדי" (ז' רל) איז אָנגעגעבן, אַז אסרו־חג הסוכות איז דער אַלטער רבי „פאַרבעטן געוואָרן קיין פּעטערבורג", וואו מ'האָט אים אַרעסטירט.

און דאָרט (ז' רלא) ווערט געבראַכט פון איינער פון די רשימות פון כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע, אַז מאָנטיק, דעם צווייטן טאָג חול המועד סוכות, ח"י תשרי, תקס"א, איז אָנגעקומען דער מלוכה'שער באַפעל, אַז מאָנטיק, פיר און צוואַנציק טעג אין תשרי, זאָל דער אַלטער רבי פאָרן קיין פּעטערבורג מיטן פּאָסט־וואָגן (אויפן חשבון פון דער מלוכה).

— אָבער דאָ האָט געמוזט פאָרקומען אַ טעות אין די אָנגעגעבענע דאַטעס מצד דעם „זעצער" אָדער איבערשרייבער: וויבאַלד מאָנטיק איז געווען דער 24טער טאָג אין תשרי, איז ניט מעגלעך, אַז דער אַכצנטער טאָג אין תשרי זאָל האָבן אויך געווען מאָנטיק! און היות אַז מאָנטיק קען ניט אויספאַלן ח"י תשרי מצד דער קביעות (ווייל „לא אד"ו ראש" — אויב מאָנטיק איז ח"י, איז ראש־השנה פרייטיק), איז די סברא מחייב, אַז דער ערשטער „יום ב'" (פון ח"י תשרי) איז פאַרגרייזט און ס'דאַרף זיין „יום ג'" — און דעמאָלט קומט אויס, אַז דער נעקסטער מאָנטיק איז כ"ד תשרי. —

צווישן די דערמאָנטע אַרכיוו־פּאַפּירן איז דאָ אַ שריפט וואָס לאָזט וויסן דעם גענעראַל־פּראָקוראָר, סאַבריזן, אַז דער אַלטער רבי („באָרוכאָוויטש") „איז איבערגעפירט געוואָרן אַהער כשורה" — און די דאַטע פונעם דאָקומענט איז נאָוועמבער 16 — ד. ה.: י"א כסלו.

86) צווישן די דערמאָנטע אַרכיוו־דאָקומענטן איז דאָ (סימן ט אין „כרם חב"ד") אַ קורצע ווענדונג צום צאַר וועגן אַלטן רבי'ן, צי מ'זאָל אים באַפרייען וויבאַלד ער איז געפונען געוואָרן „ריין פון זינד" און ער איז אויך ניט געזונט — און באַלד נאָכדעם אַ צושריפט צום צאַרישן באַפעל (פון 28טן נאָוועמבער, 1800 — כ"ג כסלו תקס"א) וועגן דעם אַלטן רבינ'ס באַפרייאונג און אַז ס'איז אים דערוויילניט דערלויבט צו פאַרלאָזן פּעטערבורג. (אָבער אין „ספר התולדות — רש"ז מליאדי" ווערט געבראַכט, אַז די באַפרייאונג איז געווען כ"ז כסלו — דריטער טאָג חנוכה).

דער נאָכפאָלגנדיקער דאָקומענט (סימן יוד) איז אַ פאָטאָ־קאָפּיע פון דער אָריגינעלער

פאַרענדיקן זיין אייגענע אויספאָרשונג וועגן חסידות און וועגן ר׳ שניאור זלמנ׳ען.

ר׳ אביגדור האָט צוגעשטעלט אַ נייע מסירה און עס איז אַוועק אַ רייע פון פראַגן און ענטפערס.

דערווייל איז דער קיסר פּאַוועל געשטאָרבן (ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דעם 29טן[87] מערץ 1801). אַלעקסאַנדער דער ערשטער איז אַרויף אויפן טראָן און יענער האָט אונטערגעשריבן דעם אַלטן רבינ׳ס פולשטענדיקע באַפרייאונג.

---

שריפט אין רוסיש, אין וועלכער דער אַלטער רבי פאַרפליכטעט זיך – אין דער געהיימער קאָמיסיע – צו בלייבן וואוינען אין פעטערבורג, אין הויז פון צעבערט, ביז ס׳וועט אים דערלויבט ווערט צו פאַרלאָזן די שטאָט. די פאַרפליכטונג איז באַקרעפטיקט מיטן אַלטן רבינ׳ס אונטערשריפט (אין אידיש) און מיט אונטערשריפטן פון צוויי אידישע ערבים (גאַראַנטירער – אין רוסיש).

אין אַ צושריפט (צום דאָקומענט סימן ז) איז פאַרצייכנט דער באַפעל פון צאַר, אַז מען זאָל באַפרייען דעם אַלטן רבי׳ן און לאָזן פאָרן אים אַהיים – דאַטירט: 21טן מערץ 1801 – י״ט ניסן תקס״א).

87) לויט דער אָנגענומענער אינפאָרמאַציע אין די אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיעס איז דער צאַר פּאַוועל דערמאָרדעט געוואָרן אין דער נאַכט צום צוועלפטן מערץ 1801, ד. ה. אין דער נאַכט צו יוד ניסן.

אָבער אין „ספר התולדות – רש״ז מליאַדי״ ווערט געבראַכט (פון „תורת שלום״ ז׳ 83), אַז דער צאַר פּאַוועל איז דערמאָרדעט געוואָרן, דורך די מיניסטאָרן, אין דער נאַכט צום דריטן טאָג פסח.

[illegible]



טענות המלשינות של אביגדור — בכתיבת ידו

## יג

# דער בויער פון ליאַדי

**דער גוי וואָס האָט געבויט אַ נייע רעזידענץ פאַר דעם אַלטן רבי'ן. — ליובאָמירסקי און זיין פריינטשאַפט צו ר' שניאור זלמנ'ען. — ווי דער אַלטער רבי האָט זיך דערוואוסט פון קיסר פאַוועל'ס טויט. — דער ברוגז מיט ר' ברוך פון מעזשיבוזש. — ר' שניאור זלמנ'ס באַזוך ביי ר' ברוכ'ן. — דער שאַרפער וויכוח און דאָס פאַנאַנדערגיין זיך.**

מיטן טויט פון קיסר פאַוועל און אויפשטייגן פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן אויפן טראָן, פאַנגט זיך אָן אַ נייע תקופה אין דער געשיכטע פון חב"ד.

דער אַלטער רבי, אַזוי גוט ווי זיינע נאָכפאָלגער, האָבן נאָך שפּעטער אויך געהאַט אויסצושטיין גענוג רדיפות און צרות. אויך די שפּעטערדיקע רביים זיינען געווען אַרעסטירט און אַלע ווײַלע זיינען אויף זיי געמאַכט געוואָרן אַנדערע בלבולים, ניט אויסגעשלאָסן אַפילו אַ בלוט־בלבול. דער אַלטער רבי האָט אָבער נאָך פאַוועל'ס טויט פאַרט געהאַט מער מנוחה. די צאָל פון זיינע נאָכפאָלגער האָט געהאַלטן אין וואַקסן און זיין תורה האָט אַלץ מער אָנגעהויבן אַריינדרינגען צווישן פאָלק.

דער „תניא" איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן אין אַלע ווינקעלעך וואו אידן האָבן זיך נאָר געפונען.

דער „תניא", אָדער ווי ער איז אויך באַקאַנט אַלס „לקוטי אמרים", איז דער תמצית פון תורת חב"ד. עס איז אַ ספר וואָס נעמט אַרום דאָס גאַנצע לעבן: אַ ווירקלעכער וועג־ווייזער ווי זיך צו פירן אין לעבן.

דער „תניא" איז אייגנטלעך געשאַפן געוואָרן פון אַלטן רבי'ן צוזאַמען מיט די חסידים. עס איז אַ זאַמלונג פון די אַלע פראַגן און פּראָבלעמען און

זייערע ענטפערס[88] וואָס זיינען אויפגענומען געוואָרן פון דעם אַלטן רבי'ן מיט די חסידים וואָס זיינען צו אים געקומען אויף יחידות.

אַזוי ווי ביי חב"דניקעס גיט מען זיך ווייניק אָפּ אויף יחידות מיט גשמיות'דיקע זאַכן, נאָר הויפּטזעכלעך מיט רוחניות'דיקע, מיינט עס, אַז דער „תניא" באַהאַנדלט אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט דער מענטשלעכער נשמה און מיטן מענטשלעכן האַרץ.

דערפאַר איז דער „תניא" פון אַזאַ גרויסער באַדייטונג ביי חב"דניקעס און ווערט מיט אַזאַ התמדה געלערנט אין אַלע חסידישע שטיבלעך עד־היום.

ווי מיר האָבן שוין דערציילט, איז פּאַוועל דערמאָרדעט געוואָרן נאָך איידער דעם אַלטן רבי'ן איז דערלויבט געוואָרן צו פאַרלאָזן פּעטערבורג, נאָך זיין צווייטן אַרעסט.

חסידים דערציילן, אַז דער אַלטער רבי האָט אין זיין געפאַנגענשאַפט אין פאָראויס געוואוסט, אַז פּאַוועל וועט לאַנג ניט לעבן.

עס ווערט דערציילט, אַז איינמאָל איז פּאַוועל פאַרבייגעגאַנגען דעם פענסטער פון דעם חדר אין וועלכן ר' שניאור זלמן איז געווען איינגעשלאָסן[89].

— דאָס איז ניט קיסר פּאַוועל — האָט דער אַלטער רבי געזאָגט צו ר' שאול'ן, דער חסיד וואָס פלעגט זיך תמיד אויפהאַלטן ביי אים אין חדר — איך זע מער ניט אויף אים די געשטאַלט פון אַ קעניג[90].

---

88) זע די הקדמה („הקדמת המלקט") פון אַלטן רבי'ן צום ספר התניא.

89) וואָזנעסענסקי גאַס נומער 21.

90) אין „ספר התולדות — רש"ז מליאדי", הערה 9, ווערט דערציילט (אין איד. איבערז.): שבת הגדול ערב פסח איז דער צאַר פּאַוועל דורכגעפאָרן אין זיין קאַרעטע די גאַס וואָזנעסענסקי און דער אַלטער רבי איז דאַן געשטאַנען ביים פענסטער. אַז ער האָט אים געזען פאָרנדיק, האָט ער זיך אין אים איינגעקוקט און געזאָגט, אַז זיין קעניגלעכע פראַכט („הוד מלכות") האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן און ער איז ניט מער ווי פּאַוליק. ביינאַכט, די ערשטע נאַכט פסח, האָט מען אים דערשטיקט.

אָבער, ווי דערמאָנט, ווערט דאָרט געבראַכט פון „תורת שלום", אַז דער צאַר פּאַוועל איז געהרגעט געוואָרן די ערשטע נאַכט פון חול המועד פסח: און לויט די אַלגעמיינע געשיכטלעכע אינפאָרמאַציעס איז ער געהרגעט געוואָרן צען טעג אין ניסן.

אין דרייסיק טעג אַרום איז פּאַוועל געטויט געוואָרן.

אין דער נאַכט ווען מ׳האָט פּאַוועל׳ן געהרגעט, ליגנדיק אויף זיין געלעגער, האָט דער אַלטער רבי געזאָגט צו ר׳ שאול׳ן:

— גיי אַרויס אין דרויסן און הער זיך איין צי די גלעקער קלינגען ניט. זיי וועלן באַלד אָנהויבן קלינגען, און ווען דו וועסט עס הערן, זאָלסטו מיר קומען זאָגן.

ר׳ שאול האָט געפאָלגט. ער איז אַרויס אין דרויסן. ער האָט געוואַרט אַ לענגערע צייט און באַלד האָט זיך איבער דער שטאָט צעטראָגן דאָס קלינגען פון גלעקער. צוערשט איין קירכע און דאַן אַלע קירכעס פון שטאָט.

עס איז געווען דער אָנזאָג, אַז דער קיסר איז טויט.

ר׳ שאול איז אַריין צום רבי׳ן אים אָנזאָגן, אַז די גלעקער קלינגען. ער האָט אָבער ניט געוואוסט וואָס ס׳איז געשען:

— דער קיסר איז טויט. מער וועלן מיר פון אים ניט ליידן — האָט ר׳ שניאור זלמן דערקלערט.

און דער נייער קיסר, אַלעקסאַנדער, האָט טאַקע באַלד געצייגט מער פריינטשאַפט צום אַלטן רבי׳ן.

דער ליובאַוויטשער רבי, דער רבי מהוריי״צ נ״ע, דערציילט, אַז אין דער באַפרייאונג פון דעם אַלטן רבי׳ן האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע דער פּוילישער אַדעליקער, פירשט ליובאָמירסקי.

דער דאָזיקער ליובאָמירסקי איז געווען איינער פון די נאָענטסטע פריינט און פאַרערער פון אַלטן רבי׳ן און שפּעטער פון מיטעלן רבי׳ן.

עס איז געווען אַ קורצע צייט פאַר דעם אַלטן רבינ׳ס צווייטן אַרעסט, ווען ליובאָמירסקי, אויפן וועג קיין פּעטערבורג, איז דורכגעפאָרן ליאָזנע.

---

(ס׳איז אינטערעסאַנט צו וויסן צי די אַלע מקורים, וועלכע האָבן צונויפגעבונדן די אידישע דאַטעס מיט (להבדיל) די ניט־אידישע, האָבן גענומען אין אַכט, אַז אין רוסלאַנד פון יענע יאָרן האָט מען, דוכט זיך, גערעכנט די דאַטעס (ניט לויטן מאָדערנעם „גרעגאָריאַנעם״ קאַלענדער, נאָר לויט דעם „אַלטן יוליאַנישן״ סיסטעם, וואָס איז געווען גערוקט מיט אַרום 10 טעג).

פלוצלונג פאַלט אַ פערד פון זיין קאַרעטע. ער ווערט באַזאָרגט מיט אַ ניי פערד. אָבער איידער ער פאָרט אָפּ עטלעכע איילן צעברעכט זיך אַן אַקס פון דער קאַרעטע.

ליובאָמירסקי האָט דערפילט, אַז עפּעס איז עס ניט גלאַטיק. ער האָט שוין געהאַט געהערט וועגן דעם גרויסן חסידישן צדיק אין ליאָזנע און ער איז אַוועק צום אַלטן רבי'ן.

— וואָס זאָל עס באַדייטן? — האָט ליובאָמירסקי געפרעגט דעם אַלטן רבי'ן — עפּעס זאָגט מיר דאָס האַרץ אַז מיין רייזע קיין פּעטערבורג וועט ניט זיין קיין גליקלעכע.

— דיך דערוואַרטן דאָרט גרויסע צרות — האָט ר' שניאור זלמן אים געזאָגט, ווי ער וואָלט עס אַרויסגעלייענט פון אַ בוך — אויב דו וועסט אָבער זיין גוט צו אידן און וועסט מיר מבטיח זיין, אַז דו וועסט גוט באַהאַנדלען דיינע אידישע אַרענדאַרן וועסטו פון אַלץ ניצול ווערן.

ליובאָמירסקי האָט עס פייערלעך צוגעזאָגט. ער האָט ווייטער פאָרגעזעצט דעם וועג קיין פּעטערבורג, וואו ער האָט אויסגעפונען, אַז אַ גרויסע אינטריגע איז אָנגעפירט געוואָרן קעגן אים און אַנדערע פּוילישע אַדעליקע, וועמען מען האָט באַשולדיקט אין אומטרייהייט צו דער צאַרישער הערשאַפט.

אָבער, ווי דער אַלטער רבי האָט אים מבטיח געווען, איז ליובאָמירסקי אַרויס אַ זיגער, כאָטש אַנדערע זיינען אַריינגעשליידערט געוואָרן אין געפענגעניש. ער איז געבליבן ביי זיין גדולה און זיין חשיבות אין די הויכע רוסישע קרייזן אין פּעטערבורג איז נאָך געוואָקסן.

ליובאָמירסקי איז פון דעמאָלט אָן געוואָרן אַ שטאַרקער אָנהענגער פון אַלטן רבי'ן און אַ פריינט פון אידן.

ווען ער האָט געהערט, אַז דער אַלטער רבי איז געבראַכט געוואָרן קיין פּעטערבורג אויף אַ נייער מסירה, האָט ער אויסגעאיבט זיין גאַנצן איינפלוס אים צו העלפן.

עס איז געווען נאָך דעם אַלטן רבינ'ס באַפרייאונג אַז ליובאָמירסקי איז געקומען צום אַלטן רבי'ן און אים אָנגעבאָטן זיין אייגענע טעריטאָריע אַלס פּלאַץ, וואו ר' שניאור זלמן זאָל איבערטראָגן זיין הויף.

— ליאָזנע איז אייך ניט מזל׳דיק. איר זייט דאָ אַרומגערינגלט פון צופיל שונאים. קלייבט זיך איבער קיין ליאַדי, וואָס געפינט זיך אונטער מיין רשות. דאָרט וועט איר זיין זיכער[91].

ליובאָמירסקי׳ס אָנבאָט איז אָנגענומען געוואָרן און דער פירשט האָט באַלד אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צוצוגרייטן ליאַדי פאַרן אַלטן רבי׳ן.

ער האָט אויף זיינע אייגענע קאָסטן געשטעלט הונדערטער פויערים שניידן וואַלד און צוגרייטן געהילץ אויפצובויען אַ הויף פאַרן אַלטן רבי׳ן.

און ליובאָמירסקי האָט געהייסן בויען מיט אַ ברייטער און רייכער האַנט, ווי חסידים אַליין האָבן געוואָלט.

מען האָט אויפגעבויט אַ גרויס הויז פאַרן רבי׳ן, הייזער פאַר זיינע קינדער, אַ בית־המדרש, אַן אכסניא, און אַפילו אַ נייעם מרחץ, להבדיל, מיט אַ מקוה.

אין תקס״א האָט מען זיך געשטעלט בויען און ערב ראש השנה, תקס״ב, איז שוין אַלץ פאַרטיק געווען אין ליאַדי.

דער אַלטער רבי האָט זיך דאַן איבערגעקליבן קיין ליאַדי און ליאַדי איז פון דעמאָלט אָן באַרימט געוואָרן איבער דער גאַנצער אידישער וועלט.

אין דער אמתן האָט ליאַדי אינגאַנצן „אָפּגעמעקט" ליאָזנע. וואָרום דער אַלטער רבי איז זינט דאַן באַקאַנט געוואָרן אַלס דער ליאַדיער און ליאָזנע איז ממש פאַרגעסן געוואָרן.

דאָס איבערקלייבן זיך קיין ליאַדי איז פאָרגעקומען מיט גרויס פרייד און פאַראַד. טויזנטער חסידים זיינען געקומען אין דער נייער רעזידענץ־שטאָט פון זייער רבי׳ן אויף יענעם ראש השנה און עס איז פאַר די חסידים געווען אַ נייער באַוויז אויף דער אומבאַזיגבאַרקייט פון חסידות בכלל און חב״ד בפרט.

---

91) אין „ספר התולדות — רש״ז מליאַדי" (ז׳ רלז) ווערט דערציילט, אַז ווען דער פירשט ליובאָמירסקי האָט באַזוכט דעם אַלטן רבי׳ן (זעט אויס נאָך זייענדיק אין פעטערבורג), האָט ער אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט איינשטימען צו וואוינען אין איינע פון זיינע שטעטלעך — דובראָוונע אָדער ליאַדי — וועט ער פועל זיין ביי דער ממשלה, אַז זי זאָל ניט פאָדערן אַז דער אַלטער רבי זאָל וואוינען סטאַביל אין פעטערבורג — און דער אַלטער רבי האָט מסכים געווען זיך צו באַזעצן אין ליאַדי.

אין ליאַדי האָט דער אַלטער רבי אויך געהאַט געזען דעם מיאוסן סוף וואָס ר׳ אביגדור, זיין מסור, האָט געהאַט.

ר׳ אביגדור האָט געענדיקט זיינע יאָרן גייענדיק איבער די הייזער. איינמאָל איז ער פאַרגאַנגען קיין ליאַדי.

איז ער אויך געקומען צו דער טיר פון אַלטן רבינ׳ס הויז נאָך אַ נדבה.

ער האָט געוואָלט, אַז מען זאָל אים אַריינלאָזן צום רבי׳ן. וואַרשיינלעך האָט ער געוואָלט בעטן ביי אים מחילה. דער אַלטער רבי האָט אים אַרויסגעשיקט אַ פיינע נדבה. ער האָט זיך אָבער אַנטזאָגט אים אויפצונעמען. ער האָט געזאָגט, אַז נאָך דער שענדלעכער אַרבעט וואָס ער האָט געטאָן, טאָר מען אויף אים ניט קוקן.

* * *

חב״ד איז געוואָרן אַן אָנערקענטע תורה אפילו ביי די קעגנער. חב״ד האָט זיך געפונען אַן אָנגעזען אָרט ביי דער זייט פון מתנגדישן אידנטום אין ליטע און אַנדערע אידישע געגנטן.

קאַרגע צען יאָר איז דער אַלטער רבי געזעסן אין ליאַדי און דאָס זיינען געווען יאָרן פון איינפעסטיקונג, פון אויסשפרייטונג און פון לייטערונג פאַר חב״ד.

באַלד האָבן זיך אָבער אָנגעטראָגן נייע צרות פאַרן אַלטן רבי׳ן. דאָס זיינען געווען די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות אין וועלכע, ווי מיר וויסן שוין פון פריער, דער אַלטער רבי האָט געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע.

דאָס איז אָבער ניט געשען איידער ער האָט געהאַט דורכגעמאַכט אַן אַנדער מחלוקת — און דאָס מאָל שוין אין חסידישן לאַגער גופא. דאָס איז געווען די מחלוקת מיט דעם בעל־שם־טוב׳ס אייניקל ר׳ ברוך פון מעזשיבוזש.

די דאָזיקע מחלוקת, זעט אויס, איז געקומען צוליב דעם וואָס ר׳ שניאור זלמן האָט גענומען אַ נייעם דרך אין חסידות. אָבער ווי תמיד האָט ר׳ שניאור זלמן געזוכט שלום און האָט געמאַכט נסיעות קיין מעזשיבוזש[92],

---

92) אינעם איבערשריפט צום אַלטן רבינ׳ס בריוו, וואו ער באַשרייבט זיין באַגעגעניש מיט

כדי צו קומען פנים אל פנים מיט ר׳ ברוך און זיך מיט אים פאַרשטענדיקן.

אָנגעקומען אין מעזשיבוזש האָט דער אַלטער רבי צוערשט באַשלאָסן צו גיין אויפן בעל־שם־טוב׳ס קבר. ר׳ ברוך איז געווען אין צאָרן און האָט געהייסן פאַרשליסן דעם טויער פון בית עולם. שפּעטער האָט ער חרטה געהאַט און מען האָט דעם טויער געעפנט.

דער אַלטער רבי איז פריער געגאַנגען טבילה און איז אַוועק אויפן בית עולם, נאָכגעפאָלגט פון הונדערטער מענטשן. ער האָט דעם עולם געהייסן גיין צוריק און איז אַוועק צום אוהל פון בעל־שם־טוב איינער אַליין.

פון בית עולם איז ער אַוועק צו ר׳ ברוכ׳ן. יענער האָט אים אויפגענומען מיט קאַלטקייט. ער האָט געהאַט טענות צו ר׳ שניאור זלמנ׳ען פאַרוואָס ער האָט איינגעפירט אַז די חב״דניקעס זאָלן ניט זאָגן „ושמרו״.

— און וואו שטייט דען, אַז מען דאַרף זאָגן „ושמרו״?[93] — האָט דער אַלטער רבי אָפּגעענטפערט מיט אַ פראַגע.

— ווען מען זאָגט „ושמרו״ ווערט אויפן הימל אַ יאַריד, און ער פרעגט גאָר וואו עס שטייט, אַז מען דאַרף זאָגן „ושמרו״? — האָט ר׳ ברוך געזאָגט מיט אַ בייזלעכן טאָן.

— און ווער זאָגט דען, אַז מען מוז זיין אויף אַלע יאַרידן? — איז געווען ר׳ שניאור זלמנ׳ס ענטפער.

ר׳ ברוך האָט אויסגערופן, אַז ער איז דעם בעל־שם־טוב׳ס אַ אייניקל און מען דאַרף פאַר אים האָבן דרך ארץ. ר׳ שניאור זלמן האָט געענטפערט, אַז אויב ר׳ ברוך איז דעם בעל־שם־טוב׳ס אַן אייניקל אין

---

ר׳ ברוכ׳ן („אגרות קודש — אדמו״ר הזקן״ ערשטער חלק, ז׳ קמא) שטייט אַז ער האָט זיך באַגעגנט מיט ר׳ ברוכ׳ן אין טולטשין פאַר פורים, ווען ער האָט באַזוכט וואָלין אין ווינטער פון תק״ע.

93) דער רבי שליט״א באַמערקט דערויף (אגרות קודש ח״ב ז׳ ער. און זען דאָרטן ז׳ קג) אַז ס׳איז אוממעגלעך אַז דער אַלטער רבי זאָל פרעגן אַזאַ פראַגע, וואָרום עס שטייט שוין אין סידור האריז״ל און אין משנת חסידים אַז מען דאַרף זאָגן „ושמרו״.

אין „מגדל עוז״ (און אַנדערע פאַרלעסלעכע מקורות) שטייט אַז די פראַגע פאַרוואָס חב״ד זאָגט ניט „ושמרו״ האָט ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער געפרעגט דעם אַלטן רבי׳ן אויף דער גרויסער חתונה אין זשלאָבין (נאָך שבועות תקס״ז).

פלייש און בלוט, איז ער דעם בעל־שם־טוב׳ס אַ גייסטיקער אייניקל, דערפאַר וואָס ער איז דער תלמיד פון מעזריטשער מגיד, וועלכער איז געווען דעם בעל־שם־טוב׳ס תלמיד.

— איך טראָג דעם בעל־שם־טוב׳ס תפילין — האָט ר׳ ברוך אויסגערופן.

— זאָל מען די תפילין בודק זיין, עס איז דאָרט דאָ אַ פסול — איז געווען ר׳ שניאור זלמנ׳ס דערקלערונג. מען האָט עס געטאָן און מען האָט געפונען, אַז דאָרט איז טאַקע דאָ אַ פסול. אַ יוד איז געווען אָפּגעמעקט.

דער אַלטער רבי האָט געפרעגט ר׳ ברוכ׳ן פאַרוואָס זייט איר מיר אַזוי אומדאַנקבאַר? די ביידע מאָל וואָס איך בין געווען אַרעסטירט אין פעטערבורג איז געווען צוליב אייער זיידן דעם בעל שם טוב. איך האָב דאָך געקענט זאָגן: אָט איז זיין אייניקל, זאָל ער קומען און פאַרענטפערן די אַלע פראַגן וואָס מען האָט אויף אים געפרעגט. איך האָב נישט געזאָגט: ווער בין איך אַז די תורה פון דעם בעל שם טוב זאָל פאַרהייליקט ווערן דורך מיר.

זיי זיינען זיך דאַן צעגאַנגען האַלב־ברוגזע און דער דאָזיקער ברוגז, זאָגן חסידים, האָט געפירט דערצו, אַז ביי ר׳ ברוך איז געשטאָרבן יענעם יאָר אַ טאָכטער און ביי ר׳ שניאור זלמנ׳ען איז געווען אַ שריפה און עס איז פאַרברענט געוואָרן אַ טייל פון זיין שולחן ערוך וואָס ער האָט שוין מער ניט געהאַט די געלעגנהייט אויף דאָס ניי צו שרייבן, און דער שולחן ערוך זיינער איז געבליבן ניט פאַרענדיקט.

## יד

# דער מאַרש אויף מאָסקווע

**ווי דער אַלטער רבי האָט פאַרלאָזן ליאַדי. — די געפאַר אַריינצופאַלן ביי די פראַנצויזן. — דעם רבינ׳ס פאַנטאָפל. — גלות אין טיף רוסלאַנד. — אין מיטן פון די שטרייטנדיקע אַרמייען. — דער רבי וויינט אויפן אידישן חורבן. — די הסתלקות פון אַלטן רבי׳ן.**

די מנוחה וואָס דער אַלטער רבי האָט ענדלעך געפונען אין ליאַדי, איז צעשטערט געוואָרן פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות.

דער אַלטער רבי, ווי מיר ווייסן שוין, איז געווען אַ קעגנער פון נאַפּאָלעאָנען. זיין קעגנערשאַפט צום גרויסן קריגער איז געוואָרן נאָך גרעסער, ווען נאַפּאָלעאָן האָט אָנגעפאַנגען זיין היסטאָרישן מאַרש אויף מאָסקווע.

ר׳ שניאור זלמן איז ניט געווען קיין אָנהענגער פון צאַריזם. אים וואָלט זיכער ניט געקימערט פאַרן גורל פון די ראָמאַנאָווס. אין דער אמת׳ן איז דער אַלטער רבי געווען אַ שטאַרקער קעגנער פון דעם אַבסאָלוטיזם פונעם רוסישן צאַריזם, ווי ער איז געווען אַ קעגנער פון אַבסאָלוטיזם און אונטערדריקונג אין אַלגעמיין.

עס איז אָבער געווען פון דעם אידישן שטאַנדפּונקט, וואָס ער איז געווען קעגן נאַפּאָלעאָנען. ער האָט געזען אין נאַפּאָלעאָנ׳ס דעראָבערונג פון רוסלאַנד אַ געפאַר פאַרן אידנטום.

האָט דער אַלטער רבי זיך „אַריינגעוואָרפן״ אין קריג קעגן נאַפּאָלעאָנ׳ען און ליאַדי איז געוואָרן אַ „צענטער״ פון וואַנען ס׳איז „אָנגעפירט״ געוואָרן אַ קריג קעגן די אָנקומענדיקע נאַפּאָלעאָנישע אַרמייען...

דער זיגרייכער מאַרש פון די פראַנצויזן האָט אָבער אָנגעהאַלטן און עס איז געקומען אַ מאָמענט ווען דער אַלטער רבי איז געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן ליאַדי כדי ניט אַריינצופאַלן צו די פראַנצויזן.

דער אַלטער רבי וואָלט געקענט, אָן מורא, בלייבן אין ליאַדי, ווען די שטאָט איז פאַרנומען געוואָרן פון די פראַנצויזן. טראָץ זיין קעגנערשאַפט וואָלט אים אַוודאי גאָרניט געשען. ער וואָלט זיין אייגענע „מלחמה״ קעגן די פראַנצויזן געקענט אָנפירן מיט דער זעלביקער שטאַרקייט פון „אינעווייניק״.

ר׳ שניאור זלמן האָט אָבער בשום אופן ניט געוואָלט זיין אונטער די פראַנצויזן, אַפילו ניט אויף אַ ווײַלע, ווי ער איז געווען איבערצייגט, ווייל ער איז די גאַנצע צייט געווען זיכער, אַז די פראַנצויזן וועלן האָבן אַ מפלה.

עס איז געווען שבת, ערב ראש חודש אלול, אין יאָר תקע״ב, ווען עס איז געקומען די נייעס, אַז די פראַנצויזן דערנענטערן זיך צו ליאַדי. עס איז געווען אַ געפאַר, אַז נאָך יענעם שבת זאָלן די פראַנצויזן אַריין אין שטאָט. דעמאָלט וואָלט שוין געווען צו שפּעט פאַרן אַלטן רבי׳ן צו אַנטלויפן.

דער צדיק איז אָבער געבליבן רואיק דעם גאַנצן שבת. ווי עס וואָלט קיין זאַך ניט געהאַט פּאַסירט און די פראַנצויזן זיינען אין שטאָט ניט אַריין.

ערשט שבת-צו-נאַכט, האָט דער אַלטער רבי געהייסן שפּאַנען וועגענער, אָנלאָדן זיי מיט אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אין זיין הויף און זיך לאָזן אין וועג אַריין.

זעכציק וועגענער זיינען אָנגעלאָדן געוואָרן און דער גאַנצער רבי׳שער הויף האָט פאַרלאָזן ליאַדי.

דער רבי האָט געהאַט אָנגעזאָגט, אַז קיין זאַך זאָל ניט איבערגעלאָזט ווערן. אַלץ זאָל מיטגענומען ווערן און דאָס איז שטרענג אויסגעפאָלגט געוואָרן.

אין דער צייט וואָס דער אַלטער רבי האָט געהאַט פאַרלאָזן ליאַדי פון איין זייט, האָבן די פראַנצויזן געהאַלטן אין דערנענטערן זיך פון דער צווייטער זייט. די פראַנצויזן האָבן שוין געמוזט זיין ביים סאַמע אָנפאַנג פון שטאָט — מיט אַמאָל רופט אויס דער אַלטער רבי:

— עמעצער מוז זיך צוריקקערן אין ליאַדי. איך האָב פאַרגעסן מיינע פאַנטאָפל. זיי טאָרן דאָרט ניט איבערגעלאָזט ווערן.

איינער פון די חסידים, וואָס איז מיטגעפאָרן מיטן רבי'ן, האָט זיך צוריקגעקערט אין שטאָט און דער גאַנצער רבי'שער „קאַראַוואַן" האָט זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט ביז דער חסיד וועט צוריקקומען[94].

דער אַלטער רבי איז געווען שטאַרק צעטראָגן.

— דער חסיד קען מעגלעך אין שטאָט שוין געפינען די פראַנצויזן און ער וועט שוין פון דאָרט מער ניט קענען אַרויסקומען — האָט עמעצער באַמערקט.

דאָס טאָר ניט און וועט ניט געשען — איז געווען דעם רבינ'ס ענטפער. עס איז אָבער געווען קענטיק, אַז דער רבי האָט געהאַט „איינגעשטעלט אין קאָן" און ער איז געווען אומגעדולדיק צו זען ווער עס וועט אַרויס דער געווינער...

און דער געווינער איז אַרויס דער אַלטער רבי.

דער חסיד האָט זיך אין אַ קורצער צייט אַרום צוריקגעקערט אַ פאַרסאַפּעטער מיטן רבינ'ס פאַנטאָפל.

— עס האָט געפעלט אַ האָר אַז איך זאָל אַריינפאַלן צו די פראַנצויזן — האָט ער מיטגעטיילט — זיי זיינען שוין ממש געווען ביים הויז, ווען איך בין דאָרט אַריין און גענומען די פאַנטאָפל. אָט זיינען זיי!

דעם אַלטן רבינ'ס פנים האָט אויפגעשטראַלט:

---

94) אין „ספר התולדות – רש"ז מליאַדי" ווערט געבראַכט (פון „לקוטי דיבורים"), אַז ווען דער אַלטער רבי איז אָפּגעפאָרן אַ צוויי וויאָרסט פון ליאַדי, האָט ער געזאָגט מען זאָל בעטן פון די מיליטער־לייט (וועלכע האָבן באַגלייט און געהיט דעם אַלטן רבי'ן און די אַלע מיט אים) אַ גרינגן וואָגן געשפּאַנט צו צוויי גוטע פערד מיט בעלי־עגלות (באַוואָפנטע סאָלדאַטן) — און מ'האָט אַזוי געטאָן. דער אַלטער רבי האָט מיטגענומען צוויי מענטשן און זיי זיינען זייער שנעל געפאָרן צוריק קיין ליאַדי. אָנקומענדיק אין זיין דירה האָט ער אָנגעזאָגט זיינע מענטשן מ'זאָל שטאַרק דורכזוכן אין הויז, טאָמער איז דאָרט עפּעס געבליבן פון זיינע שטוביקע זאַכן. האָבן זיי געפונען אויפן בוידעם צוויי אַלטע שטעק־שיכלעך, אַ וועלגער־האָלץ און אַ זיפּ. האָט ער אָנגעזאָגט, אַז מ'זאָל דאָס אַלץ מיטנעמען און אויף גיך אונטערצינדן דאָס גאַנצע הויז...

— ותחי רוחי (מיין גייסט האָט אויפגעלעבט) — האָט ער געזאָגט — נאַפּאָלעאָן טאָר מיין חפץ ניט האָבן!...

דער רבי האָט געוואָלט זיך פאַרנעמען אין דער ריכטונג פון דראָגאָבוזש, אָבער דאָרט האָט זיך געפונען די רוסישע אַרמיי און ער האָט געוואָלט אויסמיידן די רוסישע אַרמיי אַזוי גוט ווי די פראַנצויזישע. ער האָט זיך דעריבער פאַרנומען אויף קראַסנאָיע.

פאַרן אַלטן רבי׳ן און זיין גאַנצן הויף האָט זיך איצט אָנגעפאַנגען אַ מורא׳דיקער גלות.

דער רבי האָט אַוועקגעוואַנדערט טיף אין רוסלאַנד און האָט פאַרבראַכט דאָרט אַ לענגערע צייט, ביז וואַנען נאַפּאָלעאָנ׳ס אַרמייען זיינען צוריקגעטריבן געוואָרן.

רוסלאַנד איז עוואַקויִרט געוואָרן פון די פראַנצויזן, נאָכדעם ווי זיי האָבן געליטן מורא׳דיקע פאַרלוסטן.

דער אַלטער רבי איז געוועזן דער זיגער. ער האָט „אויסגעפירט״. נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט זיין מפלה.

ער האָט זיך געקענט צוריקקערן קיין ליאַדי. אָבער עס איז שוין ניט געוועזן וואוהין זיך צוריקקערן. דער הויף איז אין די שלאַכטן, וואָס זיינען דאָרט פאָרגעקומען, פאַרברענט געוואָרן.

דער אַלטער רבי וואָלט וואַרשיינלעך געמוזט זוכן אַן אַנדער מקום מנוחה, אַ נייע שטאָט וואָלט געדאַרפט באַשטימט ווערן אַלס זיין רעזידענץ.

דער רבי איז שוין אָבער געוועזן שוואַך. דער גלות, וואָס ער איז געוועזן געצוואונגען אָפּצוריכטן, האָט אים נאָך שוואַכער געמאַכט. אָנפאַנג טבת פון יאָר תקע״ג, ווען די קעלטן זיינען געוועזן אַמשטאַרקסטן, האָט דער אַלטער רבי דערגרייכט דעם דאָרף פיענע, ניט ווייט פון קורסק. דער ווייטסטער פונקט וואָס ער האָט געהאַט דערגרייכט אין זיין וואַנדלען. ער איז שוין געוועזן זייער שוואַך.

דאָרט איז מען פאַרבליבן. און דעם פיר און צוואַנציקסטן טאָג אין חודש איז דער אַלטער רבי נסתלק געוואָרן.

דאָס דאָרף איז געווען אַ גוי׳שע, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן דעם רבי׳ן מקבר צו זיין ערגעץ אַנדערש, צווישן אידן.

האָט מען דעם קערפּער פון גרויסן נפטר גענומען קיין האַדיטש, אַכציק וויאָרסט פון פּיענע, אין פּאָלטאַוואַער גובערניע, און דאָרט אים געבראַכט צו קבורה.

האַדיטש איז זינט דאַן געוואָרן אַ הייליק פּלאַץ פאַר חסידים. די רביים, די רבי׳שע פאַמיליעס און טויזנטער חסידים פלעגן יערלעך פאָרן אַהין אויפ׳ן „ציון" פון דעם אַלטן רבי׳ן.

* * *

אינטערעסאַנטע פּרטים פון דעם וואָס דער אַלטער רבי האָט דורכגעמאַכט אונטערוועגנס ביז זיין הסתלקות ווערן דערציילט אינעם באַרימטן בריוו וואָס דעם אַלטן רבינ׳ס זון, ר׳ דובער, שפּעטער דער „מיטעלער רבי", האָט געשריבן צו ר׳ משה מייזליש[95], וועלכער, ווי מיר ווייסן שוין פון פריער, האָט אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם קריג קעגן נאַפּאָלעאָנען.

פונעם בריוו דערוויסן מיר זיך, אַז דער אַלטער רבי מיט זיינע באַגלייטער האָבן ממש דעם גאַנצן וועג געדאַרפט דורכמאַכן צווישן די צוויי שטרייטנדיקע אַרמייען. שטענדיק לויפנדיק טיפער אין רוסלאַנד, כדי צו דערווייטערן זיך פון די פראַנצויזן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אין דערנענטערן צו מאָסקווע מיט געוואַלדיקער שנעלקייט.

גאַנץ אָפט האָבן זיי זיך ממש געפונען צווישן די שלאַכט-ליניעס. זיי זיינען געווען אין געפאַר אַריינצופאַלן צום שונא, וואָס וואָלט ביים אַלטן רבי׳ן געווען פאַררעכנט פאַר דעם גרעסטן אומגליק.

רוסישע קאָמאַנדירן[96] האָבן דעם אַלטן רבי׳ן געגעבן די בעסט-

---

95) זען „אגרות קודש — אדמו"ר האמצעי", ז׳ רלז, געבראַכט אויך אין „ספר התולדות — רש"ז מליאדי", ז׳ רסז-ע.

96) אין דעם אויבן-צוגעצייכנטן בריוו („ספר התולדות — רש"ז מליאדי", ז׳ רסז-ע) ווערן דערביי דערמאָנט די נעמען פון די גענעראַלן אליאַנאָוו און נעבראָווסקי.

מעגלעכע שוץ און אים און זיינע באַגלייטער באַזאָרגט מיט פּאַספּאָרטן. אַז זיי זאָלן קענען פאָרזעצן דעם וועג ווייטער כדי צו דערגרייכן ערגעץ אַ פּלאַץ וואו זיי וועלן זיין זיכער.

אָבער זיי האָבן ניט געקענט פאָרן אַזוי שנעל, אַז זיי זאָלן זיך דערווייטערן גענוג פון די אָנקומענדיקע פראַנצויזישע אַרמייען.

הינטער זיי און אַרום זיי זיינען אָפּט פאָרגעקומען בלוטיקע שלאַכטן.

פון סמאָלענסק זיינען זיי געווען געצוואונגען צו אַנטלויפן שבת. וואָס דער אַלטער רבי האָט מתיר געווען. זיי האָבן זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן אין אַ וואַלד[97].

דער אַלטער רבי אַליין, וועלכער האָט גענוי געוואוסט די רוסישע לאַנד־קאַרטע, האָט אויסגעקליבן דעם וועג וועלכן נאָכצופאָלגן. ער האָט שטענדיק געקענט פאָראויסזאָגן וועלכן וועג די פראַנצויזן וועלן נעמען. דאָס האָט ער געקענט אויסרעכענען על פי שכל, פאַרשטייענדיק אַז נאַפּאָלעאָן וועט נעמען אַ וועג וואָס איז דער לייכטסטער און דער בעסטער פאַר אים. ווייל צו אַלע חכמות האָט דער אַלטער רבי אויך געוואוסט חכמת מלחמה. ער האָט תמיד פּינקטלעך געקענט פאָראויסזאָגן וואָס די פראַנצויזן וועלן טאָן אָדער ניט טאָן.

דער אַלטער רבי האָט זיך געהאַלטן אין דערנענטערן צו מאָסקווע. אָבער ער האָט דאָרט ניט געוואָלט אַריין. אויף ראש השנה האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין טריצא זערקאַ.

ערב־ראש־השנה האָט ער ביטער געוויינט. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז שוין זיכער, אַז נאַפּאָלעאָן וועט פאַרנעמען מאָסקווע. ער איז צוליב דעם געווען שטאַרק באַאומרואיקט.

ראש השנה, נאָכן דאַוונען, האָט ער אָבער גערופן צו זיך זיינע בני בית און די מקורבים און דערקלערט, אַז אין פאַרלויף פון דאַוונען האָט ער זיך דערוואוסט אַז די לאַגע וועט זיך ענדערן צום גוטן. די פראַנצויזן וועלן טאַקע פאַרנעמען מאָסקווע, אָבער ניט אויף לאַנג. זיי וועלן פון דאָרט

---

97) מער פּרטים וועגן די איבערלעבונגען אין דעם וואַנדער־וועג — אין דעם אויבן־צוגעצייכנטן בריוו (הערה 95).

אַרויסגעטריבן ווערן און דאָס רעדל פון הצלחה וועט זיך פאַר זיי אָנהויבן דרייען אויף צוריק. דאָס איז געווען די ערשטע גוטע בשורה, וואָס דער רבי האָט געהאַט. יענער ראש השנה איז גראַדע פאַרן אַלטן רבי'ן און זיינע באַגלייטער געווען אַ פריילעכער. זיי האָבן געהאַט אויף וואָס צו האָפן.

אויף שבת שובה האָבן זיי געהאַט דערגרייכט גאָראָד יורע, לעבן וולאַדימיר. אָבער דער אַלטער רבי איז דעמאָלט ווידער געווען אין גרויס טרויער און געוויינט מיט ביטערע טרערן.

די קינדער און אייניקלעך האָבן אים געפרעגט וואָס ער וויינט. און ער האָט דערקלערט, אַז איצט וויינט ער אויפן חורבן, וואָס די צעשלאָגענע נאַפּאָלעאָנישע אַרמייען וועלן אָנמאַכן אין ווייס־רוסלאַנד, דאָרט וואו עס האָבן זיך געפונען אַזויפיל אידן.

— זייער מאַרש צוריק — האָט דער אַלטער רבי דערקלערט אין אַ טאָן פון זיכערקייט ווי ער וואָלט עס אַרויסגעלייענט פון אַ בוך — וועט זיין דורך אידישע שטעט און שטעטלעך אין ווייס־רוסלאַנד; דערפאַר וואָס זיי וועלן דערוואַרטן דאָרט צו קריגן פּראָוויאַנט און מאַטעריאַלן. דאָס וועט מיינען אַ חורבן פאַר יענעם געגנט, און אויף דעם האָט דער אַלטער רבי געוויינט...

דער געגנט, וואו ער האָט געהאַט זיינע מערסטע חסידים, האָט גערדאַרפט דורכמאַכן אַזאַ קאַטאַסטראָפע, און זיין האַרץ האָט אים געבלוטיקט.

ערב יום כפור זיינען זיי אָנגעקומען אין וולאַדימיר. ביי זייער אָנקומען האָבן זיך אין שטאָט באַוויזן לאַנגע שורות מיט קאַרעטעס. דאָס זיינען געווען די אַנטלאָפענע הויכע באַאַמטע פון מאָסקווע. מאָסקווע איז אויסגעליידיקט געוואָרן פון די רוסן.

דער אַלטער רבי האָט אָבער געזאָגט, אַז דאָס מאַכט ניט אויס; די רוסן וועלן פאַרלאָזן מאָסקווע, אָבער ניט אויף לאַנג.

פון וולאַדימיר האָבן זיי פאָרגעזעצט דעם וועג קיין גאָראָד אסי; פון דאָרט קיין ראַזאַן, און דאַן דורך טאַמבאָווער גובערניע קיין אוראַל, ביז קורסק.

די קעלט איז געווען גרויס און די נויט שרעקלעך. דער אַלטער רבי

האָט זיך געמוזט וואַלגערן אין פויערשע הייזלעך, פול מיט רויך. גאַנץ אָפט זיינען זיי איינפאַך געווען אין געפאַר פון די פויערים וואָס זיינען צו זיי געווען פיינטלעך.

זייענדיק אין קורסק האָט זיי דערגרייכט די ידיעה, אַז דער שונא האָט אָנגעהויבן גיין אויף צוריק. די פראַנצויזן האָבן געמוזט אַנטלויפן.

פאַרן אַלטן רבי׳ן און זיינע באַגלייטער איז די שמחה געווען גרויס. דעם רבינ׳ס נבואה איז מקוים געוואָרן.

די שמחה איז באַגלייט געוואָרן פון אַ צווייטער שמחה. דעם מיטעלן רבינ׳ס ווייב האָט געהאַט אַ אינגל*[97] און דער ברית איז געפּראַוועט געוואָרן מיט הירזש, מיט רעטעך און מיט גוטן שנאַפּס — דער איינציקער אַרטיקל וואָס איז דעמאָלט געווען לרוב.

איצט האָט מען שוין געקענט אָנהויבן פאָרן אויף צוריק. און די נסיעה אויף צוריק האָט אָנגעהאַלטן ביז דעם דאָרף פּיענע, וואו מען האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן צוליב דעם אַלטן רבינ׳ס שוואַכקייט — אַ שוואַכקייט פון וועלכער ער איז שוין מער צו זיך ניט געקומען.

*97) זען אין דעם אויבן־צוגעצייכנטן בריוו (הערה 95) ז׳ רמד אין אַ הערה.

# טו

# ליובאַוויטש

**ווי אַזוי ליובאַוויטש איז געוואָרן די רעזידענץ־שטאָט פון דער חב״ד־מלוכה. — דער חורבן פון ליאַדי און דער אויפבוי פון ליובאַוויטש. — ליובאָמירסקי שענקט זיין פלימעניק אַ מתנה. — דעם אַלטן רבינ׳ס אַ ווערטל. — ווי ער האָט אויסגעקליבן אַ רביצין פאַר דעם מיטעלן רבי׳ן. — אַן אָנדייטונג וועגן „צמח־צדק״.**

נאָך דער פטירה פון אַלטן רבי׳ן, איז די רבי׳שע פאַמיליע געבליבן שטעקן אין מיטן וועג. ליאַדי איז געווען חרב פון דער מלחמה. דער רבי׳שער הויף איז געווען אין רואינען. אַ נייע היים האָט געמוזט געפונען ווערן.

ר׳ שניאור זלמן אַליין האָט געהאַט געשיקט זיין זון ר׳ דובער, שפּעטער דער מיטעלער רבי, זיין ממלא מקום, קיין קרעמענטשוג אויסצוגעפינען אויב די שטאָט איז פּאַסיק פאַר אַ נייער היים פאַר דער רבי׳שער פאַמיליע[98].

די חסידים פון קרעמענטשוג און דעם גאַנצן געגנט אַרום זיינען נאַטירלעך געווען שטאַרק צופרידן צו האָבן דאָרט דעם רבי׳ן.

ר׳ דובער איז געווען אין קרעמענטשוג[99] ווען דער אַלטער רבי איז נסתלק געוואָרן אין דער דאָרף פּיענע. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט איז די פראַגע וועגן אַ נייעם מקום מנוחה געהאַנגען אין דער לופט.

זאָל מען זיך צוריקקערן קיין ליאַדי און דאָרט צוריקבויען דעם פאַרניכטעטן הויף?

98) זען דעם ערשט־אָנגעוויזענעם בריוו.

99) זען „לשמע אוזן״ (ז׳ מו) וועגן דער סיבה פאַרוואָס דער מיטעלער רבי איז ניט אָנוועזנדיק געווען ביי דער הסתלקות פון אַלטן רבי׳ן.

ליובאָמירסקי, וועלכער האָט געהאַט אויפגעבויט דעם הויף אין ליאַדי פאַרן אַלטן רבי׳ן, איז ווידער געקומען צו־הילף. ער האָט געוואָלט האָבן דעם נייעם רבי׳ן צוריק אין ליאַדי. ער איז געווען גרייט צוריקצובויען דעם חרב־געוואָרענעם הויף אויף זיין אייגענער רעכענונג.

און עס קען זיין, אַז ליאַדי וואָלט באַלד צוריקגעבויט געוואָרן און ר׳ דובער, וועלכער איז געוואָרן זיין פאָטערס ממלא־מקום און איז זינט דאַן באַקאַנט געוואָרן אַלס דער „מיטעלער רבי״, וואָלט צוריקגעפאָרן קיין ליאַדי, דאָרט פאָרצוזעצן די אַרבעט פון דעם אַלטן רבי׳ן.

עס איז אָבער באַשערט געווען אַן אַנדער שטאָט באַרימט צו ווערן. דאָס איז געווען ליובאַוויטש.

ליובאַוויטש האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון ליאַדי און די גאָלדענע קייט פון חב״ד־חסידות איז ווייטער געשמידט געוואָרן פון ליובאַוויטש אַנשטאָט ליאַדי.

אַ קייט פון מאָדנע אומשטענדן האָבן געפירט דערצו:

ליובאַוויטש, וועלכע איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קליין שטעטל און אַרומגערינגלט מיט וועלדער, איז, ווי מיר וויסן שוין, ניט געווען אינגאַנצן פרעמד צו די חב״דניקעס בכלל און צו דער רבי׳שער פאַמיליע בפרט.

אין ליובאַוויטש האָט ר׳ שניאור זלמן אָנגעהויבן לערנען תורה, ווי דערמאָנט, ביי ר׳ ישכר בער קאָבילניקער. פון ליובאַוויטש איז אויך געהאַט אַרויסגעוואַקסן אַזאַ גרויסער חסיד פון אַלטן רבי׳ן ווי ר׳ יאָסעלע דעם מגיד׳ס, טאַקע אַ זון פון דעם דערמאָנטן ר׳ ישכר בער.

נאָך דער באַפרייאונג פון זיין ערשטן אַרעסט האָט ר׳ שניאור זלמן געהאַט באַזוכט ליובאַוויטש[100]. ער איז דאָס שטעטל דורכגעפאָרן צוריקקערנדיק זיך פון פעטערבורג.

---

100) אין משך פון די יאָרן האָט דער אַלטער רבי באַזוכט ליובאַוויטש עטלעכע מאָל: א) איידער דער אַלטער רבי איז אָפּגעפאָרן פון מעזריטש (אין יאָר תקכ״ח אָדער תקכ״ט), האָט אים דער מעזריטשער מגיד געזאָגט, אַז ער זאָל פאָרן פאַרביי ליובאַוויטש און באַזוכן דאָרט זיין רבי׳ן ר׳ ישכר בער; ב) אין יאָר תקס״א, ווען ער האָט געביטן זיין וואוין־אָרט פון ליאָזנע אויף ליאַדי — ער האָט דאַן דאָרט פאַרבראַכט דריי טעג; ג) אין יאָר תקס״ג, כח חשון (דינסטיק, פּ׳ תולדות), איז ער ווידער געווען אין ליובאַוויטש. זען „בטאון חב״ד״.

עס ווערט דערציילט, אַז דעמאָלט האָט מען אים געהאַט פאָרגעשלאָגן, אַז ער זאָל זיך אָפּשטעלן אין ליובאַוויטש און מאַכן דאָרט זיין היים.

— עס איז ניט קיין גבול[101] — איז געווען זיין ענטפער, און ער האָט דאָרט ניט געוואָלט פאַרבלייבן.

דאָס איז אָבער נאָר געגאַנגען אויף דעם אַלטן רבי׳ן אַליין, פאַר זיינע קינדער און קינדס־קינדער איז ליובאַוויטש שפּעטער געוואָרן אַ היים און אַ פעסטונג פון חב״ד. דאָס איז אָבער ניט געקומען אָן ליובאָמירסקין, בעסער געזאָגט דורך ליובאָמירסקי׳ס פּלימעניק, סעקרעט.

סעקרעט איז געווען ניט ווייניקער פריינטלעך צו אידן און ניט קיין קלענערער פאַרערער פון דעם רבי׳ן ווי ליובאָמירסקי.

ער איז געווען אַ טשיקאַווע פּערזענלעכקייט. ער האָט ליב געהאַט וויסנשאַפט און האָט געהאַט זיין אייגענע וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיע אויף זיין גוט לעבן ליובאַוויטש.

ליובאַוויטש האָט געהערט צו אים[102].

צווישן ליובאָמירסקין און זיין פּלימעניק איז אויסגעבראָכן אַ קריג צוליב אַ געוויסער מיספאַרשטענדעניש; פּעטער און פּלימעניק זיינען פאַר אַ צייט געווען ברוגז.

עס איז אָבער געקומען אַ צייט ווען פּעטער און פּלימעניק האָבן זיך איבערגעבעטן. סעקרעט איז איינגעלאַדן געוואָרן צו זיין פּעטער אין שלאָס. ער האָט געבראַכט ליובאָמירסקי׳ן אַ מתנה — אַ טייער שטיקל צירונג, וואָס ער האָט געקויפט אין אויסלאַנד, וואו ער פלעגט פאָרן גאַנץ אָפט.

— און איך האָב פאַר דיר אויך אַ מתנה. די טייערסטע מתנה וואָס איך קען דיר שענקען — האָט דער פּעטער געזאָגט צום פּלימעניק.

---

101) דאָס וואָרט איז ניט קלאָר אין אָריגינאַל.

102) אין „אגרות קודש — אדמו״ר מהוריי״צ נ״ע״ ווערט דערציילט, אַז דאָס שטעטל ליובאַוויטש און די אַרומיקע דערפער האָבן צו יענער צייט געהערט צום פירשט טשעכאַווסקי; און ער האָט עס געהייסן די אָנפירער פון זיינע גיטער מ׳זאָל ברענגען געהילץ פון די וועלדער און בויען הייזער פאַר דעם מיטעלן רבי׳ן און זיינע בני־בית.

סעקרעט האָט אַוודאי געמיינט, אַז ליובאָמירסקי וועט אים געבן אַ טייערן חפץ, געלט אָדער אַ שטיק לאַנד אָדער וואַלד.

ליובאָמירסקי האָט געהאַט אַ גאַנץ אַנדער סאָרט מתנה פאַר אים.

— איך גיב דיר ווי אַ מתנה דעם רבי׳ן — האָט ער אויפגעדעקט פאַרן פלימעניק אין וואָס זיין מתנה באַשטייט — איך האָב געהאַט בדעה אים צו ברענגען צוריק קיין ליאַדי און דאָרט צוריקבויען פאַר אים זיין הויף. איך וויל אָבער ציינן צו דיר מיין גוטהאַרציקייט און מיין גוטן ווילן. איך וועל דיר איבערגעבן דעם רבי׳ן. זאָל ער זיך באַזעצן אין ליובאַוויטש און האָב דו דעם גרויסן כבוד צו בויען פאַר אים אַ הויף, ווי עס פּאַסט פאַר אים און זיין גרויסער נאָכפאָלגערשאַפט צווישן חסידים.

און פאַר ליובאָמירסקין איז עס ניט געווען בלויז אַ פוסטער זשעסט. ער האָט עס טאַקע געהאַלטן פאַר אַ גרויסן קרבן פון זיין זייט אַרויסצולאָזן דעם רבי׳ן פון זיינע גרענעצן.

אין דער אמתן האָט עס פאַר אים אויך געמיינט אַ גרויסער איינקונפט. מיט דעם וואָס דער אַלטער רבי איז געזעסן אין ליאַדי איז ניט נאָר די שטאָט געוואָקסן, נאָר די גאַנצע געגנט אַרום האָט אויפגעלעבט. דאָס האָט פאַר ליובאָמירסקין געמיינט אַ גרויסער איינקונפט.

מיטן נייעם רבינ׳ס צוריקקומען קיין ליאַדי וואָלט די שטאָט צוריק אויפגעבויט געוואָרן און וואָלט צוריק געוואָרן אַ וויכטיקער צענטער.

ער האָט אָבער געוואָלט ציינן זיין גוטהאַרציקייט צו זיין פלימעניק און ער האָט אים „אַוועקגעשענקט" דעם רבי׳שן הויף פאַר ליובאַוויטש.

עס איז אָנצונעמען, אַז ליובאָמירסקי, וועלכער איז געווען אַן אמת׳ער פריינט פון דער רבי׳שער פאַמיליע האָט אויך געהאַט איינגעזען די נויטווענדיקייט פאַרן מיטעלן רבי׳ן צו האָבן אַ ניי פּלאַץ, וואו ער זאָל זיין מער געשיצט, און דאָך זיין אין צענטער פון אידישן ישוב, ווי ער איז עס געווען אין ליאַדי.

ליובאַוויטש איז געווען אַן אידעאַלער פּלאַץ פאַר דעם און דערפאַר איז ער געווען גרייט זיך אַליין אָפּצוזאָגן פון רבי׳ן און אים „איבערגעבן" צו זיין פלימעניק.

מען האָט אָבער געדאַרפט הערן פון רבי׳ן אַליין, ר׳ דובער, וועלכער האָט ערשט געהאַט איבערגענומען די קרוין פון חב״ד און איז מיט זיין פאַמיליע געווען ווייט אַוועק. עס איז ניט געווען באַשטימט אויב ער וועט שוין וועלן אין גאַנצן זיך צוריקקערן אין דעם פריערדיקן געגנט.

ליובאָמירסקי האָט באַלד אַרויסגעשיקט אַ בריוו צו אים דורך אַ ספּעציעלן שליח.

— ליאַדי איז פאַר אייך אָפן. איר קענט זיך דאָרט צוריקקערן און איך וועל פאַר אייך צוריקבויען אייער היים און אייער בית־המדרש און אַלץ וואָס איר וועט פאַרלאַנגען — איז געזאָגט געוואָרן אין ליובאָמירסקי׳ס בריוו — איך שלאָג אייך אָבער פאָר ליובאַוויטש, אונטערן שוץ פון מיין פּלימעניק סעקרעט, וואו איר וועט געפינען אַ נייעם מקום מנוחה. מיין פּלימעניק, מיט מיין הילף, וועט פאַר אייך טאָן אַלץ וואָס איך אַליין וואָלט פאַר אייך געטאָן און בין גרייט צו טאָן אויב איר זאָלט קומען קיין ליאַדי.

דער מיטעלער רבי האָט אויסגעקליבן ליובאַוויטש. עס איז געווען אַן אידעאַלער פּלאַץ אין אַלע הינזיכטן.

סעקרעט, מיט דער הילף פון ליובאָמירסקין, האָט באַלד זיך גענומען צו דער אַרבעט. מען האָט אָנגעהויבן שניידן וואַלד און פירן קלעצער אין שטעטל. צענדליקער פויערים, אונטער דער אויפזיכט פון באַוואוסטע חסידים, האָבן זיך געשטעלט בויען און אין אַ קורצער צייט אַרום איז אין ליובאַוויטש געווען פאַרטיק אַ פּראַכטפולער רבי׳שער הויף — אַ גרויס הויז פאַרן רבי׳ן, הייזער פאַר זיינע קינדער און בתי־מדרשים, אכסניות און אפילו אַ נייער מרחץ.

אין מיטן ווינטער פון יאָר תקע״ד[103] האָט זיך דער מיטעלער רבי אַריינגעקליבן אין ליובאַוויטש און פאַר הונדערט און צוויי יאָר, ביז

---

(103 אין „ספר השיחות — קיץ ה׳ש״ת״, ז׳ 95 שטייט געשריבן (געבראַכט אויך אין „ספר התולדות — אדמו״ר האמצעי נ״ע״ ז׳ 50), אַז אין יאָר תקע״ג, ח״י אלול (מאָנטיק, פ׳ נצבים־וילך) איז דער מיטעלער רבי געקומען פון קרעמענטשוג און באַשטימט זיין זיץ־אָרט אין ליובאַוויטש. אָבער אין דער הערה (76) דאָרט ווערט אָנגעצייכנט צו זען די שיחה פון י״ט כסלו תרצ״ג (אות ח) און ס׳ווערט דערנאָך באַוואָרנט, אַז דאָס באַזעצן זיך פון מיטעלן רבי׳ן אין ליובאַוויטש אין אַ קביעות׳דיקן אופן איז טאַקע געווען אין חודש חשון פון תקע״ד, דאַקעגן אין תקע״ג איז דאָס קומען אין ליובאַוויטש געווען ווי אַ צוגרייטונג צום באַזעצן זיך.

תרע״ז(?)[104] איז ליובאַוויטש געווען די היים פון חב״ד. דאָס זיץ־אָרט פון דער רבי׳שער דינאַסטיע, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן פון ר׳ שניאור זלמן.

דער מיטעלער רבי האָט געפירט די רביסטעווע פון תקע״ג ביז תקפ״ח. ער איז געגאַנגען אין דעם שוין באַשטימטן און פול־אויסגעטראָטענעם וועג פון זיין טאַטן.

עס ווערט דערציילט, אַז דער אַלטער רבי אַליין האָט שוין אים געהאַט באַשטימט פאַר זיין ממלא־מקום, אַמווייניקסטנס זאָל ער וועגן דעם האָבן געגעבן אַן אָנדייטונג.

דאָס איז געשען אין אַ געוויסן שמועס וואָס טאַטע און זון האָבן געהאַט וועגן דעם צמח־צדק — אַן אייניקל פון אַלטן רבי׳ן און אַן איידעם פון מיטעלן רבי׳ן. ר׳ שניאור זלמן האָט געוואָלט, אַז דער „צמח־צדק״ זאָל גענומען ווערן פון ר׳ דובער׳ן פאַר אַן איידעם. ר׳ דובער האָט קענטיק פון אָנפאַנג זיך געקווענקלט און עס איז געקומען צו אַ גוטמוטיקן איבערייד צווישן טאַטן און זון.

— איך בין אַ גרעסערער מיוחס פון דיר — האָט ר׳ דובער געזאָגט צום טאַטן — איך האָב אַ טאַטן אַ רבי׳ן...

— איך בין אַ גרעסערער מיוחס פון דיר — איך האָב אַ זון אַ רבי׳ן — איז געווען דעם אַלטן רבינ׳ס ענטפער.

די דאָזיקע באַמערקונג פון אַלטן רבי׳ן איז שפּעטער אָנגענומען געוואָרן צו האָבן געהאַט צוויי באַשטימטע מיינונגען. ערשטנס, אַז ר׳ דובער וועט זיין ר׳ שניאור זלמנ׳ס ממלא מקום; און צווייטנס, אַז ר׳ דובער וועט ניט האָבן קיין זון, וואָס זאָל ווערן זיין יורש אויף דער חסידישער קרוין. אַנשטאָט זיינס אַ קינד איז גאָר די רבי׳סטעווע איבערגעגאַנגען צום צמח־צדק, זיין איידעם.

* * *

104) אין „לקוטי דיבורים״ (ערשטער באַנד, ז׳ 36) זאָגט דער רבי מהוריי״צ נ״ע (אין איד. איבערז.): „ביי אונזער אַרויסגיין ט״ז מ״ח (מרחשון) תרע״ו פון ליובאַוויטש . . כ״ק אאזמו״ר (דער מיטעלער רבי) . . האָט זיך באַזעצט אין ליובאַוויטש אין מרחשון תקע״ד, און אין מרחשון תרע״ו פאַרלאָזן מיר ליובאַוויטש״. זען אויך הערה 170.

דעם מיטעלען רבינ'ס רביצין, שיינע איז געווען, באַוואוסט אַלס צדקנית.

זי איז געווען די טאָכטער פון אַ מלמד, אַ חסיד פון אַלטן רבי'ן. דער אַלטער רבי האָט זי אַליין אויסגעקליבן אַלס זיין שנור און דאָס איז געשען, ווי ס'ווערט דערציילט, אויף אַזאַ אופן:

דער מלמד, שיינע'ס טאַטע, איז אַמאָל געקומען צום אַלטן רבי'ן זיך קלאָגן, אַז ער קען ניט דאַוונען מיט דער געהעריקער כוונה, וואָס אַן אמת־גוטער חסיד האָט געדאַרפט האָבן ביים דאַוונען.

— מיין קאָפּ איז תמיד פאַרנומען — האָט ער זיך געקלאָגט פאַרן רבי'ן.

— מיט וואָס איז דיין קאָפּ פאַרנומען? — האָט דער רבי געוואָלט הערן וואָס עס באַאומרואיקט אַזוי שטאַרק דעם מלמד.

— מיט מיינע דריי דערוואַקסענע טעכטער וועלכע האָבן שוין געדאַרפט אַלע חתונה האָבן און איך האָב פאַר זיי ניט קיין נדן און ניט קיין אויסשטייער.

— פון איין טאָכטער קען איך דיר באַפרייען — האָט דער אַלטער רבי אים געזאָגט — איך וועל זי נעמען פאַר אַ שנור. פאַר די אַנדערע צוויי טעכטער זוך דיר אַליין מחותנים[105].

מיטן אַלטן רבי'ן אַלס מחותן האָט שוין דער מלמד לייכט געפונען בעלנים אויף די אַנדערע צוויי טעכטער.

דער מלמד האָט שוין מער קיין זאָרג ניט געהאַט און געקענט דאַוונען מיט דער ריכטיקער כוונה...

---

105) אין „ספר השיחות — ה'תש"ד" ווערט דערציילט, אַז דער אַלטער רבי האָט געפרעגט ביים חסיד (דעם מלמד), פאַרוואָס ער מאַכט ניט חתונה זיינע טעכטער; און אויף דעם חסיד'ס ענטפער — אַז „קיינער וויל מיט מיר קיין שידוך ניט טאָן" (צוליב זיין גרויסער אָרעמקייט) — האָט אים דער אַלטער רבי געזאָגט: „איך וועל מיט דיר זיך מתחתן זיין, וועלן זיך דאַן געפינען נאָך בעלנים און וועלן מיט דיר טאָן שידוכים".

# טז

## דעם רבינ׳ס קאַפּעליע

**דער מיטעלער רבי און זיין טעטיקייט. — שטעלט צוזאַמען דעם אַלטן רבינ׳ס ניגונים. — די קאַפּעליע אין ליובאַוויטש און איר באַדייטונג פאַר דער חב״ד׳סקער נגינה. — די חזנים וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון דער קאַפּעליע. — אַלטע און נייע ניגונים. — די כוונות אין דעם אַלטן רבינ׳ס ניגונים. — תורה און נגינה.**

דער מיטעלער רבי איז געווען אַ טרייער נאָכפאָלגער פון זיין טאַטן, דעם אַלטן רבי׳ן. די תורה, וואָס ער האָט געהערט פון טאַטן, האָט ער פאַרצייכנט. אויף אַזאַ אופן האָט ער פאַראייביקט ר׳ שניאור זלמנ׳ס תורה פאַר דורי־דורות. אָבער ניט אַלץ וואָס דער מיטעלער רבי האָט פאַרשריבן איז שוין געדרוקט און אויך ניט אַלץ וואָס איז פאַרצייכנט געוואָרן איז פאַרבליבן אין די אַרכיוון פון ליובאַוויטשער הויף.

אַ סך כתבים זיינען פאַרניכטעט געוואָרן אין די שרפות וואָס זיינען פון צייט צו צייט פאָרגעקומען אין ליובאַוויטש און פריער אין ליאַדי און נאָך פריער אין ליאָזנע.

שריפות זיינען געווען אַן אָפטע דערשיינונג און דערפאַר זיינען אין ליובאַוויטשער הויף תמיד געשטאַנען גרייט פעסער מיט וואַסער און אַ „פאַזשאַרנע״ קישקע צו נוצן אין פאַל פון אַ שריפה.

דער מיטעלער רבי האָט זיך פיל אָפּגעגעבן מיט פאַרשפרייטן תורה און זייענדיק אין ליובאַוויטש האָט ער געגרינדעט די ערשטע, שטענדיקע ישיבה, פון וועלכער זיין איידעם און שפּעטער זיין ממלא מקום, ר׳ מנחם מענדל, אָדער ווי ער איז באַקאַנט אַלס דער „צמח־צדק״, איז געווען דער פאַקטישער ראש ישיבה[106].

---

106) ס׳איז אַ זאַך וואָס רופט אַרויס גרויס חידוש, היות עס ווערט אין ערגעץ פון די חב״ד־ספרים ניט דערמאָנט, אַז דער מיטעלער רבי האָט געגרינדעט אַ ישיבה און אַז דער רבי דער צמח־צדק איז געווען דער ראש־ישיבה.

ר' דובער, דער מיטעלער רבי, האָט נאָך זייענדיק אין ליאַדי געהאַט געגרינדעט אַ ישיבה. אָבער זי איז נאָר געווען פאַר „זיצער", אַזוינע וואָס פלעגן קומען לערנען תורה אויף אַ קורצער צייט. אין ליובאַוויטש איז אָבער געגרינדעט געוואָרן אַ ישיבה פאַר שטענדיקע לערנער און די דאָזיקע ישיבה איז געווען דער אָנפאַנג פון דער טעטיקייט פון די ליובאַוויטשער רביים אויפן געביט פון ישיבות — אַ טעטיקייט וואָס ווערט אָנגעהאַלטן ביז היינט צו טאָג, ווען דער ליובאַוויטשער רבי האָט ישיבות אין אַ רייע לענדער.

ר' שניאור זלמן האָט געהאַט איבערגעלאָזט אַ גרויסע ירושה — אַ נאָכפאָלגערשאַפט פון צענדליקער טויזנטער חסידים און אַ לערע וואָס האָט ערשט איצט געהאַט די געלעגנהייט נאָך מער פאַרשפרייט צו ווערן צווישן פאָלק. דער מיטעלער רבי האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ גרויסע אויפגאַבע ער האָט פאַר זיך און האָט זי דורכגעפירט מיט דער גרעסטער איבערגעבנקייט.

חב"ד איז געוואָרן אײַנגעפעסטיקטער, שטאַרקער און אפשר אויך „פאָפולערער" אין דעם זינען וואָס אפילו פראָסטערע מענטשן האָבן פון איר געקענט נהנה זיין. חב"ד איז געווען ניט נאָר פאַר דער אידישער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע, פאַר לומדים און שאַרפע מוחות, נאָר אויך פאַרן פאָלק, פאַר די מאַסן — אַ לערע וואָס האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן אידישן לעבן און אַריינגעדרונגען אין אַלע שיכטן און קלאַסן פון אידישן פאָלק.

ביים מיטעלן רבי'ן האָט די חב"ד'ישע נגינה געקראָגן איר אמתן תיקון. די דאָזיקע ניגונים זיינען געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער חב"ד'ישער עבודה.

אין דעם האָט דער מיטעלער רבי אויך בלויז נאָכגעפאָלגט דעם דרך פון זיין באַרימטן טאַטן. וואָרום דער אַלטער רבי איז געווען באַוואוסט פאַר זיינע ניגונים, וואָס ער אַליין האָט פאַרפאַסט און געזונגען און וואָס זיינען פון אים איבערגענומען און געזונגען געוואָרן צווישן די חסידים.

דער אַלטער רבי איז געווען באַוואוסט פאַר זיין וואונדערלעכער שטימע[107], און ווען ער פלעגט זינגען אַ ניגון, זיינען ביי חסידים ממש

107) זען „ספר הניגונים", ערשטער חלק, ערך „לקוטי רשימות", ז' כג.

אויסגעגאַנגען די כוחות. וואָרום דער אַלטער רבי, זאָגן חסידים, האָט זיינע ניגונים גענומען פון סאַמע היכל פון נגינה. האָבנדיק זייער אָפּשטאַמונג פון כסא הכבוד...

צען ניגונים זיינען פאַרבליבן פון אַלטן רבי׳ן און דער מיטעלער רבי האָט זיי אַלע צוזאַמענגעשטעלט און פּרעזערווירט פאַר די צוקונפטיקע דורות.

די דאָזיקע ניגונים ווערן געזונגען מיט גרויס התלהבות פון חב״ד׳ניקעס. און דאָס זיינען וואונדערלעכע פאַרכאַפּנדיקע ניגונים, וועלכע פאַרטראָגן אייך אין די עולמות העליונים און ווען אַן עדה חסידים הויבן זיי אָן זינגען, זינגט מען זיי ממש עד כלות הנפש.

וויל ווער קען זיך דען אָפּרייסן פון אַ חב״ד־ניגון, וועלכער הויבט אייך אַלץ העכער און העכער, פאַרכאַפּט אייך און באַהערשט אייך אַזוי, אַז איר ווערט אַ טייל פון דעם ניגון, בלויז אַ כלי דורך וועלכן דער הייליקער ניגון קומט אַרויס.

איינקע פון די ניגונים זיינען אין „פיר פאַלן" און חב״ד׳ניקעס קוקן אויף די דאָזיקע „פאַלן" ווי אויף באַזונדערע אָפּטיילונגען, וואָס יעדע פון זיי נעמט אייך העכער און העכער אויפן לייטער פון נגינה, ביז איר דערגרייכט דאָס סאַמע העכסטע, וואו איר פאַרגעסט אין דער גאַנצער גשמיות׳דיקער וועלט מיט אירע קליינלעכקייטן און נאַרישקייטן.

אין ליובאַוויטש פלעגט מען טיכטיק שטודירן ניט בלויז די ניגונים אַלס אַזעלכע, נאָר ווי זיי צו זינגען; און דער עיקר, אַריינצודרינגען אין די טיפע כוונות וואָס ליגן אין די דאָזיקע ניגונים.

גיט דער ליובאַוויטשער רבי (כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ) צו פאַרשטיין, אַז די דאָזיקע ניגונים זיינען אַנטקעגן די עולמות העליונים: די פיר פאַלן זיינען אַנטקעגן דעם עולם פון אצילות, דעם עולם פון בריאה, דעם עולם פון יצירה און דעם עולם פון עשי׳...[108] די פיר פאַלן פון דעם אַלטן רבינ׳ס ניגון צעגלידערן זיך אין די פיר אותיות פון דעם „שם הוי׳" און פאַראייניקן זיך אין איין צוזאַמענגוס, וואו אַלץ איז אין פולער האַרמאָניע מיט דאָס סאַמע העכסטע צו וואָס די מענטשלעכע נשמה קען דערגרייכן...

---

108) זען דאָרט וועגן דעם אַלעם בפרטיות ובאריכות.

זיין טאַטע האָט אים געלערנט די טיפע כוונות פון דעם אַלטן רבינ׳ס ניגונים, און ווי ער האָט עס איבערגענומען פון זיין טאַטן — דערציילט דער ליובאַוויטשער רבי — איז דאָ אַ באַזונדערער טעם פאַרוואָס יעדער פון די פיר פאַלן ענדיקט זיך מיט אַן „אַרונטערנידער" און פאַנגט זיך אָן מיט אַ נייעם אויפשטייג.

דאָס איז דערפאַר וואָס כדי צו מאַכן אַ נייעם אויפשטייג און יעדעס מאָל אויפצושטייגן העכער ווי דעם פריערדיקן מאָל, מוז מען צוערשט עטוואָס אַרונטערנידערן... מוז מען גיין אויף צוריק כדי צו קענען גיין פאָראויס. ווען מען פּרובירט שפּרינגען הויך און ווייט מוז מען צוערשט אָפּטרעטן אויף צוריק...

צו דעם אַלטן רבינ׳ס ניגונים זיינען שפּעטער צוגעקומען נייע ניגונים — אַזוינע וואָס זיינען געזונגען געוואָרן פון די רביים און פאַרפאַסט געוואָרן פון זיי אָדער פון אַנדערע חסידים מנגנים.

חב"ד׳ניקעס, ווי אַנדערע חסידים, האָבן ממש ניט געוואוסט וואָס עס הייסט דאַוונען אָן אַ ניגון. אַ רבי׳שער טיש האָט ניט געקענט געפירט ווערן, און ווערט ניט געפירט, אָן אַ ניגון. דער ניגון איז אַ טייל פון דער תורה וואָס דער רבי זאָגט; דער ניגון פלעכט זיך אַריין אין צווישן. ער דינט אַלס מיטל פאַר ווייטערדיקער דערהויבונג, פאַר התרוממות און התעוררות.

זיצט דער רבי פאַרטיפט און פאַר׳מח׳ט. זיינע רעיונות שוועבן ערגעץ הויך אין די הימלען. ער כאַפּט זיך פלוצים אויף און הייסט זינגען אַ ניגון. דער ניגון איז די טרייב־קראַפט פאַר ווייטערער פאַרטיפונג, פאַר העכערער שטייגונג אין אַ וועלט פון געדאַנקען־פאַרטיפונג.

זאָגט דער רבי תורה. ער קומט צו אַן אָפּשטעל. ער הייסט זינגען אַ ניגון און דאָס איז בלויז צו קאָנצענטרירן די געדאַנקען, אַריינצודרינגען טיפער אין דעם ענין וואָס ער האַלט אין זאָגן.

איז דער ניגון דערפאַר אַזוי באַליבט ביי די רביים אַזוי גוט ווי ביי די חסידים. ער איז אַ מיטל צו התלהבות.

ביים מיטעלן רבי׳ן האָט נגינה געהאַט אַ נאָך ווייטערע אַנטוויקלונג.

אפשר אַ דאַנק דער „קאַפּעליע״, וואָס האָט אין זיין צייט געקראָגן אַ שם אין דער גאַנצער חב״ד׳ער וועלט.

דעם מיטעלן רבינ׳ס קאַפּעליע איז געוואָרן אַ טייל פון דעם רבינ׳ס עבודה ביים טיש.

די קאַפּעליע איז באַשטאַנען פון יונגעלייט מיט זיסע שטימען און מיט גרויס התלהבות וואָס פלעגן זינגען ביי אַלע געלעגנהייטן.

די קאַפּעליע האָט געזונגען איידער דער רבי האָט זיך געזעצט זאָגן חסידות און נאָכדעם ווי ער האָט עס שוין געהאַט אָפּגעזאָגט. זי האָט אָפט אויך געזונגען אין מיטן, ווען דער רבי איז געקומען צו אַן אָפּשטעל.

פריער איז די קאַפּעליע באַשטאַנען נאָר פון זינגער. שפּעטער זיינען אויך צוגעקומען אַזוינע וואָס האָבן געשפּילט אויף כלי־זמר[109] — פידלער, צימבלער און אַנדערע.

טייל פון די זינגער אין דער קאַפּעליע זיינען געווען בחורים און יונגעלייט פון דעם רבינ׳ס ישיבה.

די קאַפּעליע, קען מען זאָגן, האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אידישער וועלט פון נגינה. זי האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פון חזנות.

אַ סך פון די וואָס האָבן געזונגען אין דער קאַפּעליע זיינען שפּעטער אויסגעוואָקסן באַרימטע חזנים.

ניסי בעלזער (אַ גוט־באַוואוסטער חזן און בעל־תפילה מיט עטלעכע דורות פריער) איז געווען דער תלמיד פון זיין פעטער, ניסי באָסלאַוער, אַ באַרימטער חזן בשעתו. דער דאָזיקער ניסי באָסלאַוער איז געווען אַ פּראָדוקט פון דעם מיטעלן רבינ׳ס קאַפּעליע[110].

109) זען „אגרות קודש — אדמו״ר מהוריי״צ נ״ע״, דריטער חלק, ז׳ תמד און ווייטער; „ספר השיחות — ה׳תש״ב״, ז׳ 122.

110) זען „ספר הניגונים״, „ראשית דבר״, הערה 1. דאָרט ווערן אויסגערעכנט די נעמען פון דער גאַנצער „קייט״ פון די חב״דישע הויפּט־מנגנים — פון זינט דעם אַלטן רבי׳ן ביז דעם רבי׳ן מהוריי״צ נ״ע — און דער נאָמען פון אָט־דעם חזן, ניסי באָסלאַוער (בראָסלאַווער?), איז דאָרט ניטאָ.

פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע קאַפעליע האָט געהאַט אַ סך מחדש צו זיין. דאָס איז ניט בלויז געווען אין דעם אופן ווי זי האָט געזונגען די ניגונים פון דעם אַלטן רבי׳ן, נאָר אויך אין די נייע ניגונים וואָס זי האָט צוגעקראָגן.

זי האָט געהאַט אירע אייגענע ניגונים פאַרפאַסט פון אייגענע מענטשן. איינער פון די מער באַקאַנטע פאַרפאַסער פון ניגונים פאַר דער קאַפעליע איז געווען פנחס זשעבינער.

זיינע ניגונים ווערן נאָך געזונגען עד היום פון חב״ד׳ניקעס.

אַ סך פון די חב״דער ניגונים, וואָס ווערן איצט געזונגען, זיינען געשאַפן געוואָרן פון דעם מיטעלן רבינ׳ס קאַפעליע.

איז ליובאַוויטש פאַר דער מיטעלן רבי׳ן געוואָרן ניט בלויז אַ צענטער פון תורה, נאָר אויך אַ צענטער פון נגינה און איינס האָט געהאָלפן דאָס צווייטע, איינס האָט משפיע געווען אויף דאָס אַנדערע[111].

תורה איז געלערנט געוואָרן מיט מער חשק און מיט מער התמדה, מיט מער פייער און ברען, אַ דאַנק די זיסע און פאַרכאַפנדיקע ניגונים, וואָס פלעגן געזונגען ווערן פון דער קאַפעליע און דורך איר פון ממש אַלע חסידים.

און נגינה האָט אויך בייגעטראָגן, און גאָר אַ סך בייגעטראָגן, צו עבודה און יראת שמים.

ווייל וועמענס האַרץ האָט עס ניט געפלאַטערט הערנדיק אַ חב״ד-ניגון? ווער האָט עס ניט דערפילט אַ ווירקלעכן הרהור תשובה ווען די קאַפעליע האָט זיך צעגאָסן אין אַ ים פון נגינה?

אַ חב״ד׳סקער ניגון האָט געוועקט און גערופן, האָט געמאָנט און געצויגן. דער גרעסטער בעל-עבירה האָט געקענט דורך אַ ניגון ווערן אַ בעל תשובה...

האָט אַ חסיד פאַרבראַכט אַ יום-טוב, אַ שבת אָדער אַן אַנדער יומא דפגרא אין ליובאַוויטשער רבינ׳ס הויף און געהערט זינגען דעם רבינ׳ס

111) אויספירלעך און באריכות וועגן דעם זען אין דעם „מבוא" און „לקוטי רשימות" אין „ספר הניגונים".

קאַפּעליע, האָבן אים שוין די ניגונים פאַרפאַלגט חדשים לאַנג. האָט זיין מוח געקענט זיין צו טעמפּ איבערצונעמען די טיפע תורה, וואָס דער רבי האָט געהאַט געזאָגט פאַרן עולם: האָט ער די דאָזיקע תורה געקענט שנעל פאַרגעסן נאָכדעם ווי ער האָט זיך געמוזט אַריינוואַרפן אין דער גשמיות׳דיקער וועלט — די ניגונים האָט ער אָבער ניט פאַרגעסן.

ער האָט זיי שטילערהייט געזונגען פאַרנדיק אין וועג, גייענדיק אין גאַס, זיצנדיק אין זיין קלייטל, אָדער טוענדיק זיין מלאכה.

און דער כח פון די ניגונים איז געווען גרויס, אַז עס האָט אים תמיד געצויגן אין שטיבל זיי צו הערן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, זיך קיינמאָל ניט קענענדיק אָנזעטיקן מיט זיי.

און אַז דער חסיד איז געקומען אין חסידישן שטיבל, האָט ער שוין געהערט ניט נאָר נגינה, נאָר אויך תורה.

ער האָט קודם כל געדאַוונט — און געדאַוונט מיט גרעסערער כוונה ווי געוויינלעך; און אַז מען איז פאַרטיק געוואָרן מיטן דאַוונען, האָט מען זיך געזעצט צום טיש, געהערט דעם מער לומדישן חסיד פון דער עדה איבערזאָגנדיק דעם רבינ׳ס חסידות אָדער לערנענדיק פאַרן עולם „תניא״.

דער חסיד האָט אייגנטלעך געקענט נאָר האָבן צוגעקומען צום טיש אין דערוואַרטונג אַז מען וועט זינגען דעם ניגון, וועלכן ער האָט אַזוי געלעכצט צו הערן. אָבער אַז ער איז שוין געווען ביים טיש, האָט ער געהערט תורה. וואָרום תורה איז דאָך געווען דער עיקר, דער צוועק פון וועלכן דער ניגון איז בלויז געווען דער מיטל.

האָט דער מיטל טאַקע דעם אידן געהאַט געבראַכט צום צוועק. ער האָט געהערט תורה און עפּעס האָט זיך צו אים צוגעקלעפּט. דער ניגון איז גענומען געוואָרן און דער חסיד איז געווען אין גאַנצן אין אַ נייער וועלט — אין אַ וועלט פון הויכע רעיונות...

אַזוי האָט די קאַפּעליע געטאָן די הייליקע אַרבעט פון פאַרשפּרייטן חסידות. אַזוי זיינען די ניגונים געווען אַ מיטל צום גרויסן ציל.

חב״ד איז געוואָרן אַ טיף־איינגעוואָרצלטע און פיל־פאַרצווייגטע תורה. דער מיטעלער רבי האָט דורך זיין קאַפּעליע פיל בייגעטראָגן, אַז דאָס זאָל אַזוי זיין.

דער מיטעלער רבי האָט אָבער געהאַט צו זאָרגן ניט בלויז פאַר דער אידישער נשמה, נאָר אויך פאַר דעם אידישן גוף.

די לאַגע פון די אידן איז אין זיין צייט געוואָרן אַזוי צרה׳דיק, אַז דער רבי האָט ניט געקענט בלייבן זיצן אין ליובאַוויטש און רואיק זיך זאָגן חסידות און הערן און מיטזינגען די אַלטע אַזוי גוט ווי די נייע הייליקע חב״ד־ניגונים.

עס איז געווען אַן „עת לעשות״, אַ צייט פון טאָטן — און דער מיטעלער רבי האָט געטאָן, אָנווייזנדיק אַ וועג פאַר דער פאַרבעסערונג פון דעם אידישן מצב — אַ וועג וואָס האָט געפירט צו קאָלאָניזאַציע...

## יז

# די חסידישע קאָלאָניע

**די טעטיקייט פון דעם מיטעלן רבי'ן פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד. — די לאַגע פון די אידן אין רוסלאַנד און די סיבות וואָס האָבן אים באַוואויגן צו קאָלאָניזאַציע. — די ערשטע קאָלאָניע און ווי דער רבי האָט זי געהאָלפן בויען. — מלאכה און ערד־אַרבעט. — קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד און ישוב ארץ ישראל.**

חב"ד האָט ניט נאָר צו פאַרצייכענען גרויסע גייסטיקע דערגרייכונגען פאַר אידן, נאָר אויך מאַטעריעלע. די חב"ד־רביים האָבן זיך ניט בלויז געזאָרגט פאַרן גייסטיקן מצב פון די אידן, נאָר אויך פאַרן מאַטעריעלן. זיי האָבן ניט בלויז געהאַט אין זינען די אידישע נשמה, נאָר אויך דעם אידישן גוף.

אויב דער אַלטער רבי איז אין גאַנצן געווען פאַרנומען מיט דער באַפעסטיקונג פון חב"ד, האָט אָבער דער מיטעלער רבי שוין אויך גענומען אויף זיך אַנדערע אויפגאַבן, באַזונדער אַזעלכע וואָס די טרויעריקע לאַגע פון די אידן דעמאָלט אין רוסלאַנד האָט געפאָדערט.

די אידן אין רוסלאַנד האָבן נאָך די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות איבערגעלעבט אַ שווערע צייט. פּאָליטיש און עקאָנאָמיש האָבן זיך איבער זייערע קעפּ אָנגעהויבן טראָגן שוואַרצע וואָלקנס.

אַ שטאַרקע אַנטיסעמיטישע באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן איבער רוסלאַנד, אַריינדרינגענדיק אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד. עס האָט געדראָט מיט גזירות און רדיפות.

דערצו איז דער עקאָנאָמישער מצב פון אידן געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג. אידן האָבן קיין פּרנסה ניט געהאַט. די הויפּט באַשעפטיקונג פון

די אידן איז געווען קליין-האַנדל און דאָס האָט געמיינט אָרעמקייט און נויט. די גויים האָבן כסדר געהאַלטן אין טייטלען מיט די פינגער אויף די אידן און באַצייכנט זיי אַלס „רויבער" און געשריען, אַז זיי באָדן זיך אין עשירות.

ביז דעמאָלט איז דער איינציקער ענטפער אויף אַלע אידישע פראָבלעמען געווען — תורה. זאָלן אידן זיצן און לערנען, זאָלן זיי אָנגיין מיט זייער עבודת הבורא און אַלץ וועט זיין גוט.

דער מיטעלער רבי, פאַרשטייט זיך, האָט ניט געמינערט די וויכטיקייט אין תורה און עבודה אויפן חב"ד'ישן שטייגער. ער איז געווען אַ שטרענגער נאָכפאָלגער פון זיין טאַטן, וואָס האָט געזען דעם גאַנצן איבערבוי פון אידישן לעבן דורך דער תורת חב"ד, וועלכע נעמט אַרום דאָס גאַנצע לעבן און גיט דעם יחיד ווי דעם כלל אַ פולשטענדיקע „פראָגראַם", וועלכע דאַרף זיין די הויפט-אויפגאַבע אין לעבן.

ר' דובער האָט אָבער אויך איינגעזען די וויכטיקייט פון עפּעס ממשות'דיקס און פּראַקטיש — און דאָס זיינען געווען מלאכה און קאָלאָניזאַציע.

נאָך דער אַלטער רבי האָט גערעדט וועגן דער וויכטיקייט, אַז אידן זאָלן זיך ניט אָפּגעבן צופיל מיט מסחר. ביים אַלטן רבי'ן איז עס אָבער געווען מער צוליב אַ מאָראַלן גרונט ווי צוליב עפּעס אַנדערש.

ביים מיטעלן רבי'ן איז עס אָבער געווען ניט בלויז אַ מאָראַלע פראַגע נאָר אויך אַ עקאָנאָמישע.

אידן האָבן געמוזט האָבן נייע קוואַלן פון פרנסה. אידן האָבן געמוזט עפּעס טאָן כדי צו פאַרמאַכן ביי אַנטיסעמיטן די מיילער. און דער מיטעלער רבי האָט פאַר זיי געפונען צוויי באַשטימטע אויפגאַבן — זיך נעמען צו מלאכה און צו ערד-אַרבעט.

דאָס וואָס מען האָט אין יענער צייט אָנגעהויבן פאָדערן אידישע סאָלדאַטן איז דעם מיטעלן רבי'ן געווען שטאַרק דערווידער[112]. ער האָט

---

112) זעו די „מאמרי אדמו"ר האמצעי — קונטרסים", ז' ערה.

זיך שטענדיק געהאַלטן אין באַקלאָגן אויף דעם און עס באַטראַכט פאַר אַ גרויסן אומגליק פאַר אידן.

— די גויים הויבן אונז ניט אָן צו פאַרשטיין — האָט זיך דער מיטעלער רבי באַקלאָגט — זיי ווייסן ניט, אַז מיר אידן קענען באַשיצן דאָס לאַנד מיט תורה און עבודה מער ווי מיט כלי־זיין.

עס איז דעריבער געווען פאַר אים אַן איבעריקע זאַך, אַז אידן זאָלן געשיקט ווערן דינען דעם קיסר אין דער אַרמיי.

וואָס איז שייך מלאכה און ערד־אַרבעט האָט ער אָבער געהאַלטן, אַז צו דעם דאַרפן זיך אידן נעמען אפילו דעמאָלט ווען זיי גיבן זיך אָפּ מיט תורה און עבודה. מלאכה און ערד־אַרבעט האָבן די אידן געזאָלט געבן אַ נייעם אָנהאַלט אין לעבן, געבן זיי נייע מעגלעכקייטן און שאַפן זיי אַ נייעם סטאַטוס אין לאַנד.

האָט דער מיטעלער רבי אין יאָר תקפ״ב אָדער תקפ״ג אַרויסגעלאָזט אַ מין קול־קורא צו אידן, אויפפאָדערנדיק זיי זיך מער נעמען צו מלאכה און צו ערד־אַרבעט[113].

און דער מיטעלער רבי האָט זיך ניט באַנוגנט בלויז מיטן קול־קורא. ער איז געוואָרן דער פּראַקטישער פירער פון אַ באַוועגונג צו קאָלאָניזירן אידן אויפן לאַנד און ער אַליין האָט די דאָזיקע באַוועגונג געבראַכט מכח אל הפועל.

ער האָט אָנגעהויבן גרינדן קאָלאָניעס, אויף וועלכע אידן, מערסטנס חב״ד׳ניקעס, האָבן זיך באַזעצט און זיינען געוואָרן די ערשטע אידישע קאָלאָניסטן אין רוסלאַנד.

די ערשטע קאָלאָניע וואָס דער מיטעלער רבי האָט געגרינדעט איז געווען אין כערסאָנער גובערניע. ראָמאַנאָווקע האָט מען זי אַ נאָמען געגעבן און זי איז אויפגעבויט געוואָרן אויף די סטעפּעס מיט די הוילע הענט פון דעם מיטעלן רבינ׳ס חסידים.

---

113) לויט דער באַמערקונג פון כ״ק אדמו״ר שליט״א צום ספר „אדמו״ר האמצעי״ פון הרב ר׳ שמעון גליצנשטיין, ווערט דערמיט געמיינט דעם „קול קורא״ וואָס איז געדרוקט אין „אגרות קודש — אדמו״ר האמצעי״, ערשטער חלק, אגרת לט.

דער מיטעלער רבי האָט זיך ענערגיש אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט און האָט ניט אָפּגעלאָזט ביז ער האָט עס דערפירט צו אַ דערפאָלג.

דער רבי האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט התלהבות'דיקע נאָכפאָלגער און די באַוועגונג פאַר קאָלאָניזאַציע האָט באַלד געהאַט אַרומגעכאַפּט טויזנטער אידן.

עס איז גיכער געווען אַ פראַגע פון מיטלען ווי פון ווילן און די מיטלען איז ניט געווען אַזוי לייכט צו שאַפן.

די השפעה פון דעם מיטעלן רבי'ן איז אָבער געווען גרויס און די קאָלאָניזאַציע-אַרבעט איז אָנגעפירט געוואָרן מיט גרויס ענערגיע.

דער מיטעלער רבי האָט אַליין געמאַכט אַ נסיעה איבער אידישע שטעט און שטעטלעך צוזאַמענצונעמען די אידן וואָס זיינען געווען גרייט צו נעמען זיך צו ערד-אַרבעט און אויך צו שאַפן די מיטלען וואָס זיינען געווען נויטיק פאַר דער גרינדונג פון קאָלאָניעס.

ער האָט געהאַט אויפזיכט איבער דער גאַנצער אַרבעט: אפילו וואָס איז נוגע געפינען אַ פּאַסיקן געגנט און גוטן באָדן פאַר די אידישע קאָלאָניעס.

די ערשטע אידישע קאָלאָניסטן פאַר ראָמאַנאָווקע זיינען געווען אַרום פופציק פאַמיליעס. זיי זיינען מערסטנס געקומען פון וויטעבסקער גובערניע.

פון אָנפאַנג, זעט אויס, איז נאָך דער פּלאַן ניט געווען קלאָר — צי די אידן זאָלן קאָלאָניזירט ווערן אַלס יחידים אָדער אַלס קיבוצים.

עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז די קאָלאָניסטן זאָלן זיך יעדער באַזעצן אויף אַ שטיקל ערד, וואו דאָס זאָל ניט געפונען ווערן.

דאָס וואָלט אָבער געמיינט: שאַפן נאָר אידישע ישובניקעס, וואָס וואָלטן געווען אָפּגעריסן פון אידישן לעבן.

די ערשטע פּיאָנערן זיינען געווען גרייט אפילו אויף דעם אויך. זיי האָבן זיך אָבער אָנגעהויבן באַקלאָגן, אַז זיי וועלן אָפּגעפרעמדט ווערן פון אַלץ וואָס איז אידיש.

דער רבי האָט דאַן דערקלערט, אַז די לייזונג פון דעם פּראָבלעם וועט זיין ווען די אידן וועלן קאָלאָניזירט ווערן אין קיבוצים.

— אָבער ווער וועט פאַר אונז זאָגן חסידות? — האָבן זיך די פּיאָנערן ווידער באַקלאָגט.

זיי האָבן געדאַרפט אַוועקגיין ווייט פון צענטער פון חב״ד. זיי האָבן געזאָלט אָנפאַנגען אַ ניי לעבן. וואָס וועט ווערן פון זייערע גייסטיקע באַדערפעינישן?

אידן האָבן גייסטיקע באַדערפענישן, באַזונדער חסידים וואָס ווילן שטענדיק זיין אונטער דער השפּעה פון זייער רבי׳ן, וועלכער איז פאַר זיי דער מקור פון תורה און באַגייסטערונג.

אַוועקצורייסן זיך אין גאַנצן פון חסידישן לעבן איז געווען עפּעס אַזוינס וואָס האָט זיך די פּיאָנערן ניט געוואָלט.

— איך וועל פאַר אייך זאָגן חסידות — האָט זיי דער מיטעלער רבי געזאָגט און באַלד איז קלאָר געוואָרן וואָס ער מיינט.

ער איז מיט די ערשטע קאָלאָניסטן מיטגעפאָרן קיין ראָמאַנאָווקע און דאָרט אַליין געוואָרן זייער גייסטיקער מנהיג.

און עס איז געווען מיטן רבי׳ן אַלס וועג־ווייזער און דערמונטערער, וואָס די ערשטע אידישע קאָלאָניסטן האָבן זיך איינגעאָרדנט אויפן לאַנד.

דער רבי האָט פאַר זיי געזאָגט חסידות, זיי געגעבן עצות און זיי געהאָלפן מיט אַלץ וואָס איז נאָר געווען אין זיינע כוחות.

עס איז געווען אָנפאַנג זומער ווען דער מיטעלער רבי איז אַוועק מיט די קאָלאָניסטן קיין ראָמאַנאָווקע און עס איז געווען אָנפאַנג פון קומענדיקן ווינטער ווען ער איז צוריקגעקומען קיין ליובאַוויטש.

פאַר דער צייט האָבן זיך די קאָלאָניסטן אין ראָמאַנאָווקע פולשטענדיק איינגעאָרדנט און ווען דער רבי האָט זיי פאַרלאָזן זיינען זיי שוין געווען בעלי־בתים אויף זייער אייגן לאַנד.

גרויס האָט געמוזט זיין די פרייד פון דעם מיטעלן רבי׳ן ווען ער האָט געזען מיט זיינע אייגענע אויגן ווי זיינע פּלענער ווערן פאַרווירקלעכט.

אַ סך ווערט דערציילט פון דעם זומער, וואָס דער רבי האָט פאַרבראַכט אין ראַמאַנאָווקע מיט די חסידים.

עס איז געווען מיטן רבינ׳ס כח, וואָס אַ ווילדער סטעפּ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פרוכטבאַרן באָדן.

עס האָט זיך געאַקערט און געזייט און געפּלאַנצט מיט אַ לייכטקייט און מיט אַ צופרידנקייט, וואָס אידן האָבן נאָך קיינמאָל פריער ניט געהאַט געזען.

די הייזער זיינען ממש ווי דורך אַ נס אויפגעשטעלט געוואָרן. און ניט בלויז הייזער האָט מען געבויט, נאָר אויך אַ בית־המדרש און אַ מרחץ מיט אַ מקוה, להבדיל. ממש איבערנאַכט איז אויסגעוואַקסן אַ אידיש שטעטל.

און ווי גליקלעך די קאָלאָניסטן זיינען געווען! אויפגעשטאַנען מיט זון־אויפגאַנג, האָט מען דעם גאַנצן טאָג און אָוונט ביז וואַנען מען האָט זיך געדאַרפט לייגן שלאָפן, פאַרבראַכט צווישן אַרבעט אויפן לאַנד אָדער ביים בויען הייזער און תורה און עבודה.

גאַנץ אָפט האָט דער רבי אַליין אַרויסשפּאַצירט אויפן פעלד און וואָס פאַר אַ השפעה ער האָט מיט זיין אָנוועזנהייט געהאַט אויף די קאָלאָניסטן! די הענט האָבן אַליין געאַרבעט. מען האָט קיינמאָל קיין מידקייט ניט געפילט.

האָבנדיק דעם רבי׳ן ביי זיך, פאַרשטייט זיך, אַז עס האָט קיין חסידות ניט געפעלט. די חסידים האָבן זיך געפילט ווי אין גן־עדן.

ווען דער רבי האָט פאַרלאָזן ראַמאַנאָווקע איז שוין אַלץ געווען אַזוי איינגעשטעלט, אַז די קאָלאָניסטן האָבן זיך געפילט גוט באַפעסטיקט אויפן באָדן.

דער רבי און אַנדערע מנהיגים פון חב״ד האָבן די קאָלאָניסטן דערנאָך באַזוכט גאַנץ אָפט. די קאָלאָניסטן האָבן זיך ניט געדאַרפט פילן עלנט און זיי האָבן אויך ניט געהאַט קיין זאָרג וועגן דעם ווער עס זאָל פאַר זיי זאָגן חסידות. זיי האָבן זיך גייסטיק געפילט ניט ערגער ווי די אידן פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך מיט אַלע איינריכטונגען וואָס אידישע קהלות האָבן.

אַחוץ ראַמאַנאָווקע האָט דער מיטעלער רבי אויך געגרינדעט אַנדערע

קאָלאָניעס. איינע פון זיי איז געווען בולדאָרעווקאַ אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע.

אין דער זעלבער צייט וואָס צענדליקער אידן האָבן זיך באַזעצט אויפן לאַנד, האָבן אַנדערע אידן אין די שטעט און שטעטלעך אָנגעהויבן צו באַשעפטיקן זיך מיט פאַרשידענע מלאכות.

דער מיטעלער רבי האָט אויך די בעלי־מלאכות געשענקט די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט און איז שטענדיק געווען גרייט זיי צו העלפן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען.

אויף ווי ווייט די ממשות׳דיקע אויפטואונגען האָבן געהאַט אַ ווירקונג אויפן גאַנג פון אידישן לעבן אין יענער צייט איז שווער צו זאָגן. גייסטיק האָט עס אָבער געהאַט אַ גאָר גרויסע ווירקונג. אידישע הערצער זיינען געשטאַרקט געוואָרן, אידישע האָפענונג האָט ליכטיקער און העלער אויפגעשטראַלט.

און די אַרבעט וואָס דער מיטעלער רבי האָט אָנגעפאַנגען איז שפּעטער נאָכגעפאָלגט געוואָרן פון דעם צמח־צדק, וועלכער איז געווען זיין ממלא־מקום. קאָלאָניזאַציע איז געוואָרן אַ וויכטיקער טייל פון דער טעטיקייט פון דעם ליובאַוויטשער הויף.

פאַרשטייט זיך, אַז דער מיטעלער רבי האָט אין קאָלאָניזאַציע ווי אויך אין מלאכה ניט געזען קיין פערמאַנענטע לייזונג פון דעם אידישן פּראָבלעם. עס איז געווען ניט מער ווי אַ חיי־שעה. ער האָט אויך ניט געהאַט פאַרגעסן אין ארץ־ישראל. און טאַקע געהאַט אַן אויג אויפן הייליקן לאַנד אַלס אַ פּלאַץ וואו אידן קענען פאָרן און זיך באַזעצן ניט בלויז דאָרט צו לערנען תורה, נאָר טאַקע דאָרט צו לעבן און שאַפן.

און דער מיטעלער רבי איז טאַקע געוואָרן שטאַרק טעטיק פאַר ישוב ארץ ישראל — אַ טעטיקייט וואָס האָט אים שפּעטער אויך געבראַכט ניט ווייניק צרות.

## יח

# ארץ ישראל

**וואָס דער מיטעלער רבי האָט געטאָן פאַר ישוב ארץ ישראל. — ווי ער האָט געשיקט חסידים און חסידות קיין ארץ ישראל. — זיינע גויאישע פאַרערער. — דעם רבינ׳ס שיינע טעכטער. — די מסירה. — דעם גובערנאַטאָר׳ס זון און זיינע זינדיקע מחשבות. — דעם רבינ׳ס אַרעסט און זיין באַפרייאונג.**

אין דער צייט ווען דער מיטעלער רבי איז געווען אַזוי טעטיק אין קאָלאָניזירן אידן אויפן רוסישן באָדן און אין באַוועגן אידן צו ווערן בעלי־מלאכות, האָט ער זיך אויך פיל אָפּגעגעבן מיט ישוב ארץ־ישראל.

נאָך דער אַלטער רבי האָט אָנגעפאַנגען אַ באַשטימטע טעטיקייט פאַר ארץ־ישראל, איבערנעמענדיק די אויפזיכט איבער די זאַמלונגען פאַר ר׳ מאיר בעל הנס, וועלכע זיינען געגאַנגען אויפצוהאַלטן די מוסדי־התורה אין ארץ ישראל און פאַקטיש דעם גאַנצן דאַמאָלסדיקן ישוב.

דער מיטעלער רבי האָט די דאָזיקע טעטיקייט נאָך פאַרשטאַרקט און האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דעם, וואָס וואָלט געקענט באַטראַכט ווערן אַלס אַ פאַרזוך אויפצובויען אַ אידישן ישוב אין ארץ־ישראל.

אויב דער מיטעלער רבי האָט געהאַט איינגעזען די נויטווענדיקייט פון זוכן נייע פּרנסות פאַר אידן, האָט ער אויך געפונען פאַר נויטיק צו שיקן אידן אין ארץ ישראל, און דאָרט זיי צו מאַכן פאַר תושבים.

דער מיטעלער רבי האָט געווירקט אויף צענדליקער אידן, אַז זיי זאָלן אויסוואַנדערן קיין ארץ־ישראל. אַ דאַנק זיינע באַמיאונגען איז געשאַפן געוואָרן אין חברון אַ אידישער ישוב*[113].

דער רבי אַליין האָט אויך געהאַט אַ רצון צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און

---

*113) זעט אויך „תולדות חב״ד בארה״ק״ ז׳ לג.

ער האָט זיך ניט איינמאָל אויסגעדריקט, אַז פאַר אים וואָלט עס געווען די גרעסטע דערגרייכונג אין לעבן. „מיר וואָלט דאָרט געווען זייער גוט״, האָט ער געזאָגט. ער האָט אָבער געפילט, אַז זיין אויפגאַבע איז צו בלייבן אין גלות אַלס דער מנהיג פון די צענדליקער טויזנטער חב״ד׳ניקעס וועלכע זיינען געשטאַנען אונטער זיין השפעה.

צו בלייבן אין גלות איז ביי אים געווען אַ מסירת נפש. אָבער ער האָט געפילט, אַז ער מוז זיך מוסר נפש זיין צוליב „אים״ (דעם אויבערשטן), ווען קינדער עס מוזן נאָך בלייבן צעזייט און צעשפּרייט צווישן די אומות העולם.

אַ סך חסידים, וועלכע האָבן אויסגעוואַנדערט קיין ארץ־ישראל, האָבן עס געטאָן נאָר צוליב דעם איינפלוס פון דעם רבי׳ן.

איינער אַ ר׳ ישראל יאָפע[114], אַ באַוואוסטער חב״דניק, וואָס איז געקומען צום מיטעלן רבי׳ן נאָך אַן עצה, צי ער זאָל פאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט געקראָגן דעם רבינ׳ס תשובה אַז ער זאָל עס אומבאַדינגט טאָן.

ר׳ ישראל איז אָבער נאָך ניט געווען צופרידן. „וואו וועל איך הערן חסידות?״[114], האָט ער גע׳טענה׳ט. ער איז געווען אַזוי פאַרקאָכט אין דעם מיטעלן רבינ׳ס חסידות.

„דו וועסט דאָרט האָבן גענוג חסידות״, האָט אים דער רבי מבטיח געווען און דער רבי פלעגט אים שפּעטער מיט זיין אייגענער האַנט שיקן די כתבים פון זיין חסידות.

די דאָזיקע כתבים זיינען שפּעטער געוואָרן דער קוואַל פון חסידות פאַר הונדערטער אידן אין ארץ־ישראל.

און דעם מיטעלן רבינ׳ס חסידות איז געווען וואָס צו הערן און וואָס איבערצוזאָגן. דאָס איז געווען צו זען פון דעם וואָס ניט בלויז חסידים און אַזוי אידן האָבן זיך געקוויקט מיט זיין חסידות, נאָר אפילו אויך גוים, להבדיל.

114) זען אויך „התמים״, חוב׳ ב, ז׳ עט.

ס׳וועט דערציילט, אַז דער זעלביקער סעקרעט, ליובאָמירסקי׳ס פּלימעניק, וואָס האָט אויסגעבויט דעם ליובאַוויטשער הויף פאַרן מיטעלן רבי׳ן, איז געווען אַ גרויסער פאַרערער פון דעם רבינ׳ס חסידות.

ער פלעגט ניט בלויז קומען אָפּט הערן דעם רבינ׳ס חסידות, נאָר אויך לאָזן ברענגען צו זיך חסידים וועלכע האָבן אים געקענט איבערזאָגן דעם רבינ׳ס חסידות.

סעקרעט, ווי אייניקע אַנדערע גוים, וועלכער זיינען געשטאַנען אין נאָענטער באַציאונג מיטן רבינ׳ס הויף, האָבן געקענט אידיש, און האָבן אפילו געקענט פאַרשטיין לייכטע תורה־ווערטלעך.

און עס איז ניט קיין וואונדער. חב״ד׳סקע חסידות אַנטהאַלט אין זיך טיפע געדאַנקען: ס׳איז אַווירקלעכע פילאָזאָפיע וואָס נעמט אַרום דעם גאַנצן מענטשלעכן לעבן. אויב די טיפע תורה פון רבי׳ן איז פאַר די גויאישע קעפּ ניט געווען לייכט צו באַנעמען, האָבן זיי אָבער געקענט באַנעמען די טיפע געדאַנקען וועגן מענטשן און נשמה וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון רבי׳ן.

אַ צווייטער גוי וואָס איז געווען אַ פאַרערער פון מיטעלן רבינ׳ס חסידות איז געווען היימענטאַל[115], אַ באַוואוסטער געלערנטער אין יענער צייט און אַ פריינד פון סעקרעטן. ביידע פלעגן אָפּט זיצן שעה׳ן לאַנג און שטודירן דעם רבינ׳ס חסידות, וואָס פלעגט זיי איבערגעגעבן ווערן פון די „חוזרים״ אויף אויסנווייניק אָדער פון כתב.

דעם מיטעלן רבינ׳ס טעטיקייט פאַר ישוב ארץ־ישראל האָט אים אָבער

115) אַזוי איז געדרוקט דער נאָמען אין צייטונגס־אָריגינאַל: היימענטאַל. אין „ספר השיחות — תרצ״ז״ ווערט אין צוויי ערטער (ז׳ 163 און 208) דערמאָנט דער נאָמען פון אַ געלערנטן: פּראָפעסאָר הייבענטאַל — ווי אַ פריינט פון גובערנאַטאָר כאַוואַנסקי און אויך אַ נאָענטער צום פירשט פון ליובאַוויטש. אין ביידע ערטער ווערט דערציילט ווי ער האָט געהערט ווי דער מיטעלער רבי זאָגט חסידות און דער פּראָפעסאָר איז געוואָרן שטאַרק באַאיינדרוקט און נתפעל פון מיטעלן רבי׳ן; פון זיין זאָגן חסידות. ער איז געוואָרן אַ „מקורב״ און מ׳האָט דורך אים „אויפגעטאָן אַ סך זאַכן״. צוליב די ענלעכקייטן מיט דעם גויאישן געלערנטן און פאַרערער פון מיטעלן רבי׳ן, איז דער שכל מחייב, אַז דאָס איז איינער און דער זעלבער און עס דאַרף דאָ שטיין (ניט היימענטאַל, נאָר) הייבענטאַל.

איך געבראַכט שווערע איבערלעבונגען. ער איז איינפאַך געשטעלט געוואָרן אונטער אַרעסט.

דער אַרעסט איז דורכגעפירט געוואָרן אויפן באַפעל פון דעם וויטעבסקער גובערנאַטאָר כאַוואַנסקי. ווער עס איז געווען דער וואָס האָט פאַר׳מסר׳ט דעם רבי׳ן, איז ניט געווען באַקאַנט[116]. עס איז אָבער זיכער, אַז עמעצער האָט געהאַט צוגעטראָגן אַ מסירה, אַז דער רבי זאַמלט געלט אויף אַריבערצופירן אידן קיין ארץ ישראל און אַז ער שטייט אין נאָענטער פאַרבינדונג מיטן טערקישן סולטאַן — און נאָך אַזוינע זאַכן וואָס האָבן געזאָלט צייגן, אַז דער רבי איז, רחמנא־ליצלן, אַ מורד־במלכות.

ווייטער ווי דעם גובערנאַטאָר האָט די מסירה ניט דערגרייכט. אפשר דערפאַר, וואָס דער מיטעלער רבי איז שוין לאַנג געווען אַ מכובד ביים קיסר אַלעקסאַנדער.

אַ פּאָר מאָל האָט דער רבי געהאַט באַגעגנט דעם קיסר. ער איז געקומען אים מקבל־פנים זיין ווען אַלעקסאַנדער איז דורכגעפאָרן דערבייאיקע שטעט. דער קיסר האָט אים געשענקט ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט און אים אָנגערופן „וועליקי ראַבין״ (גרויסער רבי).

ער האָט גוט געדענקט זיין טאַטן, ר׳ שניאור זלמנען און האָט פון זון געהאַלטן ניט ווייניקער ווי פון זיין טאַטן.

זייענדיק אַזאַ חשוב ביים קיסר איז אפשר גאָר אַ וואונדער וואָס דער גובערנאַטאָר האָט אים געלאָזט אַרעסטירן.

עס איז אָבער דאָ אַ גרונט, ווי דאָס ווערט דערציילט אין

116) אין „בית רבי״ (צווייטער טייל, פרק ד) דערציילט זיך, אַז דער מסור איז געווען אַ איד אַ גביר, פון די וויטעבסקער נכבדים, און אַ שוועסטערקינד פון מיטעלן רבי׳ן (זעט אויס, פון מוטערס צד). אין אָט דער מיאוסער אַרבעט האָט ער געהאַט אַ „שותף״ — אַ נידערטרעכטיקער מאַן, אַ פּלימעניק פון גרויסן חסיד ר׳ פּנחס שקלאָווער. זיי האָבן געפעלשט דעם מיטעלן רבי׳נס אַ בריוו, בכדי צו באַקרעפטיקן זייער מסירה, אַז דער מיטעלער רבי אָרגאַניזירט אין געהיים אַ בונט קעגן דער מלוכה; ווי אויך אַז ער שיקט גרויסע סומעס געלט צום טערקישן סולטאַן; און אַז זיין הויז איז געבויט לויט דער מאָס פון בית־המקדש... די מסירה האָבן זיי געשיקט צום גובערנאַטאָר כאַוואַנסקי אין וויטעבסק. האָט דער גובערנאַטאָר געשיקט מלוכה־באַאַמטע צו אַרעסטירן דעם מיטעלן רבי׳ן און ברענגען אים קיין וויטעבסק.

ליובאַוויטשער הויף, אַנצונעמען, אַז דער גובערנאַטאָר האָט געהאַט אַ גאַנץ באַשטימטן מאָטיוו פאַר אַרעסטירן דעם מיטעלן רבי׳ן.

דער גובערנאַטאָר האָט אַוודאי ווייניק געהאַלטן פון דער מסירה. ער האָט געוויס געוואוסט, אַז דער רבי איז ניט קיין „מורד במלכות" און אַז די קלאַגע קעגן אים וועט פאַרוואָרפן ווערן ווען אַן אויספאָרשונג וועט געמאַכט ווערן.

ער האָט זיך אָבער אָנגעכאַפּט אין דער געלעגנהייט דעם רבי׳ן צו אַרעסטירן דערפאַר וואָס זיין זון איז באַשטאַנען אויף דעם און באַשטאַנען איז ער צוליב דעם רבינ׳ס טעכטער...

דעם מיטעלן רבינ׳ס טעכטער זיינען באַרימט געווען מיט זייער שיינקייט. קיין פרעמד אויג האָט זיי אָבער ניט געזען. אויב איינע פלעגט אַמאָל געזען ווערן אין גאַס אָדער אין רבינ׳ס הויף, איז עס געווען בלויז פאַר גאָר אַ קורצער צייט.

זייענדיק דערצויגן אין גרויס צניעות, האָט זיי אַ זייטיק אויג גאָר זעלטן אָנגעקוקט.

האָט עס גערייצט דעם נייגער פון די אַרומיקע גוים: און ווען סעקרעט און היימענטאַל[95] האָבן געהערט וועגן די וואונדער פון רבינ׳ס הויף, האָבן זיי קיינמאָל ניט פאַרפעלט צו דערמאָנען דעם רבינ׳ס שיינע טעכטער.

האָבן זיי באַזוכט דעם רבינ׳ס הויף, דערוואַרטנדיק, אַז זיי וועלן קענען זען דעם רבינ׳ס טעכטער — בלויז אויף זיי אַ קוק צו טאָן. דאָס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן.

האָבן די דאָזיקע גויים, אָפּט איבערגערעדט מיט פאַרדרוס, וואָס זיי קענען ניט זען די שיינהייטן פון רבינ׳ס הויף.

דעם גובערנאַטאָר׳ס זון און דער גובערנאַטאָר אַליין, מיט וועמען סעקרעט און היימענטאַל[115] האָבן זיך אָפּט געטראָפן, האָבן געהאַט געהערט וועגן דעם רבינ׳ס טעכטער און זיי זיינען געווען שטאַרק נייגעריק זיי אָנצוקוקן.

די נייגעריקייט פון דעם יונגן כאַוואַנסקי׳ן איז געווען אַן אומבאַגרענעצטע.

— איך וועל זיי ניט נאָר זען, נאָר אויך ריידן מיט זיי — האָט ער אַמאָל געזאָגט מיט אַ טאָן פון פעסטער אַנטשלאָסנקייט.

סעקרעט און היימענטאַל[115] האָבן געלאַכט. זיי האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז אַן אוממעגלעכקייט.

זיי איז גאָר ניט איינגעפאַלן, אַז כאַוואַנסקי טראָגט זיך אַרום מיט אַ ווילדן פּלאַן און דאָס איז, צו לאָזן אַרעסטירן דעם רבי׳ן. אויב ניט צוליב אַן אַנדערער סיבה, ווי דערוואַרטנדיק אויף אַזאַ אופן צו קענען אָנקוקן דעם רבינ׳ס טעכטער.

ווען דער רבי וועט איינגעשלאָסן ווערן אין געפענגניש, וועלן די טעכטער און אַנדערע בני־בית געוויס קומען אים באַזוכן: זיי וועלן אַוודאי קומען צום גובערנאַטאָר בעטן פאַרן רבי׳ן. עס וועט דעמאָלט זיין די געלעגנהייט צו זען די טעכטער און מיט זיי צו ריידן.

האָבן זיך דערפאַר טאַטע און זון אָנגעכאַפּט ווי אין אַן אבן טובה, ווען עס איז געקומען די מסירה, אַז דער רבי איז, רחמנא ליצלן, אַ „מורד במלכות״. אפשר איז די דאָזיגע מסירה געקומען גאָר אויף דעם גובערנאַטאָר׳ס אייגענעם פאַרלאַנג?

אַזוי צי אַזוי, דער רבי איז געשטעלט געוואָרן אונטער אַרעסט.

די קלאַגע איז געווען אַ שוואַכע, אַז אייגנטלעך האָט דער רבי געקענט געהאַלטן ווערן אונטער אַרעסט אין זיין אייגענעם הויף. דער גובערנאַטאָר און זיין זון האָבן אָבער געוואָלט האָבן דעם רבי׳ן און וויטעבסק כדי די בני בית זאָלן דאַרפן קומען אַהין.

האָט מען דעם רבי׳ן געבראַכט קיין וויטעבסק און אים דאָרט געהאַלטן אונטער אַרעסט.

דער רבי איז ניט געהאַלטן געוואָרן אין תפיסה ווי אַ געוויינלעכער אַרעסטאַנט, נאָר אין אַ פּריוואַט הויז, וואָס איז געווען באַוואַכט פון זשאַנדאַרמען.

דער גובערנאַטאָר און זיין זון האָבן זיך אָבער אָפּגענאַרט. דער רבי איז

טאַקע געווען אונטער אַרעסט, אָבער זיינע טעכטער האָבן זיך ניט געוויזן[117].

עס איז געווען אויפן רבינ'ס אָנזאָג, אַז זיינע טעכטער זאָלן זיך ניט ווייזן אין וויטעבסק. זיי זיינען געבליבן אין ליובאַוויטש ווי אַלע מאָל.

פאַרן רבי'ן, זעט אויס, זיינען כאַוואַנסקי'ס זינדיקע מחשבות קיין סוד ניט געווען.

עטלעכע וואָכן איז דער מיטעלער רבי געהאַלטן געוואָרן אין וויטעבסק. ער איז אייניקע מאָל גענומען געוואָרן אויף אַ פאַרהער פון דעם גובערנאַטאָר.

דער גובערנאַטאָר האָט געמאַכט אַ גאַנץ ערנסטע מינע, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ האַרבער קלאָגע. דער רבי איז אָבער געווען גאַנץ רואיק. ער האָט אָפנהאַרציק גערעדט וועגן זיין טעטיקייט פאַר ישוב ארץ ישראל. ער האָט גאָר ניט געהאַט וואָס צו באַהאַלטן.

אין דער צייט וואָס דער רבי איז געווען אונטער אַרעסט האָט ער געקענט אויפנעמען חסידים און פאַר זיי זאָגן חסידות[118].

דער גובערנאַטאָר איז ניט געווען אַזוי שטרענג צו אים, אַז מען זאָל אים באַרויבן פון זיינע פרייהייטן. עס איז בלויז געווען אַ מאַנעוורע צו

---

117) אין „בית רבי", צווייטער חלק (פרק ה): דער מיטעלער רבי האָט געשיקט אַ „פראָשעניע" (אַ שריפטלעכע ביטע) דורך זיינע טעכטער צום גענעראַל-גובערנאַטאָר. די „ביטע" איז דעם גובערנאַטאָר געפעלן געוואָרן: און בעת די טעכטער זיינען פאַרגאַנגען אין אַ ביטערן געוויין, האָט ער, דער גובערנאַטאָר, זיי באַרואיקט און געזאָגט, אַז זיי קענען פאָרן רואיק אַהיים, ווייל זייער פאָטער וועט גאָר גיך קומען אַהיים. אגב ווערט דאָרט דערציילט, אַז דער סוף פון וויטעבסקער גביר, דעם מסור, איז געווען ווי דער סוף פון אביגדור דער מסור (דער וואָס האָט פאַר'מסר'ט דעם אַלטן רבי'ן) — ער איז געוואָרן אַ שלעפּער, אַ כראָנישער שיכור...

118) אין „ספר התולדות — אדמו"ר האמצעי" (ז' 105) ווערט געבראַכט, אַז דער אַרעסט פון מיטעלן רבי'ן איז געווען אַ סך לייכטער ווי דער אַרעסט פון אַלטן רבי'ן. די מאַכט האָט דאָרט דערלויבט, אַז צוויי מאָל אַ וואָך זאָלן פינף מנינים חסידים צו אים אַריינקומען און הערן חסידות פון אים. די דערלויבעניש איז געגעבן געוואָרן אַ דאַנק דער השתדלות פונעם דאָקטאָר הייבענטאַל, וועלכער האָט געזאָגט, אַז דאָס זאָגן חסידות איז פאַר דעם מיטעלן רבי'ן אַ שפּייז-דערנערונג און אַ רפואה. זען דאָרט אויספירלעך.

קענען אַרונטערברענגען קיין וויטעבסק דעם רבינ'ס טעכטער. דאָס האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבן און דעם גובערנאַטאָר'ס פלענער זיינען געווען אַ דורכפאַל.

עס איז געווען י' כסלו, שבת נאָך הבדלה[119], ווען עס איז געקומען די ידיעה אַז דער גובערנאַטאָר האָט באַפרייט דעם רבי'ן.

דער גובערנאַטאָר האָט וואַרשיינלעך איינגעזען די נוצלאָזיקייט צו האַלטן דעם רבי'ן ווייטער און האָט פאַראָרדנט זיין באַפרייאונג.

די קלאַגע איז צוריקגעצויגן געוואָרן. דער רבי האָט זיך צוריקגעקערט קיין ליובאַוויטש און האָט ווייטער פאָרגעזעצט זיין פריערדיקע טעטיקייט פאַר ארץ־ישראל.

119) אין „בד קודש" (ניו־יאָרקער אויסגאַבע ז' 22 אין אַ הערה) ווערט געבראַכט אַז דער אַנזאָג וועגן דער באַפרייאונג פון מיטעלן רבי'ן איז אָנגעקומען שבת אין דער מנחה־צייט, ווען ער האָט „געזאָגט חסידות" אויף דעם נוסח התפילה „אתה אחד". אַזוי איז אויך פאַרצייכנט אין „ספר התולדות – אדמו"ר האמצעי". אין „בית רבי" (חלק ב, סוף פרק ה, אין אַ הערה) איז אָנגעגעבן, אַז אָט די בשורה איז אָנגעקומען בעת דער מיטעלער רבי האָט געזאָגט אין תהלים דעם פסוק (פון יום יוד) „פדה בשלום נפשי".

# יט

# גזרות

**די גזרות וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן און די גזרות וואָס זיינען געפּלאַנט געוואָרן קעגן אידן אין די צייטן פון דעם מיטעלן רבי'ן. — דעם רבינ'ס צער. — זיין נסיעה אויפן אַלטן רבינ'ס קבר. — זיין הסתלקות אונטערוועגנס. — ווי דער צמח־צדק איז געוואָרן רבי. — זיין גאונות. — אַ חסידישע מעשה.**

ניט קוקנדיק אויף די אַלע באַמיאונגען פון דעם מיטעלן רבי'ן צו העלפן די אידן אין רוסלאַנד, איז אָבער די אידישע לאַגע דאָרט געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג.

ניט נאָר עקאָנאָמיש, נאָר אויך פּאָליטיש האָט זיך דער מצב פון די אידן געהאַלטן אין פאַרערגערן.

פון פּעטערבורג האָבן אָנגעהויבן קומען ידיעות איינע שרעקלעכער פאַר דער צווייטער. עס האָט געדראָט מיט אַלערליי גזרות אויף אידן.

דאָס ערגסטע איז געווען וואָס מען האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן אַ תחום המושב („טשערטאַ אָסעדלאָסטי״) פאַר אידן.

דער מיטעלער רבי האָט זיך דערפון שטאַרק מצער געווען.

ניט קיין קאָלאָניזאַציע און ניט קיין מלאכה און אַפילו ניט קיין פאַרזוך פון ישוב ארץ־ישראל האָבן געהאָלפן.

דער מיטעלער רבי האָט עס זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן, וואָרום ווער נאָך האָט געקענט פילן דעם אידישן צער אַזוי ווי ער?

ער איז נאָך געווען אין זיינע מיטעלע יאָרן. אין גאַנצן פיר־און־פופציק יאָר, און זיין געזונט איז שוין געווען צעטרייסלט.

אַ קלייניקייט ווען מען טראָגט אַרום אַזאַ עול אויף די פּלייצעס! געדאַרפט זאָרגן פאַרן גאַנצן כלל ישראל!

עס איז שוין געווען ערב ראש השנה תקפ״ו[120]. דער מיטעלער רבי איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרזאָרגטער.

וואָס וועט זיין מיט כלל ישראל? וועלן טאַקע קומען גזרות וועגן וועלכע מען האָט גערעדט?

– איך מוז פאָרן אָנפרעגן ביים טאַטן! – האָט ער איינמאָל אַ זאָג געטאָן, און מען האָט שוין געוואוסט וואָס ער האָט בדעה צו טאָן.

ער וועט פאָרן אויפן אַלטן רבינ׳ס קבר אין האַדיטש. דאָרט וועט ער תפילה טאָן; דאָרט וועט ער אויסגעפינען וועגן אַלץ...

– דער טאַטע וויל מיך האָבן צו גאַסט – האָט מען דעם מיטעלן רבי׳ן געהערט זאָגן, שמועסנדיק וועגן דער נסיעה וואָס ער קלייבט זיך צו מאַכן קיין האַדיטש.

וואָס פאַר אַ באַדייטונג זאָלן די דאָזיקע ווערטער האָבן? פאַר חסידים האָבן זיי געהאַט אַ באַדייטונג. מען האָט אָבער ניט געוואָגט אַרויסצוברענגען אויף די ליפּן וואָס די דאָזיקע ווערטער האָבן געגעבן אָנצוהערן.

מען האָט זיך מיטן רבי׳ן געזעגנט מיט שווערע געמיטער און מען איז געבליבן וואַרטן אויף זיין צוריקקומען מיט קלאַפּנדיקע הערצער. דער רבי האָט דערגרייכט האַדיטש און נאָך דעם ווי ער איז געגאַנגען טבילה איז ער אַוועק צום אוהל פון זיין טאַטן.

אַליין האָט דער רבי פאַרבראַכט אין אוהל. מען האָט געהערט זיין געוויין. מען האָט אים דערנאָך געזען אַרויסקומענדיק מיט אויגן רויט פון וויינען און ציטערדיקע ליפּן.

ער איז געווען אין גאַנצן צעבראָכן.

---

120) אין ספר „אדמו״ר האמצעי״ פון הרב ר׳ שמעון גליצנשטיין, ז׳ פז, איז אָנגעגעבן, אַז דאָס איז געווען „אין משך פון די זומער־חדשים פון יאר תקפ״ז״: אַזוי איז עס אויך אין „ספר התולדות, אדמו״ר האמצעי״, ז׳ 131.

האָט ער זיך דאָרט דערוואוסט שרעקלעכע זאַכן? זיינען טאַקע די קלאַנגען וועגן די נייע גזרות אויף אידן באַשטעטיקט געוואָרן? און זיינען גאָר קיין מיטלען ניטאָ ווי אַזוי די דאָזיקע גזירות בטל צו מאַכן?

חסידים האָבן דעם ענטפער געקענט אָראָפּלייענען פון דעם רבינ׳ס פּנים.

איז אַלעמען געוואָרן ביטער אויפן האַרצן. מען איז געשטאַנען אַרום דעם רבי׳ן ווי פאַרלאָרענע.

אַ שוואַרצער וואָלקן האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן אידישן הימל.

דער רבי האָט מער ניט גערעדט. זיין פּנים, זיינע אויגן, האָבן אָבער גערעדט און גערעדט האָבן זיי מיט צער, מיט ווייטיק.

ער האָט זיך באַלד אָנגעהויבן גרייטן אין וועג אַריין, צוריקצופאָרן קיין ליובאַוויטש.

ער האָט טאַקע ביים טאַטן גאָר ניט אויסגעפּירט. מען האָט איצט געקענט דערוואַרטן דאָס ערגסטע. ער מוז אָבער צוריק זיין אויף זיין פּלאַץ אַלס מנהיג פון דער חב״ד׳ישער וועלט.

אַ צעבראָכענער האָט ער אָנגעפאַנגען די נסיעה אויף צוריק. ער האָט אָבער ווייט ניט דערגרייכט.

אָנגעקומען קיין ניעזשין, ניט ווייט פון האַדיטש, האָט ער שוין ווייטער ניט געקענט פאָרן. זיינע כוחות האָבן אים געהאַלטן אין אויסגיין. ט׳ כסלו פון יאָר תקפ״ח איז דער מיטעלער רבי נסתלק געוואָרן[121].

חסידים האָבן געזאָגט, אַז אויף אים איז מקוים געוואָרן דער פּסוק, אַז „מפני הרעה נאסף הצדיק״ (דער צדיק ווערט נפטר איידער שלעכטע צייטן קומען אויף דער וועלט).

דער מיטעלער רבי האָט ניט געקענט פאַרמיידן די גזרות וואָס האָבן געהאַלטן ביים אַרויסגעגעבן ווערן קעגן אידן, איז ער פאַר דער צייט אַוועק פון דער וועלט.

---

121) זען אויספירלעכע פּרטים וועגן דער הסתלקות פון מיטעלן רבי׳ן אין „ספר התולדות — אדמו״ר האמצעי״, זייט 132 און ווייטער.

די קרוין פון חסידות האָט איצט געדאַרפט אָנגעטאָן ווערן אויף עמעצן אַנדערש.

חסידים האָבן שוין געוואוסט אויף וועמען די דאָזיקע קרוין דאַרף אָנגעטאָן ווערן. עס איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי ר׳ מענדעלע, אָדער ווי מען האָט אים גערופן, דער „צמח-צדק״, דעם אַלטן רבינ׳ס אייניקל און דעם מיטעלן רבינ׳ס איידעם.

ר׳ מנחם מענדל האָט זיך געהאַט אויפגעהאָדעוועט ביים אַלטן רבי׳ן און ער איז געווען זיין ליבלינג.

דער אַלטער רבי האָט שוין אויך געהאַט געגעבן אָנדייטונגען אַז ר׳ מענדעלע וועט ווערן רבי.

איז דעריבער ביי חסידים גאָר קיין ספק ניט געווען, אַז אים קומט די קרוין פון דער חב״ד־פירערשאַפט.

ס׳איז אָבער ניט געווען אַזוי פשוט, ווייל ר׳ מענדעלע האָט ניט געוואָלט די דאָזיקע קרוין. ער האָט אין גאַנצן ניט געוואָלט ווערן דער רבי.

אים האָט זיך בעסער געוואָלט צו האָבן פרנסה פון זיין אייגענער מלאכה: טאָן וועלכע עס איז אַרבעט, אָבער ניט זיין קיין רבי, ניט טראָגן אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר טויזנטער און טויזנטער חסידים.

וואָס שייך ר׳ מענדעלע׳ס גדלות אין תורה האָט מען געוואוסט, אַז ס׳איז קוים דאָ עמעצער וואָס קען זיך צו אים פאַרגלייכן.

נאָך אַלס קינד האָט ער אַרויסגעצייגט זיין גאונות און חסידים האָבן פיל צו דערציילן וועגן דער גאונות וואָס מ׳האָט אין אים געזען נאָך אַלס אינגל.

עס ווערט דערציילט אין נאָמען פון ר׳ אייזל האָמליער אַזאַ מעשה:

ר׳ אייזל איז געווען באַוואוסט פאַר אַ גרויסן עילוי. ער איז געווען פון די געציילטע חסידים וואָס האָבן געקענט אויפנעמען די סאַמע טיפסטע תורה וואָס דער אַלטער רבי האָט געזאָגט.

און זיין גדלות האָט ער נאָך אַרויסגעצייגט אַלץ יונג אינגל. ווען ער איז געווען פערצן־פופצן יאָר אַלט, אָקאָרשט נאָך דער חתונה, פלעגט ער שוין זיצן צווישן די באַרימטע לומדישע חב״ד־חסידים און הערן דעם אַלטן רבינ׳ס חסידות.

פאַסירט אַמאָל, אַז דער אַלטער רבי זאָגט תורה אויף דעם מאמר „על שלשה דברים העולם עומד״ און די חסידים הערן עס און קענען עס בשום אופן ניט באַנעמען. ס׳איז געווען צו טיף אַפילו פאַר זייערע שאַרפע מוחות. און ניט ר׳ אייזל און ניט קיין אַנדערער האָט געקענט איבערזאָגן די תורה.

אַ לאַנגע צייט האָבן זיך די חסידים מתווכח געווען צווישן זיך. מען האָט פּרובירט געפינען די כוונה פון דעם רבינ׳ס רעיונות. אָבער זיי האָבן געמוזט צוגעבן, אַז עס איז איבער זייערע השגות.

אָבער וואָס שווערער די תורה, אַלץ מער תשוקה האָט מען די דאָזיקע תורה צו באַנעמען.

וואָס טוט מען? בלייבט אַז מען זאָל גיין צום רבי׳ן און אים בעטן, אַז ער זאָל פאַר זיי נאָך אַמאָל איבערזאָגן די תורה.

טאַקע ניט־שיין צוצוגעבן אַז מען האָט דעם מאמר ניט געקענט באַנעמען; אָבער ווי קען מען אַוועקפאָרן ניט האָבנדיק פאַרשטאַנען דעם מאמר?! איז שוין בעסער אויסצושטיין די שאַנדע.

וואַרט מען אויף אַ שעת הכושר. ניט אַלע מאָל קען מען דאָך דעם רבי׳ן באַלעסטיקן מיט אַזוינע זאַכן.

וואַרט מען אָפּ ביז דער רבי האַלט אין אויסטאָן רש״י׳ס תפילין און אָנטאָן רבינו תמ׳ס תפילין[122].

דאָס איז אַ גוטע צייט זיך אַריינצוכאַפּן אין רבינ׳ס חדר מיוחד און ביי אים בעטן אַז ער זאָל דעם מאמר נאָך אַמאָל איבערזאָגן.

---

122) זען נאָך פיל פרטים אין „ספר התולדות – רבנו הצמח צדק״ (ז׳ 74 און ווייטער) פון דאָרט איז דאָ אַ משמעות, אַז דאָס איז פאָרגעקומען נאָך דעם ווי דער אַלטער רבי האָט אויסגעטאָן די תפילין פון („שימושא רבה״ און) רבינו תם.

גייט מען צו צום רבינ׳ס טיר און מען זעט, אַז ר׳ מענדעלע, וועלכער איז דעמאָלט געווען ניט מער ווי אַ קינד פון אַ יאָר פינף, שפּילט זיך דאָרט.

קוקט מען זיך אָבער אויף אים ווייניק אום: טאַקע דעם רבינ׳ס אַן איינִיקל, אָבער ווען מען האָט פאַר זיך אַזאַ וויכטיקן ענין, טראַכט מען ניט וועגן רבינ׳ס אייניקל.

גיט מען לאַנגזאַם אַן עפן די טיר אַריינצוקוקן וואָס דער רבי טוט. דער רבי האַלט אין איבערטאָן די תפילין. דעם ערשטן וואָס ער זעט איז זיין אייניקל, ר׳ מענדעלע. צו אַלעמענס איבעראַשונג גיט זיך דער רבי אַ הויב ווי ער וואָלט פאַר זיך דערזען עמעצן וואָס ער דאַרף אָפּגעבן כבוד. דער זיידע האָט זיך אויפגעהויבן פאַרן אייניקל...

איז עס ביי די חסידים אַ וואונדער. זיי שענקען אָבער ניט קיין אויפמערקזאַמקייט און כאַפּן זיך אַריין אין רבינ׳ס חדר און דערקלערן באַלד וואָס זיי ווילן.

דער רבי שמייכלט — ער איז גרייט איבערצוזאָגן דעם מאמר.

חסידים שטרענגען אָן די אויערן און קאָנצענטרירן אַלע זייערע געדאַנקען אויפצוכאַפּן אַלץ וואָס דער רבי זאָגט.

דער יונגער ר׳ מענדעלע פּלאָנטערט זיך אָבער צווישן די פיס. ער לויפט אַרום איבער׳ן חדר מעשה אינגל און די חסידים פילן זיך געשטערט.

באַזונדער געשטערט פילט זיך ר׳ אייזל. ער קען זיך שוין מער ניט איינהאַלטן.

— „ר׳ מענדעלע!" — רופט ער אויס מיט אַ וואָרענונג.

ר׳ שניאור זלמן שטעלט זיך אָפּ און אויף זיין פּנים צעגיסט זיך אַ שמייכל.

— לאָז אים אָפּ. ער הערט אַלץ וואָס איך זאָג און דו וועסט האָבן דעם סימן...

ר׳ אייזל האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן דעם דאָזיקן אינצידענט. מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, ווען דער צמח־צדק האָט ענדלעך איינגעשטימט

איבערצונעמען די רבי׳סטווע און איז אַרויס צו די חסידים אין גרויסן זאַל זאָגן צום ערשטן מאָל חסידות, איז ר׳ אייזל אויך געווען צווישן עולם.

ער איז אייגנטלעך געווען איינער פון די חסידישע נכבדים וואָס האָבן באַוואויגן דעם צמח־צדק צו ווערן רבי.

האָט דער צמח־צדק אָנגעפאַנגען זיין חסידות מיטן מאמר „על שלושה דברים העולם עומד" און איבערגעזאָגט די זעלביקע תורה וואָס דער אַלטער רבי האָט געזאָגט אויפן זעלביקן מאמר דעמאָלט ווען דער צמח־צדק איז געווען פינף יאָר אַלט.

ר׳ אייזל האָט עס געהערט און איז פאַרציטערט געוואָרן: ר׳ מנחם מענדל זאָגט איבער דעם אַלטן רבינ׳ס אַ מאמר וואָס ער האָט געהערט אַלס קינד פון פינף יאָר. וואָס פאַר אַ מוח! וואָס פאַר אַ גדלות עס שטעקט אין דעם!

ר׳ שניאור זלמן האָט דעמאָלט טאַקע אים געזאָגט, אַז ער וועט אַמאָל וויסן אַז ר׳ מענדעלע האָט זיך צוגעהערט און אַלץ באַנומען און אַז ער וועט אַמאָל האָבן דעם סימן. איצט האָט ער געהאַט דעם סימן...

די דאָזיקע געדאַנקען האָבן נאָך געהאַלטן פאַרנומען זיין מוח און ר׳ מנחם מענדל גיט אַ זאָג צו אים:

— „אַ חרפה און אַ בושה, אַז אַ איד זאָל מיר חושד זיין אַז איך זאָג דאָ בלויז איבער זאַכן פון זכרון. וואָס זאָל איך טאָן, אַז דער זיידע הייסט מיר איבערזאָגן דעם דאָזיקן מאמר?"[123]

דער צמח־צדק האָט דעם מאמר איבערגעזאָגט, ווייל אַזוי האָט דער זיידע פון אים פאַרלאַנגט... און פאַרלאַנגט האָט דער זיידע אויך פון אים, אַז ער זאָל פאַרנעמען זיין פלאַץ אַלץ פירער פון חב"ד. ער אַליין וואָלט גאָר אַנדערש זיך געהאַט געפירט.

ער וואָלט מעגלעך זיין גאַנצן לעבן אָפּגעלעבט אין באַהעלטעניש, שפייזנדיק זיך פון דער אַרבעט פון זיינע אייגענע הענט, מקיים זייענדיק דעם „בזיעת אפיך תאכל לחם".

---

123) זען פרטימ׳דיק דאָרט (ז׳ 75 און ווייטער).

## כ

# דער „צמח־צדק"

**זיין ליבשאַפט צו מלאכה. — ווי ער האָט אַליין זיך פאַרנומען מיט מלאכה. — ווי ער איז געוואָרן אַ נשרף. — ווערט רבי און באַנייט דעם מיטעלן רבינ׳ס טעטיקייט פאַר קאָלאָניזאַציע. — די גרינדונג פון שטשעדרין. — די טליתים־אינדוסטריע אין דובראָוונע. — גוף און נשמה. — תורה און מעשים טובים.**

דער צמח־צדק האָט אָנגענומען דעם „אהב את המלאכה ושנא את הרבנות" אין פשוטן זין פון וואָרט. און דערפאַר האָבן חב"ד׳ניקעס געהאַט אַזאַ שווערע אויפגאַבע צו פועל זיין ביי אים, אַז ער זאָל ווערן רבי נאָכדעם ווי דער מיטעלער רבי, זיין שווער, איז נסתלק געוואָרן.

ער האָט פון זיינע פריסטע יאָרן געשטרעבט זיך צו מפרנס זיין דורך אַרבעט און האָט שטענדיק געזוכט מלאכות פון וועלכע ער זאָל קענען ציען חיונה.

אויב זיין שווער האָט זיך אָפגעגעבן מיט פאַרשפרייטן דעם געדאַנק פון מלאכה און ערד־אַרבעט צווישן חסידים, האָט דער צמח־צדק דעם געדאַנק פון מלאכה אָנגעווענדט אויף זיך אַליין. האַלטנדיק, וואַרשיינלעך, פון דעם, אַז צוערשט דאַרף מען אַליין טאָן דאָס וואָס מען הייסט טאָן אַנדערע.

ווערן דערציילט אין ליובאַוויטשער הויף אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן וועגן דעם, ווי אַזוי דער צמח־צדק האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרשידענע מלאכות און אַזוי־גערופענע עסקים[124].

באַלד נאָך זיין חתונה, האָט ער באַשלאָסן, מיטן נדן, זיך צו נעמען צו אַ מלאכה.

---

124) זען וועגן דעם אין „רשימות דברים", צווייטער חלק, ז׳ עב.

האָט ער זיך אָפּגעזוכט אַ שותף. זיין שותף איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי ר׳ נחמי׳ דובראָוונער, דער מחבר פון ספר „דברי נחמי׳״, וועלכער פלעגט זאָגן אַ שיעור אין דעם מיטעלן רבינ׳ס ישיבה, פון וועלכער דער צמח־צדק איז געווען דער ראש.

ר׳ נחמי׳ האָט געהאַט די זעלביקע באַציאונג צו מלאכה ווי דער צמח־צדק. ער, אַזוי גוט ווי דער צמח־צדק, האָט געהאַלטן אַז מען דאַרף זיך מפרנס זיין פון אַרבעט און ניט פון תורה.

דעם צמח־צדק׳ס נדן האָט באַטראָפן אַרום דריי הונדערט רובל און צוזאַמען מיטן ביסל געלט וואָס ר׳ נחמי׳ האָט געהאַט, האָבן זיי ביידע באַשלאָסן צו ווערן טריוואַקס גיסער.

פאַרשטייט זיך, אַז קודם־כל האָט דער טריוואַקס, וואָס זיי האָבן געזאָלט מאַכן, געדאַרפט זיין כשר. דאַן האָט ער געדאַרפט פאַרקויפט ווערן צו די ביליקסטע פרייזן, וואָס זאָל זיי איבערלאָזן דעם קלענסטן ריווח אַלס באַלוינונג פאַר דער אַרבעט וואָס זיי האָבן געטאָן מיט זייערע אייגענע הענט.

צו מאַכן טריוואַקס האָט מען געדאַרפט האָבן אַ גאַנצע איינריכטונג, אַן אויוון און אַ באַזונדער הייזל, וואָס איז צוליב דעם צוועק אָפּגעדונגען געוואָרן ערגעץ אין עק־שטאָט.

נאָכדעם ווי מען האָט ווי געהעריק אָפּגעדאַוונט און זיך געגנוג אָנגעלערנט, איז מען געגאַנגען צו דער מלאכה. אָבער אַפילו ביי דער אַרבעט האָט מען שטענדיק גערעדט דברי תורה. ווען אַזוינע ווי דער צמח־צדק און ר׳ נחמי׳ געפינען זיך אונטער איין דאַך, מעג מען אַפילו האָבן פאַר זיך וועלכע עס איז אַרבעט, רעדט מען נאָר ענינים פון תורה.

האָט אונטערן קעסל געברענט אַ „פריילעך״ פייערל און דער טריוואַקס האָט זיך געקאָכט אין קעסל. מען האָט דעם טריוואַקס געמוזט היטן, האַלטן אים כסדר אין מישן. האָט מען געמישט דעם טריוואַקס אין קעסל און דערווייל זיך מתווכח געווען וועגן אַ טיפן ענין אין תורה.

אַ חודש צייט איז אַזוי אַוועק און ביידע שותפים זיינען געווען פאַרנומען אין מלאכה און תורה. איינמאָל, ביינאַכט, האָבן די שותפים

געהאַט פאַר זיך אַ באַזונדער טיפן ענין, וועגן וועלכן זיך מתווכח צו זיין. מען האָט זיך אַזוי צעהיצט, אַז מען האָט אין גאַנצן פאַרגעסן אין דעם קעסל און אין דעם טריוואַקס, וועלכן מען האָט געדאַרפט מישן.

איבערגעלאָזט דעם קעסל צו זיין אייגענעם גורל, האָט דער טריוואַקס זיך באַלד צוגעקלעפט צום דעק און האָט אָנגעהויבן ברענען. אַ פלאַם־פייער האָט אַ שפרונג געטאָן פון קעסל און אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע הייזקעלע.

ווען די צוויי שותפים האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן איז שוין געווען צו שפּעט צו לעשן דעם פייער. זיי זיינען אַליין געווען אין גרויס סכנה און האָבן זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן, פאַרלירנדיק זייער גאַנצע געלט אין דער שריפה.

דער צמח־צדק איז פון דער שריפה נאָך אַרויס אַ בעל־חוב.

די דאָזיקע דערפאַרונג האָט אים איבערצייגט, אַז ער דאַרף זיך אָפּגעבן מיט מלאכות וואָס זיינען ווייניקער ריזיקאַליש און ער האָט שפּעטער באַשלאָסן זיך אָפּצוגעבן מיט סטאָלערײַ. אַלס סטאָליער האָט ער געזאָלט מאַכן ארון־קודש׳ן און אַנדערע ענלעכע זאַכן, אויך בויען מקואות און אַזוי ווייטער. יעדע אַרבעט איז פאַר אים געווען גענוג פיין און אָנשטענדיק, אַז ער זאָל זיך מיט איר ניט דאַרפן שעמען.

אין הויף האָט מען אָבער ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז ער זאָל זיך אָפּגעבן מיט אַבי וועלכער מלאכה. איז דער צמח־צדק געוואָרן אַ מלמד.

איז דעריבער אינגאַנצן קיין חידוש ניט געווען, וואָס ווען זיין שווער, דער מיטעלער רבי, איז נפטר געוואָרן, זאָל ער זיך אַנטזאָגן צו ווערן רבי.

חסידים האָבן אָבער געמוזט האָבן אַ מנהיג און ס׳איז ניט געווען קיין אַנדערער וואָס זאָל זיין ראוי ווי ער צו ווערן דער דאָזיקער מנהיג. דער זיידע, דער אַלטער רבי, און דער שווער, דער מיטעלער רבי, האָבן שוין לאַנג געהאַט גערעדט וועגן אים אַלס קומענדיקער רבי. ער האָט ניט געקענט גיין קעגן זייער רצון און ער האָט ענדלעך איינגעוויליקט.

ווערט דערציילט, אַז ביז דער לעצטער מינוט האָבן חסידים ניט געוואוסט צי דער צמח־צדק וועט מסכים זיין.

דער גרויסער זאַל איז געווען געפּאַקט מיט חסידים, וואַרטנדיק מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס אויפן צמח־צדק. וועט ער אַרויסקומען זאָגן חסידות פאַר זיי, ווי עס האָבן זיך נוהג געווען די פריערדיקע רביים, אָדער ניט?

אינעווייניק, אין חדר, זיינען ביים צמח־צדק געווען פאַרזאַמלט די וויכטיקסטע חסידים פון יענער צייט, טאַקע דער דערמאָנטער ר׳ נחמי׳[125], ר׳ הלל פּאַריטשער, ר׳ אייזיק האָמליער, און אַנדערע גדולים.

זיי האָבן מיטן צמח־צדק איינגעט׳טענה׳ט, זוכנדיק אים צו איבערצייגן, אַז ער טאָר זיך ניט אָפּזאָגן פון ווערן רבי.

לאַנג האָט דער וויכוח אָנגעהאַלטן. דער צמח־צדק האָט זיך ניט געלאָזט.

ענדלעך האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— לאָזט מיך איבער אַ ווײַלע, איך וועל זיך מיישב זיין.

זיינען די חסידים אַרויס און זיי צוזאַמען מיטן גרויסן עולם אין זאַל זיינען געבליבן וואַרטן אין גרויס שפּאַנונג.

אַ האַלבע שעה איז אַוועק און די טיר פון רבינ׳ס חדר האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט. דער צמח־צדק איז געשטאַנען אויפן שוועל אָנגעטאָן אין ווייסן. ער האָט זיך געהאַט „אונטערגעגעבן״. ער איז אַרויס זאָגן חסידות פאַרן עולם. ער איז געוואָרן רבי[126].

אַ גרויסע פרייד האָט אַלעמען אַרומגענומען. די חב״ד׳ישע וועלט איז ניט געבליבן אָן אַ מנהיג. חסידים זיינען ניט געבליבן פאַר׳יתומ׳ט. אַ נייער שטערן האָט אויפגעשיינט אויפן חסידישן הימל. דער צמח־צדק איז געקומען צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון זיין זיידן און זיין גרויסן שווער, און אַלע האָבן געוווּסט אַז ער איז ראוי צו פאַרנעמען דעם דאָזיקן פּלאַץ.

---

125) זען אויספירלעך וועגן דער קבלת הנשיאות פון „צמח צדק״ אין „ספר התולדות — רבנו הצמח צדק״, ז׳ 74 און ווייטער. דאָרט ווערט דערציילט, אַז די גרויסע חסידים — ר׳ פרץ חן, ר׳ הלל פּאַריטשער און ר׳ יצחק אייזיק וויטעבסקער — זיינען געווען די וועלכע האָבן, אין נאָמען פון טויזנטער חסידים, זיך „מתחנן״ געווען ביים „צמח צדק״, ער זאָל אויף זיך אָננעמען די נשיאות.

126) דאָרט באריכות — מיט געוויסע ענדערונגען.

און דער צמח־צדק איז געווען אַ טרייער נאָכפאָלגער פון זיין זיידן און שווער.

זיין שווערס טעטיקייט בנוגע מאַכן אידן פאַר בעלי־מלאכות און ערד־אַרבעטער האָט ער פאָרגעזעצט מיט גרויס התלהבות.

ער האָט אַכטונג געגעבן אַז די קאָלאָניעס, וואָס זיין שווער האָט געגרינדעט, זאָלן זיך ווייטער אַנטוויקלען און ער האָט אַכטונג געגעבן, אַז מער אידן זאָלן ווערן ערד־אַרבעטער און בעלי־מלאכות.

די אַלטע קאָלאָניעס פלעגן באַזוכט ווערן פון דעם רבינ׳ס גרעסטע חסידים, אַזוינע ווי ר׳ הלל פּאַריטשער און אַנדערע[127].

דאָס איז פאַר די קאָלאָניסטן געווען אַ דערמונטערונג. זיי האָבן זיך געפילט ניט אָפּגעריסן פון דעם חסידישן מקור — ליובאַוויטש, און האָבן מיט רואיקע געמיטער געקענט זיך אָפּגעבן מיט דער אַנטוויקלונג פון זייערע קאָלאָניעס.

עס האָט אָבער שוין געמוזט איינפאַלן דעם צמח־צדק וועגן דער נויטווענדיקייט צו שאַפן אידישע קאָלאָניעס ניט ווייט פון אידישן צענטער, נאָר טאַקע אין סאַמע צענטער פון אידישן ישוב, באַזונדער אין צענטער פון דעם חב״ד־ישוב.

דאָס האָט געפירט צו דער גרינדונג פון דער קאָלאָניע שטשעדרין, אין מינסקער גובערניע.

די גרינדונג פון דער דאָזיקער קאָלאָניע איז ניט אָנגעקומען אַזוי לייכט. דער צמח־צדק האָט געדאַרפט דערויף אָנווענדן אַ סך כוחות.

עס איז געווען ניט בלויז אַ פראַגע פון מיטלען, נאָר אויך פון געפינען ערד.

צוערשט האָט ער, מיט די מיטלען וואָס ער האָט געשאַפן צווישן זיינע רייכע חסידים, אָפּגעקויפט אַ גרויסן וואַלד[128]. אָבער אַ וואַלד קען ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קאָלאָניע. האָט דער רבי פאַרקויפט אַ גרויסן

---

127) פרטים וועגן דעם — דאָרט, ז׳ 83.

128) אויספירלעך וועגן דעם — אין „ספר השיחות — ה׳תש״ב״, ז׳ 53 און ווייטער.

טייל פון וואַלד[129] און מיטן געלט גענומען פאַרוואַנדלען דעם איבעריקן טייל וואַלד אין אַ קאָלאָניע.

דאָס האָלץ וואָס מען האָט געהאַט פון די אַרונטערגעשניטענע ביימער האָט מען פאַרנוצט אויף בויען הייזער און לאַנגזאַם האָט זיך אויפגעבויט אַ שיינע אידישע קאָלאָניע, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די פיינסטע אידישע קיבוצים.

שטשעדרין איז געוואָרן דער שטאָלץ פון ליובאַוויטשער הויף בפרט, און פון דער חב״ד־וועלט בכלל. דאָרט איז שפּעטער אויך געגרינדעט געוואָרן אַ ישיבה, אַן אָפּטיילונג פון דער ליובאַוויטשער ישיבה און אַזוי אַרום איז שטשעדרין געוואָרן אַ וויכטיקער צענטער פון חב״ד־חסידות. גייסטיק און מאַטעריעל.

אין שטשעדרין האָבן זיך שוין חסידים געקענט פילן פולשטענדיק היימיש, ניט ווי די קאָלאָניסטן אין די ווייטע מקומות.

פון דאָרט האָט מען געקענט לייכט אַרונטערקומען קיין ליובאַוויטש, ווען מען האָט זיך פאַרבענקט נאָכן רבי׳ן; און דער רבי אַליין האָט אויך געקענט, אָן באַזונדערע שוועריקייטן, אַרונטערקומען קיין שטשעדרין אָנצוקוקן ווי די קאָלאָניסטן גייען אָן מיט דער אַרבעט.

דער צמח־צדק האָט שטענדיק געוואַכט איבער שטשעדרין, ווי דאָס וואָלט געווען זיין ליבלינג־אונטערנעמונג. די קאָלאָניסטן דאָרטן האָבן זיך ממש באַטראַכט ווי זיי וואָלטן געווען דעם צמח־צדק׳ס קינדער און עד־היום פילן שטשעדרינער אַ באַזונדערע צוגעבונדנקייט צו ליובאַוויטש[130].

אַן ענלעכן אינטערעס האָט דער צמח־צדק אַרויסגעצייגט צו מלאכה. ער האָט אויך אויפן דאָזיקן געביט פאַרגעזעצט די פריערדיקע טעטיקייט פון זיין שווער. אָבער אויף אַ מער אָרגאַניזירטן אופן. וואַרשיינלעך האָבנדיק אַ סך געלערנט פון די פריערדיקע דערפאַרונגען.

---

129) דער דאָזיקער טייל וואַלד איז פאַרקויפט געוואָרן צום באַברויסקער חסידישן גביר ר׳ אפרים יוסף גאַלאַדיעץ (דאָרט).

130) דער פאַרצייכענער פון אַט־די זכרונות, דער רעדאַקטאָר און שרייבער מ. ל. מעקלער ע״ה, האָט אָפּגעשטאַמט פון איינעם פון די ערשטע גרינדער און קאָלאָניסטן פון שטשעדרין; און ער האָט זוכה געווען צו געניסן פון אַ באַזונדערס גרויסן קירוב פון כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ נ״ע. — רעד.

עס איז געווען אויפן צמח־צדק'ס איניציאַטיווע, אַז אין דובראָוונע איז געגרינדעט געוואָרן די טליתים־פאַבריק, וועלכע האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ גרויסער אידישער אינדוסטריע, באַשעפטיקנדיק אַ גרויסע צאָל אידן.

עס איז געווען דער בעסטער און פּראַקטישסטער וועג, אונטער די אומשטענדן, ווי צו שאַפן פאַר אידן אַ נייעם קוואַל פון פרנסה און געבן אידן אַ געלעגנהייט צו ציען פרנסה פון דער אַרבעט פון זייערע אייגענע הענט.

אין דער זעלביקער צייט האָט דער צמח־צדק נאָך מיט מער פייער און ברען געזוכט צו פאַרשטאַרקן די מוסדי התורה און האָט באַנייט און פאַרשטאַרקט די ישיבה אין ליובאַוויטש, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן פון דעם מיטעלן רבי'ן[131].

מיט דער הילף פון זיין זון, ר' ישראל נח, און זיין איידעם, האָט דער צמח־צדק אויפגעבויט איינע פון די גרעסטע ישיבות אין יענער צייט, וואָס איז געוואָרן אַ צענטער פון תורה און חסידות, אַרויסגעבנדיק גרויסע לומדים און פייערדיקע חסידים.

דאָס האָט געמאַכט ליובאַוויטש פאַר אַ גרויסן צענטער, פאַר אַ צענטער פון אַ פיל־פאַרצווייגטער טעטיקייט, וואָס האָט געצילט צו דער באַפעסטיקונג פון אידישקייט סיי גייסטיק און סיי מאַטעריעל.

וואָרום חב"ד האָט שטענדיק געזוכט צו פאַרבינדן גוף און נשמה. געבנדיק תמיד דער נשמה די אויבערהאַנט, די פירערשאַפט.

שטשעדרין, דובראָוונע, דאָס זיינען אַלץ געווען מיטלען צום ציל — מיטלען צו העלפן אידן זיין בעסערע אידן, געבן זיי די געלעגנהייט זיך אָפּצוגעבן מער מיט גייסטיקע ענינים, מיט תורה און עבודה, מיט חסידות און מעשים טובים.

---

131) אין „ליקוטי דיבורים", פערטער חלק (ז' 1374), ווערט דערציילט אַ סך פּרטים וועגן דער ישיבה אין ליובאַוויטש אין דער צייט פון „צמח צדק" — און ס'ווערט דאָרט געזאָגט (אין איד. איבערז.): „די ישיבה איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר תר"ב". זען אויך „אגרות קודש — מהוריי"צ", צווייטער באַנד, ז' קז: „קונטרס הצמח צדק ותנועת ההשכלה" ז' 33.

# כא

# די דין תורה

**ווי דער צמח־צדק איז גערופן געוואָרן אַלס דיין אין אַ הימלישער דין תורה. — וואָס זיין פּסק איז געווען. — אַ מעשה מיט דעם רוזשינער׳ס אַ חסיד. — די שריפה אין ליובאַוויטש. — דעם צמח־צדק׳ס ממלא מקום. — דער מהר״ש און זיין טעטיקייט.**

אין ליובאַוויטשער הויף ווערן דערציילט אַ סך סיפּורים פון צמח־צדק. איינער פון זיי, אַ מער כאַראַקטעריסטישער, איז ווי פאָלגט:

עס איז געווען נאָך דער גרויסער שריפה פון יאָר תרי״ז[132]. פּאַקטיש איז דער גאַנצער ליובאַוויטשער הויף פאַרניכטעט געוואָרן. פאַר דעם צמח־צדק איז עס שוין געווען די צווייטע שריפה. די ערשטע איז פאָרגעקומען אין תקצ״א[133].

ניט בלויז זיינען פאַרברענט געוואָרן די בנינים, איינשליסנדיק דעם גרויסן בית־המדרש, נאָר אויך אַ סך כתבים, פון די פריערדיקע רביים און פון דעם צמח־צדק אַליין.

גרויס איז געווען דער צער פון די חסידים, אָבער מען איז ניט געווען פאַרצווייפלט. באַלד האָט מען זיך געשטעלט בויען אויף דאָס ניי.

איינער פון די סאַמע ערשטע בנינים איז געווען דער בית המדרש.

ביים לייגן דעם ווינקלשטיין זיינען זיך צוזאַמענגעקומען חסידים צו מאַכן די התחלה אויף דעם צמח־צדק׳ס בית המדרש. קיינער האָט ניט געוואָלט אויספעלן ביי אַזאַ געלעגנהייט.

---

132) לויט אַנדערע מקורים איז די גרויסע שריפה געווען אין יאָר תרט״ז. זען די שקלאָ־וטריא וועגן דעם אין „ספריית ליובאַוויטש" ז׳ לה.

133) אַט־די דאַטע און דאָס ווייטער־דערציילטע דאָ, ווערט איבערגעגעבן מיט געוויסע ענדערונגען אין „ספר השיחות — תש״ד", ז׳ 58 (דאָרט: תקצ״ג).

ווען עס איז געקומען צום לייגן דעם שטיין האָבן די חסידים פאַרלאַנגט דער רבי זאָל עפּעס זאָגן.

האָט דער צמח־צדק אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט און געפרעגט:

— חסידות אָדער אַ מעשה?

האָט דער עולם געזאָגט: אַ מעשׂה.

האָט דער צמח־צדק אָנגעפאַנגען:

„ר׳ ישראל רוזשינער, זכרונו לברכה, האָט געהאַט אַ חסיד ר׳ יעקב.

„איז דער דאָזיקער ר׳ יעקב געווען אַ גרויסער עושר. ער האָט געהאַט אַ סך פּאָסעסיעס און אַ סך אַרענדאַטאָרס.

„איינער פון די דאָזיקע אַרענדאַטאָרס איז געווען אַ איד, אַ גרויסער אָרעמאַן, לא עלינו. האָט ער ניט געצאָלט די אַרענדע.

„האָט ר׳ יעקב אים געוואָלט אַרויסזעצן. אָבער ווי זעצט מען עס אַרויס אַ אידן סתם אין דער וועלט אַריין? האָט ער צוערשט וועגן דעם אָנגעפרעגט ביי זיין רבי׳ן. האָט דער רוזשינער אים געזאָגט, ער זאָל עס ניט טאָן. זאָל ער דעם אַרענדאַטאָר מוחל זיין די אַרענדע. האָט ר׳ יעקב מסכים געווען.

„אויף איבעראַיאָר האָט דער אַרענדאַטאָר ווידער ניט געצאָלט. איז ר׳ יעקב ווידער אַוועק צום רוזשינער. און דער רוזשינער האָט אים געזאָגט, ער זאָל ווידער מוחל זיין די אַרענדע. און ר׳ יעקב האָט ווידער אַמאָל מוחל געווען ווי דער רבי האָט אים געהייסן.

„אַזוי איז אויך געווען אויפן דריטן יאָר.

„אַז עס איז געקומען אויפן פערטן יאָר האָט שוין ר׳ יעקב מער ניט געוואָלט מוחל זיין די אַרענדע. ער איז שוין מער צום רוזשינער ניט געקומען. האָט דער רוזשינער אַליין געשיקט נאָך אים. האָט אָבער ר׳ יעקב ניט געוואָלט קומען. האָט דער רוזשינער געשיקט אַ צווייטן שליח.

„דאָס מאָל האָט ער שוין ניט געקענט מעיז זיין דעם רבי׳ן און איז געקומען.

„האָב רחמנות — האָט דער רוזשינער זיך ביי אים געבעטן — אַ איד אַן אָרעמאַן, זיי אים מוחל!

„אַז דער רבי בעט, האָט ר' יעקב זיך אונטערגעגעבן און נאָך אַמאָל געשענקט דעם אַרענדאַטאָר זיין אַרענדע.

„אויפן פינפטן יאָר האָט דער רוזשינער ווידער געשיקט נאָך ר' יעקב'ן. ר' יעקב האָט זיך געברעקלט, אָבער איז געקומען.

„שענק אים די אַרענדע — האָט דער רבי אים אָנגעזאָגט. ר' יעקב האָט ניט געוואָלט הערן.

„דער רוזשינער האָט אים אָבער געוואָרנט: זע, דו זאָלסט ניט דאַרפן חרטה האָבן! — האָט ער אים געזאָגט.

„ר' יעקב איז ווייכער געוואָרן און האָט ווידעראַמאָל געשענקט די אַרענדע.

„אויפן זעקסטן יאָר, איז שוין ר' יעקב ביי זיך געוואָרן שטייפער. דער רוזשינער האָט אים ווידער געהייסן שענקען די אַרענדע. ער האָט זיך אָבער געשטעלט אַנטקעגן.

„דאַרף איך עס דען טאָן על פי תורה? — האָט ער געפרעגט שוין מיט אַ ביסל העזה — פינף יאָר געשענקט, איז גענוג, מער קען איך ניט!

„האָט עס דעם רוזשינער אַריינגעבראַכט אין אַ הקפדה. און דעם רוזשינער'ס הקפדה — האָט דער צמח־צדק פאַרגעזעצט — האָט אָנגערירט אין די עולמות.

„אַז ר' יעקב איז שפּעטער געקומען אויפן עולם האמת, האָט מען אים באַלד גענומען דן זיין פאַר דער העזה וואָס ער האָט אַרויסגעצייגט צו אַזאַ צדיק ווי דער רוזשינער.

„האָט מען אָבער ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ פּסק אַרויסצוגעבן און מען האָט דעם ענין איבערגעגעבן צו אַ בית־דין פון דריי, דעם בית יוסף, דעם מהרש"ל און נאָך איינעם..."

ביי דעם האָט זיך דער צמח־צדק אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט. ער האָט ניט געזאָגט ווער דער „נאָך איינער" איז געווען.

— וואָס זאָגט איר, אידן? — האָט ער זיך באַלד געווענדט צום עולם — איז ר' יעקב זכאי אָדער חייב? איך זאָג זכאי...

מיט דעם האָט דער צמח־צדק געענדיקט און דער עולם האָט זיך געכאַפּט אַז דער „נאָך איינער" וועמעס נאָמען ער האָט ניט איבערגעגעבן, איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי ער אַליין...

* * *

אין תרכ"ו[134] איז דער צמח־צדק נסתלק געוואָרן און זיין ממלא מקום איז געווען זיין אינגסטער זון ר' שמואל, באַקאַנט אַלס דער מהר"ש.

ר' שמואל איז געווען אַ זעלטענער מושלם. ער איז געווען גרויס ניט בלויז אין תורה, נאָר אויך אין חכמה. ער איז געווען אַן אמת'ער קינסטלער אין פאַרשידענע האַנט־אַרבעטן און באַזונדער אין מוזיק.

ער האָט אַפילו געקענט גוט נאָטן.

ער איז אויך געווען אַ זעלטן שיינער[135] און מען פלעגט זיך ממש אָפּשטעלן קוקן אויף אים און באַוואונדערן זיין שיינקייט.

ער האָט אָבער געליטן פון אַ חולאת וואָס האָט אים געמאַכט זייער דיק און נאָך אין זיינע סאַמע יונגע יאָרן איז ער געווען געצוואונגען צו פאָרן קיין אויסלאַנד זיך קורירן.

אין זיין הנהגה איז דער מהר"ש געווען גאָר אַנדערש פון זיינע אַנדערע און עלטערע ברידער.

יענע פלעגן האָבן אַרום זיך חסידים פאַר וועמען זיי האָבן איבערגעזאָגט חסידות פון זייער טאַטן און געזאָגט אייגענע חסידות, האָבנדיק מיט דעם זיך באַלד געמאַכט אַ נאָמען פאַר זייער גדלות אין תורה און חסידות.

ר' שמואל פלעגט זיך אָבער האַלטן אָפּגעזונדערט און נאָר געהאַט צו טאָן מיט אַ פּאָר נאָענטע חברים.

---

134) י"ג ניסן.

135) זען „מגדל עוז", שער המעשה, ז' 317.

דערפאַר איז עס געווען אַ גרויסע איבערראַשונג פאַר אַלעמען וואָס דער צמח־צדק האָט נאָך פאַר זיין לעבן געהאַט געצייגט[136], אַז ער שטעלט ר' שמואל'ן העכער פון אַלע אַנדערע קינדער זיינע און געגעבן אַ דייטלעכע אָנצוהערעניש אַז ער וויל אים אַלס זיין ממלא מקום.

די עלטערע ברידער האָבן זיך געוואונדערט. זיי האָבן זיך אָבער ניט געקענט שטעלן קעגן טאָטן.

זיי האָבן זיך נאָר איינמאָל אויסגעַ'טענה'ט מיט זייער אינגסטן ברודער.

— איך בין דאָך עלטער פון דיר — האָט דער עלטערער ר' יוסף יצחק[137] באַמערקט.

— דו ביסט עלטער אין דיינע אייגענע יאָרן — האָט אים דער מהר"ש אָפּגעענטפערט — איך בין עלטער אין טאַטנ'ס יאָרן (מיט דעם וואָס ער איז געבאָרן געוואָרן אויף די עלטערע יאָרן פון צמח־צדק).

די חולאת פון דעם מהר"ש האָט זיך אָפּגערופן נאָך אין זיינע יונגע יאָרן. עס איז געווען אַ צייט ווען מען האָט קוים געגלויבט אַז ער וועט די דאָזיקע חולאת איבערקומען.

באַרימטע פּראָפעסאָרן זיינען אַרויסגערופן געוואָרן און זיי האָבן אים ענדלעך דיאַגנאָזירט און אים אָנגעזאָגט ווי זיך אויפצופירן אַזוי, אַז ער זאָל קענען אָנגיין מיטן לעבן טראָץ דער חולאת.

פון דער חולאת האָט ער געהאַלטן כסדר אין געווינען וואָג.

ער האָט צוליב דעם געמוזט זיין אויף אַ שטרענגער דיעטע: און די דיעטע איז געווען אַזאַ וואָס האָט געמיינט פּאַקטיש הונגערן.

צוליב דער קראַנקהייט האָט ער זיך אויך געמוזט אָפּגעבן מיט פיזישער

---

136) זען „אגרות קודש — אדמו"ר הצ"צ", ערשטער באַנד, ז' 4־363.

137) אין „ספר השיחות — ה'תש"ה" (ז' 31) שטייט געשריבן, אַז ווען דער רבי מוהר"ש האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסע בקיאות אויך אין נגלה, האָט אים זיין עלטערער ברודער... מוהרי"נ (רבי ישראל נח) געפרעגט: „הא מנין לך", בקיאות אין נגלה — דו ביסט דאָך נאָך גאָר אַ יונגערמאַן? האָט אים הוד כ"ק... מוהר"ש געענטפערט: „דו ביסט עלטער מיט דיינע יאָרן און איך בין עלטער מיטן טאַטנס יאָרן".

אַרבעט און ער האָט פאַר דעם צוועק געהאַט איינגעריכטעט אַ גאַנצע סטאָליאַרנע, וואו ער פלעגט פון האָלץ אויסאַרבעטן פאַרשידענע קונסט־זאַכן.

עס איז געווען דעמאָלט ווען ער האָט זיך אַרויסגעצייגט פאַר אַ גרויסן קינסטלער. ער האָט אויסגעאַרבעט וואונדער־שיינע ארון־קודש׳ן, „שלחנ׳ס" און אַנדערע אַזוינע זאַכן. ער האָט אַפילו געהאַט אויסגעשניצט פון האָלץ אַ זעלטן־שיינע מנורה[138]. די אַלע זאַכן זיינען שפּעטער חרב געוואָרן, כאָטש זיי זיינען אַ לאַנגע צייט שטאַרק אָפּגעהיט געוואָרן אין ליובאַוויטשער הויף[139].

צוליב דעם וואָס ער האָט זיך געמוזט אָפּגעבן מיט פיזישע און אַנדערע אַרבעטן צוליב זיין געזונט, האָט דער מהר״ש אין זיין סטאָליאַרנע אויך געהאַט זיך איינגעאָרדנט אַ גאַנצע ביבליאָטעק וועגן פאַרשידענע וועלטלעכע חכמות[140] און זייענדיק ביי דער אַרבעט פלעגט ער אַריינקוקן אין די דאָזיקע ביכער און זיי שטודירן.

ער האָט אויף אַזאַ אופן זיך אויסגעלערנט פאַרשידענע שפּראַכן[141].

אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם, און אפשר איז עס געווען טאַקע צוליב דעם, איז ער, ווי מיר וועלן זען, געוואָרן דער ביטערסטער קעגנער און שאַרפסטער באַקעמפער פון השכלה צווישן אידן.

---

138) אין „ספר התולדות — אדמו״ר מהר״ש" (ז׳ 44) ווערן צווישן אַט־די וואונדערלעך־אויסגעאַרבעטע קונסט־כלים גערעכנט: אַ הויכע מנורה, ווי אַ מענטש די הויך, מיט צוועלף־דרייצן רערן, ווי אויך מאָזאַאיק־טישן וכד׳.

אין „רשימות דברים" (ז׳ קמג) דערציילט דער מחבר (הרב החסיד ר׳ יהודא חיטריק), אַז ער האָט אין ליובאַוויטש געזען אַ זייער שיינע מנורה, וואָס דער רבי מהר״ש האָט אויסגעאַרבעט און צוזאַמענגעשטעלט פון תרי״ג (613) האָלץ־שטיקלעך. זי האָט פאַרמאָגט דרייצן רערן און געפאַרבט אויף דריי פאַרבן: רויט, ברוין און געל. (ער דערמאָנט, אַז ס׳איז געווען נאָך איינע, אַ קלענערע מנורה, מיט פיר רערן: ניט צוגעבנדיק, אַז דער רבי מהר״ש האָט זי אויסגעאַרבעט).

139) זען „ספר התולדות — אדמו״ר מהר״ש" (ז׳ 44).

140) זען אויך „אגרות קודש — כ״ק אדמו״ר שליט״א", אַכצנטער חלק, ז׳ 283.

141) אין ספר התולדות דאָרט: דער רבי מהר״ש איז געווען אַ בקי אין אַ סך שפּראַכן: רוסיש, פראַנצויזיש, לאַטייניש און נאָך.

דער מהר״ש האָט אין דעם דערזען אַ געפאַר פאַר אידישקייט און האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן דעם שטראָם. האָבנדיק זיך שפּעטער פאַראייניקט מיט אַנדערע גדולים, ווי ר׳ ישראל סאַלאַנטער און אויך ר׳ יצחק אלחנן פון קאָוונע פאַר דעם און אַנדערע צוועקן.

ניט קוקנדיק אויף זיין קראַנקהייט האָט ער אָנגעפירט אַ גרויסע און ברייטע טעטיקייט אויף פאַרשידענע געביטן.

טריי צו דער טראַדיציע פון ליובאַוויטש, האָט ער געזאָרגט ניט בלויז פאַר דער רוחניות פון זיינע נאָכפאָלגער, נאָר אויך פאַר זייער גשמיות.

חב״ד׳ישע פירערשאַפט האָט געהאַט אַרויפגעלייגט גרויסע פליכטן אויפן רבי׳ן און דער מהר״ש האָט די דאָזיקע פליכטן דערפילט מיט גרויס פּינקטלעכקייט.

די שווידערלעכע צייט וואָס אידן האָבן איבערגעלעבט אונטער ניקאָלאַי דעם ערשטנס רעזשים איז געווען פאַראיבער. עס זיינען אָבער אויף די אידן געקומען אַנדערע צרות.

עס איז געקומען די „טשערטאַ״ מיט אַלע אירע איבלען. אידן זיינען באַרויבט געוואָרן פון אַלע רעכט. מ׳האָט זיי ניט אויפגעהערט צו דריקן און שטיקן.

עס איז געווען אויף דעם מהר״ש׳ס איניציאַטיווע, וואָס אידישע סוחרים האָבן אָנגעהויבן איינקויפן „אימעניעס״ און וועלדער, כדי צו קענען קריגן „גילדעס״, וואָס האָט זיי געגעבן רעכט. אמת, דאָס האָט געמיינט נאָר אַ קליינע צאָל אידן, די רייכע. אָבער אויב זיי איז געגאַנגען בעסער האָט מען געקענט דערוואַרטן אַז אויך די אַנדערע וועט זיין בעסער.

עס איז געווען אַ נייע פאַרוואַנדלונג פון דעם אַלטן קאָלאָניזאַציע-פּלאַן. אידן האָבן געמוזט גיין צוריק צו דער ערד. פריער האָט עס זיך געהאַנדלט נאָר וועגן די אָרעמע, וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין פּרנסה. איצט האָט עס זיך געהאַנדלט וועגן די רייכע, וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין מער רעכט, און גרעסערע מעגלעכקייטן וואָס זיי וואָלטן ניט געקענט האָבן ווען זיי וואָלטן געבליבן באַגרענעצט צום תחום המושב.

און דער מהר״ש האָט טאַקע ריכטיק געהאַט אָפּגעשאַצט די לאַגע. צוליב דער נייער טעטיקייט האָבן אַ סך אידן געקראָגן בירגער־רעכט.

אַ סך רייכע חסידים האָבן געקענט טיפער אַריינדרינגען און זיך בעסער באַפעסטיקן עקאָנאָמיש, אַזוי גוט ווי פּאָליטיש און זיינען געוואָרן די פּעלזן אויף וועלכע דאָס אידישע לעבן איז געווען געבויט.

## כב

# ליובאַוויטש און פעטערבורג

די פּאָליטישע טעטיקייט פון ליובאַוויטש און די פּאָליטישע טעטיקיט פון די משכילים. — דער קאַמף מיט די משכילים. — די פּרוּוון פאַר אייניקייט — דער משומד און וואָס ער האָט געטאָן אויסצוקויפן זיך פון זיינע זינד. — פּאָגראָם־געפאַר און עלילת־דם.

די טעטיקייט פון מהר"ש אין דערמוטיקן אידן צו ווערן לאַנד־באַזיצער האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויפן אידישן לעבן. דאָס האָט געגעבן אַ געוויסע צאָל אידן נייע מעגלעכקייטן אין דער געשעפט־וועלט. אידן זיינען געוואָרן גרויסע וואַלד־סוחרים און האָלץ־הענדלער.

געוויסע געגנטן זיינען אויפגעלעבט געוואָרן. ניט נאָר אידן, נאָר אויך ניט־אידן האָבן דורך דעם געהאַט פּרנסה.

עס האָט אויסגעזען ווי די אַלע בייזוויליקע פּלענער קעגן אידן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין פּעטערבורג, זיינען דורך דעם מהר"ש'ס טעטיקייט צעשטערט געוואָרן.

האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ גרויסע אינטריגע קעגן אידן. מען האָט אָנגעהויבן שרייען, אַז אידן קויפן אויס גאַנץ רוסלאַנד. אַלע „אימעניעס" פאַלן אַריין אין זייערע הענט. די וועלדער ווערן פון זיי אויסגעקויפט און אויסגעהאַקט.

די רייכע רוסישע „פּאָמיעשטשיקעס"[142] זיינען געוואָרן ביטערע שונאים פון די אידן און מען האָט אָנגעהויבן פאָדערן אין פּעטערבורג אַ רייע נייע גזירות. מען האָט אַפילו אָנגעהויבן צוגרייטן אַ פּאָגראָם.

---

142) גוט־באַזיצערס.

דאָס האָט געפירט צו אַ רייע העכסט־אינטערעסאַנטע און וויכטיקע אַנטוויקלונגען אין אידישן לעבן אין רוסלאַנד.

ביז דעמאָלט איז אָנגעגאַנגען אַ ביטערע מלחמה צווישן ליובאַוויטש און דער השכלה־וועלט.

ר׳ שמואל איז, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, געווען אַ ביטערער קעגנער פון השכלה און די משכילים. ער איז אויך געווען אַ שאַרפער קעגנער פון די נייע שתדלנים און אידישע טוער וואָס זיינען געוואָרן טעטיק אויף דער אידישער גאַס.

באַראָן גינזבורג איז דעמאָלט געוואָרן די צענטראַלע פיגור פון דער השכלה־באַוועגונג, און אויך פון דער אידישער אָפיציעלער און אומאָפיציעלער פאָרשטייערשאַפט.

אַלס קעגנער פון השכלה איז דער מהר״ש אויך געווען אַ קעגנער פון דער משכילישער אידישער פאַרטרעטערשאַפט. אַוודאי האָט ער געזען אין זייער פאַרטרעטערשאַפט אַ געפאַר פאַרן ריין אָרטאָדאָקסישן אידנטום.

די דאָזיקע קעגנערשאַפט האָט עס געפירט צו דער פאַראייניקונג צווישן דעם ליובאַוויטשער רבי'ן, ר׳ ישראל סאַלאַנטער און ר׳ יצחק אלחנן, מיט קאָוונע אַלס דער צענטער פון וואַנען די פאַראייניקטע חסידיש־מתנגדישע טעטיקייט איז אָנגעפירט געוואָרן.

דער מהר״ש אַליין איז אייניקע מאָל געפאָרן קיין פעטערבורג, וואו ער האָט זיך משתדל געווען וועגן פיל וויכטיקע אידישע ענינים[143]. עס איז אין דער אמת'ן ניט געווען קיין איינציקע וויכטיקע אָנגעלעגנהייט אין וועלכער דער רבי אַליין, מיט דער הילף פון די אַנדערע פאָרשטייער פון אָרטאָדאָקסישן אידנטום, זאָל ניט נעמען קיין האַנט. ער האָט זיך אין קיין זאַך ניט געוואָלט פאַרלאָזן אויף די משכילים און באַראָן גינזבורג בראש.

143) אין „שלשלת היחס״ — אינעם אַריינפיר צו „היום יום״ — ווערט געזאָגט אינעם אָפּטייל פון כ״ק אדמו״ר מהר״ש (אין איד. איבערז.): אין יאָר תרכ״ט איז ער (דער רבי מהר״ש) בסדר אַ סטאַבילן קאָמיטעט וואָס זאָל זיך אינטערעסירן מיט די כלל־ענינים און שטיין אויף דער וואַך צו באַשיצן דאָס רעכט פון אידן.

שפּעטער אָבער, ווען די לאַגע פון די אידן איז געוואָרן קריטיש און די געפאַרן האָבן אָנגעהויבן לויערן פון אַלע זייטן, האָט דער מהר״ש געפונען פאַר נויטיק אָנצוקניפּן פריינטלעכערע באַציאונגען מיט באַראָן גינזבורג און די וועלכע ער האָט פאַרטראָטן.

אין אַזאַ שרעקלעכער צייט, האָבן אַלע אידישע כחות געמוזט זיין פאַראייניקט.

דער מהר״ש האָט אָבער צוערשט געהאַט פאַררופן אַן אסיפה פון וויכטיקע חסידים און מתנגדים.

עס איז געווען אַן עת צרה. מען האָט געמוזט נעמען שריט צו פאַרמיידן די דראָענדיקע געפאַר פון אַ פּאָגראָם.

אַ גרויסע סומע געלט איז געשאַפן געוואָרן אָנצוגיין מיט אַ ברייטער טעטיקייט אין פּעטערבורג. מען האָט זיך געווענדט צו באַראָן גינזבורג; מען האָט אים אויך געוואָלט האָבן אין דער אַרבעט.

דער באַראָן און די משכילישע משתדלים זיינען אָבער געווען איבערראַשט צו הערן, אַז די לאַגע איז אַזוי קריטיש. אָפּיציעל האָט מען געהאַט גאָרניט געוואוסט. פון אויבן־אויף האָט מען ניט געקענט וויסן אַז עפּעס שרעקלעך ווערט צוגעגרייט פאַר אידן.

אָבער דאָס וואָס די משכילים האָבן ניט געוואוסט האָט געוואוסט דער ליובאַוויטשער רבי. פאַר די משכילים איז עס געווען אַ פלא.

פון וואַנען האָט דער מהר״ש געקראָגן די אינפאָרמאַציע, אַז מען גרייט אין פּעטערבורג גזרות און אַז ס׳שמעקט אַפילו מיט אַ פּאָגראָם?

גראָד איז עס דאָס מאָל ניט געווען קיין ענין פון „רוח הקודש״. דער רבי האָט געהאַט גאָר גרויסע פאַרבינדונגען אין פּעטערבורג. דאָרט איז ספּעציעל געווען איינער וואָס האָט דעם רבי׳ן געקענט איבערגעבן די וויכטיקסטע אינפאָרמאַציע, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אידן און דער דאָזיקער איז תמיד געווען גרייט צו דינען דעם רבי׳ן.

דאָס איז געווען דער משומד פּראָפעסאָר יאָסעף אָדער יוסף בערטענסאָן. דער דאָזיקער בערטענסאָן איז אַמאָל געווען פון די

ליובאַוויטשער „יושבים״, האָבנדיק געלערנט אין דעם ליובאַוויטשער רבינ׳ס ישיבה.

אַלס אינגל איז ער אַרונטערגעקומען פון אָדעס קיין ליובאַוויטש און האָט מיט אַנדערע ישיבה־לייט געלערנט מיט גרויס התמדה.

אין יאָסלען איז שוין אָבער געווען אַריין די „קליפה״, רחמנא ליצלן. אים האָט געצויגן צו דער פרעמדער גוי׳אישער וועלט.

דער רייכער גראַף סעקרעט, וועלכע האָט געהאַט אויפגעבויט דעם ליובאַוויטשער הויף, און איז געווען אַ גרויסער פאַרערער פון די ליובאַוויטשער רביים, האָט אויף זיין אימעניע ניט ווייט פון ליובאַוויטש געהאַט אַן אַקאַדעמיע, וואָס ער האָט אויסגעהאַלטן מיט זיין אייגן געלט.

די דאָזיקע אַקאַדעמיע האָט עס געהאַט צוגעצויגן יאָסלען. ער איז פּלוצלונג פאַרשוואונדן פון ליובאַוויטש און איז אַריינגעטראָטן אין דער אַקאַדעמיע לערנען וועלטלעכע וויסנשאַפט.

צי דאָס איז געווען מחמת נויט, אָדער צוליב אַ קאַריערע, יאָסל האָט געזען פאַר זיך אַ לייכטערן וועג, ווען ער זאָל אין גאַנצן זיך אָפּזאָגן פון אידישקייט. ער האָט זיך גע׳שמד׳ט און פון דעם פריערדיקן ליובאַוויטשער ישיבה־בחור׳ל איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן פּראָפעסאָר בערטענסאָן.

ווייניק האָבן מסתמא געוואוסט, אַז ער איז אַ משומד אָדער פון וואַנען ער שטאַמט.

דער מהר״ש וועלכער האָט יאָסלען געקענט אַלס אינגל, האָט ניט געוואוסט, וואו ער איז אַהינגעקומען און וואָס פון אים איז געוואָרן.

זייער ערשטע באַגעגעניש איז פאָרגעקומען ווען דער מהר״ש איז געפאָרן קיין פּעטערבורג זיך דאָרט קורירן.

פּראָפעסאָר בערטענסאָן איז צו אים געקומען און האָט זיך דעמאָלט צו אים געלאָזט דערקענען אַלס דער אַמאָליקער יאָסל.

ער האָט אויסגעגאָסן פאַרן מהר״ש זיין האַרץ, אויסדריקנדיק חרטה אויף זיין שמד.

ער האָט זיך דעם רבי'ן אָנגעבאָטן מיט זיין דינסט אַלס מעדיצינער[144] און מיט אַלץ וואָס איז געווען אין זיין כח צו דינען אים פערזענלעך אָדער דעם אידישן כלל.

פון דעמאָלט און ווייטער איז בערטענסאָן געשטאַנען מיטן רבי'ן אין פאַרבינדונג און האָט געזוכט צו טאָן אַלץ וואָס דער רבי האָט פון אים פאַרלאַנגט אין כלל-זאַכן.

דער פּראָפעסאָר האָט געהאַט אַ פרייען צוטריט צו די גאָר הויכע פענצטער. ער האָט געקענט פאַרן רבי'ן עפענען טירן וועלכע וואָלטן פאַר אים געווען פאַרמאַכט. ער האָט אויך געקענט געבן צו וויסן אין ליובאַוויטש באַצייטנס וועגן די גזרות, וואָס ווערן געפּלאַנט קעגן אידן און וועגן די העצעס וואָס ווערן אָנגעפירט קעגן זיי.

עס איז געווען דער דאָזיקער פּראָפעסאָר בערטענסאָן וועלכער האָט געלאָזט וויסן דעם מהר"ש וועגן דער פּאָגראָם-געפאַר.

דאָס האָט געמוזט זיין אין יאָר תרל"ד אָדער תרל"ה. די מיטלען וואָס דער רבי האָט אָנגענומען נאָך דער דערמאָנטער אסיפה, וואָס ער האָט גערופן אין רעזולטאַט פון דער ידיעה וואָס ער האָט געקראָגן פון פּראָפעסאָר בערטענסאָן, האָבן געהאַט די געהעריקע ווירקונג.

די פּאָגראָם-געפאַר איז פאַרמיטן געוואָרן.

דאָס איז אָבער געווען ניט אויף לאַנג.

אין רוסלאַנד האָבן זיך שוין געהאַט צעשפּילט אַלע פינסטערע כוחות[145]. עס זיינען אָנגעקומען די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן (תר"מ-תרמ"א).

די פּאָגראָם-געפאַר האָט זיך לאַנג אין פאָראויס געפילט אין דער לופט.

---

144) זען אויך „אגרות קודש — אדמו"ר מהר"ש נ"ע", ז' יז און ווייטער.

145) זען אַ סך פרטים אין „אגרות קודש — אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע", פערטער באַנד, ז' מו און ווייטער: ז' תצ און ווייטער: „ספר השיחות — קיץ ה'ש"ת", ז' 13 און ווייטער: „אגרות קודש — אדמו"ר מהר"ש נ"ע", ז' כה.

דער רבי, וועלכע האָט צוליב זיין געזונט געמוזט פאָרן קיין אויסלאַנד, האָט דאָרט ניט געקענט רוען. ער האָט אין אויסלאַנד זיך געטראָפן מיט וויכטיקע אידן און זיך מיט זיי גע׳עצה׳ט ווי אַזוי מען זאָל העלפן די אידן אין רוסלאַנד.

פּילנדיק, אַז פון אויסלאַנד קען מען ניט טאָן קיין ממשות׳דיקס, איז ער צוריקגעקומען קיין ליובאַוויטש. די לאַגע איז געווען אַ קריטישע.

זיין געזונט־צושטאַנד האָט געפאָדערט רו. ער האָט אָבער ניט געקענט רוען. ער איז באַלד געפאָרן קיין פּעטערבורג און דאָרט געהאַט אַן אסיפה מיט די משכילישע שתדלנים. ער האָט זיך אָבער מיט זיי ניט געקענט אייניקן וועגן די מעטאָדן און די מיטלען וואָס דאַרפן גענומען ווערן אין יענעם קריטישן מאָמענט.

דער רבי האָט זיך געהאַלטן ביי זיין אייגענעם דרך.

אָבער דאָ איז געקומען אַ נייע צרה. פּונקט ווי קעגן צמח־צדק(?), אַזוי איז אויך קעגן מהר״ש געמאַכט געוואָרן אַן עלילת־דם.

די שולד פאַר דעם אַזוי־גערופענעם סטאַראָדובער עלילת־דם[146] איז געוואָרפן געוואָרן דירעקט אויפן מהר״ש.

אַ ליובאַוויטשער חסיד, אַ מקורב פון דעם רבי׳ן, איז אַרעסטירט געוואָרן און דאָס האָט געזאָלט זיין אַ פאָרבאַרייטונג פאַר דעם אַרעסט פון דעם רבי׳ן זעלבסט.

די ידיעה האָט דערגרייכט ליובאַוויטש. אין הויף האָט זיך געטאָן חושך. מען האָט יעדן טאָג דערוואַרט דעם רבינ׳ס אַרעסט. און דער רבי איז געווען אַזוי שוואַך! איז דער צער געווען גרויס.

דער רבי אַליין איז אָבער געווען רואיק. ער האָט זיך ווייניק געשראָקן פאַר דעם „עלילת דם״. אַנשטאָט צו וואַרטן אַז מען זאָל אים קומען

146) אַ „משכיל״ מיטן נאָמען דוד לאַזראָוו האָט זיך צעקריגט מיטן רב פון סטאַראָדוב ר׳ משולם זלמן ניימאַרק. האָט ער געמאַכט אַ בלבול אַז דער רב מיט נאָך חסידים האָבן אַ האַנט אין „באַפרייען״ יונגע מענטשן פון מיליטער־דינסט. זען „אגרות קודש — אדמו״ר מהר״ש״ ז׳ כג.

אַרעסטירן איז ער געפאָרן קיין פעטערבורג און געפּאָדערט אַן אוידיענץ ביים מיניסטער.

— איך האָב געהערט, אַז מען באַשולדיקט מיך אין דעם אומזיניקן בלבול, אַז אידן נוצן בלוט אויף פסח — האָט דער רבי גערעדט מיט אַנטשלאָסנקייט — אָט בין איך פאַר אייך. זאָל די קלאַגע געבראַכט ווערן דירעקט און זאָל מען מיך באַלד אויפן אָרט משפטן.

זיין מוטיקער אַרויסטריט האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. מען האָט זיך פאַרן רבי'ן אָנגעהויבן פאַרענטפערן.

מען האָט צוגעגעבן, אַז עס איז אַן אומזין אים אַריינצושלעפּן אין דעם עלילת דם. געוויס האָט ער מיט דעם קיין שייכות ניט געהאַט.

— אָבער ניט וועגן מיר אַליין האַנדלט זיך — האָט דער רבי ניט אָפּגעלאָזן — עס איז אויך דער זעלביקער אומזין צו באַשולדיקן אַנדערע אידן אין אַזאַ נאַרישן פאַרברעכן!

דער עלילת־דם איז באַלד צעריבן געוואָרן. דער מהר"ש האָט זיך געקענט צוריקקערן קיין ליובאַוויטש.

די צרות פאַר אידן האָבן זיך אָבער ערשט געהאַט אָנגעפאַנגען אין רוסלאַנד.

## כג

# פּאָגראָמען

**די ווירקונג פון די פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן אויף ליובאַוויטש. — דער מהר״ש סטראַשעט דעם צאַר׳ס מיניסטאָרן. — וויל פאַרלאָזן רוסלאַנד און פאָרן קיין ארץ ישראל. — זיין באַגעגעניש מיט פּאָביעדאָנאָסצעוו׳ן און זיין וויכוח מיטן רוסישן „סינאָד". — די פּלענער פאַר ארץ ישראל. — די פּטירה פון מהר״ש. — ליובאַוויטש אָן אַ רבי׳ן. — דער נייער רבי ר׳ שלום דובער.**

עס זיינען געקומען אין רוסלאַנד די שרעקלעכע פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן. די אידישע וועלט איז אויפגעציטערט געוואָרן. דאָס אידנטום אין רוסלאַנד איז אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק.

די דאָזיקע פּאָגראָמען, קומענדיק נאָך די אַלע באַמיאונגען פון מהר״ש זיי צו פאַרמיידן, האָבן אויפן רבינ׳ס הויף אין ליובאַוויטש אָנגעיאָגט אַן אימה.

נאָך פריער, איידער די פּאָגראָמען זיינען געקומען, איז דער רבי, פילנדיק די גרויסע געפאַר וואָס שוועבט איבער אידישע קעפּ, קראַנק געוואָרן. דער עלילת־דם אין וועלכן ער איז געוועזן אַריינגעצויגן און די אַנדערע צרות האָבן אונטערגעגראָבן זיין, אַזוי אויך שוואַכן, געזונט.

ער האָט זיך געלייגט אין בעט. פּראָפעסאָר בערטענסאָן איז אַרונטערגעבראַכט געוואָרן פון פּעטערבורג. עס זיינען אויך געבראַכט געוואָרן פּראָפעסאָרן פון מאָסקווע. מען האָט דעם רבי׳ן באַפוילן צו ליגן אין בעט רואיק, ניט צו ריידן קיין וואָרט און זיך ניט אויפצורעגן. זיין צושטאַנד איז געווען אַ געפערלעכער.

אָבער גיי זיי רואיק, רייד ניט קיין וואָרט און רעג זיך ניט אויף אין אַזאַ

שרעקלעכער צייט! מען האָט דעם רבי׳ן געמוזט נעמען קיין אויסלאַנד פאַר קוראַציע.

ער איז געוואָרן בעסער און באַלד זיך צוריקגעקערט קיין ליובאַוויטש. אָבער אַ מוראַדיקער קלאַפּ איז געקומען באַלד נאָך זיין אָנקומען. דער ערשטער פּאָגראָם אויף אידן איז פאָרגעקומען.

דער רבי האָט זיך געפילט זייער צעבראָכן. ער איז באַלד געפאָרן קיין פּעטערבורג, ער איז געקומען צום מיניסטער און האָט פּראָטעסטירט, געפאָדערט:

ווי האָט מען עס דערלאָזט פון פּעטערבורג צו אַזאַ זאַך?!

— אויב איר קענט ניט באַשיצן די אידן פון די כוליגאַנעס — האָט דער רבי גע׳טענה׳ט — דאַן וויל איך זיך אָפּזאָגן פון „גראַזשדאַנסטוואָ” (די מדרגה פון רוסישער בירגערשאַפט וואָס דער רבי האָט גענאָסן). איך וועל פאָרן מיט די אידן, וואָס וועלן מיר נאָכפאָלגן קיין ארץ ישראל.

דער רבי האָט גערעדט מיט פייער און מיט שטאָלץ. ער האָט ניט געבעטן, נאָר געפאָדערט. ער האָט גערעדט פאַר אַלע אידן אין רוסלאַנד.

אין מיניסטעריום האָט מען אים אָנגעהויבן פאַרזיכערן אַז מער קיין פּאָגראָמען וועלן שוין ניט פאָרקומען. מען וועט אַכטונג געבן, אַז די אידן זאָלן זיין באַשיצט.

דער רבי האָט געמוזט אָננעמען דעם ענטפער פאַר גוט געלט. ער האָט אָבער געפילט, אַז דאָס האָט קיין ממשות ניט.

די צוררי היהודים האָבן שוין געהאַט די אויבערהאַנט אין דער רוסישער פּאָליטיק. פּאָביעדאָנאָסצעוו איז שוין געוועזן אין מאַכט. ער איז געוועזן אַן אָפענער שונא ישראל.

דער רבי האָט באַשלאָסן זיך צו זען מיט פּאָביעדאָנאָסצעוו׳ן אַליין: זאָל ער מיט אים קומען פנים אל פנים, ריידן מיט אים. אפשר וועט ער קענען אויף אים ווירקן, אַז ער זאָל אויפגעבן זיינע שענדלעכע פּלענער קעגן אידן.

דערציילט מען פון דעם וויכוח וואָס דער רבי האָט געהאַט מיטן דערמאָנטן שונא ישראל.

פּאָביעדאָנאָסצעוו האָט אָפן דערקלערט, אַז אידן דאַרף מען שלאָגן.

— דאָס קריסטנטום פאָדערט, אַז מען זאָל אידן אונטערקלאַפּן — האָט דער רוסישער המן געזאָגט.

— וואו געפינט איר עס, אין דער עוואַנגעליע? — האָט דער רבי אים געפרעגט, און ער האָט אים אָנגעהויבן באַווייזן ווי פאַלש עס איז זיין אויפפאַסונג וועגן דער שטעלונג פון קריסטנטום צום אידנטום.

פּאָביעדאָנאָסצעוו האָט אָבער דערקלערט, אַז זיין שטעלונג איז די שטעלונג פון „סינאָד״ (דער ראַט פון די העכסטע גייסטלעכע).

— איך וואָלט וועלן מיטן „סינאָד״ אַליין דיסקוטירן די דאָזיקע פראַגע און צייגן ווי שלעכט ער פאַרשטייט דעם ענין — האָט דער רבי געזאָגט.

עס איז דאַן אַראַנזשירט געוואָרן, טאַקע אין פּראָפעסאָר בערטענסאָנ׳ס הויז, אַ צוזאַמענקונפט צווישן דעם רבי׳ן און, להבדיל, מיטגלידער פון „סינאָד״.

עס איז פאָרגעקומען אַ גרויסער וויכוח וועגן אידן און אידישקייט.

די שונאי־ישראל האָבן אויסגעפּעקלט זייער גאַנצן אַנטיסעמיטישן באַגאַזש. עס איז געווען אַ פלאַנטער פון עקאָנאָמישע און פּאָליטיש־רעליגיעזע טענות, וועלכע זיינען שוין לאַנג געהערט געוואָרן קעגן אידן.

דער מהר״ש האָט אויף זיי קלוג און שאַרף געענטפערט. ער האָט צעשלאָגן אַלע טענות. ער האָט די רוסישע אַנטיסעמיטן אַנטוואָפנט.

דער מהר״ש אַליין האָט אָבער שוין געמוזט וויסן, אַז דאָס וועט ווייניק העלפן. די אַנטי־אידישע פּאָליטיק איז שוין געווען אַ באַשטימטע, דאָס איז געווען אַ פּאָליטיק פון פּאָגראָמען און רדיפות.

איז דער רבי צוריקגעקומען קיין ליובאַוויטש אַן אַנטוישטער, אַ פאַרזאָרגטער, האָפנדיק נאָר, אַז השם יתברך וועט דאָך ניט פאַרלאָזן זיינע קינדער און זיי באַשיצן פון אַלע געפאַרן, ווי ער האָט זיי תמיד באַשיצט.

ער האָט ערנסט אָנגעהויבן טראַכטן פון פאַרלאָזן רוסלאַנד און איבערקלייבן זיך מיטן גאַנצן הויף אין ארץ־ישראל[147].

איז אָבער באַלד געקומען אַ שטערונג. מען האָט איינעם פון זיינע זין צוגענומען אַלס סאָלדאַט. עס האָט אויסגעזען ווי פעטערבורג וואָלט געוואָלט ווייזן דעם רבי׳ן, אַז מען ווייס, אַז ער טראַכט וועגן פאַרלאָזן דאָס לאַנד און דערפאַר וויל מען אים ציַיגן, אַז דאָס וועט אים ניט אָנקומען אַזוי לייכט.

האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ לויפעניש אויסצולייזן דעם רבינ׳ס זון פון סאָלדאַטשינע. עס איז געווען אַ שווערע אויפגאַבע. דריי־פערטל יאָר האָט געדויערט ביז וואַנען מען האָט אים ענדלעך באַפרייט[148].

דער מהר״ש האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן פאַר ארץ־ישראל. ער האָט געשיקט קיין ארץ־ישראל צוויי פון זיינע וויכטיקסטע חסידים, זיי זאָלן דאָס לאַנד אויספאָרשן, געפינען דאָרט פלעצער וואו זיך צו באַזעצן.

ער האָט געוואָלט, אַז דאָס זאָל געטאָן ווערן שטיל, אָן רעש. ער האָט מורא געהאַט, אַז אויב מען זאָל וועגן דעם אַ סך ריידן און טומלען וועט עס נאָך שאַטן דעם כלל.

מען וועט אין פעטערבורג אָנהויבן זאָגן, אַז מיט דעם וואָס דער רבי פאַרלאָזט דאָס לאַנד ציַיגט ער פאַר דער וועלט, אַז אידן איז שלעכט אין רוסלאַנד; און פעטערבורג איז געווען אש להבה ווען מען האָט פּרובירט דערציילן דער וועלט וועגן אירע שענדלעכע מעשים.

---

147) דער באַוואוסטער יעקאַטערינאַסלאַווער רב, הרה״ג והרה״ח וכו׳ ר׳ דובער זאב קאָזעווניקאָוו שרייבט אין אַ בריוו פון יאָר תרנ״א (געדרוקט אין „שיבת ציון״, וואַרשע, תר״ס, ז׳ 35 — אין איד. איבערז.): . . . „כבוד קדשו מרן אדמו״ר ר׳ שמואל מליבאַוויץ נ״ע וזי״ע האָט מיר דערציילט דעם לעצטן מאָל וואָס איך האָב אים געזען אין יאָר תרמ״א, אַז ער אַליין האָט געוואָלט קויפן אַ הויז און אַ נחלה דווקא אין הייליקן לאַנד און האָט געוואָלט דאָרט איינשטעלן זיין דירה, באופן אַז זיין נחלה זאָל אים זיין גענוג פאַר דער פרנסה פון זיינע בני־בית, און ער האָט זיך אין דעם משתדל געווען, נאָר צוליב אַ סיבה איז זיין ׳בקשה׳ דאַן ניט דערפילט געוואָרן . . .״.

148) זען „אגרות קודש — אדמו״ר מהורש״ב נ״ע״ ערשטער באַנד ז׳ א: „אחי ר׳ זלמן אהרן פטור מעבודת הצבא שנה זו תרל״ח עד תרל״ט״ (מיין ברודער ר׳ זלמן אהרן (דער רז״א) איז פטור פון מיליטער־דינסט דאָס יאָר תרל״ח ביזן יאָר תרל״ט).

דעם רבינ׳ס פלענער וואָלטן וואַרשיינלעך דורכגעפירט געוואָרן. דער גאַנצער הויף וואָלט איבערגעפירט געוואָרן קיין ארץ־ישראל.

עס איז אָבער געקומען דאָס יאָר תרמ״ג און גלייך מיטן אָנפאַנג פון יאָר, האָט דער מהר״ש אָנגעהויבן פילן, אַז זיינע כחות גייען אים אויס. ניט קוקנדיק אויף זיין שוואַכקייט האָט ער געזאָגט חסידות ראש השנה און האָט יום כיפור געפאַסט. מוצאי יום כיפור האָט ער זיך געלייגט אין בעט און מער ניט אויפגעשטאַנען.

י״ג תשרי תרמ״ג איז ער נסתלק געוואָרן אין עלטער פון 48 יאָר.

דער רבי האָט איבערגעלאָזט דריי זין, ר׳ שניאור זלמן אהרן, דער עלטסטער: ר׳ שלום דובער, דער מיטלסטער, און ר׳ מנחם מענדל, דער אינגסטער. ער האָט אויך איבערגעלאָזט צוויי טעכטער, דבורה לאה און חי׳ מוסיא (מושקא).

* * *

די אלמנה, די רביצין רבקה, פאַרדינט דערמאָנט צו ווערן באַזונדער. זי איז געווען באַרימט אין דער גאַנצער חב״ד־וועלט.

אַליין אַ גרויסע מיוחסת, שטאַמענדיק פון די באַרימטע שקלאָווער לומדים, געוועזענע פייערדיקע מתנגדים, וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן נאָך פייערדיקערע חסידים, האָט זי ממש געפירט אין ליובאַוויטשער הויף אַן אייגענע ווייבערשע „רביסטוואָ״. זי איז געווען ביים מהר״ש די צווייטע פרוי. די ערשטע פרוי, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט צו 15 יאָר[149], איז נסתלק געוואָרן עטלעכע חדשים נאָך דער חתונה.

רביצין רבקה האָט מאריך ימים געווען, כאָטש זי אַליין איז אַמאָל געווען ערנסט קראַנק און מען האָט איר שוין אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. דער צמח־

149) אין „שלשלת היחס וראשי פרקים מתולדות בית רבינו״, וואָס איז געדרוקט אין אָנהויב פון „היום יום״, איז פאַרצייכנט (אין איד. איבערז.): ער (דער רבי מוהר״ש) האָט חתונה געהאַט אין זיווג ראשון מיט דער טאָכטער [שטערנא] פון זיין ברודער אדמו״ר מוהרחש״ז (ר׳ חיים שניאור זלמן) — אין יאָר תר״ח; און אין זיווג שני מיט דער רביצין רבקה — אין יאָר תר״ט. זען אויך „ספר התולדות אדמו״ר מהר״ש״, ז׳ 34.

צדק, ווערט דערציילט, האָט זי געבענטשט מיט אריכת־ימים און זי האָט איבערגעלעבט איר חולאת.

רביצין רבקה האָט דערגרייכט אַן עלטער קרוב צו אַכציק יאָר און עס ווערט דערציילט, אַז זי האָט אַליין פאָראויסגעזאָגט, אַז זי וועט לעבן ביז אַכציק יאָר.

מען האָט זי געפרעגט פון וואַנען זי ווייס עס, און זי האָט דערקלערט, אַז דאָס איז ביי איר אַ גאַנץ פאַרשטענדלעכע זאַך:

די ברכה פון אריכת־ימים פון אַ צדיק, איז ביי חסידים אָנגענומען, איז אַכציק יאָר[150] און דערפאַר האָט זי געוואוסט, אַז זי וועט גרייכן אַזאַ עלטער...

די רביצין רבקה איז באַרימט געווען אַלס גרויסע בעלת־צדקה. איר גוטהאַרציקייט האָט קיין גלייכן ניט געהאַט. דער מהר״ש איז געווען דער איינציקער פון די ליובאַוויטשער רביים וואָס האָט געלעבט אויף אַן עשירות׳דיקן פאַרנעם; אָבער וויפל געלט ער פלעגט ניט געבן דער רביצין רבקה איז פאַר איר אַלץ ווייניק געווען. זי פלעגט אַלץ צעטיילן צווישן נויטבאַדערפטיקע.

ווען זי האָט ניט געוואָלט קומען בעטן מער געלט ביי איר מאַן, האָט זי פאַרזעצט איר צירונג כדי מיטן געלט צו טאָן צדקה.

יעדן ערב יום טוב האָט שוין דער מהר״ש געוואוסט, אַז ער מוז אויסלייזן זיין רביצינס צירונג, כדי זי זאָל ניט דאַרפן פאַרשעמען חלילה דעם יום טוב[151].

ביי איר טיש פלעגן תמיד זיצן פון פופצן ביז צוואַנציק מענטשן — קרובים און געסט. גאַנץ אָפט פלעגט פאַסירן, אַז ווען דער עולם פלעגט זיין אויסגעזעצט, פלעגט די רביצין רבקה, האַלב־פאַרשעמט, בעטן אַז מען

---

150) זען „אגרות קודש — אדמו״ר מהוריי״צ נ״ע״, צווייטער באַנד, ז׳ 495, דאָרט ווערט צוו״א געזאָגט (אין איד. איבערז.): „ס׳איז באַוואוסט, אַז די ברכה אויף אריכת ימים . . פון הוד כ״ק אאזמו״ר הרה״ק צמח צדק איז געווען אויף אַ משך (צייט) פון זיבעציק ביז אַכציק יאָר״.

151) זען אויך „התוועדויות — תשד״מ״ ערשטער באַנד, ז׳ 5־154.

זאָל קיין פּאַראיבל ניט האָבן וואָס דער מאָלצייט וועט ניט זיין ווי עס דאַרף צו זיין.

אין דער לעצטער מינוט האָט זי זיך דערוואוסט אַז עמעצער אין שטעטל איז קראַנק אָדער סתם נויטבאַדערפטיק און זי האָט געשיקט דאָס געקאָכטע עסן צום קראַנקן אָדער נויטבאַדערפטיקן.

* * *

נאָך דעם מהר״ש׳ס הסתלקות איז אויפגעקומען די פראַגע, ווער עס זאָל פאַרנעמען זיין פּלאַץ און אָנטאָן די קרוין פון רביסטוואָ.

אַלע דריי זין האָבן ניט געוואָלט זיין קיין רביים[152]. זיי האָבן גערן געוואָלט זאָגן חסידות פאַרן עולם. אַלע דריי זיינען געווען ראוי דערצו. זיי האָבן אָבער ניט געוואָלט אויפנעמען חסידים און בכלל זיך פירן אַלס רביים. זיי האָבן זיך געוואָלט אָפּגעבן מיט מסחר.

די חב״ד-וועלט האָט דאָך אָבער ניט געקענט בלייבן אָן אַ רבי׳ן. איינער פון די זין האָט געמוזט נעמען אויף זיך דעם עול פון הנהגה.

דער עול איז געפאַלן אויף די פּלייצעס פון מיטלסטן זון, ר׳ שלום דובער.

ר׳ שלום דובער איז דאַן געווען צוויי-און-צוואַנציק יאָר אַלט. ער האָט אָבער ניט געוואָלט ווערן רבי, האָט ער אומאָפיציעל געפירט דעם הויף, געזאָגט חסידות און אויפגענומען חסידים, אָבער דעם טיטל רבי האָט ער ניט געוואָלט האָבן.

צום טייל איז עס געווען צוליב זיין שוואַכן געזונט.

ער פלעגט תמיד מוזן פאַרן קורירן זיך אין אויסלאַנד און אין קרים און האָט אַ סך פון זיין צייט פאַרבראַכט אויסער ליובאַוויטש.

אין תרמ״ז[153] האָט זיך זיין געזונט שוין געהאַט אַ סך פאַרבעסערט, און ער האָט איינגעוויליקט איבערצונעמען די פולע רביסטוואָ פון דער חב״דישער וועלט.

---

152) זען אויך „כפר חב״ד״ נומ׳ 543 (י״א תשרי תשנ״ג), ז׳ 20 און ווייטער.

153) אין „חנוך לנער״ (ז׳ 12 אות ז) פאַרצייכנט כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ נ״ע (אין איד.

און גלייך מיט זיין איבערנעמען די רבישע קרוין האָט זיך פאַר אים אָנגעפאַנגען אַ ריי גרויסע און וויכטיקע אידישע טעטיקייטן. ער האָט געהאַט פאַר זיך אַ תורה־טעטיקייט און אַן אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע טעטיקייט.

דאָס לעבן פון די אידן אין דער תחום המושב איז געוואָרן ערגער און געדריקטער. עס האָט געפעלט פּרנסה. אידישע בעלי־מלאכות האָבן ניט געהאַט קיין אַרבעט; אידישע סוחרים האָבן ניט געהאַט קיין מסחר. אין אידישע הערצער איז אַריינגעדרונגען דאָס געפיל פון פאַרצווייפלונג. אידישע נשמות זיינען געוואָרן פאַרביטערט.

און אַז עס האָט געפעלט פּרנסה האָט אויך געפעלט תורה. די השכלה האָט אויך געהאַט איר ווירקונג. תורה איז ביי אידן אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

האָט ר׳ שלום דובער׳ס אויג פאַרנומען דאָס אידישע לעבן און האָט מיט דעם פייער און ברען פון איינעם — אין וועמענס אָדערן ס׳איז געפלאָסן דאָס בלוט פון פיר דורות באַרימטע צדיקים — זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ ברייטער און פיל־פאַרצווייגטער טעטיקייט, וואָס האָט אידן געגעבן אַ שטאַרקערן אָנהאַלט אין לעבן, באַפעסטיקט זייער גייסטיקן און עקאָנאָמישן לעבן, באַזאָרגנדיק זיי מיט שפּייז פאַרן גוף און פאַר דער נשמה.

---

איבערז.): „אָנהויבנדיק פון מעריב אין דער נאַכט פון ראש־השנה תרנ״ד האָט ער [כ״ק אדמו״ר מהורש״ב נ״ע] באַשטימט זיין אָרט צום דאַוונען אין בית־הכנסת אינעם אָרט וואו ס׳האָט געדאַוונט זיין פאָטער כ״ק אדמו״ר מהר״ש — ביז דעמאָלט האָט ער געדאַוונט אינעם אָרט וואָס איז געווען איינגעשטעלט פאַר אים אין בית־הכנסת נאָך ביים לעבן פון זיין פאָטער. בכלל האָט ער אין אָט דעם יאָר אָנגענומען אויף זיך דעם נשיאות־יאָך אין אַלע פּרטים, ווי יחידות אויף אַ קביעות׳דיקן אופן; ענטפערן אויף שאלות וועגן עצות וועלכע קומען שריפטלעך; אַרויסגעבן מאמרים פון דא״ח, וועלכע ער זאָגט, צום איבערשרייבן און נאָך״. וועגן די שטאַפּלען ביים אָננעמען די נשיאות — זע דאָרט אין „כפר חב״ד״.

## כד

# גירוש־מאָסקווע

**די שמד־מגפה צו וועלכער דער גירוש האָט געפירט. — ווי דער ליובאַוויטשער רבי האָט געקעמפט קעגן דער דאָזיקער מגפה. — שמד און „צעטעלעך". — אַרבעט פאַר אידן און אידישע אַרבעט־געבער. — די אידישע פאַבריק אין דובראָוונע. — דער ליובאַוויטשער רבי און באַראָן גינזבורג. — תורה, מלאכה און השכלה. — דער זיג פאַר ליובאַוויטש.**

עס איז געווען אַ קורצע צייט ווי ר׳ שלום דובער האָט אָפיציעל איבערגענומען די רבישע קרוין און די אידישע וועלט אין לאַנד פון די צאַרן איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון נייע גזירות. עס איז געקומען דער גירוש מאָסקווע. אידן זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דער רוסישער „הייליקער" שטאָט און זיינען געטריבן געוואָרן אויך פון אַנדערע רוסישע שטעט. די וואַנט פון דער „טשערטאַ" האָט אָנגעהויבן ווערן ענגער אַרום זיי.

האָט דער גירוש מאָסקווע אַרויסגערופן אַ גייסטיקן אַזוי גוט ווי אַן עקאָנאָמישן חורבן אין אידישן לעבן.

עס איז אַנטשטאַנען די פראַגע פון וואוינרעכט פאַר אידן. אין דער „טשערטאַ" זיינען אידן ממש דערשטיקט געוואָרן פון ענגשאַפט. האָט עס געפירט צו אַ שרעקלעכער דעמאָראַליזאַציע אין אידישן לעבן, און די דאָזיקע דעמאָראַליזאַציע האָט געפירט צו שמד.

אַ סך האָבן זיך גע׳שמד׳ט אויפן געוויינלעכן שטייגער, דורכמאַכנדיק די פולע צערעמאָניע פון שמד, כאָטש אין האַרצן זיינען זיי געבליבן אידן און האָבן געוויס געמיינט, אַז זיי וועלן ביי דער ערשטער געלעגנהייט צוריק ווערן אידן, באַנוצנדיק דעם שמד נאָר ווי אַ מיטל פאַר וואוינרעכט.

אַ סך האָבן אָבער געפונען אַן אַנדער אויסוועג און דאָס איז געווען, ניט דורך דורכמאַכן אַ שמד־צערעמאָניע, נאָר דורך קויפן „צעטלעך״, וואָס האָט זיי אָפיציעל געמאַכט פאַר ניט־אידן.

דאָס איז געווען אַן אַנדער מיטל — אַ מיטל צו וועלכן די גרויסע אידישע נויט האָט געטריבן — ווי אויסצומיידן די גזירות וועגן אידישע וואוינרעכט.

אין אַזאַ צייט האָט זיך געפאָדערט אַ שטאַרקער גייסט, וועלכער זאָל זיך שטעלן ווי אַ וואַנט קעגן אָט דער דאָזיקער מגפה וואָס האָט געדראָט צו פאַרפעסטן אַ גרויסן טייל פון אידישן פאָלק אין רוסלאַנד.

דער ליובאַוויטשער רבי האָט עס באַלד געמאַכט פאַר זיין אויפגאַבע: צו שטעלן זיך קעגן דער דאָזיקער שמד־מגפה. ער האָט אַרויסגעשיקט עטלעכע פון זיינע פאַרטרויטע חסידים צו באַזוכן פאַרשידענע שטעט אין טיף־רוסלאַנד און זיך זען מיט יעדן איינעם, וועלכער איז געשטאַנען ביי דער שוועל פון שמד אָדער האָט געקענט מעגלעך געבראַכט ווערן צו דער שוועל פון שמד.

זייער אויפגאַבע איז געווען צו באַנוצן אַלע מעגלעכע מיטלען כדי צו האַלטן אידן ביי זייער אידישקייט.

אידישע הערצער האָבן געדאַרפט געשטאַרקט ווערן. אידישע האָפענונג האָט געדאַרפט דערוועקט ווערן. עס האָט זיך געפאָדערט אַ סך רייד, אַ סך איינפלוס: און אָפט טאַקע פשוטע הילפס־מיטלען, כדי אַ איד זאָל ניט געבראַכט ווערן צום שרעקלעכן נסיון.

דער רבי האָט אַלץ געטאָן מיט טאַקט, מיט פאַרזיכט, ווי אַ טאַטע וואָס זוכט צו פאַרהיטן זיינע קינדער פון אַן אומגליק.

דאָרטן וואו זיינע מענטשן האָבן ניט געקענט העלפן, האָט ער אַליין פרובירט ווירקן.

אין דער ליובאַוויטשער אַרכיוו־ביבליאָטעק געפינען זיך קאָפּיעס פון אַ סך בריוו, וואָס ר׳ שלום דובער האָט געשריבן צו פאַרשידענע אידן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן וואַקלען און געהאַלטן ביים איבערטרעטן די גרענעץ, כדי מיט דעם זיך צו זיכערן מיט וואוינרעכט, וואָס האָט אויך געמיינט פרנסה.

— דו לויפסט — שרייבט ר׳ שלום דובער אין איינעם פון זיינע בריוו — אָבער דו ווייסט ניט וואו. ביסטו שוין אַזוי זיכער, אַז מיט בייטן דיין גלויבן וועסטו זיין פאַרזאָרגט מיט פרנסה?

דער רבי פרובירט מיט יענעם איינצו׳טענה׳ן און אים באַווייזן, אַז ער גייט מאַכן אַ שרעקלעכן שריט.

— „הכל בידי שמים חוץ מיִראת שמים״ (אַלץ איז אין ג־ט׳ס האַנט אויסער יראת־שמים) — שרייבט דער רבי אין אַ צווייטן בריוו. — פרנסה איז אין די הענט פון רבונו של עולם. היינט צוליב וואָס טאָן עפּעס וואָס קען דיך דערווייטערן פון אויבערשטן?

אַ סך אידן האָט דער רבי אַליין אָדער זיינע אָנפאַרטרויטע חסידים אָנגעהויבן שטאַרק מקרב צו זיין, כדי זיי צו פאַרהיטן פון שמד. ער איז צו זיי געוואָרן אַ חבר, אַ טאַטע, אַ פריינד.

די דאָזיקע טעטיקייט האָט געפאָדערט באַדייטנדיקע סומעס. דער רבי האָט תמיד דאָס געלט געגעבן פון זיין אייגענער קעשענע.

איינמאָל האָט פּאַסירט אַז מען האָט דעם רבי׳ן געהאַט איבערגעגעבן, אַז אין וולאַדימיר געפינען זיך עטלעכע אידן וואָס וואַקלען זיך אין זייער אידישקייט און האַלטן זיך ביים שמד׳ן.

ער האָט אַריינגערופן איינעם פון זיינע חסידים און אים געהייסן באַלד פאָרן קיין וולאַדימיר.

— דאָס דאַרף אָבער קאָסטן אַ הונדערטער, אויב ניט מער — האָט דער חסיד דערמאָנט דעם רבי׳ן — און איך האָב ניט אויף דער הוצאה.

דעם רבינ׳ס פינאַנציעלע לאַגע איז דעמאָלט געווען אַ געדריקטע.

— קיין מזומנים האָב איך אויך ניט — האָט דער רבי געזאָגט — אָבער אָט איז מיין גאָלדענער זייגער. גיי פאַר׳משכן אים און מיטן געלט מאַך די נסיעה.

דער חסיד האָט אָבער דערמאָנט דעם רבי׳ן, אַז אויב ער זאָל גיין מיט זיין זייגער ערגעץ צו אַ מלוה, וועט מען באַלד זיך דערוויסן וועמענס זייגער דאָס איז — און דער רבי האָט ניט געוואָלט, אַז עמעצער זאָל וויסן וואָס ער טוט: באַזונדערס אַז ער איז אַליין געדריקט. ווען מען וואָלט זיך

דערוואוסט צווישן חסידים, אַז דער רבי פאַרזעצט זיין זייגער, וואָלט געוואָרן אַ רעש. דער רבי האָט געוואָלט אַזוינס פאַרמיידן.

ער האָט אָבער געדאַרפט האָבן באַלד דאָס געלט, האָט מען זיך געמוזט געבן אַן אַנדער עצה.

ביים רבינ׳ס מאַמע, די אלמנה רביצין רבקה, האָט זיך דעמאָלט געפונען אַ קרובה צו־גאַסט. זי האָט געהאַט אַ סך צירונג. האָט מען ביי איר גענומען אַביסל צירונג און עס פאַרזעצט אַלס משכון.

ר׳ שלום דובער האָט שוין אָבער איינגעזען, אַז מיט צוריקהאַלטן אידן פון שמד ענדיקט זיך ניט זיין אויפגאַבע. עס האָבן געמוזט געפונען ווערן מיטלען צו באַזאָרגן אידן מיט פרנסה[154]. נייע קוואַלן פון פרנסה האָבן פאַר זיי געמוזט געפונען ווערן.

נאָכפאָלגנדיק דעם דרך פון די פריערדיקע רביים, האָט ער אויך געהאַלטן שטאַרק פון קאָלאָניזאַציע און פון מלאכה. עס איז געווען אַ צייט ווען ער האָט געהאַט אַ גרויסן קאָלאָניזאַציע־פּלאַן. דער דאָזיקער פּלאַן האָט אָבער טאַקע צוליב די רדיפות און גזירות אויף אידן ניט געקענט פאַרווירקלעכט ווערן. עס איז ניט געווען קיין לאַנד צו קריגן און עס זיינען ניט געווען די מיטלען דורכצופירן דעם פּלאַן.

האָט דער רבי איינגעזען אַז מען וועט קענען האָבן מער פּראַקטישע רעזולטאַטן ווען עס וועלן געשאַפן ווערן פאַר אידן מער מעגלעכקייטן פאַר אַרבעט. דער דאָזיקער געדאַנק האָט געפירט דערצו, אַז דער רבי האָט אַליין אָנגעהויבן באַזוכן די גרויסע אידישע פאַבריקן אין רוסלאַנד און פון זיי פאַרלאַנגט אַז זיי זאָלן באַשעפטיקן מער אידן.

ער האָט געמאַכט אַ ספּעציעלע נסיעה קיין קיעוו[155], וואו ער האָט

---

154) אין „חנוך לנער״, ז׳ 13, שטייט געשריבן (אין איד. איבערז.): „יאָר תרנ״ב – איז ער (דער רבי מהורש״ב) זיך משתדל וועגן דעם גזירת גירוש פון מאָסקווע . . ער העלפט די אַרויסגעטריבענע מיט געהעריקע סומעס, כדי זיי זאָלן זיך קענען איינאָרדענען אין די נייע ערטער״.

155) אין „חנוך לנער״ (דאָרט): יאָר תרנ״ח – פרשת חיי שרה, פאָרט ער (דער רבי מהורש״ב נ״ע) . . אין ְקיעוו צו באַטייליקן זיך אין דער געהיימער אסיפה . .״ זען אויך „אגרות קודש – אדמו״ר מהורש״ב נ״ע״, דריטער חלק, ז׳ עט.

באַזוכט די גרויסע אידישע צוקער־פאַבריקאַנטן ווי בראָדסקי, זייצעוו, אַלפּערין און אַנדערע און מיט זיי איינגעַ׳טענה׳ט, אַז זיי מוזן געבן אידן מער אַרבעט — אַ זאַך וואָס זיי האָבן ביז דעמאָלט ניט געטאָן.

אַ סך פון די אוקראַינער רייכע פאַבריקאַנטן און אַנדערע וואָס האָבן געקענט געבן באַשעפטיקונג, זיינען געווען חסידים פון אַנדערע רביים, באַזונדערס פון דעם טשאַרטקאָווער רבי׳ן.

ר׳ שלום דובער האָט דעריבער געפונען פאַר נויטיק זיך צו ווענדן צום טשאַרטקאָווער רבי׳ן, אַז ער זאָל משפיע זיין אויף זיינע חסידים צו טאָן דאָס וואָס ער פאַרלאַנגט פון זיי.

דער ליובאַוויטשער רבי האָט פאַר דעם צוועק געשיקט אַ שליח מיוחד קיין טשאַרטקאָוו, צו דערקלערן דעם רבי׳ן אויף ווי ווייט גרויס עס איז די אידישע נויט אין רוסלאַנד און ווי אַזוי דאָס איז אַ פראַגע ניט בלויז פון פּרנסה, נאָר אויך פון פאַרהיטן אידן פון שמד, רחמנא ליצלן.

ר׳ שלום דובער האָט אויך באַזוכט די אַנדערע אידישע פאַבריקאַנטן אין אַנדערע טיילן פון רוסלאַנד, באַזונדער דעם גראָדנער טאַבאַק־פאַבריקאַנט שערעשעווסקי און זיי אויך געזוכט צו איבערצייגן אין דער נויטווענדיקייט, אַז זיי זאָלן באַשעפטיקן וואָס מער אידן.

אייניקע פון די דאָזיקע פאַבריקאַנטן האָט דער רבי געטראָפן אין די קור־ערטער, וואָס ער פלעגט באַזוכן צוליב זיין שוואַכן געזונט. ער האָט תמיד געפּלאַנט די דאָזיקע באַזוכן אַזוי, אַז ער זאָל דאָרט קענען עפּעס אויפטאָן פאַר אידן. דאָס איז געווען דער פאַל ווען ער האָט באַזוכט רוסישע קור־ערטער און אויך ווען ער האָט באַזוכט אויסלענדישע.

אין אויסלאַנד, ספּעציעל, האָט ער געמאַכט באַקאַנטשאַפט מיט אויסלענדישע רייכע אידן, באַזונדער מיט די פירער פון „ייק״א״ (יידישע קאָלאָניזאַציע אַסאָסיאיישאָן), מיטן איינציקן ציל, אַז זיי זאָלן אים העלפן אין זיין טעטיקייט צו פאַרבעסערן דעם מצב פון אידן אין רוסלאַנד.

די באַקאַנטשאַפט מיט די פירער פון „ייק״א״ איז אים באַזונדער צוניץ געקומען, ווען דער רבי איז געקומען צום געדאַנק, אַז מען דאַרף עפענען אַ פאַבריק אין תחום המושב צו געבן אידן באַשעפטיקונג.

דער דאָזיקער געדאַנק האָט שפּעטער געפירט דערצו, אַז מען האָט

אין תרס״ב געעפנט אַ וועבעריי אין דובראָוונע, וועלכע האָט געגעבן באַשעפטיקונג פאַר הונדערטער אידן.

דער צמח־צדק האָט געהאַט געגרינדעט אין דובראָוונע די טליתים־וועבערייען און ר׳ שלום דובער — אַ פולשטענדיק־מאָדערנע פאַבריק.

אָבער ביז זיין געדאַנק איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער פּראַקטיק האָט דער רבי געדאַרפט איבערקומען אַ סך שוועריקייטן און אַפילו קאַמפן. עס האָט אים געקומען אַ סך מי און אַרבעט איידער ער האָט גע׳פועל׳ט ביי דער „ייק״א״ — וועלכע האָט געגעבן אַ גרויסע סומע פאַר דעם דאָזיקן צוועק — אַז זי זאָל זיך אָפּזאָגן פון די פּלענער פון באַראָן גינזבורג און אַנדערע כלל־טוער אין רוסלאַנד וועלכע האָבן געוואָלט אַז די דאָזיקע טעטיקייט זאָל זיין באַגלייט מיט השכלה, מיט אויפקלערונגס־אַרבעט[156].

ר׳ שלום דובער האָט שוין געהאַט פאַר אַ צייט אָנגעקניפּט גאַנץ פריינטלעכע באַציאונגען מיט באַראָן גינזבורג און די אַנדערע כלל־טוער. זיינע וועגן זיינען געווען פעסט־באַשטימטע. ער איז תמיד באַשטאַנען אויף דער שטרענגער אָפּהיטונג פון תורה. ער האָט אָבער קיינמאָל ניט געוואָלט פירן קיין מלחמה מיט קעגנער, סיידן די קעגנער האָבן פּרובירט טאָן אַזוינס וואָס האָט פון זיין שטאַנדפּונקט געקענט שעדיקן דעם ריין־אָרטאָדאָקסישן אידנטום.

האָט ער דערפאַר געקענט זיך גאַנץ גוט פאַרשטענדיקן מיט באַראָן גינזבורג און די אַנדערע מאָדערנע אידישע כלל־טוער, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן באַזאָרגן אידן מיט פּרנסה און בכלל וועגן אויסבעסערן דעם אידישן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן מצב.

איז אָבער געקומען צו דער פראַגע פון פאַרשפּרייטן השכלה[157], אויף וואָס באַראָן גינזבורג און די אַנדערע זיינען באַשטאַנען, איז דער ליובאַוויטשער רבי אַרויסגעטראָטן שאַרף קעגן דעם.

דערפאַר איז אים אָנגעקומען אַזוי שווער איידער ער האָט

156) זען „אגרות קודש — אדמו״ר מוהרש״ב נ״ע״, ערשטער חלק אגרת קב (ז׳ רלז); דריטער חלק, אגרת תשלט (ז׳ רסא), און אגרת תרלה (ז׳ קח) און אין די הערות דאָרט.

157) זען דאָרט ערשטער חלק, ז׳ רסה און ווייטער (אגרת קטו א״וו).

דורכגעפירט דעם פּלאַן וועגן דער פאַבריק אין דובראָוונע, וואָס האָט געזאָלט זיין ניט מער ווי אַ פאַבריק און ווייט פון אַ מיטל פון העלפן די משכילים אין זייער השכלה־טעטיקייט.

דאָס האָט געבראַכט צו אַ צעטיילונג צווישן דעם רבי׳ן און באַראָן גינזבורג, און אויך מיט אַנדערע מאָדערנע אידישע כלל־טוער אין רוסלאַנד, איינשליסנדיק דאָקטער בראַמסאָן פון „אָרט״.

דער רבי האָט געקראָגן די מיטהילף פון ר׳ חיים עוזר׳ן פון ווילנע, הרב מייזעל פון לאָדז, הרב חייקין פון לאָנדאָן, ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק פון בריסק און אויך די שטיצע פון די ברידער פּאָלאַקאָוו און אַנדערע אידישע גבירים, און מען האָט ענדלעך נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען און נאָך אַן אָפענעם בריוו צו דער „ייק״א״[158] אויסגעווירקט אַז די פאַבריק זאָל געעפנט ווערן אין דובראָוונע[159] לויט דער צופרידנקייט פון ליובאַוויטשער רבי׳ן און די אַנדערע חסידישע און מתנגדישע מנהיגים.

דער רבי האָט געהאַט אויסגעפירט זיינס. עס איז פאַר אים געווען אַ גריסער זיג. זיין טעטיקייט האָט זיך נאָך אָבער ניט געענדיקט.

158) זען „אגרות קודש — אדמו״ר מוהרש״ב נ״ע״, ערשטער חלק אגרת קב (ע׳ רלז).

159) פון דער פריער דערמאָנטער אגרת קב (דאָרט) איז קענטיק קלאָר, אַז די פאַבריק אין דובראָוונע איז ׳שוין פריער געגרינדעט געוואָרן: און די בריוו און השתדלות ביי „ייק״א״ איז געווען צו העלפן גרינדן נאָך אַזעלכע פאַבריקן. ווידער איז אָבער דאָס דאָ־געזאָגטע יע אין איינקלאַנג מיט דעם וואָס ווערט דערציילט אין „מבוא״ צו „קונטרס ומעין״, געבראַכט אין די הערות צו „אגרות קודש״ ערשטער חלק אגרת עג ז׳ 193, און אין חנוך לנער ז׳ 12.

# כה

# דער תחום המושב

**וואָס דער ליובאַוויטשער רבי ר׳ שלום דובער האָט געטאָן צו לינדערן די אידישע נויט אין דער „טשערטאַ". — זיין טעטיקייט פאַר תורה און מלאכה. — דער „תפארת בחורים" און דער פּלאַן פאַר אַרבעט־ישיבות. — זיין צוזאַמענשטויס מיט באַראָן גינזבורג. — די רעוואָלוציע פון 1905 און דעם רבינ׳ס ענטפער צו „פּעטערבורג".**

האָבנדיק געטאָן אַזוי פיל פאַר דער פאַרבעסערונג פון דעם מאַטעריעלן מצב פון אידן, האָט דער ליובאַוויטשער רבי ר׳ שלום דובער אויך ניט פאַרפעלט צו טאָן אַלץ וואָס איז געווען אין זיין כח פאַר דער פאַרבעסערונג פון זייער גייסטיקן מצב.

עס איז ניט בלויז געווען אַ פראַגע פון חיזוק היהדות, נאָר אויך פון חיזוק התורה, אַז אידן זאָלן ניט בלייבן קיין עם־הארצים. האָט דער רבי אָנגעהויבן צוציען מער „זיצער" אין ליובאַוויטש[160], מיט וועלכע ער האָט געלערנט חסידות און תורה, און ער האָט אויך אָנגעהויבן ווירקן אויף אידן אין אַלגעמיין צו לערנען וואָס מער און לערנען ניט בלויז חסידות, נאָר אויך גמרא און שלחן־ערוך אאַז״וו.

דער רבי האָט זיך אָבער מיט דעם ניט באַפרידיקט. ער האָט געוואָלט, אַז לערנען זאָלן ניט בלויז איינצלנע, יחידי סגולה, נאָר אויך דער „עולם", דער פשוטער המון פון פאָלק: די בעלי־מלאכות און די אַנדערע אויף וועמען מען פלעגט זיך געוויינטלעך גאַנץ ווייניק אומקוקן און פון וועמען מען האָט קיין סך ניט דערוואַרט — ניט ביי חסידים און ניט ביי מתנגדים.

---

160) זעט אויך „אגרות קודש — אדמו״ר מוהריי״צ נ״ע", צווייטער באַנד, ז׳ קח און נאָך ערטער — פון וואַנען ס׳איז קענטיק, אַז דאָס איז געווען אין יאָר תרנ״ד.

חב״ד מיינט דאָך חכמה, בינה, דעת. האָט דער רבי געוואָלט אַז דאָס זאָל אַרומנעמען אַלע אידן אָן אונטערשייד פון שטאַנד.

אין אַ קול־קורא האָט דער רבי, ר׳ שלום דובער, אויפגעפאָדערט אַלע אידן צו לערנען גמרא און אַנדערע לימודים אויסער חסידות[161].

אין ליובאַוויטש האָט דער רבי געוואָלט צייגן אַ ביישפּיל פאַר דער גאַנצער אידישער וועלט און האָט אָנגעהויבן לערנען מיט די „זיצער״ און טאַקע מיט יעדן איינעם וואָס האָט נאָר געדורשט נאָך תורה.

דער רבי איז שפּעטער געגאַנגען אַ טריט ווייטער. ער האָט געגרינדעט אַ חבורה, באַקאַנט אונטערן נאָמען „תפארת בחורים״[162].

די דאָזיקע חבורה איז באַשטאַנען פון פּראָסטע, אָרעמע בעלי־מלאכות, לער־יונגען, יתומים און אַנדערע וואָס האָבן ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו לערנען לאַנג גענוג אין חדר אָדער ישיבות און זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן צו בעלי־מלאכות, אָדער האָבן זיך אַזוי אַרומגעדרייט פּוסט־און־פּאַסט.

דער רבי האָט געוואָלט, אַז אַזוינע יונגע לייט, ווי אויך דערוואַקסענע בעלי־מלאכות זאָלן לערנען אַזוי גוט ווי אַנדערע. קיינער האָט ניט געטאָרט פאַרקוקט ווערן אין זיין גרויסער תורה־טעטיקייט. עם־הארצות דאַרף אויסגעוואָרצלט ווערן פון אידישן לעבן.

שפּעטער איז דעם רבי׳ן איינגעפאַלן אַ גאָר נייער געדאַנק: דער מוסד „תפארת בחורים״ זאָל זיך ניט בלויז אָפּגעבן מיט לערנען לער־אינגלעך תורה, נאָר זיי אויך לערנען אַ מלאכה[163].

ער האָט איינגעזען די נויטווענדיקייט פון פאַרבינדן די צוויי זאַכן — תורה און מלאכה.

איז פון דעם אַנטשטאַנען אַ פּלאַן, און דאָס איז געווען צו שאַפן אַ

161) זען „אגרות קודש — אדמו״ר מהורש״ב נ״ע״ (ערשטער באַנד, אגרת קיז און אַנדערע).

162) זען דאָרט אגרת קיז״ און אַנדערע.

163) ניט קלאָר דער מיין, וואָרום „לער־אינגלעך״ מיינט בכלל אַזעלכע יוגנטלעכע וואָס לערנען זיך אַ פאַך, אַ מלאכה. ס׳קען זיין, אַז דאָ ווערט געמיינט צו לערנען תורה און מלאכה אויך מיט סתם „אינגלעך״ (ניט בלויז לער־אינגלעך).

חסידיש־רעליגיעזע אַרבעטער ישיבה, וואו מען זאָל לערנען קינדער תורה און מלאכה.

דער רבי האָט איינגעזען, אַז די אָרעמע קינדער וואָס ווערן אָוועק־גענומען צו מלאכה בלייבן פראָסטאַקעס: די געלעגנהייטן צו לערנען מלאכות זיינען אויך ניט געווען קיין באַזונדערס גוטע. האָט געדאַרפט געשאַפן ווערן דער וועג ווי צו פאַרבינדן די דאָזיקע צוויי זאַכן.

אַן אַרבעט־ישיבה האָט אָבער געפאָדערט אַנדערע מיטלען, גרעסערע מיטלען ווי אַ געוויינלעכע ישיבה.

ר' שלום דובער איז שוין דאַמאָלס געווען גוט באַקאַנט מיט באַראָן גינזבורג און ער האָט דעם דאָזיקן ענין אויפגענומען מיטן באַראָן און זיינע ראַטגעבער.

אויך דער באַראָן איז געווען פאַראינטערעסירט אין געבן אַ געלעגנהייט אידישע קינדער צו לערנען מלאכות. אויב אַזוי פאַרוואָס זאָל ער ניט וועלן שטיצן דעם רבינ'ס פלאַן?

די אידייע פון לערנען קינדער אַ מלאכה איז דעם באַראָן געווען געפעלן. ער האָט אָבער געהאַט אויסצוזעצן קעגן די תורה־לימודים אויף וועלכע דער רבי איז באַשטאַנען.

אויב לערנען מלאכה האָבן עס געדאַרפט זיין שולעס אויפן מאָדערנעם שניט, לויט די פּלענער פון די משכילים.

אויף דעם האָט דער רבי בשום אופן ניט געוואָלט איינגיין[164]. דער גאַנצער פּלאַן איז אויפגעגעבן געוואָרן. דער רבי האָט זיין טעטיקייט פאַרגרעסערט אויף זיין אייגענעם אייגנאַרטיקן אופן.

ער האָט תמיד געהאַלטן, אַז די משכילים מאַכן דעם גרעסטן טעות ווען זיי טראַכטן נאָר פון מיטלען צו פאַרשפּרייטן השכלה צווישן אידן. אין איינעם פון זיינע בריוו צו די רבנים פון זיין צייט, האָט דער רש"ב (רבי שלום דובער) זיך קלאָר אַרויסגעזאָגט וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַרבעט־שולעס, אָבער ניט קיין שולעס פאַר בילדונג.

---

164) זען „ספר התולדות — אדמו"ר מהורש"ב", ז' 263.

תורה און חסידות זיינען פאַר אידן געווען גאַנץ גענוג בילדונג, פלעגט דער רבי זאָגן. אויב מען דאַרף זאָרגן פאַר דער אידישער נשמה, דאַרף עס זיין דורך פאַרשפּרייטן מער תורה און מער חסידות. די דרינגענדיקע נויט פון די אידן אין תחום־המושב איז אָבער געווען אַזאַ, אַז מען האָט געדאַרפט פריער פאַר אַלץ זאָרגן אַז אידן זאָלן האָבן חיונה. פאַר דעם איז געווען נויטיק מלאכה און מער אַרבעט אין די פאַבריקן. דער רבי, ווי מיר וועלן זען, האָט דאָך געזוכט צו פאַרזאָרגן אידן ניט בלויז דורך דעם וואָס ער האָט באַוואויגן אידישע פאַבריקאַנטן אָנצושטעלן מער אידישע אַרבעטער, נאָר האָט אויך געבראַכט דערצו אַז עס זאָל געעפנט ווערן אַ ספּעציעלע אידישע פאַבריק אין דובראָוונע.

אַלע איבלען אין דעם עקאָנאָמישן אידישן לעבן, האָט דער רבי קלאָר געזען, נעמען זיך פון דער „טשערטאַ" און די אַנדערע רדיפות אויף אידן.

ער איז דעריבער תמיד געווען פאַרביטערט קעגן דער צאַרישער הערשאַפט פאַר אָנהאַלטן די „טשערטאַ" און האָט אין דער זעלביקער צייט געזוכט אַלערליי פּראַקטישע מיטלען ווי צו העלפן די אידן אונטער די אומשטענדן.

דער רבי האָט אויך געזען די וויכטיקייט פון פּאָליטישער טעטיקייט. אויף דער אידישער גאַס זיינען שוין געווען טעטיק אַלערליי שתדלנים און טוער. זיי האָבן אָבער אַלע געהערט מער צו דער משכילישער ווי צו דער פרומער וועלט. דער מהרש"ב האָט געוואָלט, אַז אויך די פרומע אידישע וועלט זאָל זיין אויף דער וואַך און קענען לאָזן הערן איר שטים ווען דאָס וועט נויטיק זיין.

די פריערדיקע פאַראייניקטע טעטיקייט פון ליובאַוויטש און קאָוונע איז נאָך דער הסתלקות פון מהר"ש אָפּגעשוואַכט געוואָרן. האָט דער רבי מהרש"ב געוואָלט באַנייען און פאַרשטאַרקן די דאָזיקע טעטיקייט.

אין יאָר תרס"ב[165] האָט דער רבי געגרינדעט, וואָס מען וואָלט געקענט אָנרופן אויפן מאָדערנעם לשון, אַ קאָמיטעט וואָס האָט געזאָלט האָבן אַ

---

165) זען אויך „אגרות קודש – אדמו"ר מוהרש"ב נ"ע" דריטער חלק, ז' שכד (אגרת תשעב א"נ).

סעקרעטאַר, און זיך אָפּגעבן מיט פאַרשידענע אידישע פראַגן, באַזונדער די וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט דער רעגירונג. ווי ער האָט עס באַגריפן, האָט דער דאָזיקער קאָמיטעט געזאָלט פאַרשטעלן מיט זיך אַ אידישע עפנטלעכע פאַרשטייערשאַפט.

דער רבי האָט צוזאַמענגערופן באַוואוסטע גבירים און עסקנים און פון זיי פאַרלאַנגט די באַווילינקונג פון אַ געוויסער יערלעכער סומע פאַר דער טעטיקייט פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט.

דאָס האָט געזאָלט זיין אַן אַלגעמיין אידישע טעטיקייט, פאַרטרעטנדיק דעם שטאַנדפונקט פון דער פרומער אידישער וועלט. ליובאַוויטש האָט דאָ אין גאַנצן ניט געזאָלט פיגורירן. וואָרום דער רבי האָט געהאַלטן, אַז ס׳האָט ניט קיין אָרט צו לייגן אַ ספּעציעל-חב״דישן שטעמפּל אויף אַ טעטיקייט וואָס איז געווען נוגע דעם גאַנצן אידישן כלל.

די דאָזיקע טעטיקייט האָט אָנגעהאַלטן ביז תרס״ה. אין יענעם יאָר איז רוסלאַנד אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אַ רעוואָלוציאָנערן אויסברוך. די אידישע, אַזוי ווי די ניט אידישע, רוסלאַנד איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ רעוואָלוציאָנערן גייסט. אָבער די אידישע, מער ווי די ניט-אידישע, רוסלאַנד האָט שפּעטער דערפילט די פּלאָגן פון דער רעאַקציע וואָס זיינען געקומען גלייך נאָך דער היסטאָרישער אָקטאָבער רעוואָלוציע.

פּאָגראָמען און רדיפות האָבן אַריינגעוואָרפן די גאַנצע אידישע וועלט אין טרויער און שרעק.

קיינער האָט ניט געקענט זאָגן וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

די האָפענונג אויף בעסערע צייטן אין רוסלאַנד האָט אָנגעהויבן פאַרשווינדן. די רעאַקציע האָט אָנגעהויבן דראָען מיט נייע גזירות און רדיפות.

צו די רבנים און אידישע טוער האָט מען זיך פון פּעטערבורג געווענדט מיט גאַנץ קלאָרע דיבורים[166]:

---

166) זען אויך „אגרות קודש — אדמו״ר מהורש״ב נ״ע״, פּערטער חלק ז׳ לה, וואו ס׳ווערט געבראַכט דער פּראָטאָקאָל פון דער אסיפה אין פּעטערבורג.

זיי מוזן אָנהויבן ווירקן אויף דער אידישער יוגנט, אַז זי זאָל ניט זיין אַזוי רעוואָלוציאָנער.

אידן האָבן שטאַרק פיגורירט אין דער רעוואָלוציע פון 1905. אידן האָבן גענומען אַ צו גרויסן אָנטייל אין דער אָפענער און אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד.

די צאַריסטישע רעגירונג איז געווען צו שוואַך קעגן דער דאָזיקער באַוועגונג. מיט איר גאַנצן שוואַרצן קלאַפּערגעצייג האָט זי ניט געקענט אונטערדריקן דעם פרייהייטס־גייסט וואָס האָט אָנגעהויבן אַרומכאַפּן די אידישע מאַסן.

האָט זיך די צאַרישע רעגירונג באַנוצט מיט אַלע מעגלעכע מיטלען, ניט אויסשליסנדיק דעם מיטל פון ווענדן זיך צו די פירער פון די אידישע קהלות און רבנים און כלל־טוער, אַז זיי זאָלן עפּעס טאָן צוריקצוהאַלטן די אידישע יוגנט פון רעוואָלוציאָנעווער טעטיקייט.

און אַז די צאַריסטישע רעגירונג האָט גערעדט האָט זי גערעדט מיט דראָונגען. אַ סך האָבן זיך געהאַט דערשראָקן, וואָס טוט מען? אידן זיינען אין אַ געפאַר! דער מהרש״ב האָט זיך אָבער גאַנץ ווייניק דערשראָקן פאַר די צאַריסטישע סטראַשונקעס.

ער האָט טאַקע קיין שייכות ניט געהאַט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און האָט ניט געוואָלט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר וועלכע עס איז פּאָליטישע באַוועגונגען וואָס זיינען געווען אַקטיוו אויף דער אידישער גאַס.

אָבער הערן די אויפפאָדערונג פון אַ צאַריסטישער רעגירונג, עפּעס צו טאָן קעגן דער אידישער יוגנט, דאָס איז אויך געווען צו פיל פאַר דעם מהרש״ב, און ער האָט אויף דער אויפפאָדערונג פון דער צאַריסטישער רעגירונג געענטפערט פעסט און שטאָלץ:

— „פעטערבורג״ זאָגט אונדז וואָס מיר זאָלן טאָן: זאָל אויך פעטערבורג הערן וואָס מיר ווילן, אַז זי זאָל טאָן! אויב אידישע יונגעלייט וואַרפן זיך אַריין אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, איז עס דערפאַר וואָס די אידישע נויט איז גרעסער. אידן זיינען איינגעשלאָסן אין אַ „טשערטאַ״, אַן

מעגלעכקייטן פאַר פרנסה. זאָל זיי געגעבן ווערן מער געלעגנהייט פאַר אַרבעט. זאָל דער „תחום המושב״ אָפּגעשאַפט ווערן! ווען אידן וועלן האָבן ברויט, ווען זיי וועלן האָבן פרייע געלעגנהייטן, וועלן זיי ניט זיין קיין שונאים פון דער רעגירונג!

דאָס זיינען געווען אמתן וואָס דער מהרש״ב האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט פאַרשווייגן און ער האָט זיי אָפן און פריי אַרויסגעזאָגט.

אויב זיך שטעלן קעגן דעם שטראָם, וואָס האָט אָנגעהויבן דורכברעכן די אַלטע וועלט פון אידישער טראַדיציע, האָט דער רבי געהאַט זיין אייגענעם בליק אויף דער זאַך. אָבער זיך לאָזן אָנשרעקן פון דער צאַריסטישער רעגירונג — דאָס ניט.

אויב אַ מלחמה האָט ער געהאַט אַן אייגענע צו פירן; אָבער דאָס איז געווען אַ מלחמה פאַר תורה און אידישקייט.

און געפירט האָט ער די דאָזיקע מלחמה אויף אַ באַשטימטן אופן — דורך אַרבעט, ממשות׳דיקע זאַכן, אויפטואונגען, ווי גרינדן ישיבות און נייע תורה צענטערן, א״אַ.

## כו

# דעם רבינ׳ס ישיבה

**די גרינדונג פון דער ישיבה „תומכי תמימים" און איר באַדייט. — דער מהרש"ב שיקט אַ שליח קיין ארץ־ישראל. — די מלחמה און די אויסוואַנדערונג פון ליובאַוויטש. — דער גלות פון רבי׳ן און זיין ישיבה. — באַלשעוויזם און די נייע געפאַרן פאַר אידישקייט. — דער מהרש"ב׳ס פטירה און דער נייער ליובאַוויטשער רבי. — די פאַרשטאַרקטע תורה טעטיקייט אין רוסלאַנד און ארץ ישראל.**

דער ליובאַוויטשער רבי, ר׳ שלום דובער איז געווען ווייט פון פּאָליטיק און פון צדדים. ער האָט תמיד געזוכט שלום און אחדות אפילו מיט די וועלכע ער האָט באַטראַכט פאַר קעגנער.

ער האָט קיינעם ניט געוואָלט פאַרטשעפּען און ווען ער האָט געהאַט באַשטימטע מיינונגען וועגן געוויסע דערשיינונגען אין אידישן לעבן — אויב זיי זיינען נאָר ניט געקומען אין וועג פון זיינע אייגענע טעטיקייטן — האָט ער זיי פאַרשוויגן. ער פלעגט זאָגן, אַז ער וויל קיינעם ניט שטערן און קיינעם ניט באַאיינפלוסן.

דערפאַר אָבער האָט ער זיך אויך קיינמאָל ניט צוריקגעהאַלטן פון אַרויסזאָגן דאָס וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר נויטיק און דאָס וואָס די לאַגע האָט געפאָדערט, אַז ער זאָל זאָגן.

ער איז געווען אַ שטאַרקער קעגנער פון ציוניזם. ער האָט אָבער פאַר אַ צייט זיך אַנטזאָגט אַרויסצוקומען אָפן ווי אַ קעגנער. ער פלעגט זאָגן, אַז ער וויל קיינעם ניט באַקעמפן. ער זאָגט נאָר אַרויס זיינע מיינונגען צו די וואָס ווילן וויסן זיינע מיינונגען.

אין תרנ"ט, נאָך דער באַרימטער אסיפה אין קראָקע[167], האָט מען זיך

---

167) ס׳איז דערווייל ניט באַוואוסט וועגן אַ פאַרגעקומענער „באַרימטער אסיפה אין קראָקע" (אפשר אַ דרוק־טעות און ס׳דאַרף זיין: וואַרשע?). דער בריוו פון אדמו"ר מהורש"ב

געוועגדט צום ליובאַוויטשער רבי׳ן ער זאָל לאָזן הערן זיין שטעלונג צום ציוניזם. דער רבי איז דעמאָלט אַרויס אין דער עפנטלעכקייט ווי אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער.

דעם רבינ׳ס בריוו האָט דעמאָלט אַרויסגערופן אַ שטורעם. דער רבי האָט דערקלערט, אַז אויב בויען ארץ ישראל דאַרף עס זיין נאָר לשם תורה ועבודה.

און דער רבי האָט טאַקע געטאָן פאַר חיזוק פון תורה אין ארץ ישראל. דאָס האָט ער געטאָן דורך דעם כולל חב״ד וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין ארץ־ישראל און וועלכער האָט מעגלעך געמאַכט אַז הונדערטער חב״ד׳ניקעס זאָלן זיך באַזעצן אין הייליקן לאַנד. און דאָס האָט ער שפּעטער אויך געטאָן דורך דער ישיבה וואָס ער האָט דאָרט געגרינדעט.

אָבער אויב חיזוק התורה, האָט דער רבי געהאַט פאַר זיך אַ גרויסע אויפגאַבע אין דער היים.

האָט דער רבי מהרש״ב מיט לייב־און־לעבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון גרינדן ישיבות און עס איז אַנטשטאַנען זיין גרויסע ישיבה „תומכי תמימים״, וועלכע האָט שפּעטער דורכגעמאַכט אַזוינע מערקווירדיקע גלגולים און פאַר וועלכער דער איצטיקער ליובאַוויטשער רבי ר׳ יוסף יצחק האָט אַוועקגעלייגט אַזוי פיל כוחות.

תרנ״ז איז געווען דאָס יאָר ווען די ישיבה איז געגרינדעט געוואָרן אין ליובאַוויטש. דאָס איז געווען דאָס יאָר ווען ס׳איז אין ליובאַוויטשער הויף געפּראַוועט געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד די חתונה פון דעם רבי׳ן מוהריי״צ נ״ע, זון פון מהרש״ב.

די דאָזיקע חתונה איז געווען די געלעגנהייט פון דער ישיבה׳ס התחלה.

כאָטש ליובאַוויטש האָט שוין געהאַט ישיבות פריער, האָט אָבער די נייע ישיבה געזאָלט זיין די וויכטיקסטע דערפאַר וואָס דער רבי מהרש״ב האָט זי פאַרטראַכט אין אַ מאָמענט ווען די לאַגע פון אידישקייט אין

---

נ״ע איז געדרוקט אין „אגרות קדוש — אדמו״ר מהורש״ב נ״ע״ ערשטער באַנד ז׳ רו, און דאַטירט: י׳ תמוז תרנ״ט.

רוסלאַנד האָט געפאָדערט, אַז עס זאָל אויפגעבויט ווערן אַ פעסטונג פאַר תורה און חסידות[168].

דער רבי האָט שוין געזען אַז דער מצב היהדות ווערט ערגער, נייע שטערונגען האָבן זיך אַריינגעריסן אין אידישן לעבן. תורה איז געוואָרן שוואַכער ביי אידן.

ער האָט אָבער געהאַט זיין פעסטן גלויבן אין דעם כח פון תורה און דעם כח פון חסידות. אפילו אין אַ מאָדערנער וועלט האָט חב״ד געזאָלט האָבן דעם זעלביקן אָנהאַלט וואָס אַמאָל און נאָך האָבן די מעגלעכקייט צו וואַקסן און זיך צעשפרייטן.

האָט דער מהרש״ב געוואָלט, אַז די נייע ישיבה זאָל ווערן דער צענטער פון תורה און חסידות, אַז פון איר זאָלן אַרויסקומען רבנים און לומדים, וועלכע זאָלן דערנאָך ווערן די זיילן פון אידישקייט אין אַלע ווינקלעך פון אידישן ישוב.

אין די ישיבה „תומכי תמימים״ באַלד געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע תורה אינסטיטוציעס וואָס אידן האָבן דאַן געהאַט. עס זיינען געלערנט געוואָרן פאַרשידענע שיעורים, אָנגעפאַנגען מיט שיעורים פאַר פאַקטישע אָנפאַנגער ביז שיעורים פאַר די גרעסטע לומדים, אַזוינע וואָס האָבן זיך אָפגעגעבן ניט בלויז מיט נגלה נאָר אויך מיט נסתר.

ליובאַוויטש איז געווען דער צענטער. אָפטיילונגען פון דער ישיבה זיינען אָבער אויך געווען אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון דער חב״ד-וועלט. עס זיינען געווען אָפטיילונגען אין שטשעדרין, האַדיטש, זשעבין און אַנדערע פלעצער.

הונדערטער קינדער, אפילו בחורים און יונגע-לייט זיינען געזעסן און געלערנט. און געלערנט האָט מען ניט בלויז „טרוקענע״ לימודים, נאָר אויך די סאַמע טיפסטע לימודים, וועלכע האָבן אַפעלירט צום האַרץ און צום מוח.

אין ליובאַוויטש האָט מען געלערנט חסידות. און מען האָט דאָרט

---

168) זען „כרם חב״ד״, נומ׳ 3, וואו ס׳ווערט אויספירלעך און באריכות דערציילט וועגן דער גרינדונג פון דער ישיבה.

געלערנט אַלץ וואָס האָט געקענט דערהויבן די אידישע נשמה, באַגרינדן אידישקייט אויף איבערצייגונגען, אויף חסידיש־פילאָזאָפישע געדאַנקען.

דעם רבי מהרש"ב'ס זון, ר' יוסף יצחק, דעמאָלט ניט מער ווי אַכצן יאָר, אָבער וועלכער איז שוין געווען זיין פאָטער'ס רעכטע האַנט, איז געוואָרן דער מנהל פון דער ישיבה.

די ישיבה „תומכי תמימים" האָט זיך צעוואַקסן אין דער הויך און אין דער טיף. אירע מוסמכים זיינען געוואָרן רבנים אין אַ סך אידישע שטעט און שטעטלעך. אירע תלמידים האָבן אָנגעהויבן האָבן אַן איינפלוס אין אַלע ווינקלעך פון דער חב"ד־וועלט. זי איז געווען דעם רבינ'ס ענטפער אויף די נייע שטרעמונגען פון דער נייער צייט.

דער מהרש"ב באַשליסט דאַן צו גיין אַ שריט ווייטער — צו גרינדן אַ ישיבה אין ארץ ישראל.

ער רופט צו זיך ר' זלמן האַוולין, אַ ראש ישיבה פון איינער פון די „תומכי־תמימים"־אָפּטיילונגען און הייסט אים פאָרן קיין ארץ־ישראל.

ר' זלמן איז ניט נאָר אַ גרויסער למדן, נאָר אויך אַ איד מיט פייער און ברען. ער קען ווענט דורכברעכן. קיין זאַך קען אים ניט צוריקהאַלטן ביים דורכזעצן זיין ווילן, וואָס איז דעם רבינ'ס ווילן.

— ארץ ישראל מוז ווערן דער צענטער פון תורה — זאָגט אים דער רבי מהרש"ב — תורה אין ארץ ישראל מוז משפיע זיין אויף די אידן פון דער גאַנצער וועלט. וואָרום ארץ ישראל איז דער קאָפּ פון דער וועלט, און דער קאָפּ איז דער וויכטיקסטער טייל פון קערפּער.

קלייבט ר' זלמן צוזאַמען ניין פון די בעסטע תלמידים פון דעם רבינ'ס ישיבה, און אין יאָר תרע"א פאָרט ער מיט זיי אָפּ קיין ארץ־ישראל, דאָרט צו גרינדן אַ ישיבה.

ער קומט אָן קיין חברון, קויפט דאָרט אַ גרויס הויז[169] און עס ווערט געגרינדעט די ישיבה „תורת אמת".

---

169) דאָס הויז אין חברון איז שוין געווען געקויפט פון פריער — זען וועגן דעם אין דעם „מבוא" צו די „אגרות קודש — אדמו"ר מהורש"ב נ"ע", ערשטער חלק, ז' 31 און ווייטער.

ר׳ זלמן האַוולין איז אַ מענטש מיט גרויס ענערגיע. אונטער זיין השגחה האַלט די ישיבה אין וואַקסן.

אין יאָר תרע״ד פאָרט ר׳ זלמן צוריק קיין ליובאַוויטש. ער האָט אָפּצוגעבן אַ וויכטיקן באַריכט צום רבי׳ן און איבעררײדן וויכטיקע ענינים, וואָס מ׳קען זיי ניט איבערגעבן דורך בריוו. ער קומט אָן אין ליובאַוויטש און באַלד נאָכדעם ברעכט אויס דער וועלט־קריג.

מען ווערט אָפּגעשניטן פון דער וועלט. אין דער אידישער וועלט ווערט אַ חורבן. דער רבי זאָרגט אָבער פאַר דער אויפהאַלטונג פון דער ישיבה אין דער היים און אויך פאַר דער ישיבה אין ארץ ישראל. מען שיקט געלט, מען טוט אַלץ וואָס איז מעגלעך אויפצוהאַלטן דאָס וואָס איז מיט אַזוי פיל כח אויפגעבויט געוואָרן.

אין יאָר תרע״ז[170] ווערט די לאַגע אין ליובאַוויטש קריטיש. די דייטשן האַלטן זיך אין דערנענטערן. דער רבי וויל ניט אַריינפאַלן צו זיי. ער האָט די באַציאונג צו די דייטשן ווי ר׳ שניאור זלמן אַמאָל צו נאַפּאָלעאָנען. דער רבי פאַרלאָזט ליובאַוויטש. אויך די ישיבה ווערט פון דאָרט אַוועקגענומען.

די ישיבה ווערט איבערגעטראָגן קיין קרעמענטשוג[171], וואו עס געפינט זיך די רייכע גור־ארי׳־פאַמיליע.

די גור־ארי׳ס זיינען פייערדיקע ליובאַוויטשער חסידים. זיי זיינען זיך שפּעטער מתחתן מיט דעם ליובאַוויטשער רבי׳ן: ר׳ שמריהו גור־ארי׳ ווערט אַן איידעם פון דעם רבי׳ן ר׳ יוסף יצחק.

די גור־ארי׳ס גיבן אָפּ אַ גאַנצן מויער פאַר דער ישיבה. זיי גיבן אויך געלט אויסצוהאַלטן די ישיבה. וואָס די לאַגע זאָל ניט זיין אין רוסלאַנד — די ישיבה מוז אויסגעהאַלטן ווערן. דער רבי זאָרגט זיך אויך פאַר דער ישיבה אין ארץ־ישראל, כאָטש מען האָט שוין מיט ארץ־ישראל מער קיין פאַרבינדונגען ניט.

---

170) אין „חנוך לנער״ ז׳ 15 שטייט געשריבן (אין איד. איבערז.): תרע״ו — זונטיק ט״ז לחודש מר חשון פאַרלאָזט דער רבי (מהורש״ב נ״ע) ליובאַוויטש מיט דער גאַנצער פאַמיליע. זען אויך דאָס אָנגעצייכנטע אין דער הערה 104.

171) זען אויך „תולדות חב״ד ברוסיא הסוביטית״, ז׳ 229 און ווייטער.

ר' זלמן האַוולין קען מער פון רוסלאַנד ניט אַרויספאָרן. דער רבי זאָגט אים אָבער אָן[172], אַז אַזוי שנעל ווי ער געפינט אַ וועג קיין ארץ־ישראל, זאָל ער זיך אַהין צוריקקערן און ווייטער זאָרגן פאַר דער ישיבה אין הייליקן לאַנד. וואָס עס זאָל ניט זיין מיט רוסלאַנד ווי אַ צענטער — ארץ־ישראל מוז בלייבן דער צענטער פון תורה.

מען וואָרט איצט, אַז דער שטורעם פון קריג זאָל אַריבער. מען קען זיך אָבער ניט דערוואַרטן. די לאַגע ווערט ערגער. עס קומט די רעוואָלוציע. פון אָנפאַנג האָפט מען, אַז דאָס וועט זיין צום בעסערן. עס קומט אָבער דער באָלשעוויזם און ברענגט אַ גרויסע איבערקערעניש.

און די איבערקערעניש איז ניט בלויז אַ פּאָליטישע, אַן עקאָנאָמישע, נאָר אויך אַ גייסטיקע.

מען שליסט צו ישיבות. אין דער פרומער אידישער וועלט ווערט אַ בהלה.

פאַרן רבי'ן און זיין ישיבה פאַנגען זיך איצט אָן שווערע טעג. ער מוז וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט. איידער ער רוט זיך אָפּ אין איין אָרט קומען נייע בהלות און ער מוז זוכן אַ מקום מנוחה ערגעץ אַנדערש. עס ווערט שווערער און שווערער אויסצוהאַלטן די ישיבה. אָבער וואָס שווערער עס ווערט זי אויפצוהאַלטן, אַלץ טייערער איז זי צו אים.

זי איז פאַקטיש דער איינציקער תורה־צענטער אין רוסלאַנד. זאָל ער דעם דאָזיקן צענטער לאָזן אונטערגיין? עס ווערט אַ פראַגע פון פּשוט'ער מסירת נפש. אָבער דער רבי איז גרייט — פאַר תורה מוז מען זיך מוסר נפש זיין.

גראַדע דערפאַר וואָס די לאַגע ווערט ערגער, וואָס די מאַכט ווערט שטרענגער, אַלץ מער מוז מען זיך האַלטן ביי דער פעסטונג פון דער אידישער תורה.

---

172) זען „אגרות קודש — אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע" ח"א, ז' רפו (ו' מ"ח תרפ"ב) אַז דער רבי מהורש"ב נ"ע האָט אים אָנגעזאָגט (אין דער שיחה פון פורים תר"פ), אַז ווי נאָר ער וועט האָבן אַ מעגלעכקייט צו פאָרן זאָל ער אַהין פאָרן ניט רעכענענדיק זיך מיט קיין שום זאַך, בכדי ווייטער אָנגיין מיט זיין אַרבעט אין אָנפירן די ישיבה „תורת אמת".

דער רבי באַזעצט זיך אין ראָסטאָוו. דאָרט פאַנגען זיך אָן נייע צרות. אָבער ער בלייבט דאָרט. עס איז ניטאָ וואו צו לויפן. וואו מען זאָל זיך קערן און ווענדן קומען אַנטקעגן די זעלביקע צרות.

דער רבי זעט שוין איין אַז די לאַגע איז אַ פאַרצווייפלטע. רוסלאַנד ווערט באָלשעוויסטיש. ער פילט זיך זייער שוואַך. ער האָט אָבער אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן — אויף זיין זון.

די תורה־טעטיקייט גייט־אָן. פון איין זייט קומט פאָר אַ צעשטערונג פון אידישקייט, אָבער פון דער צווייטער זייט ווערט אָנגעפירט אַ טיכטיקע אַרבעט פון בויען און באַפעסטיקן.

פורים, תר״פ, זאָגט דער רבי מהרש״ב חסידות פאַר דעם עולם, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אין זיין הויז. עס שמעקט מיט געפאַר. יעדע פאַרזאַמלונג איז פאַרבאָטן. דער רבי איז אָבער זיכער, אַז צו אים וועט די געפאַר ניט גרייכן. „טשעקיסטן" רייסן זיך אַריין אין הויז. מען זוכט, מען נישטערט, אָבער מען טשעפּעט קיינעם ניט. דער רבי האָט אין זיין „זיכערקייט" קיין טעות ניט געמאַכט[173].

ער זאָגט אָבער, אַז מיט „זיי" קען ער מער ניט הויזן. ער און די באָלשעוויסטישע אָרדענונג זיינען ניט קיין פּאָר.

מען פילט אַז דאָס איז אויף עפּעס אַן אָנדייטונג. חסידים פילן אַז דאָס זיינען דעם רבינ׳ס לעצטע טעג.

ב׳ ניסן ווערט דער רבי מהרש״ב נסתלק.

דער עולם פילט זיך פאַר־יתומ׳ט. וואָס וועט איצט זיין פון אידן און אידישקייט אין רוסלאַנד? וועט די תורה־טעטיקייט אין גאַנצן אָפּגעשטעלט ווערן?

די אַרבעט פון מהרש״ב און די פריערדיקע רביים ווערט אָבער ניט אָפּגעשטעלט.

דער מהרש״ב׳ס פּלאַץ ווערט פאַרנומען פון זיין זון, רבי יוסף יצחק.

173) זען אויך „ספר השיחות — תורת שלום", ז׳ 246 און ווייטער.

ער וואַרפט זיך אַריין מיט אַ נייעם פייער אין דער תורה-טעטיקייט. זאָל איבער די קעפ דונערן און בליצן, זאָל די ערד זיך טרייסלען אונטער די פיס — די מוסדי תורה דאַרפן ניט נאָר אויפגעהאַלטן ווערן, נאָר אויך פאַרשטאַרקט ווערן.

און אין דער צייט, וואַנדערט ר׳ זלמן האַוולין איבער קאַווקאַז, מאַכט דורך די גרעסטע געפאַרן, רייסנדיק זיך קיין ארץ-ישראל. זאָלן אַלע וועגן פאַר אים זיין פאַרצאַמט, ער מוז אויספאָלגן דעם רבינ׳ס אָנזאָג צו גרייכן דאָס הייליקע לאַנד און דאָרט צוריק אויפריכטן די ישיבה, וואָס איז פאַקטיש אונטערגעגאַנגען אין פאַרלויף פון די מלחמה יאָרן.

# כז

# מאַרטירערטום

**וואָס דער ליובאַוויטשער רבי האָט געהאַט אויסצושטיין פון די באָלשעוויקעס. — די פאַרפּאַלגונגען קעגן זיין ישיבה און דעם רבינ׳ס אַרעסט. — די זיבעצן טעג אין דער טשעקיסטישער געפענגעניש אין לענינגראַד. — דעם רבינ׳ס הונגער־סטרייק. — זיין פאַרשיקונג קיין קאָסטראָמאָ און זיין באַפרייאונג. — זיין פאַרלאָזן רוסלאַנד. — זיין רייזע קיין ארץ ישראל און זיין באַזוך אין אַמעריקע.**

פאַרוואָגלט אין אַזאַ עכט־רוסישער שטאָט ווי ראָסטאָוו, ווערט יענע שטאָט דער צענטער פון דעם נייעם ליובאַוויטשער רבינ׳ס תורה־טעטיקייט. די מלחמה און רעוואָלוציע האָבן געמאַכט אַן איבערקערעניש אין אידישן לעבן. אידן געפינען זיך אין אַלע ווינקעלעך פון רוסלאַנד. אומעטום איז פאַראַן אַ באַדן פאַר אַ גרויסער און ברייטער טעטיקייט.

מיט אַזוינע אידיש־צעשטערנדיקע עלעמענטן, צעשפּילנדיק איבעראַל זייערע כוחות, מוזן באַפעסטיקט ווערן די סאַמע יסודות פון אידישקייט און דער רבי ר׳ יוסף יצחק ווייס זיין אויפגאַבע.

ער האָט הינטער זיך די הייליקע מסורת אבות. ער האָט פאַר זיך אַ פּאַרטיקע פּראָגראַם — אַ פּראָגראַם וואָס איז אויסגעפּאָלגט געוואָרן זינט ר׳ שניאור זלמן, דעם גרינדער פון חב״ד, תמיד צופּאַסנדיק זי צו די באַדערפעענישן פון דער צייט.

דאָס מאָל איז עס אָבער פאַרבונדן מיט גרויסע געפאַרן, מיט פּשוט׳ער מסירת נפש. אַ שטורעם האָט זיך געטראָגן איבערן לאַנד. אַלץ איז אויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען.

האָט דער רבי זיך גענומען צו דער אַרבעט אין סאַמע שטורעם.

האָבנדיק דעם פֿעסטן גלויבן, אַז אידישקייט קען ניט אונטערגיין אפילו אונטער אַ באָלשעוויסטישער אָרדנונג, אויב די געהעריקע מיטלען וועלן גענומען ווערן צו באַפעסטיקן די אידישע אמונה.

איז חב״ד, וואָס נעמט אַרום דאָס גאַנצע לעבן, געוואָרן אַ ברייטע און אַל־אידישע פּראָגראַם, וואָס זאָל אויפהאַלטן און באַפעסטיקן אידישקייט אין לאַנד פון די סאָוויעטן.

האָט דער רבי זיך נאָך מיט מער פייער אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, אָנשטרענגענדיק אַלע כוחות אויפצוהאַלטן און אַפילו צו פאַרשטאַרקן די ישיבה[174].

די ישיבה, פּאַקטיש די איינציקע וואָס איז איבערגעבליבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, איז אים געוואָרן נאָך טייערער און וויכטיקער. זי איז באַשטימט צו ווערן די פעסטונג פון אידישקייט אין רוסלאַנד.

מען איז אָבער געווען אונטער אַ שטענדיקער געפאַר. עס איז געמאַכט געוואָרן אַן איבערפאַל און עס איז אַרעסטירט געוואָרן דער מנהל דעם רבינ׳ס איידעם. דער רבי אַליין איז געפאָרן אויף אַ פאַרהער. עס זיינען אויך געווען אַנדערע צרות. די ערגסטע איז אָבער געווען וואָס די ישיבה איז אין גאַנצן פאַרמאַכט געוואָרן.

דאָס איז אָבער ניט געווען דער סוף פון דער ישיבה. זי איז באַלד איבערגעטראָגן געוואָרן קיין כאַרקאָוו, דאָרט האָט מען זי אָבער באַלד ווידער אָנגעהויבן פאַרפאָלגן און די אַלטע צרות פון ראָסטאָוו זיינען ווידערהאָלט געוואָרן.

די ישיבה איז אויך דאָרט פאַרמאַכט געוואָרן.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ וואָגלעניש פאַר דער ישיבה. מען האָט זי איבערגעטראָגן אין אַן אַנדער שטאָט. אַזוי האָט מען זי געהאַלטן אין איבערטראָגן פון איין שטאָט אין דער צווייטער, תמיד זוכנדיק אויסצומיידן די יעניקע וואָס האָבן זי געזוכט צו פאַרניכטן.

דער ליובאַוויטשער רבי (ר׳ יוסף יצחק) האָט זיך ענדלעך געהאַט

---

174) וועגן דעם זען וואָס ס׳ווערט דערציילט באריכות אין „תולדות חב״ד ברוסיא הסוביטית״, ז׳ רמד און ווייטער.

באַזעצט אין לענינגראַד, וואו ניט־קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן, איז ער אָנגעגאַנגען מיט זיין טעטיקייט פאַר אידישקייט.

אויסמיידנדיק וועלכע עס איז פאָליטישע טעטיקייט, האָט מען געקענט דערוואַרטן אַז מען וועט אים פערזענלעך לאָזן צו־רו.

די ישיבה איז שוין אין גאַנצן געווען אַן אונטערערדישע, נאָכדעם ווי אַ סך פון דעם רבינ׳ס מקורבים זיינען אַרעסטירט געוואָרן און טייל פון זיי זיינען פאַרשיקט געוואָרן אין סיביר און אַנדערע ווייטע מקומות.

דער רבי איז אָבער שוין לאַנג געווען אַן „אבן נגף״ פאַר די יעניקע וועלכע האָבן געזוכט אויסצוואָרצלען אידישקייט. זיין פערזאָן אַליין איז געווען אַ שטער פאַר זיי. איז ער דאָך עפּעס געוואָרן די פאַרקערפּערונג פון דעם וואָס שטייט ווי אַן אייזערנע וואַנט קעגן דעם שטראָם. האָבן דאָך טויזנטער און טויזנטער אידן אין רוסלאַנד אַרויפגעקוקט צו אים אַלס זייער מנהיג.

אָבער טאַקע זיין פּראָמינענץ, וואָס איז געווען אַזאַ דאָרן אין זייט פון די „יעווסעקעס״, איז מעגלעך אויך געווען די סיבה, וואָס מען האָט ניט געוואַגט זיך צו פאַרמעסטן קעגן אים אַליין.

איז דער רבי די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט זיך געפונען אין לענינגראַד, געווען אַרומגערינגלט מיט „טשעקיסטן״, וועלכע האָבן אים געהיט אויף שריט און טריט און האָבן נאָכגעשפּירט יעדן איינעם וואָס פלעגט קומען צו אים.

דער צאָרן פון די יעווסעקעס קעגן אים האָט שוין אָבער מער ניט געקענט איינגעשטילט ווערן, ווען דער רבי האָט זיך געשטעלט אין וועג פון זייערע פּלענער צו פאַררופן אַן אסיפה פון אידישע קהלות, וואָס וואָלט די יעווסעקעס געגעבן אַ געלעגנהייט אַריינצוררייסן זיך אפילו אין רעליגיעזן אידישן לעבן, צו קענען „בויערן פון אינעווייניק״.

און דעם פערצנטן יולי, 1927, נאָך האַלבע נאַכט, איז געקומען דעם רבינ׳ס אַרעסט, אויף וועלכן מען האָט זיך געריכט, אָבער וואָס מען האָט פאַרט געהאָפט אַז ער וועט קיינמאָל ניט קומען[175].

175) וועגן דעם אַרעסט און באַפרייאונג פון דעם רבי׳ן מהריי״צ, זען רשימת המאסר

צוויי אידישע יונגעלייט, לולאָוו און נאַכמענסאָן, קינדער פון ליובאַוויטשער חסידים, האָבן זיך אַריינגעריסן אין רבינ'ס הויז און אים אַרעסטירט.

דער רבי איז דעמאָלט געווען ניט מיט אַלעמען. ער האָט געליטן פון אַ מחלה. אָבער פאַר די יעווסעקעס, אַגענטן פון „גע־פע־או" (שפּעטערדיקע „ען־קאַ־ווע־דע") איז עס קיין תירוץ ניט געווען.

אין הויז איז אויסגעבראָכן אַ יאָמערדיק געוויין. דעם רבינ'ס מוטער, די טעכטער, די רביצין, אַלע האָבן געוויינט. דער רבי איז געווען דער איינציקער וואָס האָט זיך געהאַלטן רואיק און געלאַסן און געוואַרט ביז די „גע־פע־או"־מחבלים וועלן פאַרענדיקן דעם „אָביסק" (זוכונג) אין זיין גרויסער ביבליאָטעק.

ווען זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן איז זיין איינציקער פאַרלאַנג געווען מען זאָל אים דערלויבן מיטצונעמען טלית און תפילין. ער איז אויף דעם באַשטאַנען און מען האָט עס אים דערלויבט.

דער רבי ווערט דאַן אָפּגעפירט אין דער באַרימטער „שפּאַלערקע", די טשעקיסטישע געפענגעניש, וועלכע איז די שרעק פון לענינגראַד. ער הויבט דאָרט אָן געפירט צו ווערן דורך די „שבעה מדורי גיהנום" פון טשעקיסטישער אויספאָרשונג. מען פּרובירט אויף אים אָניאָגן אַן אימה. דאָס איז דער מעטאָד פון דער „גע־פע־או".

דער רבי איז אָבער געלאַסן און רואיק: ער האַלט זיך שטאָלץ און פעסט, וויסנדיק אַז ער איז אַן אומשולדיקער קרבן פון דער יעווסעקישער רשעות.

זיין לאַגע איז אָבער אַן ערנסטע: עס שמעקט מיט גרויסער געפאַר. קיינער קען ניט וויסן מיט וואָס זיין אַרעסט וועט זיך ענדיקן.

אָבער ניט געקוקט אויף דער געפאַר און טראָץ דעם וואָס דער רבי איז געווען אָפּגעשניטן פון דער דרויסנדיקער וועלט און ניט געהאַט קיין אַנונג אויב עפּעס ווערט געטאָן אָדער קען געטאָן ווערן אים צו באַפרייען — האָט

[לקו"ד תריא, ב: ספה"ש תרפ"ז, ז' 179]. און „די יסורים פון דעם ליובאַוויטשער רבי'ן" (געדרוקט אין ריגע 1930 און ווייטער אין הוספות).

ער ניט בלויז ניט געצייגט קיין געפאַלנקייט, נאַר האָט מיט שטאָלץ און ווירדע געפאָדערט זיינע רעכט, אויף וועלכע ער איז באַשטאַנען אַפילו אין דער טשעקיסטישער געפענגעניש.

די רעכט אויף וועלכע ער איז באַשטאַנען זיינען געווען:

צו קענען דאַווענען אומגעשטערט, און פאַר דעם האָט מען אים געמוזט איבערגעבן זיין פעקל, אין וועלכן עס זיינען געלעגן זיין טלית און תפילין: און אויך צו קענען קריגן פון דרויסן, פון זיין אייגענער היים, כשר׳ע מאכלים.

ווען מען האָט עס אים צוערשט געהאַט אָנטזאָגט, האָט דער רבי דערקלערט אַ הונגער־סטרייק. דער דאָזיגער סטרייק האָט געווירקט. אַפילו די „טשעקיסטן" האָבן ניט געוואָגט צו דערלאָזן אַז דער ליובאַוויטשער רבי זאָל פאַרהונגערט ווערן אין געפענגעניש.

מיט דעם וואָס מען האָט ענדלעך דערלויבט אים צו קריגן עסן פון דער היים, האָט דער רבי אויך באַקומען די געלעגנהייט צו קריגן ידיעות פון דעם וואָס עס גייט אָן אין דער דרויסנדיקער וועלט.

ער האָט זיך דערוואוסט, אַז בלויז ער איז אַרעסטירט געוואָרן — און דאָס איז פאַר אים געווען אַ נחת רוח. די געפאַר איז געווען אַז עס זאָלן אַרעסטירט ווערן אַנדערע פון זיינע בני־בית, מעגלעך אויך זיינע מקורבים, וועלכע האָבן אים מיטגעהאָלפן אין זיין טעטיקייט.

זיבעצן טעג איז דער רבי אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דער „שפּאַלערקע", דורכגייענדיק פאַרשידענע שטרענגע אויספאַרשונגען און דורכמאַכנדיק די אַלע שרעקן פון דער טשעקיסטישער געפענגעניש.

ער האָט קיין באַגריף ניט געהאַט ווי לאַנג מען וועט אים האַלטן און פייניקן און וואָס דער סוף וועט זיין.

אין דרויסן האָט מען אָבער דערווייל אָנגעווענדט אַלע מיטלען אים צו באַפרייען. דער איידעם, הרב גור־ארי׳, איז גלייך אַוועק קיין מאָסקווע און דאָרט זיך געהאַט געווענדט צו די פירער פון דער אידישער קהלה. עס איז געבליבן אַז מען זאָל זיך ניט ווענדן קיין אויסלאַנד, דערפאַר וואָס דאָס קען שלעכט אויסגעטייטשט ווערן פון דער סאָוויעט־רעגירונג, און נאָך

אייגענעם איינפלוס און אייגענע כוחות, אָבער עס איז צוגעגאַנגען שווער. באַלד האָט מען אָבער געפונען הילף אין מאַדאַם פּיעשקאָוואַ, די פרוי פון באַרימטן שריפטשטעלער מאַקסים גאָרקי. זי האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אין טירן וועלכע האָבן פון אַנדערע ניט געקענט דערגרייכט ווערן.

און זי האָט ענדלעך אויסגעווירקט. פון אָנפאַנג ניט אויף דער פולשטענדיקער באַפרייאונג פון רבי׳ן, נאָר אַז מען זאָל אים פאַרשיקן אין קאָסטראָמאַ.

עס איז געווען אַ זיג איבער דעם רבינ׳ס שונאים, וועלכע האָבן געוואָלט אַ פיל האַרבערע שטראָף, אָבער ניט קיין פולשטענדיקער נצחון. איז דער רבי אַרויסגעפאָרן קיין קאָסטראָמאַ, אָבער די אַרבעט פאַר זיין פולשטענדיקער באַפרייאונג איז פאָרגעזעצט געוואָרן. נאָך אַ קורצער אויפהאַלטונג אין קאָסטראָמאַ איז געקומען דער אָנזאָג, אַז דער רבי איז פריי.

עס איז געווען אַ שמחה. אָבער ווי די שמחה אָנהאַלטן לאַנג? זיינע שונאים זיינען געווען נאָך מער פאַרביטערט. זיי וועלן געוויס זוכן נייע געלעגנהייטן אים צו אַרעסטירן — און דאָס מאָל וועט שוין מעגלעך זיין צו־שווער זיך צו באַפרייען פון זייערע נעגל.

דער רבי באַזעצט זיך דאַן אין מאַלאַכאָווקע, לעבן מאָסקווע; און מען הויבט אָן פירן פאַרהאַנדלונגען, אַז מען זאָל אים דערלויבן אַרויספאָרן פון רוסלאַנד.

דערויף מוז מען שוין אָבער אָנקומען נאָך הילף אין אויסלאַנד. אָסקאַר קאָהען פון דייטשלאַנד און דער אידישער דעפּוטאַט פון לאַטוויע, ר׳ מרדכי דובין, ווערן טעטיק. דער לעצטער קומט ספּעציעל קיין רוסלאַנד זיך צו משתדל זיין פאַרן רבי׳ן.

מען ווירקט שוין אויס, אַז דעם רבי׳ן זאָל דערלויבט ווערן אַרויסצופאָרן. די דערלויבעניש איז אָבער פאַר אים אַליין. וויל דער רבי ניט. ער מוז האָבן מיט זיך די גאַנצע פאַמיליע זיינע און ווען אויך דאָס ווערט גע׳פועל׳ט, איז ער נאָך אַלץ ניט צופרידן. ער מוז אויך האָבן דאָס רעכט אַרויסצופירן זיין באַרימטע אַרכיוו־ביבליאָטעק, וועלכע איז איבער הונדערט יאָר אַלט און אַנטהאַלט גרויסע גייסטיקע אוצרות. ער וועט די

דאָזיקע אוצרות, געזאַמלט דורך דורות, ניט איבערלאָזן אין פרעמדע און פיינטליכע הענט.

עס קומט אָן שווער, אָבער ענדלעך, אסרו חג הסוכות פון יאָר תרפ״ח פאַרלאָזט דער רבי רוסלאַנד.

אים טוט וויי דאָס האַרץ וואָס ער מוז פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וואו ער האָט מיט אַלע זיינע כוחות געזוכט צו פּרעזערווירן אידישקייט, צו באַפעסטיקן און פאַרשפּרייטן תורה. פאַר אים איז שוין דאָרט אָבער ניטאָ קיין פּלאַץ און ער האָפט נאָר, אַז פון אויסלאַנד וועט ער קענען טאָן דאָס וואָס ער האָט שוין מער ניט געקענט טאָן זייענדיק אין רוסלאַנד.

דער רבי באַזעצט זיך אין ריגע, פון וואַנען ער באַנייט זיין טעטיקייט פאַר רוסלאַנד און פאַנגט־אָן אַ טעטיקייט פאַר אַנדערע לענדער.

ער עפנט אַ ישיבה אין וואַרשע[176] און העלפט פאַרשטאַרקן און פאַרגרעסערן די ישיבה אין ארץ־ישראל[177], וועלכע דער דערמאָנטער ר׳ זלמן האַוולין האָט באַוויזן צוריק צו עפענען און שטעלן אויף אַ שטאַרקן יסוד.

דער רבי נעמט דאַן אויף זיך אַ גרויסע שליחות: ער פאָרט צוערשט קיין ארץ־ישראל[178], זיך צו באַקענען מיטן לאַנד, אויף וועלכן זיינע אבות און ער אַליין האָבן געלייגט גרויסע האָפענונג אַלס תורה־צענטער: און ער קומט קיין אַמעריקע[179], וואו ער זוכט צו פאַראינטערעסירן די אידן אין זיינע ישיבות און זיינע אַנדערע תורה־טעטיקייטן.

דער ליובאַוויטשער רבי אַליין, אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד, מאַכט די גאַנצע אידישע וועלט פאַר זיין פעלד פון טעטיקייט.

ליובאַוויטש, וועלכן נאָמען ער טראָגט, ליגט אין חורבות. דער ליובאַוויטשער הויף עקזיסטירט ניט מער. אָבער די גרויסע ליובאַוויטשער דינאַסטיע איז נאָך שטאַרק און ענערגיש, איר איינפלוס פילט זיך נאָך אין אַלע ווינקעלעך פון אָרטאָדאָקסישן אידישן לעבן.

---

176) זעט „אגרות קודש — אדמו״ר מוהריי״צ״ ערשטער חלק ז׳ קס.

177) זעט „תולדות חב״ד בארה״ק״ ז׳ ריז.

178) זעט „ס׳ התולדות — אדמו״ר מוהריי״צ״ פערטער חלק ז׳ 23.

179) זעט „תולדות חב״ד בארה״ב״ ז׳ לז.

# די יסורים פון ליובאַוויטשן רבי'ן אין סאָוועט־רוסלאַנד

זיין אַרעסט פון „טשעקא". — זיינע ליידן אין „שפּאַליארקע". — זיין פאַראורטיילונג צום טויט. — זיין פאַרשיקונג קיין קאָסטראָמאַ און זיין באַפרייאונג.

ריגע, 1930

## קאַפּיטל 1

# די טשעקיסטן רייסן זיך אַריין אין רבינ׳ס הויז און אַרעסטירן אים

עס איז געווען דינסטיק ביינאַכט, דעם 14טן יוני, 1927. דער ליובאַוויטשער רבי האָט דעמאָלט געוואוינט אין לענינגראַד האָבנדיק זיין וואוינונג אין גרויסן הויז, וואָס האָט פריער געהערט צום צאַרס מקורב פלעכאַנאָוו און וואָס געפינט זיך אויפן ווינקל פון פּאַנטילעיאַוואסקאַיא און מאַכאָוואַיע.

דער רבי האָט אָקאָרשט געהאַט געענדיקט זיינע שעהן פון „יחידות״, דאָס הייסט, דאָס אויפנעמען חסידים, וועלכע זיינען הונדערטערווייז געקומען צו אים מיט פאַרשיידענע בקשות.

דער רבי האָט געהאַט באַשטימטע שעהן פאַר דעם און האָבנדיק פאַרענדיקט יענעם אָוונט די „יחידות״, האָט ער מיט זיין איידעם, הרב שמריהו גוראַריי און זיינע צוויי טעכטער (די דריטע איז דעמאָלט אין דער היים ניט געווען) זיך געזעצט צום טיש עסן.

דער ליובאַוויטשער רבי איז געווען מיד. ער איז אויך ניט געווען מיט אַלעמען, האָבנדיק געליטן פון אַן ערנסטער חולאת.

מיט אַמאָל קלינגט דאָס טיר־גלעקל.

„דאָס זיינען אַגענטן פון דער „טשעקאַ״, — האָט דער רבי געזאָגט אין אַ טאָן פון זיכערקייט ווי ער וואָלט אין פאָרויס געוואוסט, ווער די שפּעטיקע אומגעבעטענע געסט זיינען.

די אַרומיקע ביים טיש זיינען געוואָרן דערשראָקן: דער רבי האָט זיי אָבער געהאַלטן אין באַרואיקן.

„ווער זיי זאָלן ניט זיין און וואָס זייער צוועק זאָל ניט זיין", — האָט ער געזאָגט, — „איך פאַרלאָז זיך אויף השם יתברך, וואָס עס איז זיין ווילן, דאָס זאָל געשען".

און באַלד איז די טיר געעפנט געוואָרן מיט קראַפט און עס זיינען דערשינען צוויי יונגעלייט אין ציווילע קליידער מיט עטלעכע באַוואָפנטע סאָלדאַטן הינטער זיי.

דער רבי האָט געטראָפן. דאָס זיינען געווען אַגענטן פון דער טשעקאַ, אָדער „גע־פע־או", ווי די דאָזיקע מורא־אָניאָגנדיקע אָרגאַניזאַציע פון דער סאָוועטישער געהיים־פּאָליציי ווערט אָנגערופן.

„מיר זיינען געשיקט געוואָרן פון דער 'גע־פע־או'" — האָט דער ערשטער און קענטיק דער פירער פון די ניט־געבעטענע באַזוכער דערקלערט: אַ יונגערמאַן פון הויכן וואוקס מיט ברילן און מיט אַ פּנים, וואָס האָט געצייגט שטרענגקייט אָבער אויך אינטעליגענץ. — „וואוינט דאָ יוסף יצחק שניאורסאָהן, וועלכער איז באַקאַנט אַלס ליובאַוויטשער רבי"?

„אויב איר וואָלט ניט געהאַט דעם נאָמען און אַדרעס, וואָלט איר דאָך אַהער אַוודאי ניט געקומען. היינט צו וואָס פרעגט איר"? — איז געווען דעם רבינ'ס קאַלטער און איבערלייגטער ענטפער.

„איר ווילט ניט ענטפערן"? — האָט אונטערגעכאַפּט דער צווייטער, אַ נידעריקער און שוואַרצער יונגערמאַנטשיק.

„איך ווייס ניט, אויב איך בין מחויב אייך צו ענטפערן, ווייל איך ווייס ניט, מיט וואָס איך האָב זיך פאַרזינדיקט, די 'גע־פע־או' זאָל צו מיר שיקן אירע פאַרטרעטער אין אַזאַ אומגעווינטשטער שעה"?

די האַלטונג פון רבי'ן האָט קענטיק די צוויי „טשעקאַ"־אַגענטן אַרויסגעבראַכט פון געדולד.

„דאָרט", האָט דער ערשטער אויסגערופן מיט כעס, מיינענדיק מיט דעם די טשעקאַ, „וועט מען אייך שוין מאַכן צום ריידן".

„איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך האָב גאָר ניט וואָס צו באַהאַלטן און וואָס מורא צו האָבן", האָט דער רבי געזאָגט געלאַסן. „אויב איר מיינט

אָבער, אַז איר האָט פאַר מיר צוגעגרייט אַ פאַסטקע, און געמאַכט קעגן מיר שקר־בילבולים, דאַן פאַרלאָז איך זיך אויפן אויבערשטן, אַז ער וועט מיך באַשיצן ווי ער האָט מיך די גאַנצע צייט באַשיצט".

דער ערשטער פון די אַגענטן, וועמעס נאָמען איז געווען נחמנסאָן, אַ אידישער יונגערמאַן, דער זון פון אַ ליובאַוויטשער חסיד, האָט דערווייל געגעבן אַ באַפעל צו די סאָלדאַטן צו פאַרנעמען אַלע אַרויסגאַנגען און צו היטן יעדן פענצטער.

דער צווייטער פון די אַגענטן, וועמעס נאָמען איז געווען לולאָוו, אויך אַ זון פון אַ ליובאַוויטשער חסיד, האָט דערווייל געהאַלטן אין באַטראַכטן דעם רבינ'ס וואוינונג.

„מיר דערקלערן אייך אונטער אַרעסט", האָט נחמנסאָן געלאָזט וויסן.

אין הויז האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ יללה. די טעכטער האָבן געוויינט. דעם רבינ'ס מוטער, די אַלטע ליובאַוויטשער רביצין, וועלכע איז געשלאָפן אין אַ צווייטן צימער, האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז אַריינגעקומען, און דערוויסנדיק זיך וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט זי זיך געוואָרפן אויף איר זונס האַלדז.

דער רבי האָט זי געהאַלטן אין באַרואיקן און האָט אויך באַרואיקט די אַנדערע פון הויזגעזינד. ער אַליין איז געווען ערנסט, אָבער קיין צייכן פון שרעק און פאַרצווייפלונג ניט אַרויסגעצייגט.

ער האָט נאָר פאַרלאַנגט פון די טשעקאַ־אַגענטן, אַז זיי זאָלן ניט מאַכן קיין טומל און ניטריידן צו הויך, בכדי ניט אויפצוּוועקן זיין אייניקל, דאָס קינד פון זיין טאָכטער און איידעם הרב גור ארי', וואָס איז געשלאָפן אין אַ דערבייאיקן חדר.

„איצט וועלן מיר מאַכן אַ הויז־זוכונג", האָט נחמנסאָן געלאָזט וויסן.

„אויב איר זוכט דאָ געהיימע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע דאָקומענטן, וועט איר זיך אַנטוישן", — האָט דער רבי געענטפערט. — „איך האָב ביי זיך גאָר ניט, וואָס קען ווייזן מיין אומלאָיאַליטעט צו דער איצטיקער מאַכט. איך האָב בכלל ניט צו טאָן מיט קיין פּאָליטיק. מיין רעליגיעזע טעטיקייט איז אַלעמען באַקאַנט. איך טו ניט קיין זאַך, וואָס איז אומגעזעצלעך. איך

האָב זיך מיט גאָר ניט פאַרזינדיקט, סיידן איר האָט געפעלשט אַ קלאַגע קעגן מיר".

נחמנסאָן און לולאָוו האָבן דאַן אָנגעהויבן גיין צום טיר פון רבי'נ'ס גרויסער און באַרימטער ביבליאָטעק, וועלכע אַנטהאַלט די זעלטנסטע כתבי־יד און ספרים, וועלכע זיינען אַ יקר המציאות און זיינען אָפּגעהיט געוואָרן פאַר פיל דורות.

דער רבי האָט זיי פאַרשטעלט דעם וועג.

אויב זיי גייען זוכן אין ביבליאָטעק, האָט ער געוואָלט זיין דערביי און טאַקע אַליין זיי ווייזן. אַז דאָרט איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס איז אַנטי־סאָוועטיש.

„קיין פרעמדע הענט און דערהויפּט אַזוינע ווי אייערע, וועלן זיך אין די הייליקע כתבים און ספרים ניט אָנרירן", איז געווען זיין שטאָלצער און פעסטער ענטפער.

נאָך לאַנגן זוכן האָבן זיך די יעווסעקישע טשעקאַ־אַגענטן אַרומגעזען, אַז זיי האָבן גאָר ניט געפונען וואָס קען באַטראַכט ווערן אַלס „טריף".

„איצט גרייט זיך צו מיט אונדז מיטצוגיין", איז געווען נחמנסאָנס קאַלטער באַפעל צום רבי'ן.

אין הויז האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ יללה. די טעכטער האָבן אָנגעהויבן בעטן רחמנות ביי די יעווסעקן.

„דער טאַטע איז קראַנק, לאָזט אים אָפּ", האָבן זיי געטענהט.

„אויב יאָ אַן אַרעסט, איז עס דאָך אַוודאי אויף אַ שקר־בלבול אָדער גלאַט אַ מיספאַרשטענדעניש. דאַן האַלט אים אונטער אַרעסט אין הויז, ביז וואַנען איר וועט זיך איבערצייגן אין דער פאַלשקייט פון דער קלאַגע", — האָט זיי געזאָגט דער איידעם הרב גור ארי'.

נחמנסאָן און לולאָוו האָבן אָבער פון גאָרנישט געוואָלט הערן. זיי זיינען אפילו געוואָרן דראָענדיקער און געזאָגט, אַז אויב מען וועט אַ סך ריידן, וועלן זיי אַלעמען לאָזן אַרעסטירן.

איינזעענדיק די נוצלאָזיקייט פון טענהן מיט די פאַרהאַרטעוועטע

אַגענטן, האָט זיך דער רבי באַלד אָנגעהויבן צו גרייטן מיטצוגיין אין דער „שפּאַליערקע", די גוט־באַוואוסטע און מורא־אָניאָגנדיקע געפענגעניש פון דער טשעקאַ אין לענינגראַד.

„איך באַשטיי אָבער אויף איין זאַך, און אָן דעם וועל איך זיך ניט רירן פון אָרט", האָט דער רבי געשטעלט אַ פאָדערונג. „איר מוזט מיר דערלויבן מיטצונעמען מיט מיר טלית און תפילין".

נחמנסאָן און לולאָוו האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט בליקן, ווי זיי וואָלטן איינער דעם אַנדערן געזאָגט:

„געהערט אַ נאַרישקייט! אים ליגן גאָר אַזוינע זאַכן אין קאָפּ".

דער רבי איז אָבער געווען אַנטשלאָסן און נחמנסאָן האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי צו געבן די דערלויבעניש.

פאַרן רבי׳ן איז באַלד צוגעגרייט געוואָרן אַ פּעקל אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען די פאַרלאַנגטע טלית און תפילין, אונטערוועש און אַנדערע קליינינקייטן.

אין הויז האָט זיך ווידער אָנגעפאַנגען אַ יללה. דער רבי האָט זיך אָנגעהויבן געזעגענען מיט זיין הויזגעזינד.

אַלע האָבן געוויינט. אַלע זיינען געווען אין גרויס שרעק.

„מיין קינד! מיין טייער קינד!" — האָט געוויינט די אַלטע רביצין.

„טאַטע, טייערער טאַטע!" — האָבן געוויינט די טעכטער.

הרב גור ארי׳ איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער, דורכגענומען מיט צער און צאָרן.

ווער האָט געקענט וויסן, מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן.

געפירט ווערן אין דער „שפּאַליערקע", איז געווען פאַרבונדן מיט לעבנס־געפאַר. וויפל פון זיי, וואָס ווערן דאָרט גענומען, דערלעבן ניט צו זען די ליכטיקע וועלט צוריק?

די שרעק פון דער „שפּאַליערקע" איז באַקאַנט ניט נאָר אין לענינגראַד, נאָר איבער גאַנץ רוסלאַנד.

אַהין ברענגט מען יעדע נאַכט צענדליקער אַרעסטירטע. דאָס זיינען אַזוי־גערופענע „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן", און אַלע אַנדערע קעגנער פון דער סאָוועט־רעגירונג, אמתע און בלויז פאַנטאַסטישע.

אין דער „שפּאַליערקע" האַלט מען הונדערטער געפאַנגענע. דאָרט פירט מען דורך צענדליקער און הונדערטער היגריכטונגען. גענומען צו ווערן אין דער „שפּאַליערקע", מעג מען אַפילו זיין אומשולדיק, קען מען שוין פאַרשפּאָרן אַרויסצוקומען אַ לעבעדיקער.

האָט מען געקענט וויסן, וואָס פאַר בייזע כוונות די טשעקאַ האָט אין דעם אַרעסט פון ליובאַוויטשער רבי'ן?

דער ליובאַוויטשער רבי איז פאַר די דריי יאָר, וואָס ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין לענינגראַד, געווען אונטער דעם שטענדיקן שאָטן פון דער טשעקאַ.

אַנטקעגן דעם הויז, וואו דער רבי האָט געהאַט זיין וואוינונג, האָט געוואוינט אַ באַוואוסטער טשעקאַ־אַגענט, און עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען, אַז ער איז דאָרט באַזעצט געוואָרן, בכדי צו קענען שטענדיק באַוואַכן דעם רבי'ן: און ניט נאָר אים, נאָר אויך אַלע, וואָס קומען צו אים.

איז דאָך דער רבי געוואָרן די צענטראַלע פיגור אין דער טעטיקייט אין סאָוועטן־רוסלאַנד פאַר חיזוק־היהדות, פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון תורה.

זיין ישיבה האָט מען ניט געקענט אונטערדריקן מיט אַלע שפּיצלעך פון די יעווסעקעס. אַלע פאַרפאָלגונגען פון די אידישע און ניט־אידישע קאָמוניסטן האָבן ניט געקענט מאַכן אַ סוף צו דער אַרבעט, וואָס דער רבי האָט אָנגעפירט, אין איינקלאַנג אפילו מיט די סאָוועט־געזעצן, פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון אידישקייט.

דעריבער האָט דער יעווסעקישער כעס קעגן אים קיין גרענעץ ניט געהאַט. מען האָט געוואוסט, אַז זיי וואָלטן גרייט געווען אים ממש אויפצועסן אַ לעבעדיקן. עס וואָלט קיינעם ניט איבעראַשט, אַז די יעווסעקן זאָלן צוגרייטן קעגן אים געפעלשטע קלאַגעס פון קאָנטער־

רעוואָלוציע און אים אַפילו לאָזן הינריכטן אין אַ מיטן נאַכט, ווי מען האָט שוין געטאָן מיט צענדליקער אַנדערע אידישע און ניט־אידישע פירער.

איז דערפאַר די שרעק פון דער פאַמיליע געווען אַזוי גרויס יענע נאַכט, ספּעציעל ווען דער אַרעסט איז געקומען אַזוי פלוצים.

דער רבי האָט זיי אָבער אַלעמען געטרייסט און זיי געבעטן זיך צו האַלטן רואיק.

„פאַרלאָזט זיך אויף גאָט!" — האָט ער געזאָגט.

דער רבי האָט געלאָזט וויסן די טשעקאַ־אַגענטן, אַז ער קען ניט גיין צופוס אין דער „שפּאַליערקע".

„איך בין צו שוואַך, איך בין נאָך אַ קרענק. אַגב בין איך דאָך ניט קיין פּרייוויליקער באַזוכער דאָרט, איר ווילט מיר האָבן דאָרט, רופט אַרויס אַן אויטאָ", האָט ער געזאָגט און דאָס איז געטאָן געוואָרן. געבנדיק דעם רבי'ן דערווייל צייט צו פאַרברענגען נאָך אייניקע מינוטן מיט דער פאַמיליע.

דער אויטאָ איז שוין אָבער געווען ביים טיר.

דער רבי האָט זיך געזעגנט מיט דער פאַמיליע. באַוואָפנטע סאָלדאַטן האָבן אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן.

„נעמט דאָס פּעקל!" האָט נחמנסאָן אַ זאָג געטאָן צום רבי'ן, זעענדיק, אַז ער לאָזט עס איבער.

„דאָס זאָל נעמען איינער פון די סאָלדאַטן", — איז געווען זיין ענטפער. — „איך גיי דען צו אייך אַלס פּרייוויליקער גאַסט"?

„דאַן בלייבט עס אין הויז!" — האָט נחמנסאָן אַ זאָג געטאָן.

„איך האַלט אייך אָבער ביי אייער ערן־וואָרט, אַז איך וועל קענען האָבן מיין טלית און תפילין מיט זיך", — האָט דער רבי אים דערמאָנט.

נחמנסאָן האָט דערזען אַז ער איז אַריינגעפאַלן.

„גוט, איך וועל נעמען אייער פּעקל", — האָט לולאָוו אונטערגעכאַפּט מיט שפּאַס. — „אויב מיין טאַטע פלעגט אַמאָל טראָגן פּעקלעך פאַר אייער טאַטן, וועל איך עס טאָן פאַר אייך".

און ער האָט גענומען דאָס פּעקל.

דער רבי האָט דאָס פּעקל אַרויסגעריסן פון זיין האַנט.

„ניין, מיין הער, אויב דיין טאַטע האָט געטראָגן פּעקלעך ביי מיין טאַטן, איז עס געווען דעמאָלט, ווען דיין טאַטע איז געגאַנגען דאָרט, וואו מיין טאַטע איז געגאַנגען און געוואָלט גיין. דו ווילסט אָבער טראָגן מיין פּעקל ווען דו צווינגסט מיר צו גיין וואו דו ווילסט, און דאָס קען קיינמאָל ניט זיין".

דער רבי האָט איבערגעגעבן דאָס פּעקל צו איינעם פון די סאָלדאַטן און איז צוזאַמען מיט די טשעקאַ־אַגענטן אַרויס פון הויז, האָבנדיק אויסגעווירקט, אַז די פאַמיליע זאָל אים כאָטש קענען באַגלייטן ביז אונטן, אַ זאַך, וואָס נחמנסאָן האָט לאַנג ניט געוואָלט דערלויבן.

אונטן אין אויטאָ האָט שוין דער רבי געפונען זיצנדיק אַן אַנדער אַרעסטירטן, אַן אינטעליגענטן מענטשן וואָס איז געזעסן אַ דערשלאָגענער, וויסנדיק, וואָס מען קען דערוואַרטן אין דער „שפּאַליערקע".

דער רבי האָט זיך געזעצט לעבן דעם אַרעסטאַנט און באַלד איז דער אויטאָמאָביל געווען אויפן וועג צו דער „שפּאַליערקע".

די פאַמיליע איז געבליבן אין טויט־שרעק, נאָכקוקנדיק דעם פאַרשווינדנדיקן אויטאָמאָביל.

אין עטלעכע מינוטן שפּעטער איז שוין דער רבי געווען ביי דער „שפּאַליערקע".

אַ גרויסע, גראָע געביידע, וואָס אירע טיר און טויער זיינען פאַרמאַכט, האָט אין דער האַלב־נאַכטיקער פינצטערניש אויסגעזען מוראדיק און געהיימניספול, אַ ווירקלעכער טייוולשער פּאַלאַץ.

נחמנסאָן איז אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָמאָביל, איז צוגעלאָפן צום טויער און האָט אָנגעהויבן קלאַפּן.

קיינער האָט ניט געענטפערט. נחמנסאָן האָט אָנגעהויבן זידלען. עס

האָט אויסגעזען, ווי אַריינצוקומען אין דער „שפּאַליערקע״ איז גאָר ניט אַזוי לייכט.

באַלד האָט זיך דער טויער געעפנט און נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען צווישן נחמנסאָן און איינעם פון די סאָלדאַטן, וואָס האָט געוויזן, אַז עפּעס איז מען דאָרט נאָך גאָר ניט געווען אַזוי צוגעגרייט פאַר דעם גאַסט, איז געקומען די דערלויבעניש דעם רבי׳ן אַריינצונעמען אינעווייניק.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און דער רבי איז שוין געווען אין דער „שפּאַליערקע״ — דער גיהנום פון לענינגראַד.

## קאַפּיטל 2

# דער ליובאַוויטשער רבי בלאָנדזשעט אין די קאָרידאָרן פון „שפּאַליערקע"

מענטשן לעבן אַמאָל אָפּ אַ גאַנצן לעבן און זיי ליידן ניט אַ טויזנטל פון דעם וואָס דער רבי האָט געליטן אין דער ערשטער נאַכט אין טשעקאַ, אין די עטלעכע שעה פון דער קאַנצעליאַריע ביז ער האָט געקראָגן זיין קאַמער...

ווען די צוויי אידישע טשעקיסטן נחמנסאָן און לולאָוו האָבן איבערגעגעבן דעם רבי׳ן אין די הענט פון אַ וועכטער, האָט דער וועכטער אים גענומען פירן איבער אַ לאַנגן, פינצטערן קאָרידאָר באַלויכטן פון עטלעכע ליכטלעך, וואָס פאַרלירן זיך אין דעם געדיכטן חושך.

פון ביידע זייטן קאָרידאָר אָן אַ שיעור טירן, אַלע פאַרשלאָסן, און באַ יעדער טיר שטייט אַ וועכטער מיט אַ ביקס אין דער רעכטער האַנט, אַ שווערד אויף דער לינקער און אַ שטיקע הענגט אויף זיין רוקן.

דאָס האַרץ פאַלט איין פון שרעק, גייענדיק אין אַזאַ פינצטערער הייל.

דער וועכטער האָט צוגעפירט דעם רבי׳ן צום עק קאָרידאָר און אים אָנגעוויזן אויף אַן אָפענער טיר און געזאָגט:

„גייט אַריין".

דאָס אָפּגעזאָגט, איז דער וועכטער אַוועק, און דער רבי האָט באַמערקט, אַז ניט ווייט פון דער אָפענער טיר איז דאָ נאָך אַ קאָרידאָר.

פאַרטיפט אין שווערע געדאַנקען איז דער רבי אַריין אין דעם קאָרידאָר. דאָ זיינען ניט געווען קיין וועכטער. טירן זיינען געווען פון אַלע זייטן און לאַנגע בענק זיינען געשטאַנען.

דער רבי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און דערפילט זיך אַביסל

גרינגער, זייענדיק איינער אַליין און ניט זעענדיק מער די שטומע וועכטער מיט געווער.

ער האָט שוין געוואוסט, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות. ער האָט דאָך געדאַרפט אַריין אין יענער אָפענער טיר. נאָר גיין צוריק האָט ער שוין ניט געוואָלט. מסתמא איז דאָס דער רצון פון הימל.

באַלד איז אַרויסגעקומען אַ יונגער קריסט פון אַ טיר און ווי ער האָט באַמערקט דעם רבי׳ן, האָט ער אים געפרעגט, וואָס ער טוט דאָ.

— איך וואַרט אויף מיין טלית און תפילין — האָט דער רבי געזאָגט.

— פון וואַנען זייט איר? — האָט דער קריסט געפרעגט.

— פון אַ קליין שטעטל ליובאַוויטש.

— אָ, ליובאַוויטש! — האָט דער קריסט זיך אַ כאַפּ געטאָן — עס איז ניט אַזוי קליין. נאָך אַלס קינד בין איך דאָרט געווען. דאָרט וואוינט אַ סאַדיק (צדיק). ער האָט אַ „כאַטשיק״ (חצר, דעם רבינ׳ס הויף איז באַוואוסט געווען אונטערן נאָמען „חצר״ און די גוים פלעגן זאָגן „כאַטשיק״). איך בין פון דאָרף נוסין. איך פלעג מיטפאָרן מיט מיין פאָטער אויפן יאַריד אין ליובאַוויטש. מיר האָבן אָנגעטרונקען די פערד אין ברונים פון „כאַטשיק״.

וועגן ברונעם פון רבינ׳ס הויף דערציילט מען אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע: אין רבינ׳ס הויף איז געווען אַ ברונעם, און (להבדיל) אין גלחס הויף איז אויך געווען אַ ברונעם. ווען די פויערים פלעגן קומען אין שטאָט, זיינען זיי אַלע געגאַנגען אָנטרינקען זייערע פערד אין רבינ׳ס ברונעם. עס איז געווען אַ ספּעציעלער טויער פאַר די פויערים אַריינצופירן די פערד, זיי זאָלן ניט גיין דורך דעם פאָדערשטן אַריינגאַנג און מאַכן אומריין.

דער גלח האָט די פויערים גאָרניט געוואָלט לאָזן אויף זיין הויף צום ברונעם.

— איך מוז גיין אין קאַנצעליאַריע — האָט דער רבי געזאָגט.

— איך וועל אייך אַריינפירן. אָבער ווי אַזוי קומט איר אַהער?

דער רבי האָט אים געזאָגט, אַז דורך יענעם קאָרידאָר.

דער קריסט איז אויפגעשפּרונגען און געזאָגט בייז:

— דורך יענעם קאָרידאָר! ווער זייט איר? ווי לאַנג וואוינט איר אין לענינגראַד?

— איך בין דער רבי שניאורסאָהן פון ליובאַוויטש. מיט דריי יאָר צוריק בין איך געקומען קיין לענינגראַד.

אָבער ווי קומט איר אין יענעם קאָרידאָר? איר זייט אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנער? וואו האָט מען אייך אַרעסטירט? מען האָט עפּעס געפונען ביי אייך?

— אין הויז, ביים עסן וועטשערע. מען האָט גאָרניט געפונען ביי מיר פערדעכטיקטס.

— אָבער דורך יענעם קאָרידאָר פירט מען נאָר שווערע פאַרברעכער, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן. איר זאָגט ניט דעם אמת. איר האָט מסתמא די ריכטיקע אַרבעט געטאָן. אומזיסט וואָלט מען אייך דורך יענעם קאָרידאָר ניט געפירט. זאָגט דעם אמת, זעמליאַק, אַז ניט וועט זיין ערגער פאַר אייך. היינט האָבן מיר אַ גרויסע שפּע אין אַרעסטאַנטן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן.

דער רבי האָט אים פאַרזיכערט אַז ער האָט אים געזאָגט דעם אמת, אָבער דער קריסט איז געווען איינגעשפּאַרט, אַז עס קאָן ניט זיין.

— איר זאָגט אַ ליגן, זעמליאַק. מען וועט אייך פאַרשפּאַרן אין קאַרצער פאַר זאָגן ליגן. איר זייט אַ שווערער פאַרברעכער, אויב מען האָט אייך געבראַכט דורך יענעם קאָרידאָר.

דער רבי האָט פאַרשטאַנען, אַז די טשעקיסטן האָבן אים געפירט דורך אַ געפערלעכן אַריינגאַנג. דערווייל האָט מען פון אַ צימער אַ רוף געטאָן דעם קריסט, און ווען ער איז אַוועק איז דער רבי אַריין אין קאַנצעליאַריע.

## קאַפּיטל 3

# דער רבי פאַלט אַריין אין די הענט פון ווילדע חיות

צענדליקער מיידלעך זיינען געזעסן, געררויכערט און געשריבן. אַ סך אַרעסטאַנטן זיינען געזעסן און געוואַרט אויף זייער ריי.

אַ מיידל האָט דערלאַנגט דעם רבי'ן אַ פראַגע־בויגן און געהייסן אים שרייבן די ענטפערס. דער רבי האָט געזאָגט, אַז ער וועט ניט אויספילן דעם פאַפּיר. האָט זי געזאָגט, אַז זי וועט דאָס טאָן פאַר אים.

נאָכדעם ווי זי האָט גענומען דעם נאָמען און אַדרעס, האָט זי געפרעגט:

– וואָס איז אייער טיטול?

– פּאָטאָמסטווענּי פּאָטשאָטני גראַזשדאַנין.

– ניטאָ מער באַ אונדז אַזאַ טיטול. וואָס איז אייער באַשעפטיקונג?

– איך לערן תורה, די ג־טלעכע לערע חסידות, און די דינים פון דער אידישער רעליגיע.

– רעליגיע, ג־טלעכע... – האָט דאָס מיידל געמורמלט – דאָס קאָן איך ניט פאַרשרייבן.

זי האָט זיך געווענדט צו אַ העכערן באַאמטן, וואָס איז צוגעקומען. יענער האָט באַטראַכט דעם רבי'ן און געזאָגט:

– איר טאָרט ניט פאַרגעסן, וואו איר זייט. דאָ איז מען געוואוינט, אַז מען זאָל פאָלגן וואָס מען הייסט.

– איך וויל וויסן, צי אַ צוזאָג פון אייערן אַ פאָרשטייער ווערט דאָ געהאַלטן? – האָט דער רבי געפרעגט.

— וואָס מיינט איר, בירגער? — האָט דער באַאַמטער געפרעגט פאַרוואונדערט.

— אייער פאָרשטייער, וואָס האָט מיך אַרעסטירט, האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיר לאָזן דאַוונען און לייגן תפילין, איך בין אַ רעליגיעזער איד, איך וויל מען זאָל מיר לאָזן לייגן תפילין...

— דאָס ווענדט זיך אָן דעם עלטסטן פון דער אָפּטיילונג, וואו איר וועט זיצן.

דער העכערער באַאַמטער האָט געהייסן דער מיידל פאַרשרייבן די ענטפערס, ווי דער רבי האָט געזאָגט, און באַלד האָט דער רבי געקראָגן אַ טורמע־נומער, וואָס הייסט דאָרט „יאַרליק".

זיין נומער איז געווען 26818.

אויב איר ווילט עפּעס איבערגעבן אייער פאַמיליע — האָט די מיידל שטיל געזאָגט — זאָגט מיר. איך וועל איבערגעבן.

דער רבי האָט אָבער חושד געווען אַ פּראָוואָקאַציע, האָט ער גאָרניט געענטפערט.

און עס איז אַ פאַקט, אַז אַ סך זיינען אַריינגעפאַלן, גלויבנדיק, אַז די קאַנצעליאַריע־מיידלעך האָבן אויף זיי רחמנות, און זיי עפּעס געבעטן איבערגעבן דער פאַמיליע. און דאָס איז שפּעטער אויסגענוצט געוואָרן קעגן זיי.

דער רבי האָט באַמערקט אַ זיין פּעקל ליגט אין אַ ווינקל אין קאַנצעליאַריע, נאָר זייענדיק צוטומלט פון די שווערע איבערלעבענישן, האָט ער עס ניט גענומען.

עס איז געווען אַרום 5 אַזייגער פאַרטאָג. די מיידל האָט גענומען די פּאַפּירן און געזאָגט צום רבי׳ן:

— קומט.

זייענדיק אין דרויסן האָט דער רבי זיך דערמאָנט אָן פּעקל און געזאָגט צו דער מיידל, אַז ער וויל גיין עס נעמען.

— דאָס טאָרט איר ניט — האָט די מיידל געזאָגט. איר וועט מוזן דערלאַנגען אַ פּראָשעניע, בעטן דערלויבעניש, סיידן איך זאָל אַריינגיין עס ברענגען. אָבער איך האָב מורא. דאָס הייסט שוין אַרויסווייזן פריינטשאַפט צו אַן אַרעסטאַנט, דערצו נאָך אַזאַ אַרעסטאַנט ווי איר. איר ווערט באַשולדיקט אין אַ שווערן פאַרברעכן, אייער לאַגע איז געפערלעך.

וויל זי אים איבערשרעקן, אָדער איר מענטשלעך געפיל רעדט אין איר? עס איז געווען אַ דערדריקנדיקער מאָמענט. דער קאָפּ האָט אים גענומען דרייען און די אויגן שווינדלען. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט ווי מיט שווערע האַמערס, און ער האָט קוים געקאָנט שטעלן אַ טראָט.

— צוועלף גייסטלעכע האָט מען געבראַכט היינטיקע נאַכט — האָט די מיידל געזאָגט — רוסן, לוטעראַנער, פּאָליאַקן. איר זייט דער איינציקער איד. מען האָט זיי געבראַכט דורך יענעם קאָרידאָר. — און זי האָט אָנגעוויזן אויף דעם קאָרידאָר, דורך וועלכן די אידישע טשעקיסטן האָבן אים געבראַכט. — מען האָט אונדז נאָר געהייסן פאַרשרייבן זייערע נעמען. די, ווי איר, וואָס מען הייסט אויספילן אַ פראַגע־בויגן, דערשיסט מען ניט גלייך, מען מאַכט פריער אַן אויספאָרשונג.

זי האָט געפירט דעם רבי׳ן דורך פאַרשיידענע צימערן און קאָרידאָרן. זיי זיינען צוגעקומען צו אַ דורכגאַנג, וואו דער וועכטער האָט זיי ניט געוואָלט דורכלאָזן, ביז אַ העכערער באַאַמטער איז צוגעקומען.

— וואָס ווילסטו?

איך האָב אַ באַפעל — האָט די מיידל געזאָגט — צו פירן דעם אַרעסטאַנט צום סלעדאָוואַטעל פון דער פערטער אָפּטיילונג.

וואָס דער רבי האָט געפילט אין דער רגע, איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן.

זי האָט דעם רבי׳ן אַריינגעפירט אין אַ צימער, וואו צוויי מענער זיינען געזעסן און געאַרבעט. זי איז צוגעגאַנגען צו איינעם און אַוועקלייגנדיק די פאַפּירן האָט זי געזאָגט.

— איך האָב געבראַכט „יאַרליק 26818“.

— מיינע זאַכן זיינען געבליבן אין קאַנצעליאַריע — האָט דער רבי געזאָגט, — קאָן מען שיקן עמיצן זיי ברענגען?

— מיר האָבן ניט קיין משרתים פאַר אַרעסטאַנטן. וואָס האָט איר פאַר אַ זאַכן? — האָט געפרעגט דער באַאַמטער.

— רעליגיעזע זאַכן. איך וועל באַצאָלן דעם, ווער עס וועט זיי ברענגען.

בורזשויסקע שטיק. באַזאָרגט זיי מיט דינער! איר זייט קראַנק אַליין צו טראָגן אייערע פעקלעך! און רעליגיעזע זאַכן טאָר מען ניט האַלטן אין טורמע. דער נאַטשאַלניק וועט זיי באַ אייך סיי־ווי צונעמען. פאַרגעסט די נאַרישקייטן. געדענקט, איר זייט אַן אַרעסטאַנט.

— איר טאָרט ניט באַליידיקן מיינע רעליגיעזע געפילן! — האָט דער רבי געזאָגט אויפגערעגט. — דאָס געזעץ דערלויבט מיר צו פאָדערן מיינע זאַכן און צו דאַווענען.

ביידע מענער האָבן פאַרוואונדערט אָנגעקוקט דעם אַרעסטאַנט וואָס רעדט אַזוינע דיבורים. און איינער האָט געעפנט אַ טיר און געזאָגט:

— גייט אַריין אָט דאָ. וואַרט ביז מען וועט אייך רופן.

דער רבי איז אַריין. דער מאַן האָט פאַרשלאָסן די טיר. און פלוצלונג איז דעם רבי'ן אַרויף אויפן געדאַנק די פעטראָפּאַוולאָווסקע פעסטונג. דאָרטן איז געזעסן אונטערן צאַר פּאַוועל דער „אַלטער רבי”...

די טיר האָט זיך געעפנט, מען האָט אַריינגערופן דעם רבי'ן. דער באַאַמטער האָט געוויזן אויף אַ פּעקל, און ציטערנדיק פאַר צאָרן האָט ער געפרעגט:

— איז דאָס אייער פּעקל?

— יאָ, (און מיט געבעט) דערלויבט מיר לייגן תפילין אין צווייטן צימער — און דער רבי האָט אַרויסגענומען די תפילין.

דער באַאַמטער איז אויפגעשפרונגען:

— וואָס? איר ווילט דאָ מאַכן אַ סינאַגאָגע! גיט אַהער, וואָס איר האָט, געלט, אַ זייגער, אַליין דערלאַנגט. אויב מען וועט אייך באַפרייען, וועט מען

אייך אַליין אומקערן. און אויב דערשיסן, וועט מען עס איבערגעבן אייער פאַמיליע...

דער רבי האָט אים געגעבן אַ פּראָסטן זייגער און 58 רובל.

עס איז אַריין אַ סאָלדאַט מיט אַ רעוואָלווער אין איין האַנט, און אַ שווערד אויף דער זייט. דער באַאַמטער האָט געזאָגט צו אים:

— אָט האָסטו יאַרליק 26818, פיר אים אין דער זעקסטער אָפּטיילונג. ער איז קראַנק, טראָג זיין פּעקל, לייג אַוועק ס׳געווער. ער וועט ניט אַנטלויפן. מיט איין פינגער קאָנסטו אים צעקוועטשן.

דער רבי האָט דערווייל געהאַט אַריינגעלייגט די תפילין אין קעשענע און נאָכגעגאַנגען דעם סאָלדאַט.

זיי זיינען אַריין אין אַ לאַנגן, פינצטערן קאָרידאָר. דער סאָלדאַט איז געגאַנגען פאָרויס, האָט דער רבי געוואָלט אויסנוצן די עטלעכע מינוט און אָנגעהויבן לייגן תפילין.

דער רבי האָט שוין געהאַט געלייגט די תפילין של יד, האָט דער סאָלדאַט זיך אויסגעדרייט, און דערזעענדיק די תפילין, האָט ער ווי אַ ווילדע חי׳ אַ שפּרונג געטאָן און דערלאַנגט אַ זעץ דעם רבי׳ן.

ער האָט גענומען רייסן די תפילין פון רבי׳ן, און געבנדיק אים נאָך אַ שווערן שטויס איז דער רבי אומגעפאַלן.

אַ ווײַלע איז דער רבי געלעגן פאַרחלשט. דער סאָלדאַט האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן נאַקן און געשלעפּט. פון שטאַרקן, שמערצלעכן דרוק פון סאָלדאַטס האַנט איז דער רבי געקומען צו זיך.

ער האָט דערפילט מוראדיקע יסורים אין גאַנצן קערפּער און פאַלנדיק האָט זיך דער רבי אָנגעשלאָגן אָן אַ שאַרף שפּיציק אייזן און געקראָגן אַ טיפע וואונד.

דער סאָלדאַט האָט צעבלוטיקט דעם רבי׳ן און האָט געשאָלטן און געשריען:

— וואַרט, וואַרט, וועסטו ליגן עטלעכע טעג אין קאַרצער, אין דער

פינסטער, מיט מייז, אין בלאָטע, וועסטו וויסן, אַז אין שפּאַליערקע קאָנסטו ניט מאַכן אַ שול.

דער רבי האָט געדאַרפט גיין אויף טרעפּ, ער האָט אָבער ניט געקאָנט, די שמערצן זיינען געווען אומדערטרעגלעך.

מיט די לעצטע כוחות איז דער רבי אַרויף אויף די טרעפּ. און אַ באַאמטער, וואָס האָט אים געדאַרפט איבערנעמען, האָט אים אונטערגעטריבן:

— די צייט איז טייער, וואָס קריכט איר! אַלטיטשקער, מאַכט עס גיכער!

— יאַרליק 26818 — האָט געזאָגט דער סאָלדאַט.

— כאָראָשאָ! דערלאַנג די סחורה, — האָט געזאָגט דער באַאמטער. — עס איז פריילעך מיט זיי. פּעטראָ! — האָט ער געגעבן אַ רוף.

אַ ווילדער פאַרשוין איז צוגעקומען. דאָס איז געווען פּעטראָ. ער האָט אָפּגעמאָסטן דעם רבי'ן און געזאָגט:

— אָט האָסטו דיר! אַזאַ סחורה האָבן זיי געגומען ברענגען אַהער! אַ פיינער פּאַראַזיט, אַ באַבערדלטער זשיד! קום אַהער, אַלטער, אויף אַן אָביסק. מיר וועלן דיך דאָ אַרומרייניקן. אויף ביינדלעך וועט מען דיך צענעמען.

דער רבי איז צוגעגאַנגען אונטערהינקענדיק.

— הינקט גאָר? — זאָגט די בעסטיע פּעטראָ. — ס'איז דיר ניט געפעלן די שפּאַליערקער לופט? וועלן מיר דיר געבן שמעקן, אַז וועסט גלייך פאַלן אויף דער נאָז, אָ, ווען מיר גיבן אַזעלכע פּאַראַזיטן צו שמעקן, ליגן זיי עטלעכע טעג.

— וואָס ביזטו אַזוי בלאַס? — האָט פּעטראָ ווייטער געפרעגט. — ביזט טאַקע קראַנק, זעט אויס. נו, נאָכן אָביסק מעגסטו שטאַרבן. דאָ איז רואיק, קיינער וועט דיר ניט שטערן. אין הויז באַ דיר וועט קיינער ניט וויסן. דער דאָקטאָר וועט פאַרשרייבן, דער נאַטשאַלניק וועט אַרויפלייגן דעם „פּעטשאַט", און מען וועט דיך אַריינוואַרפן אין גרוב.

דער רבי האָט זיך געבויגן אין דרייען אונטער די גרויסע ווייטיקן. ענדלעך האָט דער באַאַמטער געגעבן אַ געשריי:

— פעטראָ! וואו ביזטו פאַרפאַלן געוואָרן. ברענג אַהער יאַרליק 26818, עס איז מיר מיאוס צו וואַרטן.

פעטראָ האָט צוגעפירט דעם רבי׳ן און געזאָגט:

— דאָס איז דיר אויך סחורה... קוים וואָס ער לעבט.

דער באַאַמטער האָט זיך צעלאַכט.

פעטראָ איז אַרויס און דער באַאַמטער האָט גענומען זוכן אין רבינ׳ס פעקל.

דערביי האָט דער רבי אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס דער באַאַמטער איז געווען פאַרטאָן, און געלייגט תפילין, געזאָגט קריאת־שמע און שוין אָנגעהויבן די שמונה עשרה.

אָבער דאָ האָט דער באַאַמטער געענדיקט דאָס זוכן און זיך אויסגעדרייט. ווי ער האָט דערזען דעם רבי׳ן אָנגעטאָן אין תפילין, איז אים דער פרצוף פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט... ווי אַ חי׳ איז ער אַרויפגעשפרונגען אויפ׳ן רבי׳ן און מיטביידע הענט גענומען רייסן דעם של ראש, שרייענדיק:

— זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ! איך וועל דיך אַריינזעצן אין קאַרצער! איך וועל דיר דעם פּנים צעפּראַסקען, אַך דו טייוול!

דער רבי האָט אָפּגעלייגט די תפילין, און דער באַאַמטער האָט געשריען:

— אָ, וועסט סיי־ווי באַלד שטאַרבן! דיין בלייך פּנים, די שוואַרצע ליפּן זיינען דער בעסטער באַווייז, אַז מיר וועלן דיך דאָ לאַנג ניט האָבן. זאָג, אויף וואָס ביסטו קראַנק?

דער רבי האָט ניט געענטפערט קיין וואָרט. ער האָט געזען, אַז זייער בעסטער פאַרגעניגן איז צו פייניקן זייערע קרבנות.

ווי די קאַניבאַלן אין די אַפריקאַנער ווילדענישן, וואָס טאַנצן אַרום

זייער קרבן, איידער זיי בראָטן אים און פרעסן זיין פלייש, אַזוי מאַטערן די טשעקיסטן די, וואָס פאַלן אַריין אין זייערע הענט.

אין די הענט פון די ווילדע חיות, וואָס שרייען „זשיד באַראַדאַטי!", „זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ!" — אין זייערע הענט האָבן אידישע טשעקיסטן איבערגעגעבן זייער רבי׳ן...

פעטראָ איז צוגעקומען און געזאָגט:

— צו וואָס זיך אַזוי פיל מיען אַרום אים? מער ווי אַ טאָג צוויי וועט ער סיי־ווי ניט ציען — לאָמיך אים נעמען „נאַ ראַסכאָד" (אויף דערשיסן), איין פילולקע און פאַרטיק.

— דאָס געהערט צו נאַטשאַלסטוואָ — האָט דער באַאַמטער געזאָגט. — אויב עס וועט קומען אַ פּריקאַז אַרויסצוגעבן די סחורה אויף „ראַסכאָד", וועלן מיר אים שיסן.

דער באַאַמטער האָט צוגענומען די תפילין, און דעם רבינ׳ס געבעט האָט ניט געהאָלפן.

פעטראָ האָט גענומען פירן דעם רבי׳ן אין קאַמער. אויפן וועג האָט ער אים דערציילט געשיכטעס, איינע שרעקלעכער פון דער אַנדערער. ווי ער האָט אַריינגעוואָרפן אַ סך דערשאָסענע אין גרוב, ווי איינער האָט נאָך געזשיפּעט, האָט ער אים דערלאַנגט עטלעכע קלעפּ, ביז ער האָט אויסגעהויכט דעם אָטעם.

— דיר דאַרף מען אייגנטלעך, געבן אַ באַזונדער קאַמער. ביזט דאָך כמעט אַ טויטער, קומט דיר אַ באַזונדער קאַמער.

לעבן אַן אייזערנער טיר, נומער 160, האָט פעטראָ זיך אָפּגעשטעלט אויפגעשלאָסן צוויי שלעסער און געזאָגט:

— אָט איז די קאַמער.

ווילד האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם רבי׳ן מיטביידע הענט און אַריינגעשליידערט אין קאַמער.

דער רבי האָט דערפילט אַ פרישן ווייטיק פון פּעטראָס ברוטאַלן שטויס.

נאָר אַז פּעטראָ האָט פאַרשלאָסן די טיר און איז אַוועק, האָט דער רבי זיך דערפילט דערלייכטערט. די חי' האָט אים אויפגעהערט צו פייניקן.

## קאַפּיטל 4

# דער רבי דערקלערט אַ הונגער־שטרייק אויב מען וועט אים ניט אָפּגעבן די תפילין

זעקס אַזייגער אינדערפרי, מיטוואָך, דעם פופצנטן סיון, איז דער ליובאַוויטשער רבי ענדלעך אַריין אין זיין קאַמער נומער 160, אין דער שפּאַליערקע, די שרעקלעכע טשעקאַ־טורמע אין לענינגראַד.

נאָך אַ לאַנגער, ווילדער גלות־נאַכט פון אומגעוויינלעכע פּיין און מאַטערנישן איז דער ליובאַוויטשער רבי נישט געווען איינגעבראָכן.

פּעסט האָט דער רבי געשטעלט זיין איינציקע פאָדערונג:

די תפילין!

מען זאָל אים געבן די תפילין.

די קאַמער, וואָס דער רבי האָט געקראָגן, איז געווען אַן איינצל־קאַמער. נאָר אַזוי ווי עס איז נישט געווען גענוג אָרט אין שפּאַליערקע פאַר אַלע אַרעסטאַנטן וואָס מען האָט אַריינגעוואָרפן, זיינען אין דער זעלביקער קאַמער געזעסן נאָך דריי אַרעסטאַנטן — צוויי אידן און איין קריסט.

זיי האָבן אויפגענומען דעם רבי'ן מיט גרויס רעספּעקט און זיך ענגער צוזאַמענגערוקט, עס זאָל זיין מער אָרט פאַרן רבי'ן.

דער וועכטער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, געעפנט דאָס קליינע פענסטערל און אַריינגערעדט:

— הונדערט דרייסיק שטיק האָט מען היינט דערשאָסן אין קעלער.

צי דאָס איז געווען אמת צי נישט — אַ פחד האָט עס געוואָרפן אויף די אַרעסטאַנטן.

און עס איז געווען די טאַקטיק זייערע אָנצושרעקן די אַרעסטאַנטן,

אַפילו די, וואָס זיינען ניט געווען באַשטימט צום דערשיסן.

די „מענטשלעכקייט" און „גוטהאַרציקייט" פון די וועכטער זיינען באַלד ווידער באַוויזן געוואָרן אין דעם דאָזיקן פאַקט:

איינער פון די אַרעסטאַנטן האָט געבעטן ביים וועכטער נאָך אַביסל געקאָכט וואַסער.

האָט אים דער וועכטער געזאָגט אַזוי:

— וואָס דאַרפסטו קאָרמען דיין גוף, אַז מען וועט דיך סיי־ווי באַלד דערשיסן...

דאָס איז געווען גענוג אַז אַ ריז זאָל צוזאַמענברעכן.

דער רבי האָט פאַרלאַנגט עס זאָל אַריינקומען אַ פאָרשטייער פון דער טורמע־פאַרוואַלטונג. און נאָך אַ לאַנג וואַרטן איז אַריינגעקומען איינער פון די העכערע באַאַמטע.

— וואָס ווילט איר?

— איך וויל מיינע תפילין און אַ דאָקטאָר, איך בין קראַנק, בין פאַרוואונדעט, וויל איך אַ דאָקטאָר.

— היינט איז מיטוואָך. איר קאָנט היינט נישט קריגן קיין דאָקטאָר — האָט געזאָגט דער באַאַמטער פון דער טשעקאַ־טורמע — דער דאָקטאָר וועט קומען מאָנטיק, וועט ער אייך דעמאָלט זען.

שטייט אַ קראַנקער, אַ פאַרוואונדעטער, זיין בלוט פון דער פרישער וואונד איז נאָך נישט איינגעטריקנט און ער בעט אַ דאָקטאָר. עס איז מיטוואָך, זאָגט דער טשעקיסט, ער זאָל וואַרטן ביז מאָנטיק. ערשט דעמאָלט וועט ער קריגן אַ דאָקטאָר.

זעקס טעג דאַרף וואַרטן דער קראַנקער, אַ דאָקטאָר זאָל אים קומען זען.

אָט וויפיל עס איז ווערט אַ לעבן ביי דער טשעקאַ.

— און וואָס איז וועגן די תפילין? — האָט דער רבי געפרעגט.

— אַט די נאַרישקייטן שלאָגט אייך אַרויס פון קאָפּ. איר וועט דאָס ניט קריגן.

— דערקלער איך אַ הונגער־שטרייק — האָט דער רבי געזאָגט רואיק און פעסט — איך וועל ניט עסן, קיין טראָפּן וואַסער וועט נישט קומען אין מויל אַריין, ביז איר וועט מיר נישט אומקערן די תפילין.

— איר מעגט הונגערן וויפיל איר ווילט, אַזוי לאַנג ווי די כוחות וועלן אייך סטייען — האָט געזאָגט דער טשעקיסט.

אין טורמע־קאַמער איז געווען אַ קראַן מיט קאַלט וואַסער. קאָנען דאָך די טשעקיסטן זאָגן, אַז דער רבי האָט נישט אויסגעפירט דעם הונגער־שטרייק, ער האָט געטרונקען וואַסער פון קראַן. האָט דער רבי געזאָגט צום טשעקיסט:

— איר קאָנט נישט אָפּשליסן דאָס וואַסער, די מענטשן דאַרפן טרינקען. איך וויל אָבער, אַז איר זאָלט וויסן אַז די דריי מענטשן, וואָס זיצן אין דער קאַמער מיט מיר, וועלן זיין מיינע עדות, אַז איך וועל זיך צום וואַסער נישט צורירן, ביז איר וועט מיר אָפּגעבן די תפילין.

און דערמיט איז דער טשעקיסטישער באַאַמטער אַרויס פון קאַמער.

דער רבי האָט זיך געשטעלט דאַווענען, און געדאַוונט הויך אויפן קול, מיט דעם ליובאַוויטשער ניגון.

אָן טלית און תפילין, אָבער מיט דעם אַלטן ניגון.

שטיל און אָן באַוועגונג, פאַרגאַפטע, זיינען געזעסן די דריי מיט־אַרעסטאַנטן, די צוויי אידן און דער קריסט, און זיך איינגעהערט.

דער וועכטער האָט זיך געבייזערט, געשאָלטן. דער רבי האָט זיך אָבער נישט גערעכנט מיט אים. די טורמע מיט אירע אַלע שרעקן זיינען פאַרשוואונדן פאַר אים, — ער האָט געדאַוונט ווייטער מיט דעם אַלטן ליובאַוויטשער ניגון, וואָס מיליאָנען חסידים זינגען אים איבער אַ יאָרהונדערט.

נאָכן דאַוונען האָט דער רבי זיך אַוועקגעזעצט און געזאָגט תורה פאַר די צוויי אידישע אַרעסטאַנטן.

זיי האָבן געהערט. זייערע פינצטערע אויגן, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך די שרעק פון טויט, זיינען געוואָרן ליכטיקער.

און דער אַרעסטאַנט, דער גוי, ער האָט זיך אויך איינגעהערט.

אַ פראָסטער גוי איז ער געווען, אָרעם איז געווען זיין שפּראַך, שרייבן האָט ער אַפילו נישט געקענט, איז ער עפּעס געוואָרן אומרואיק, און אַז דער רבי האָט געענדיקט זאָגן תורה, האָט ער, דער גוי, זיך געדרייט אויף אַלע זייטן, און פּלוצלונג אויסגעשאָסן:

— איך בין געזעסן אין קאַרצער!

אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן און ווידער אָנגעהויבן ריידן:

— פאַר גאָרנישט בין איך געזעסן אין קאַרצער.

ווידער אַ פּויזע. און ער רעדט ווייטער:

— איך בין אַליין געזעסן אין קאַמער. די ערשטע נאַכט. נישט געוואוסט די געזעצן פון טורמע. מען האָט אויסגערופן — „שלאָפן!" כ'האָב אָבער נישט געקאָנט שלאָפן. בין איך געזעסן און געטראַכט. שרייט דער וועכטער — שלאָפן! זאָג איך: כ'קאָן ניט שלאָפן. קומט אַריין דער וועכטער און הייסט מיר אַרויסגיין. גיי איך. ער גייט פאָראויס, איך — נאָך אים. ער גייט אַראָפּ טרעפּ, איך — נאָך אים. אַזוי, איך שטיי שוין אין קעלער. עפנט ער אַ טיר און זאָגט, כ'זאָל אַריינגיין, גיי איך. און ער פאַרשליסט די טיר.

דער גוי האָט אַ ציטער געטאָן און גערעדט ווייטער.

— איך שטעל אַ טראָט און קריך אַריין אין אַ בלאָטע, אַ טיפע בלאָטע. ס'איז פינצטער, די לופט — דערשטיקט צו ווערן. צינד איך אָן אַ שוועבעלע. איך זע אַ קליינע קאַמער. די ווענט — פיטש נאַס. עס גיסט זיך וואַסער, פּעט ווי אייל, און ווערים קריכן אַזוי פיל. לאַנגע, ווייסע, שוואַרצע ווערים. און אָט שפּרינגען מייז, ראַצן, זיי שפּרינגען אויף מיר. זיי קוויטשען, און איך, די כוחות לאָזן מיר זיך אויס. די שוועבעלעך אַלע אויסגעריבן. פינצטער. די מייז, די ראַצן, שפּרינגען אויף מיר. איך שפּרינג, וויל אַנטלויפן פון זיי, און כ'שפּרינג אין בלאָטע. קריך אַלץ טיפער אין בלאָטע.

אַ נאַכט אַ גאַנצע, צוויי אַזוי, און אַ טאָג אַ גאַנצן אַזוי. ס׳ווילט זיך ניט עסן. רויכערן ווילט זיך נישט. נאָר שטאַרבן ווילט זיך.

און אָט עפנט זיך די טיר — גייט אָן דער גוי מיט דער קאַרצער־געשיכטע — קום אַהער! — שרייט דער נאַטשאַלניק. כ׳טאָפּטשע אין בלאָטע, זע אָבער נישט צו גיין. און איך זאָג: איך זע נישט.

און דער נאַטשאַלניק האָט דערלאַנגט ליכט, און איך ציטער. דאָס פירט ער מיך דערשיסן. אָבער איך גיי אַרויס.

— איצט — זאָגט דער נאַטשאַלניק — וועסטו וויסן, אַז מען מוז פאָלגן נאַטשאַלסטווע. ווילסט שלאָפן, האַ?

— יאָ, וואַשע בלאַגאָראָדיע! — זאָג איך.

און אָט דערלאַנגט ער מיר אַ פּאַטש אין צורה. איך ווייס נישט פאַרוואָס. און ער שרייט.

— וואָס פאַר אַ „בלאַגאָראָדיע״ בין איך דיר, דו מערזאַוועץ, משרת פון די ווייסע, שפּיאָן! כ׳פיר דיר צוריק אין קאַרצער אויף דריי מעת־לעת.

דאָ הויב איך אָן וויינען: כ׳וועל פאָלגן, האָספּאָדין נאַטשאַלניק!

און ווידער דערלאַנגט ער מיר אַ פלעם אין צורה, דריי מאָל דערלאַנגט, ציין אויסגעהאַקט, בלוט גיסט זיך, טוט וויי, שטאַרק וויי, איך שטיי אָבער מיט רעספּעקט, ווי מען דאַרף שטיין פאַר נאַטשאַלסטווע. בין געווען אַ סאָלדאַט. דעם צאַר געדינט פיר יאָר. געווען אויף דער יאַפּאַנישער מלחמה. געזען גענעראַלן. כ׳ווייס וואָס איז אָרדענונג. דיסציפּלין. כאָטש פייגער, אָבער דיסציפּלין איז דיסציפּלין.

— וואָס פאַר אַ האָספּאָדין בין איך דיר! נישטאָ מער האָספּאָדאַ, טאָוואַרישטש דאַרף מען רופן. איצט זיינען אַלע טאָוואַרישטשעס.

— נו, כאַראָשאָ — איך וועל פאָלגן — זאָג איך — טאָוואַרישטש.

אַז ער דערלאַנגט מיר ווידער אין מאָרדע, איבערן קאָפּ, די זייטן שלאָגט ער מיט די קולאַקעס, שרייט:

– וואָס בין איך דיר פאַר אַ טאָוואַרישטש! דו זאָג טאָוואַרישטש נאַטשאַלניק. ביסט אַן אַרעסטאַנט, איך – דיין נאַטשאַלניק.

די ציין טוען וויי, די זייטן ברעכן, איך וויל שלאָפן, כ׳וויל רויכערן, און כ׳האָב מורא ער וועט מיך שיסן, וועט נאָך ערגער זיין.

דער גוי איז שטיל געוואָרן. אויפגעהערט ריידן.

און די נאַכט, צי פריער, האָבן דאָס די טשעקיסטן אַלע ווײלע געסטראַשעט דעם רבי׳ן אַריינצוזעצן אין קאַרצער...

## קאַפּיטל 5

# שפּאַליערקע, טויט־שטראָף און „ויתן לך" מיט דעם ליובאַוויטשער ניגון

די רייד פון גוי האָבן געמאַכט אַ שווערן איינדרוק אויפן רבי'ן. ער האָט אָבער פאַרטריבן פון זיך די שרעק, און גענומען שרייבן.

דער רבי האָט נישט געהאַט קיין פּאַפּיר, אַ בלייַשטיפט — יאָ. האָט דער רבי גענומען די מונדשטוקן פון די אויסגערויכערטע פּאַפּיראָסן, און געשריבן אויף זיי.

איבער הונדערט פּאַפּיראָסן האָט דער רבי געהאַט, האָט ער געשריבן אויף די מונדשטוקן. געשריבן תורה, געדאַנקען און דערינערונגען.

זיצט זיך דער רבי און שרייבט, פּלוצלונג עפנט זיך די טיר. ווי אַ ווילדער בער שפּרינגט אַריין דער וועכטער און וואַרפט זיך אויפן רבי'ן מיטביידע קולאַקעס. ער גיט אַ העפטיקן שטויס דעם רבי'ן און לאָזט זיך פונאַנדער מיט עכטע רוסישע קללות:

— וואָס פאַר אַ געהיימע ווערק שרייבט ער דאָ! מען טאָר נישט האַלטן קיין בלייפעדער אין קאַמער!

ער האָט גראָב אַרויסגעריסן די בלייפעדער פון רבינ'ס האַנט און שעלטנדיק נידערטרעכטיק איז ער אַרויס פון קאַמער.

יעדעס מאָל, ווען די אַרעסטאַנטן האָבן געקראָגן עסן, האָט דער רבי זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען; און יעדעס מאָל געמאַכט די דערקלערונג:

— איך פיר אַ הונגער־שטרייק. ביז איך וועל נישט קריגן די תפילין, וועל איך גאָר נישט נעמען אין מויל אַריין.

אַזוי איז אַוועק מיטוואָך און אַזוי איז אַריבער דאָנערשטיק. צוויי מעת־

לעת האָט דער רבי נישט געהאַט אין מויל, אַפילו נישט אַ טראָפּן קאַלט וואַסער.

דאָנערשטיק ביינאַכט איז דער רבי גענומען געוואָרן אויף אַ פאַרהער, אַן אויספאָרשונג. שעהן לאַנג האָט זיך געצויגן דער פאַרהער און דער רבי איז צוריקגעבראַכט געוואָרן אין קאַמער. ער האָט נאָך אַלץ די תפילין נישט געקראָגן.

און ער האָט ווייטער געפירט דעם הונגער־שטרייק.

ביז פרייטיק נאָכמיטאָג. פון דינסטיק צוועלף ביינאַכט ביז פרייטיק פאַרנאַכט האָט דער רבי גאָרנישט טועם געווען, געהונגערט. פרייטיק פאַרנאַכט האָט דער רבי געקראָגן די תפילין און די ספרים, וואָס ער האָט מיטגענומען. אַ אידישער טשעקיסט האָט זיי געבראַכט דעם רבי'ן, און דער רבי האָט געזאָגט צו אים אַזוי:

— איך וועל די טורמע־שפּייז נישט עסן. איך וועל נאָר עסן, וואָס מען וועט מיר שיקן פון הויז. זאָל עס זיין בלויז ברויט. אָבער נאָר פון מיין הויז מיט אַ סימן פון הויזגעזינד. איך וועל נעמען הייס וואַסער פון טורמע, אויב איר וועט מיר ווייזן אַז דאָס וואַסער קומט פון אַ קעסל, נישט פון אַ טאָפּ.

דער טשעקיסט האָט זיך אָנגעצונדן און געשריען:

— אפשר ווילט איר אויך אונדז געבן אַ הכשר אויף דער טורמע־קיך!

דער רבי האָט איגנאָרירט זיין וויץ און געענטפערט ערנסט:

— איך בין נישט קיין רב. איך גיב נישט קיין הכשרים.

און גלייך האָט דער רבי געלייגט די תפילין.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און דער וועכטער האָט אַריינגעבראַכט דעם רבי'ן דריי חלות, דער רבי זאָל קאָנען האָבן „לחם משנה" (צוויי חלות אויף המוציא פרייטיק צו נאַכט און צוויי שבת אינדערפרי).

און דאָס איז געווען אַ זעלטענער אויסנאַם. ווען מען ברענגט אַריין אַ

חלה אָדער אַ ברויט אין טורמע פאַר אַן אַרעסטאַנט, ווערט עס פריער צעשניטן אויף שטיקלעך, מען זאָל נישט אַריינשמוגלען עפּעס אין ברויט צום אַרעסטאַנט.

דער רבי האָט געקראָגן די חלות גאַנצערהייט. דאָס איז געווען אַ פּריווילעגיע, אַ באַזונדערער רעספּעקט.

און דער וועכטער האָט זיך אויך געענדערט. ער האָט זיך שוין באַצויגן מיט גרויס רעספּעקט צום רבי׳ן.

און די ערשטע שבתדיקע סעודה אין דער טשעקאַ־טורמע האָט דער רבי געפּראַוועט מיט אַ שטיקל חלה און אַביסל קאַלט וואַסער פון קראַן.

דער רבי האָט אָבער געמאַכט קידוש און המוציא אויפן קול, מיט דעם ריכטיקן ניגון, אין שפּאַליערקע, די שרעקלעכע טשעקאַ־טורמע.

ווי ווייט דער וועכטער האָט געענדערט זיין באַציאונג צום רבי׳ן קאָן מען זען פון פאָלגנדיקן פאַקט:

דער רבי האָט נישט געהאַט קיין זייגער, און ער האָט נישט געוואוסט ווי שפּעט עס איז. אין טורמע ווייסט מען די צייט לויט די מאָלצייטן, וואָס מען דערלאַנגט. ווען ס׳איז אָבער דער זמן מעריב (די צייט צו דאַווענען מעריב) אין טורמע, האָט דער רבי, אָן אַ זייגער, נישט געקאָנט וויסן.

דעמאָלט איז אין לענינגראַד געווען די צייט פון מעריב צען מיט פינף און דרייסיק מינוט אין אָוונט, האָט דער רבי געבעטן דעם וועכטער, אַז עס וועט זיין צען פינף און דרייסיק, זאָל ער אים געבן אַ קלאַפּ אין טיר. וועט דער רבי וויסן, ווי שפּעט עס איז. און דער וועכטער האָט עס געטאָן שפּעטער יעדן אָוונט ביז דער רבי איז אַרויס פון טורמע.

און דעם ערשטן שבת־צו־נאַכט אין טורמע האָט דער וועכטער געגעבן דעם רבי׳ן צוויי שוועבעלעך, ער זאָל קאָנען מאַכן „בורא מאורי האש״.

און מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אין טורמע איז איין שוועבעלע אויך

אַ וויכטיקער ענין, כמעט אַ פאַרמעגן. און דער וועכטער האָט דעם רבי׳ן געגעבן צוויי שוועבעלעך אויף „בורא מאורי האש״.

און דעם ערשטן שבת־צו־נאַכט אין שפּאַליערקע האָט דער ליובאַוויטשער רבי געזאָגט הויך אויפן קול „ויתן לך״.

ס׳איז געהאַנגען איבער זיין קאָפּ דער אורטייל פון טויט־שטראָף: די טשעקאַ־ביקס האָט געצילט אין זיין האַרצן.

שפּאַליערקע, טויט־שטראָף און —

ויתן לך...

מיט דעם ליובאַוויטשער ניגון.

## קאַפּיטל 6

# אַ זון פון אַ ליובאַוויטשער חסיד איז מודיע דעם רבי'ן אַז מען וועט אים דערשיסן אין 24 שעה

און אויף דעם ערשטן פאַרהער, ווי געזאָגט, איז דער רבי אַרויסגערופן געוואָרן דאָנערשטיק, צען אַזייגער אין אָוונט.

צוויי מעת־לעת האָט דער רבי גאָרנישט געהאַט אין מויל. ער האָט נאָך נישט געהאַט די תפילין, וואָס די טשעקאַ־נאַטשאַלניקעס האָבן דינסטיק ביינאַכט צוגענומען פון אים. און דער רבי האָט דערקלערט אַ הונגער־שטרייק, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז פרייטיק פאַרנאַכט.

קראַנק, מיד און צעבראָכן פון די פּיין און יסורים, אָפּגעשוואַכט און אויסגעמאַטערט פון די באַליידיקונגען, לעסטערונגען און קלעפּ, אָן כוחות נאָך צוויי מעת־לעת הונגער, אָן אַ טראָפּן וואַסער אין מויל, איז דער רבי גענומען געוואָרן אויף דעם ערשטן פאַרהער.

די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון דריי סלעדאָוואַ־טעלעס: צוויי רוסן און איין איד.

איינער פון די רוסן איז געווען דער פאָרזיצער און זיין נאָמען איז געווען דעכטעריעוו.

דער אידישער אויספאָרשער איז געווען דער אַלט־באַקאַנטער לולאָוו, דער יונגער דריי־און־צוואַנציק יעריקער טשעקיסט, אַן אייניקל פון אַ באַוואוסטן ליובאַוויטשער חסיד.

דער רבי איז אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ גרויסן צימער. די ווענט זיינען געווען פון דינע „פאַניער"־ברעטלעך און פול מיט טרובקעס.

אויף די דאָזיקע ווענט קאָן מען זאָגן דאָס באַקאַנטע ווערטל:

ווענט האָבן אויערן.

די „טרובקעס" אין די ווענט האָבן אַריבערגעטראָגן אַלע רייד, וואָס זיינען גערעדט געוואָרן אויף דעם פאַרהער, אין די שכנותדיקע צימערן אַריין.

זיי זיינען די אויערן, וואָס כאַפּן אויף יעדעס וואָרט פאַר די דערנעבנדיקע צימערן.

ס'איז קיין ספק ניט, אַז טשעקיסטן זיצן אין די דערנעבנדיקע צימערן און הערן זיך איין, און „נעמען אַראָפּ" יעדעס וואָרט וואָס דער אַרעסטאַנט רעדט אַרויס.

די אויספאָרשער, און באַזונדערש לולאָוו, האָבן אויפגענומען גאַנץ גראָב דעם רבי'ן. זיי האָבן זיך געוויצלט, געמאַכט ס'געשפּאָט פון אים.

די טשעקיסטן האָבן זיך איבערגעקוקט פאַרוואונדערט און לולאָוו האָט אויפגעהויבן די פויסט און געזאָגט:

— איר זעט, אָט מיט דער האַנט שיס איך... ניין יאָר שיס איך קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן. מיר וועלן זיי אויסראָטן ביזן לעצטן.

לולאָוו האָט ווידער געביטן זיין ערנסטן טאָן און אָנגעהויבן מאַכן חוזק.

דאָס האָט ער געטאָן אויפן חשבון פון רבינ'ס פאָדערונג, מען זאָל אים אומקערן די תפילין.

דער רבי האָט אַ דערצאָרנטער געגעבן אַ געשריי:

— מנובל!

ענדלעך זיינען די די טשעקאַ־סלעדאָוואַטעלעס געוואָרן ערנסט. זיי האָבן מיט אַ שטרענגער, אָנשרעקנדיקער שטימע אויסגערעכנט דאָס צעטל חטאים, און פאַרברעכנס, פאַר וועלכע ער איז אַרעסטירט:

— איר ווערט באַשולדיקט — האָבן די אויספאָרשער געזאָגט — אין שטיצן די רעאַקציע אין ראַטן־לאַנד. איר ווערט באַשולדיקט, אַז איר זייט אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער. איר זייט אַ גרויסע אויטאָריטעט ביי די רעליגיעזע אידן פון ראַטן־לאַנד. איר האָט אויף זיי אַ גרויסן איינפלוס. איר האָט אויך אַ השפעה אויף אַ טייל פון דער אידישער אינטעליגענץ אין

לאַנד און דער עיקר, האָט איר גרויס איינפלוס אויף דער אַמעריקאַנער בורזשואַזיע. איר זייט אַ אידישער פירער. איר הערשט אויף די פרומע אידן.

— איר האָט אויסגענוצט אייער איינפלוס — האָבן די טשעקיסטן ווייטער באַשולדיקט — צו שאַפן אין ראַטן־לאַנד אַ גרויסע און ברייטע נעץ פון חדרים און ישיבות. מיט אייער אויטאָריטעט האָט איר אַרויפגעלייגט שטייערן אויף די רעליגיעזע אידן אויסצוהאַלטן חדרים, ישיבות און אַנדערע סאָרטן רעליגיעזע אינסטיטוציעס. איר פירט אַן אומגעהויער גרויסע קאָרעספּאָנדענץ מיט אויסלאַנד. איר קריגט טויזנטער בריוו פון אַלע עקן וועלט. איר פירט אַ געהיימע קאָרעספּאָנדענץ וועגן ראַטן־רוסלאַנד דורך אויסלענדישע מיסיעס. איר קריגט גרויסע סומעס געלט פון אויסלאַנד און איר באַנוצט עס צו פאַרשטאַרקן די אידישע רעליגיע אין ססטר (עס־עס־עס־ער).

די אויספאָרשער האָבן אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ פעקל בריוו און געזאָגט:

— אָט איז אַ פאַרדעכטיק פעקל בריוו, וואָס איר האָט געקראָגן פון פּראָפעסאָר באַרטשענקאָ. די בריוו זיינען פול מיט אַ מיסטישן אינהאַלט. וואָסערע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פאַרבינדונגען האָט איר מיט דעם פּראָפעסאָר?

געלאַסן האָט דער רבי געענטפערט:

— איך וועל נישט לייקענען, אַז אידן האַלטן מיך פאַר אַן אויטאָריטעט. איך בין אָבער גאָרנישט שולדיק אין דעם. איך צווינג נישט אַרויף אויף קיינעם מיין אויטאָריטעט. איך האָב קיינמאָל נישט באַנוצט מיין אויטאָריטעט צו טאָן קעגן די אינטערעסן פון ראַטן־לאַנד.

— ס'איז ניט אמת, אַז איך בין דער פירער פון די אידן און אַוודאי איז נישט אמת, אַז איך הערש איבער זיי. דער וועג פון חסידות ווייסט ניט פון אַ פירערשאַפט, וואָס באַדייט הערשן אָדער געוועלטיקן. פירערשאַפט ביי חסידים, לויט חסידות, מיינט צו זיין מאָראַליש הויך, צו שטרעבן און קומען צו גייסטיקער שלמות, גייסטיקער פולקאָמענקייט; און אַנדערע זאָלן זיך

אָפּלערנען און גיין אויפן זעלביקן וועג. עס מיינט צו זיין גוט און פרום, אַז אַנדערע זאָלן זיך אָפּלערנען און אויך זיין גוט און פרום. צו זיין אַ מוסטער פאַר אַנדערע.

— אָבער דאָס ווערט דערגרייכט נישט דורך צוואַנג. נישט דורך מאַכט, נאָר דורך דעם אייגענעם פרייען ווילן, חסידים לערנען פרייוויליק פון זייער רבי׳ן, פון זייער פירער...

— מיין אויפגאַבע איז, אַז די וואָס ווילן זיין אידן, זאָלן בלייבן אידן. טאָמער וויל איינער זיין אַ גוי, מיש איך זיך נישט.

— אַלץ איז פרייוויליק. וואָס פאַר אַ זינד איז דאָ אין דעם?

דער רבי האָט געגעבן אַ דערקלערונג וועגן חסידות. וואָס איז חסידות? די רוסישע אויספאָרשער האָבן דאָס געפאָדערט און דער אידישער טשעקיסט לולאָוו האָט איבערגעזעצט די דערקלערונגען.

מיט הונדערט און דרייסיק יאָר צוריק האָט דעם רבינ׳ס עלטער־זיידע, ר׳ שניאור זלמן, געגעבן דערקלערונגען וועגן חסידות צו צאַר פאַוועל׳ס מיניסטאָרן.

מיט זיבן און אַכציק יאָר צוריק האָט זיין עלטער־זיידע, דער צמח צדק, געגעבן דערקלערונגען וועגן חסידות צו ניקאָלאַי דעם ערשטנס מיניסטער. און איצט האָט דער היינטיקער ליובאַוויטשער רבי געמוזט געבן דערקלערונגען וועגן חסידות די טשעקיסטן, און איינער פון זיי איז אַן איניקל פון אַ באַוואוסטן חסיד:

דער רבי האָט ווייטער געענטפערט אויף די באַשולדיקונגען:

— איך האָב קיינמאָל ניט אַרויפגעלייגט אויף קיינעם קיין שטייערן. איך האָב נאָר דערקלערט, אַז אידן מוזן לערנען תורה. און אַז אידן האַלטן, אַז מען מוז לערנען תורה, שאַפן זיי חדרים און ישיבות.

— אין ראַטן־רוסלאַנד איז נישטאָ קיין געזעץ וואָס זאָל פאַרווערן חדרים און ישיבות. „ס׳איז קיינמאָל נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן אין סססר אַן אָפיציעלער דעקרעט, וואָס פאַרווערט רעליגיעזע לערן־אַנשטאַלטן״. אַזוי האָט דערקלערט קרילענקאָ, דער הויפּט־פּראָקוראָר פון ראַטן־רוסלאַנד.

— וועמען זאָל איך פאָלגן? קרילענקאָן אָדער לולאָוון?

— אַלע מיינע רייד און מעשים זיינען נישט קעגן די געזעצן פון דער ראַטן־מאַכט. אויב מיינע רייד, אַז מען מוז לערנען תורה, האָבן אַ ווירקונג, און די קרובים פון אַמעריקע, וואָס שיקן שטיצע צו זייערע אייגענע אין סאָוועט־רוסלאַנד, שיקן צו אַן עקסטראַ דאָלאַר, אַז זייער ברודערס קינד זאָל קאָנען לערנען, ווערט דערמיט נישט געטאָן דער מינדסטער שאָדן צו ראַטן־מאַכט. עס קומט נאָך אַרויס אַ טובה. עס קומט אַריין אין דער מדינה מער געלט פון אויסלאַנד.

דער רבי האָט אויך אויפגעקלערט די געשיכטע פון דער „מיסטישער קאָרעספּאָנדענץ" מיט פּראָפעסאָר באַרטשענקאָ.

— פּראָפעסאָר באַרטשענקאָ האָט גענומען שטודירן קבלה. און ער וויל אויסגעפינען, ווי ער זאָגט, דעם סוד פון „מגן דוד". דער פּראָפעסאָר גלייבט, אַז אין „מגן דוד" זיינען פאַרבאָרגן וויכטיקע טיפע סודות. ער איז איבערצייגט, אַז ווען מען זאָל אַנטפּלעקן דעם סוד פון „מגן דוד", וואָלט מען געקאָנט בויען און חרוב מאַכן וועלטן.

מיט פינף יאָר צוריק, סוכות 1924, איז דער פּראָפעסאָר געקומען צום רבי'ן, ווי צו אַ מקובל, און געבעטן דעם רבי'ן ער זאָל אים אויסזאָגן דעם סוד פון „מגן דוד".

דער רבי האָט דערקלערט דעם פּראָפעסאָר, אַז די גאַנצע זאַך, וואָס ער האָט זיך גענומען אין קאָפּ אַריין, איז נישט מער ווי אַ פאַנטאַזיע. חסידות ווייסט נישט פון קיין סודות, אָדער געהיימע קרעפטן פון „מגן דוד".

דער פּראָפעסאָר איז אַוועקגעפאָרן מיט ליידיקן. ער רוט אָבער נישט און לאָזט דעם רבי'ן נישט צורו, ער האַלט אין איין פאַרוואַרפן אים מיט בריוו און בעט אים, ער זאָל אים אַנטפּלעקן די סודות פון „מגן דוד".

אָט דאָס איז די „פאַרדעכטיקע געשיכטע" פון פּראָפעסאָרס פּעקל בריוו.

— הער, לולאָוו, — האָט דער רבי געזאָגט מיט אַן אויפגערעגטער שטימע — דו ווילסט שאַפן אַ נייעם בייליס־פּראָצעס! געדענק, דער צאַר

האָט מאָביליזירט גרויסע פּראָפעסאָרן און געלערנטע צו מאַכן אַ בלוט-בלבול אויף אידן, און ער איז דורכגעפאַלן. לולאָוו, עס וועט דיר נישט געראָטן צו מאַכן אַ נייעם ביילים-פּראָצעס אין דער מדינה. איך ווייס, לולאָוו, וואָס דו און דיינס גלייכן טוט מיט אַן אָרימען אומשולדיקן מלמד, וואָס איר ווילט אַרעסטירן. איר וואַרפט אים אונטער קאָנטראַבאַנדע, אַ פּלעשל בראָנפן, און איר אַרעסטירט אים און פאַרשיקט אים. דו ווילסט מיר אונטערוואַרפן חטאים, וואָס זיינען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. מאַכסט אויף מיר אַ בלבול, אַז איך בין אַ קאָנטר-רעוואָלוציאָנער. דאָס איז פאַלש.

— אַלץ וואָס איך טו, איז אַן אָפן בלאַט פאַר אַלעמען. מיט דריי יאָר צוריק, אין יאָר 1924, האָב איך געשריבן אַ בריוו קיין אַמעריקע און אויפגעפאָדערט די אַמעריקאַנער אידן, זיי זאָלן שטיצן די אידישע קאָלאָניזאַציע אין ראַטן-לאַנד.

— איר אַרעסטירט מיך אַלס שונא פון אידן און פון דער ראַטן-מאַכט. איך בין ניט קיין שונא פון דער מדינה. אויב איך זע, אַז איר טוט גוטע אַרבעט, איז ווי ווייט איך בין פון אייך און אייערע וועגן, שטיץ איך אייערע גוטע מעשים. אַ באַווייז איז מיין בריוו קיין אַמעריקע מיט דריי יאָר צוריק, וועגן דער קאָלאָניזאַציע.

— מאַכט נישט אויף מיר קיין ביילים-בלבול. איך טו נישט קיין זאַך אין געהיים. איך טו אַלץ אָפן. איך פאַרלייקן נישט קיין זאַך וואָס איך טו. איך טו נישט קיין זאַך קעגן דער ראַטן-מאַכט.

דער פאָרזיצער, דער רוס דעכטעריעוו, האָט אויף דעם געמאַכט די דאָזיקע באַמערקונג:

— יאָ, אונדז איז באַקאַנט אייער שטעלונג צו דער קאָלאָניזאַציע, מיר ווייסן אויך וועגן אייער בריוו קיין אַמעריקע. מיר אַנערקענען דאָס און שאַצן עס אָפּ.

לולאָוו איז אָבער נישט געווען געריכט. ער איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיינע פראַגן און זיך באַנומען מוראדיק ברוטאַל.

ווען דער רבי האָט געפרעגט, וואָס עס וועט זיין וועגן די תפילין, האָט

לולאָוו אויף דעם נישט געענטפערט, נאָר ער האָט גענומען גאַנץ שטרענג פאָדערן, אַז דער רבי זאָל אויסטאָן דעם טלית־קטן.

זיינע רוסישע חברים האָבן אים געהאָלפן אין דעם.

נאָר ווען דער רבי האָט דערקלערט, אַז ער וועט נישט ענטפערן מער אויף קיין פראַגע, אויב זיי וועלן אים צווינגען אויסצוטאָן דעם טלית־קטן, און אַז זיי וועלן דאָס נאָר קאָנען טאָן מיט געוואַלד, האָבן זיי נאָכגעגעבן און אים נישט געמאַטערט, ער זאָל אויסטאָן דעם טלית־קטן.

דער עלטערער סלעדאָוואַטעל נחמנסאָן איז אַריינגעקומען און מיט אַ שמייכל האָט ער געזאָגט צו לולאָוון:

— לולאָוו, דו ווייסט, מיין טאַטע האָט דאָך ניט געהאַט קיין קינדער, ביז ער האָט געקראָגן אַ ברכה פון ליובאַוויטשער רבי׳ן, דעמאָלט בין איך געבוירן געוואָרן...

ווען דער ערשטער פאַרהער האָט זיך געענדיקט. איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט.

און לולאָוו האָט געזאָגט צום רבי׳ן:

— אין פיר און צוואַנציק שעה וועט מען אייך דערשיסן.

און אַז דאָס איז נישט געווען קיין פוסטע דראָונג, איז אַ באַווייז דער פאָלגנדיקער פאַקט:

אַ באַוואוסטער, איינפלוסרייכער קאָמוניסט, וואָס האָט זיך שטאַרק געמיט צו באַפרייען דעם רבי׳ן, האָט געזאָגט פרייטיק, צומאָרגנס פון פאַרהער, צום רבינ׳ס טאָכטער:

— מאָליטעס, טוט תפילה, אַז דער פאָטער זאָל בלייבן לעבן...

## קאַפּיטל 7

# די אידן פון גאַנץ רוסלאַנד באַשטימען אַ תענית צבור צוליב דעם רבי'ן

די נייעס פון דעם רבינ'ס אַרעסט האָט זיך בליץ־שנעל צעטראָגן איבער לענינגראַד, און פון אַלע זייטן האָט געוּמען שטראָמען מיט מענטשן, חסידים און פרייע.

ס'ערשטע האָט דער עולם זיך געשטעלט זאָגן תהלים. באַלד האָבן זיי אויך מודיע געווען אין האַדיטש, ניעזשין, ראָסטאָוו, ליובאַוויטש און ליאַדי, מ'זאָל גיין אויף די אוהלים פון ליובאַוויטשער צדיקים, און „אָנזאָגן" וואָס ס'איז געשען.

זיבן אַזייגער אינדערפרי איז אין רבינ'ס שטוב אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ זיצונג פון די אידישע פירער, אין וועלכער די באַרימטסטע אַדוואָקאַטן און עסקנים האָבן זיך באַטייליקט.

די פראַגע איז געווען, וואָס טוט מען צו ראַטעווען דעם רבי'ן?

עטלעכע שעה האָט געדויערט די זיצונג, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן איבערצוטראָגן די זיצונגען אויף אַן אַנדער אָרט. דעם רבינ'ס הויז איז ניט געווען גאַנץ זיכער.

צען אַזייגער איז די זיצונג איבערגעטראָגן געוואָרן אין לאָקאַל פון אַ וויכטיקער אידישער געזעלשאַפט. דאָ זיינען שוין צוגעקומען פאָרשטייער פון אַלע ריכטונגען אין אידנטום, מיטן אויסנאַם, נאַטירלעך, פון קאָמוניסטן.

לאַנג האָבן געדויערט די באַראַטונגען. די לאַגע איז געווען זייער אַ שווערע. די פאַרזאַמלטע האָבן זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן אויף אַ באַשטימטער האַנדלונג.

די פּאָליטישע לאַגע פון סאָוועט־רוסלאַנד איז אין יענעם מאָמענט געווען זייער אָן אָנגעשטרענגטע.

ענגלאַנד האָט נאָר וואָס געהאַט איבערגעריסן די באַציאונג מיט רוסלאַנד. די סאָוועטישע פּרעסע איז געווען זייער אויפגערעגט, און געהאַלטן אין איין ריידן וועגן דער אומגעוויינלעכער געשעעניש. די פּרעסע האָט געהאַלטן אין איין שרייבן וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ מלחמה צווישן ענגלאַנד און סאָוועט־רוסלאַנד. עס האָט אויך געהייסן, אַז די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט גרייט זיך אָנפאַלן אויף דער פּראָלעטאַרישער מלוכה און זי פאַרניכטן.

דאָס גאַנצע לאַנד איז גאַנץ פיבערהאַפט מאָביליזירט געוואָרן אָפּצושלאָגן די אַטאַקע, וואָס האָט, לויט דער סאָוועט־פּרעסע, זיך דערנענטערט. די אַרמיי, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, די יוגנט, די פּרויען, דער פלאָט, אַלץ איז מאָביליזירט געוואָרן, אַלע זיינען גערופן געוואָרן צום געווער.

דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען פאַרנומען מיט מאַנעווורעס.

אויסער דעם איז דעמאָלט געשען דער וואָיקאָוו־מאָרד אין וואַרשע. קאָוואָרדאָ אַ רוסישער פּליכטלינג, איינער פון די „ווייסע״ רוסן, האָט געטויט וואָיקאָוון דעם רוסישן אַמבאַסאַדאָר אין פּוילן. אויך אין פּאַריז האָבן די ווייסע געמאַכט אַן אַטענטאַט אויף אַ סאָוועטישן דיפּלאָמאַט.

סאָוועט־רוסלאַנד איז געווען אין אַ העכסט נערוועזן צושטאַנד. יעדער שאָטן האָט זיך אויסגעוויזן פאַר אַ געפערלעכן שונא פון רויטן רוסלאַנד. אַפילו דער אייגענער שאָטן האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק.

דער רויטער טעראָר האָט זיך צעלאָזן אין זיין גאַנצער שאַרפקייט און ווילדקייט. די טשעקאָ האָט געהאַקט קעפּ רעכטס און לינקס, יונג און אַלט, שולדיקע און אומשולדיקע זיינען אומגעקומען אין די טיפע קעלערן פון טשעקאָ.

ווי געפערלעך עס איז געווען די לאַגע פון ליובאַוויטשער רבי׳ן, איז געווען נאָך גרעסער די געפאַר פון מאַכן דעם מינדסטן פאַלשן שריט פאַר זיין באַפרייאונג.

די זיצונג פון די פאָרשטייער פון די אידן אין לענינגראַד האָט באַשלאָסן נישט צו ווענדן זיך אין אויסלאַנד וועגן הילף פאַר דעם רבי'ן.

ס'איז געווען קלאָר פאַר אַלעמען, אַז די אַריינמישונג פון איינפלוסרייכע אידן אין אויסלאַנד איז זייער וויכטיק. זיי קאָנען פאַראינטערעסירן וויכטיקע מלוכה מענער פון אייראָפּע, צו ווירקן אויף דער סאָוועט־רעגירונג, זי זאָל באַפרייען דעם רבי'ן.

איז אָבער געווען אַ געפאַר אין דעם, אַז דאָס קען גאָר צערייצן די טשעקאַ. און זי וועט דערקלערן די ווענדונג אין אויסלאַנד, ווי אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אַקט, צו פאַרשוואַרצן דאָס פנים פון רויטן רוסלאַנד.

די טשעקאַ קען שטילערהייט אַראָפּפירן דעם רבי'ן אין קעלער און אים דערשיסן.

דעריבער האָט די זיצונג באַשלאָסן נישט צו באַנוצן זיך מיט אויסלענדישן איינפלוס. די באַפרייאונגס־אַרבעט מוז געטאָן ווערן אין רוסלאַנד מיט אינלענדישע כוחות.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו ווענדן זיך צו די העכסטע פירער פון סאָוועט־רוסלאַנד, צו די מלוכה־קאָמיסאַרן.

און דאָס האָט שוין געדאַרפט געטאָן ווערן אין מאָסקווע.

די באַראַטונגען האָבן געדויערט ביז צומאָרגנס אינדערפרי. צוועלעף אזייגער מיטאָג, האָבן די לענינגראַדער אידישע פירער טעלעפאָניש זיך פאַרבונדן מיט מאָסקווע, מיט די וויכטיקע אידישע פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער הויפּט־שטאָט, איבערגעגעבן זיי וואָס ס'איז געשען, און זיי געלאָזט וויסן, אַז אַ ספּעציעלער שליח פאָרט קיין מאָסקווע.

דעם רבינ'ס איידעם הרב שמריהו גור־ארי' איז גלייך אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע.

די מאָסקווער אידישע פאָרשטייער האָבן אָנגענומען ספּעציעל־פאָרזיכטיקע מיטלען. זיי האָבן מורא געהאַט אָפּצוהאַלטן אַ זיצונג אין אַ שול אָדער אַ פּריוואַט־הויז, כדי נישט אַרויסצורופן דעם פאַרדאַכט פון דער טשעקאַ.

די זיצונג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין איינעם פון די צימערן פון אַ מאָסקווער באַנק. ס׳איז אַ גרויסע באַנק, מאַסן מענטשן גייען אַריין און אַרויס. און ס׳איז געווען ווייניקער שרעק, אַז עס זאָל פאַלן אַ חשד.

(די נעמען פון די אידישע פאָרשטייער, סיי פון לענינגראַד ווי פון מאָסקווע זיינען באַקאַנט. די נעמען ווערן אָבער נישט פאַרעפנטלעכט מחמת דעם פאַרשטענדלעכן טעם — די געפאַר, אַז די טשעקאַ זאָל זיי איצט נישט אַרעסטירן).

הרב גור־ארי׳ איז גלייך פון וואָקזאַל פאַרפאָרן צו דער באַנק, וואו די מאָסקווער אידישע פאָרשטייער האָבן שוין געוואַרט אויף אים.

די באַראַטונג האָט אויפגענומען דריי וועגן ווי צו באַפרייען דעם רבי׳ן.

איין וועג איז געווען צו ווענדן זיך אויף אַ „פּריוואַטן״ אופן און אַרויסקריגן די באַפרייאונג.

נאָך אַ וועג איז געווען צו ווענדן זיך צו די העכסטע מלוכה אינסטאַנצן, וועמען די טשעקאַ מוז פאָלגן.

און — אויסלאַנד.

יעדער וועג האָט אָבער געהאַט זיינע מעלות און חסרונות.

דער „פּריוואַטער״ וועג איז געווען גוט מיט דעם, וואָס ער וואָלט נישט אויפגערייצט די לענינגראַדער טשעקאַ.

דאָס האָט אויך געמוזט אויסגערעכנט ווערן. מערערע מאָל האָט געטראָפן, אַז די טשעקאַ פון איין שטאָט האָט זיך געפילט באַליידיקט, וואָס מען האָט זיך געווענדט נאָך הילף צו העכערע רעגירונגס פּערזאָנען, און פאַר כעס, האָט זי גענומען און דערשאָסן דעם מאַן, וואָס איז געווען אין אירע הענט.

די טשעקאַ האָט גאָר פריער נישט געהאַט בדעה דעם דאָזיקן מענטשן צו דערשיסן. די העכערע רעגירונגס־קרייזן האָבן שוין געהאַט גרייט דעם באַפעל צו באַפרייען דעם אַרעסטאַנט, נאָר זייענדיק אייפערזיכטיק אויף איר פּרעסטיזש, האָט די טשעקאַ איינס און צוויי אָפּגערוימט דעם מענטשן.

און ס'איז געווען פאַרפאַלן.

די שרעק איז געווען אין דעם וועג צו ווענדן זיך צו העכערע רעגירונגס מענער, די טשעקאַ פון לענינגראַד קען נאָך וועלן זאָגן, אַז די אידן האָבן זיי געמסרט ביי די העכערע באַאמטע.

און דער אויסלענדישער וועג האָט נישט געטויגט איבער די אורזאַכן, וואָס די אידישע פירער פון לענינגראַד האָבן אָנגעגעבן.

די זיצונג אין באַנק האָט זיך געענדיקט אָן אַ באַשלוס. ס'איז נאָר אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיטעט און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו האָבן נאָך אַ זיצונג, אין וועלכער עס זאָלן זיך באַטייליקן אַלע אידישע פאָרשטייער פון מאָסקווע.

דער עולם איז זיך צעגאַנגען אין אַ שווערער שטימונג. יעדער רגע איז טייער. און וואָס צו טאָן ווייסט מען נישט.

אויף דער צווייטער זיצונג זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן צוויי וועגן — דאָס ווענדן זיך צו הויכע מלוכה־מענער און אויסלאַנד.

אַלע האָבן איינגעשטימט אַז מ'טאָר נישט ריזיקירן דעם רבינ'ס לעבן דורך ווענדן זיך צו די קאָמיסאַרן. די טשעקאַ קאָן פאַר כעס דערשיסן דעם רבי'ן.

אויסלאַנד קען ברענגען הילף. אָבער ווער ווייסט צי נישט צו שפּעט. ערשט ווען אויסלאַנד וועט זיך אַריינמישן, וועט די טשעקאַ אויפווייזן, אַז דער רבי איז אַ געפערלעכער קאָנטער־רעוואָלוציאָנער. והא ראי': אָט נעמט זיך אָן פאַר אים די קאַפּיטאַליסטישע וועלט, וואָס וויל צעשטערן די פּראָלעטאַרישע מלוכה.

און ס'איז געבליבן אויף אַ „פּריוואַטן" וועג צו ווירקן אויף דער טשעקאַ פון לענינגראַד, זי זאָל באַפרייען דעם רבי'ן.

באַלד האָט אָבער דער מאָסקווער קאָמיטעט דערזען, אַז דער פּריוואַטער וועג טויג נישט.

שבת אינדערפרי איז געקומען צו פאָרן קיין מאָסקווע אַן

אָרטאָדאָקסישער איד פון לענינגראַד און ער האָט געבראַכט די ידיעה, אַז דעם רבינ׳ס לאַגע איז זייער געפערלעך.

די טשעקאַ האָט באַשלאָסן צו דערשיסן דעם רבי׳ן.

שבת פאַרנאַכט איז דער קאָמיטעט זיך צוזאַמענגעקומען און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו ריזיקירן און ווענדן זיך צו די הויכע מלוכה-מענער פון רוסלאַנד.

אויב די טשעקאַ האָט באַשלאָסן צו דערשיסן דעם רבי׳ן, קען דאָך שוין נישט ווערן ערגער, אויב מען וועט זיך ווענדן צו די קאָמיסאַרן. עס איז שוין נישטאָ די מורא טאָמער וועט מען דערצאָרענען די לענינגראַדער טשעקאַ: זי האָט דאָך שוין באַשלאָסן דאָס ערגסטע.

דעם זעלביקן אָוונט זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן טעלעגראַמען צו קאַלינינען, דער פרעזידענט, און ריקאָוו׳ן, דער פרעמיער פון רוסלאַנד, און אויך צו דער העכסטער פאַרוואַלטונג פון דער טשעקאַ אין מאָסקווע.

מען האָט אויך געלאָזט וויסן אין די וויכטיקסטע אידישע צענטערס ווי כאַרקאָוו, מינסק, און ס׳איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צו זאַמלען אונטערשריפטן פון הונדערטער טויזנטער אידן איבערן גאַנצן לאַנד, און פון אידישע אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטן, וואָס זאָלן גאַראַנטירן דעם רבינ׳ס לאָיאַליטעט צו דער סאָוועטישער מאַכט. זיי זאָלן אויך גוטזאָגן פאַרן רבי׳ן, אַז ער איז גאַנץ כשר, און ער האָט זיך מיט קיין זאַך נישט פאַרזינדיקט קעגן דער ראַטן-מלוכה.

די פעטיציע מיט הונדערטער טויזנטער חתימות זאָל פאָדערן דעם רבינ׳ס באַפרייאונג.

דער קאָמיטעט האָט זיך באַמיט צוצוקומען צו מענזשיסקין, דער פאָרזיצער פון דער אַלסאָוועטישער גע.פע.או. (טשעקאַ), און דערקלערן אים, אַז דער גאַנצער אַרעסט מוז זיין נאָר אַ טעות.

דער קאָמיטעט האָט זיך אויך געווענדט צו מאַדאַם פעשקאָוואַ, מאַקסים גאָרקיס ערשטע פרוי.

מאַדאַם פעשקאָוואַ איז שטאַרק אָנגעזען און איינפלוסרייך אין

סאָוועט־רוסלאַנד. זי איז פּרעזידענט פון „רויטן־קרייץ", וואָס שטעלט זיך איין פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע.

דאָס זיינען געווען די ערשטע שריט, וואָס דער קאָמיטעט האָט גענומען צו ראַטעווען דעם רבי'ן פון אַ זיכערן טויט.

דערווייל האָט די ידיעה פון רבינ'ס אַרעסט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, און דאָס רוסישע אידנטום איז געוואָרן אויפגעציטערט. נישט נאָר פרומע אידן נאָר אויך פרייע. די אידישע אינטעליגענץ האָט געזען אין דעם אַרעסט אַ נקמה אַקט פון דער יעווסעקציע און טשעקאַ — אין דעם רעליגיעזן אידנטום.

די רבנים האָבן גלייך גוזר תענית געווען. אומעטום האָבן די אידן געפאַסט מאָנטיק און דאָנערשטיק פון דער ערשטער וואָך. די שולן, בתי־מדרשים און מנינים זיינען געווען געפּאַקט. יעדן טאָג האָט מען געזאָגט תהלים. אַלטע לייט האָבן געוויינט מיט ביטערע טרערן.

די גאַנצע צייט איז געווען פאַר דעם רוסישן אידנטום אַ יום־כּפּור.

אין די שולן האָבן די אידן געבעטן צו גאָט פאַר דעם רבי'ן.

און דער מאָסקווער קאָמיטעט האָט טאָג און נאַכט געאַרבעט אַרויסצורייסן דעם רבי'ן פון די נעגל פון טויט.

ס'איז געווען אַ באַזונדער געפאַר פאַר דעם רבינ'ס לעבן, וואָס ער איז געווען „אין דער נעץ פון טשעקאַ" אין לענינגראַד.

דער נאַטשאַלניק פון דער לענינגראַדער טשעקאַ, מעסינג, איז געווען באַוואוסט פאַר אַ פאַרביסענעם אַנטיסעמיט, אַ צורר היהודים.

יעדע רגע איז געווען געפערלעך, דער אַנטיסעמיטישער טשעקאַ שעף, מעסינג, זאָל נישט דערשיסן דעם רבי'ן.

יעדער רגע איז געווען טייער. און אַ רגע האָט נישט געטאָרט גיין פאַרלאָרן.

## קאַפּיטל 8

# דער ליובאַוויטשער רבי ווערט פאַרמשפּט צום טויט

נאָך דעם ערשטן פאַרהער אין דער טשעקאַ, איז דער רבי צוריקגעגאַנגען אין זיין קאַמער, און ער האָט געוואוסט איין זאַך, וואָס דער טשעקיסט לולאָוו האָט אים געזאָגט:

— אין פיר־און־צוואַנציק־שעה וועט מען אייך דערשיסן.

דער פּסק־דין האָט געמאַכט אַ שוידערלעכן רושם אויפן רבי'ן. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט, אָנגענומען זיך מיט מוט, און געזאָגט:

— דער אויבערשטער וועט העלפן.

און איידער די פיר־און־צוואַנציק שעה זיינען אַריבער, האָט דער רבי געקראָגן זיינע תפילין, און ער האָט זיך געשטעלט דאַוונען.

לולאָוו האָט נישט געקאָנט אויספירן זיין פּסק־דין, דעם טויט־אורטייל, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אויפן רבי'ן.

זיינע הענט זיינען געווען צו קורץ. די העכערע סאָוועטישע מאַכט האָט נישט געלאָזן אים אויספירן זיין שוידערלעכן פּלאַן.

און נישט נאָר האָט לולאָוו נישט דערשאָסן דעם רבי'ן, נאָר מען האָט אים אויך אָנגעהויבן בעסער באַהאַנדלען.

און ס'איז אַ פאַקט, אַז די גאַנצע צייט, וואָס דער רבי איז געזעסן אין דער שרעקלעכער טורמע, וואָס איר נאָמען האָט געוואָרפן אַ פּחד אויף אַלעמען, האָט מען אים באַהאַנדלט אויסערגעוויינלעך גוט. ער האָט געהאַט באַזונדערע פּריווילעגיעס, און אויף דער באַהאַנדלונג האָט ער גאָרנישט געהאַט וואָס זיך צו באַקלאָגן.

ער איז אָבער געווען אָפּגעשניטן פון דער דרויסנדיקער וועלט. ער האָט נישט געקראָגן קיין ידיעות, און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס ווערט געטאָן פאַר אים.

ער האָט אָבער באַלד זיך דערוואוסט, אַז זיין סעקרעטאַר, חיים ליבערמאַן, איז אויך אַרעסטירט.

און ער איז דאָס געוואָר געוואָרן דורך אַ משניות.

דער רבי האָט געהאַט אַ משניות, און חיים ליבערמאַן האָט געהאַט אַ משניות.ביידע משניותן זיינען אַזוי ענלעך, אַז מען קען נישט וויסן קיין אונטערשייד צווישן זיי.

מיט עטלעכע וואָכן פריער פאַר דעם אַרעסט, האָט דער רבי געוואָלט אַ קוק טאָן אין משניות. זיינער איז אָבער גראָד נישט געווען אונטער דער האַנט. האָט חיים ליבערמאַן דעמאָלט גענומען זיין משניות און עס דערלאַנגט דעם רבי'ן.

דער רבי האָט אַריינגעקוקט און געמאַכט אַ קנייטש אויף אַ בלאַט, און עס צוריקגעגעבן ליבערמאַנען.

ווען דער רבי איז אַרעסטירט געוואָרן, האָט ער מיטגענומען מיט זיך זיין משניות, און מען האָט צוגענומען ביי אים די תפילין און זיינע ספרים.

ווען מען האָט אים אָפּגעגעבן די תפילין און די ספרים. האָט דער רבי, באַקוקנדיק יעדן ספר, דערזען, אַז דער משניות האָט דעם קנייטש, וואָס ער האָט מיט עטלעכע וואָכן פריער געמאַכט.

און דאָס איז דאָך געווען ליבערמאַנס משניות. ווי קומט עס דאָ אַהער?

און דער משניות האָט אים געבראַכט די ידיעה, אַז ליבערמאַן איז שוין אויך אַרעסטירט.

די טשעקיסטן האָבן שוין טאַקע געהאַט אַרעסטירט ליבערמאַנען. ער האָט אויך מיטגענומען מיט זיך עטלעכע ספרים, צווישן זיי דעם משניות, און די טשעקיסטן האָבן פאַרביטן די משניותן.

ליבערמאַן איז דעמאָלט פאַרשיקט געוואָרן קיין טאַמבאָוו, און אַ צייט לאַנג האָט מען ניט געוואוסט, וואו ער איז אַהינגעקומען.

יעדן טאָג האָט דער רבי געזאָגט „תורה" פאַר זיינע מיט-אַרעסטאַנטן אין צימער, און שפּעטער האָט ער דאָס פאַרשריבן אויף די מונדשטוקן פון זיינע אויסגערויכערטע פּאַפּיראָסן.

ער האָט אויך פאַרשריבן אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען מיט אים, און דערינערונגען פון זיינע קינדער-יאָרן.

און דאָס שרייבן אין קאַמער איז געווען איינע פון די גרעסטע פּריווילעגיעס, וואָס דער רבי האָט געהאַט אין טורמע.

ס'איז שטרענג פאַרבאָטן צו שרייבן אין קאַמער. יעדן טאָג קריגן די אַרעסטאַנטן אַ בלאַט פּאַפּיר און אַ בלייפעדער אויפצושרייבן זייערע בקשות צום נאַטשאַלניק פון טורמע. זיי מוזן אָבער באַלד אומקערן די בלייפעדער, טאָרן זי נישט האַלטן אַ מינוט לענגער ווי עס דויערט זיי דאָס שרייבן די בקשות.

דער רבי האָט געהאַט די בלייפעדער די גאַנצע צייט און געשריבן כסדר.

עס איז שטרענג פאַרבאָטן צו זיין אויף אין קאַמער אַפילו אַ מינוט נאָכדעם ווי מען דאַרף „מאַכן נאַכט", ווען דער באַפעל קומט — שלאָפן!

דער רבי איז אָבער יעדן אָוונט געזעסן זייער שפּעט. אַלע זענען שוין געשלאָפן. ער איז געזעסן און אַריינגעקוקט אין אַ ספר אָדער געשריבן.

דאָס איז אויך געווען אַן אויסערגעוויינלעכע פּריווילעגיע, וואָס דער וועכטער — וואַרשיינלעך מיט דער הסכמה פון די העכערע באַאַמטע — האָט אים געגעבן.

יעדער אַרעסטאַנט מוז וואַשן דעם דיל פון קאַמער. וואו עס זיצן עטלעכע אַרעסטאַנטן צוזאַמען, וואַשט יעדערער אַן אַנדער טאָג.

און אויף דעם גיט אַכטונג דער וועכטער.

דער רבי האָט נישט געוואַשן דעם דיל.

און אַז דער רבי האָט נישט געוואָלט נעמען דאָס געקאַכטע וואַסער, וואָס מ'האָט דערלאַנגט די אַרעסטאַנטן, ווייל ער איז נישט געווען זיכער,

אַז עס קומט פון אַ קעסל, האָט ער געקראָגן אַ ספּעציעלע פּריווילעגיע — ער האָט געקראָגן באַזונדער געקאָכט וואַסער, אָן אַ חשש.

נאָר פון איין פּריווילעגיע האָט דער רבי זיך אָפּגעזאָגט — פון גיין אויף שפּאַציר.

יעדן טאָג נעמט מען אַרויס די אַרעסטאַנטן אויף אַ שפּאַציר, וואָס געדויערט אַ פערטל שעה.

ווער האָט עס ניט שפּאַצירט אויף דעם הויף פון שפּאַליערקע! אָנגעזעענע וויסנשאַפטסלייט, באַרימטע, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, גייסטלעכע, גרויסע סוחרים, אַרבעטער, אַלטע לייט, יונגע בחורים.

עס איז נישטאָ קיין באַשטימטע צייט פאַר דעם שפּאַציר. יעדן טאָג זיצן די אַרעסטאַנטן מיט קלאַפּנדיקע הערצער און וואַרטן אויף דער מינוט, ווען מען וועט זיי רופן שפּאַצירן — זיי וועלן האָבן אַ ביסל פרישע לופט, זיי וועלן זען אַ נייע פּנים.

אויפן שפּאַציר טאָרן זיי זיך נישט אָפּשטעלן אויף אַ סעקונדע, נאָר גיין און גיין אויף דעם זעלבן שטח. מען טאָר אויך נישט אַרויסריידן קיין וואָרט.

און די וועכטער זיינען שטרענג. טרעט עמיצער אָפּ אויף אַ האָר פון די טורמע־געזעצן, קריגט ער אַ זעץ אונטערן האַרצן פון אַ וועכטער, אַז עס ווערט אים פינצטער פאַר די אויגן.

קיין גרויס נחת האָבן נישט די שפּאַצירנדיקע אַרעסטאַנטן.

און דער רבי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון שפּאַצירן.

די גאַנצע צייט וואָס ער איז געזעסן אין טורמע, איז ער, חוץ אויף די פאַרהערן, נישט אַרויס פון קאַמער.

דאָס איינציקע ביסל פרישע לופט, וואָס ער האָט געהאַט אין קאַמער, איז געווען, ווען דער וועכטער האָט געעפנט דאָס קליינע פענצטערל אין דער טיר, אַריינצודערלאַנגען דאָס עסן.

אַביסל פרישע לופט וואָס קומט פון קאָרידאָר...

דער רבי האָט געוואָלט האָבן דעם אידישן לוח פאַר זיך. האָט ער

גענומען און פאַרשריבן יעדן טאָג דעם אידישן דאַטום און די סדרה אויפן תהילים.

דער תהילים, וואָס איז געווען אַרעסטירט אין „שפּאַליערקע" מיט דעם טורמע לוח, איז איצט אין אַמעריקע...

ס׳איז, אייגנטלעך, נישט מער ווי... פרשת... לחודש... איינפאַכע ווערטער.

דאָס איז אָבער נאָר אַזוי פאַר דעם, וואָס ווייס נישט. דער וואָס ווייס, ווייס אַז יעדער „יום" איז אַ שווערער טאָג שפּאַליערקע מיט טויט־שרעק אין די אויגן.

די טורמע־פאַרוואַלטונג האָט אויך דערפילט דעם רבינ׳ס בקשה וועגן אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר איז געקומען, און ער האָט דוקא לאַנג אונטערזוכט דעם רבי׳ן, געשטאַנען, געקלערט, ווי זיך געשלאָגן מיט דער דעה. ער האָט אָבער געזאָגט, אַז דער רבי קען ווייטער זיצן אין טורמע.

ווי עס ווערט איבערגעגעבן, איז דער רבי יאָ געווען קראַנק. ער האָט זיך געפילט שלעכט, ווען דער דאָקטאָר איז געקומען.

נאָר דער דאָקטאָר ווערט נישט באַשולדיקט, אַז ער האָט מיט אַ בייזער כוונה געזאָגט, אַז דער רבי איז געזונט. גאַנץ מעגלעך, אַז ער האָט מורא געהאַט צו זאָגן אַנדערש, מען זאָל נישט זאָגן, אַז ער איז פריינדלעך צום רבי׳ן.

נאָך ניין טעג זיצן אין טורמע, אויפן צענטן טאָג, האָט דער רבי געקראָגן די מעגלעכקייט צו „שיקן" אַ פּאָר ווערטער צו זיין הויזגעזינד.

דער רבי האָט געשריבן, אַז ער פילט זיך גוט, די פאַמיליע זאָל נישט זאָרגן, און ער האָט געבעטן, זיי זאָלן אים שיקן די „בגדי שבת", די שבתדיקע מלבושים, ער זאָל נישט האָבן קיין פאַרשטערטן שבת.

פרייטיק האָט דער רבי געקראָגן די שבתדיקע מלבושים און אַ גאַרטל.

פאַרנאַכט צו קבלת שבת, האָט דער רבי זיך אָנגעטאָן שבתדיק. פאַרגעסן אַז ער איז אין טורמע, געפילט זיך ווי באַ זיך אין „חדר", און מקבל שבת געווען הויך, אויפן קול, מיט דעם ליובאַוויטשער ניגון.

זיצט אַן אַרעסטאַנט אין „שפּאַליערקע״, די מוראדיקע טשעקאַ טורמע, גייט ער אָנגעטאָן אין דער שבתדיקער זיידענער קאַפּאָטע, דעם גאַרטל, און זינגט לכה דודי.

פאַרשוואונדן די טורמע־ווענט, די שלעסער און ריגלען.

זיידענע קאַפּאָטע, גאַרטל, געזאַנג. לכה דודי לקראת כלה.

איין־און־צוואַנציק טעג אין סיון איז דער רבי גענומען געוואָרן אויפן צווייטן פאַרהער.

אויסער די רוסישע אויספאָרשער זיינען געווען די אַלט־באַקאַנטע נחמנסאָן און לולאָוו.

ווי שטרענג, שאַרף און אַפילו שפּאָטיש עס איז נישט געווען נחמנסאָן, איז ער נאָך אַלץ געווען אַ צדיק קעגן לולאָוון, וועלכער האָט זיך שטענדיק געהאַלטן ווי אַ גראָבער יונג.

נחמנסאָן איז אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן, געבילדעט, קען לערנען, און אַז ער האָט אויף אַ וויילע פאַרגעסן, אַז ער איז אַ טשעקיסט, האָט ער געהאַנדלט מענטשלעך, געווען אפילו איידל.

אָבער לולאָוו איז געווען רוי און גראָב די גאַנצע צייט. אַ היציקער, אַ כעסן. ער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו לערנען. צו פערצן יאָר איז ער אַריין אין טשעקאַ, ער האָט זיך געהאַלטן אי גראָב־יונגיש, אי נאַריש־אינגלש.

ער איז אָבער דאָך געווען אַ סלעדאָוואַטעל, און ער האָט צומייסטן געפירט די אויספאָרשונג.

ער האָט אויפסניי גענומען באַהאָגלען דעם רבי׳ן מיט אַלערליי פראַגן, און ווידער וואָס איז חסידות, און נאָר געשריען וועגן קאָנטר־רעוואָלוציע.

עס האָט שטאַרק וויי־געטאָן דעם רבי׳ן, באַזונדער מיט דער אומאויפהערלעכער באַשולדיקונג פון קאָנטר־רעוואָלוציע, און דער רבי האָט זיך צעבייזערט אויף אים. ער האָט אים גוט אויסגעשייגעצט, און מיט האַרץ געשריען אויף אים:

— לולאָוו! דו ברענגסט אַנטיסעמיטיזם מיט דיין בלבול אויף מיר! קומסט אַרויס מיט אַ פאַלשער באַשולדיקונג, אַז איך וויל אומוואַרפן די סאָוועטישע מלוכה, ווען דאָס קען נאָר ברענגען שנאה אין די הערצער פון די רוסן, זיי זאָלן זאָגן אַז אַ פרומער איד וויל חרוב מאַכן די מלוכה. געדענק, לולאָוו, באַזין דיך! דו ברענגסט נאָר שנאה אויף אידן, העלפסט פאַרשפרייטן אַנטיסעמיטיזם.

נחמנסאָן האָט געשוויגן. אָבער לולאָוו האָט געלאַכט גראָב ווי אַ אינגל.

דער רבי איז צוריקגעפירט געוואָרן אין קאַמער. און עטלעכע מונדשטוקן פון פאַפּיראָסן האָבן איינגעזאַפּט אין זיך דעם רבינס נייע שווערע איבערלעבענישן.

## קאַפּיטל 9

# געהיימע פאַרהאַנדלונגען ווי צו באַפרייען דעם ליובאַוויטשער רבי'ן פון געפענגעניש

די נייעס פון רבינ'ס אַרעסט איז ווי עס איז אויסגערונען אין אויסלאַנד. דער באַשלוס איז געווען נישט צו ווענדן זיך וועגן הילף קיין אויסלאַנד. אָבער די אידן אין דייטשלאַנד האָבן זיך דערוואוסט דערפון און זיי זיינען באַלד געוואָרן טעטיק.

ד"ר הילדעסהיימער, ראַבינער פון די פרומע אידן פון בערלין און ד"ר בעק, ראַבינער פון די רעפאָרמער זיינען אַוועק צו ד"ר אָסקאַר קאָהן, באַוואוסטער סאָציאַליסטישער דעפוטאַט, וואָס איז אויך אַ פּועל-ציון, און אים געבעטן זיין הילף צו באַפרייען דעם רבי'ן.

ד"ר אָסקאַר קאָהן האָט זיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט.

ער האָט זיך גלייך געזען מיט ד"ר שטערזמאַן, דער אויסלענדישער מיניסטער פון דייטשלאַנד און מיט דעם וויצע רייכסקאַנצלער ווייסמאַן. ער האָט אויך מיטגענומען מיט זיך ד"ר הילדעסהיימערן און ד"ר בעק און זאַלבעדריט געגאַנגען צום וויצע רייכסקאַנצלער.

מיניסטער ווייסמאַן, וואָס איז געווען שטאַרק באַפריינדט מיט קרעסטינסקין, סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין בערלין, האָט צוגעזאָגט צו טאָן אַלצדינג, וואָס איז מעגלעך צו באַפרייען דעם רבי'ן.

דער וויצע פּרעמיער ווייסמאַן האָט זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט קרעסטינסקין און פאַרגעלייגט פאַר אים דעם גאַנצן עניין.

און דאָס איז געווען די דערקלערונג, וואָס קרעסטינסקי האָט געגעבן צום וויצע פּרעמיער פון דייטשלאַנד:

— איך בין איבערצייגט, אַז די סאָוועט-רעגירונג איז נישט געווען

פאַראינטערעסירט אין דעם רבינ׳ס אַרעסט. איך זע נאָר אין דעם אַן אַקט פון דער יעווסעקציע. וואָס איז דער רעזולטאַט, מסתמא, פון זייערע אינערלעכע נישט־איינשטימיקייטן. די סאָוועט רעגירונג, גלויב איך, האָט נישט קיין אורזאַך צו פאַרפאָלגן דעם רבי׳ן. איך גלויב, אַז עס וועט זיין מעגלעך אויפצוקלערן דעם גאַנצן ענין פאַר מיין רעגירונג. איך וועל באַנוצן אַלע מיטלען אין מיין רשות דאָס אויפצוקלערן, און העלפן באַפרייען דעם רבי׳ן.

קרעסטינסקי האָט נישט אָפּגעלייגט זיין באַשלוס.

ער האָט זיך גלייך פאַרבונדן מיט מאָסקווע.

דער קאָמיטעט צו באַפרייען דעם רבי׳ן האָט טאַקע באַשלאָסן נישט צו ווענדן זיך אין אויסלאַנד וועגן הילף פאַר דעם רבי׳ן. אָבער די נייעס פון רבינ׳ס אַרעסט האָט דאָך דערגרייכט אויסלאַנד.

עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען טעלעגראַפישע אָנפראַגן פון אויסלאַנד: פון ענגלאַנד, דייטשלאַנד, פון פראַנקרייך און אַמעריקע, פון ארץ־ישראל און די סקאַנדינאַווישע לענדער.

די אַלע טעלעגראַפישע אָנפראַגן זיינען געבליבן אָן אַן ענטפער.

מען האָט מורא געהאַט צו ענטפערן, עס זאָל נישט הייסן, אַז מען פירט אַן אַגיטאַציע אין אויסלאַנד קעגן סאָוועט רוסלאַנד.

פון אַלע שטעט איבערן לאַנד זיינען געשיקט געוואָרן טויזנטער טעלעגראַמען צו קאַלינינען און ריקאָוון מיט דער בקשה צו באַפרייען דעם רבי׳ן.

און אויף אַלע אָנפראַגן האָט דער קאָמיטעט געקראָגן איין ענטפער:

דער רבי איז אַרעסטירט אַלס ערנסטער פאַרברעכער. זיין לאַגע איז נישט געענדערט.

אידישע דעלעגאַציעס פון די גרעסטע שטעט פון רוסלאַנד האָבן געבעטן אַן אוידיענץ באַם פאָרזיצער פון דער אַלסאָוועטישער טשעקאַ, מענזשינסקי.

ער האָט אָבער נישט געוואָלט אויפנעמען קיין דעלעגאַציעס.

אין אויסלאַנד האָבן אידן אָבער אויך נישט גערוט. באַזונדערס ענערגיש האָבן געאַרבעט די אידן פון דייטשלאַנד.

ד״ר הילדעסהיימער פון די פרומע אידן און ראַבינער ד״ר בעק פון די רעפאָרמער אין בערלין האָבן אונטערגענומען אַ גרויסע אַקציע.

זיי האָבן פאַראינטערעסירט דעם אויסערן־מיניסטער פון דייטשלאַנד, ד״ר שטרעזמאַן, און דעם וויצע קאַנצלער, ווייסמאַן.

די דייטשע מיניסטאָרן האָבן זיך געווענדעט צום סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר אין בערלין, קרעסטינסקי, ער זאָל נוצן זיין איינפלוס צו פאַרלייכטערן דעם גורל פון רבי׳ן.

מאַדאַם פעשקאָוואַ, מאַקסים גאָרקיס ערשטע פרוי, האָט זייער ערנסט געאַרבעט אין רוסלאַנד.

זי האָט זיך געווענדעט צו ריקאָוון און צו מענזשינסקין און געפאָדערט דעם רבינ׳ס באַפרייאונג.

געוועזן אויך אָנגעזעענע קאָמוניסטן אידן און קריסטן, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר׳ן רבי׳ן.

דער מאָסקווער קאָמיטעט צו באַפרייען דעם רבי׳ן האָט צוגעצויגן צו זיך פאָרשטייער פון די גרעסטע שטעט אין רוסלאַנד.

וויכטיקע אידישע פירער פון כאַרקאָוו, קיעוו, מינסק, וויטעבסק און אַנדערע שטעט זיינען געקומען קיין מאָסקווע און זיך באַטייליקט אין די זיצונגען פון קאָמיטעט.

די מי און שתדלנות פאַר׳ן רבי׳ן איז אָנגעגאַנגען מיט דעם גרעסטן אימפעט.

דער גרעסטער טייל אַרבעט, די הויפט־אַרבעט האָט געטאָן מאַדאַם פעשקאָוואַ.

און ענדלעך האָט די באַפרייאונגס־אַרבעט דערגרייכט דעם ערשטן דערפאָלג.

טויט־שטראָף איז געוואָרן אָפּגעשריען.

דער אורטייל איז געווען צו פאַרשיקן דעם רבי׳ן אויף פינף יאָר אויף די סאָלאָוויעצקע אינדזלען.

דער באַפרייאונגס־קאָמיטעט האָט גראָד אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג ווען דער טעלעפאָן האָט געקלונגען, און עס איז געקומען דער דאָזיקער אָנזאָג:

— געלויבט איז דער אויבערשטער, נישט דערשיסן. פינף יאָר אויף סאָלאָוויעצקע אינדזלען.

אויף אַ רגע האָבן די פאַרזאַמלטע לייכט אָפּגעאָטעמט. אָבער באַלד האָבן זיי איינגעזען די געפאַר פון דער פאַרשיקונג אויף די שרעקלעכע אינדזלען.

און דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן אָנצוגיין ווייטער מיט דער אַרבעט.

אַ דעלעגאַציע איז גלייך אַוועק צו דער מאַדאַם פּעשקאָוואַ, און זי געבעטן ווירקן אויף מענזשינסקין ער זאָל ענדערן דעם אורטייל. אויב דאָס וועט זיין אוממעגלעך, זאָל ער כאָטש אָפּלייגן דאָס אויספירן פון אורטייל — מען זאָל דערווייל נישט פאַרשיקן דעם רבי׳ן; און אויב זי וועט דאָס אויך נישט אויספירן, זאָל מענזשינסקי דערלויבן, אַז דער רבי זאָל נישט גיין מיטן עטאַפּ, ער איז דאָך קראַנק, נאָר ער זאָל פאָרן אויף זיינע הוצאות.

מאַדאַם פּעשקאָוואַ האָט געגעבן אַ פעסטן צוזאָג דער דעלעגאַציע אַז זי וועט אָנווענדן אַלע קרעפטן צו קריגן דאָס גרעסטע פאַר דעם רבי׳ן.

זי האָט געאַרבעט אויך ביז אַהער. זי וועט אַרבעטן אומדערמידלעך אויך ווייטער.

## קאַפּיטל 10

# „נאַ ראַסכאָד" — „פינף יאָר סאָלאָוויעצקע אינדזלען" — „דריי יאָר אין קאָסטראָמאַ"

מיטוואָך, ניין־און־צוואַנציק טעג אין סיון, פּונקט צוויי וואָכן נאָכן אַרעסט, האָט דער רבי געזאָלט פאַרשיקט ווערן אויף די סאָלאָוויעצקע אינדזלען.

דאָס איז גלייך באַוואוסט געוואָרן אין לענינגראַד. און דער רבי האָט געלאָזט וויסן זיין הויזגעזינד, זיי זאָלן זיך קומען געזעגענען מיט אים.

די גאַנצע פאַמיליע דעם רבינ'ס איז געקומען צו דער „שפּאַליערקע".

די פאַמיליע האָט זיך אָנגעפרעגט אין קאַנצעליאַריע ווען מען וועט אים אַרויספירן, וואוהין מען שיקט אים. מען האָט זיי אָבער נישט געגעבן קיין ענטפער.

און אויף דער גאַס, אַרום דער טורמע, האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גרויסער עולם, צו זען ווי מען פירט אַוועק דעם רבי'ן, צו געזעגענען זיך מיט אים.

אין לענינגראַד, האָט מען נישט געוואוסט, וואָס מאַדאַם פּעשקאָוואַ האָט דערווייל געטאָן אין מאָסקווע.

מאַדאַם פּעשקאָוואַ האָט געלאָזט וויסן דער דעלעגאַציע פון קאָמיטעט, אַז זי האָט זיך געזען מיט מענזשינסקין און ער האָט איר געגעבן זיין וואָרט, אַז ער וועט אָפּלייגן דאָס אויספירן פון אורטייל.

מענזשינסקי האָט שוין אַרויסגעשיקט אינסטרוקציעס צו דער טשעקאַ אין לענינגראַד.

דאָס אַרויסשיקן איז אָפּגעשטעלט געוואָרן אין דער לעצטער מינוט

דעמאָלט, ווען די לענינגראַדער טשעקאַ האָט געמאַכט אַלע פאַרבאַרייטונגען אָפּצופירן דעם רבי׳ן צום אַרעסטאַנטן־צוג.

דערווייל, ווען אַלע האָבן געוואַרט לעבן דער „שפּאַליערקע״ מען זאָל אַרויספירן דעם רבי׳ן צום אַרעסטאַנטן־צוג, האָט אַ מקורב אַרויסגעשיקט אַ טעלעגראַמע קיין מאָסקווע, אַז דער רבי ווערט פאַרשיקט מיט דעם צוג, וואָס גייט אָפּ זיבן אַזייגער פאַרנאַכט.

די טעלעגראַמע האָט ווידער צעטומלט דעם מאָסקווער קאָמיטעט. און די דעלעגאַציע איז תיכף אַוועק צו מאַדאַם פּעשקאָוואַ.

זי האָט פאַרזיכערט דער דעלעגאַציע, אַז דאָ איז אַ טעות. דער רבי איז נישט פאַרשיקט געוואָרן, און ער וועט נישט פאַרשיקט ווערן אויף די סאָלאָוויעצקע אינדזלען.

דאָס איז שוין געווען אַ נייע בשורה.

די גזרה פון די סאָלאָוויעצקע אינדזלען איז אויך אָפּגעשאַפט געוואָרן.

דעם זעלביקן אָוונט, ווען דער רבי האָט געזאָלט געשיקט ווערן אויף די סאָלאָוויעצקע אינדזלען, איז ער אַראָפּגערופן געוואָרן אויף אַ פאַרהער.

דאָס איז געווען דער דריטער פאַרהער נאָך דעם אַרעסט.

דער אַלט־באַקאַנטער טשעקיסט לולאָוו איז געווען דער הויפּט אויספרעגער.

ער האָט ווידער געשטעלט פראַגן, וואָס ער האָט שוין צענדליקע מאָל געפרעגט אויף די ערשטע צוויי פאַרהערן, נייע פראַגן האָט ער צוגעגעבן, און ער האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן דעם רבי׳ן, געהאַלטן אין איין מאַטערן אים.

לולאָוו האָט ענדלעך געוויזן דעם רבי׳ן אַן אָפיציעל פּאַפּיר, וואו עס איז צוערשט געווען פאַרשריבן דער אורטייל:

— „נאַ ראַסכאָד״ (דערשיסן).

אַ פּאָר שורות ווייטער איז געשטאַנען, אַז דער אורטייל צו דערשיסן ווערט פאַרביטן אויף פינף יאָר סאָלאָוויעצקע אינדזלען.

און נאָך ווייטער מיט עטלעכע שורות איז געווען פאַרשריבן, אַז דער אורטייל ווערט פאַרביטן אויף — פאַרשיקן אויף דריי יאָר אין קאָסטראָמאַ.

און לולאָוו האָט געזאָגט דעם רבי'ן:

— אייער לאַגע וועט זיין זייער שווער. אַלס פאַרשיקטער וועט איר אויסשטיין די גרעסטע פיין. איר קאָנט זיך ראַטעווען פון דער שטראָף. אויב איר וועט מסכים זיין אויף דעם קהלות צוזאַמענפאָר, גיט אַרויס אַ דערקלערונג, אַז איר האָט חרטה אויף אייער קעגנערישער שטעלונג צו דעם צוזאַמענפאָר, גיט אייער הסכמה אויף דעם צוזאַמענפאָר, וועט איר ווערן גייך באַפרייט.

— איך וועל קיין חרטה נישט האָבן — האָט דער רבי געענטפערט גאַנץ פעסט — איר מעגט מיר סטראַשען מיט דער גרעסטער שטראָף, וועט איר נישט פועלן, איך זאָל אָפּטרעטן פון מיינע איבערצייגונגען. איר מעגט מיך פאַרשיקן אויף סיביר, וואו איר ווילט.

דער אורטייל איז געווען:

קאָסטראָמאַ. דריי יאָר.

לולאָוו איז אָבער צערייצט. דער נאַטשאַלניק פון לענינגראַדער טשעקאַ, מעסינג, איז אין כעס.

זיי זוכן נקמה.

דער רבי האָט פּראָטעסטירט. און ער האָט דערקלערט אַז ער וועט נישט פאָרן שבת.

איז געבליבן איין וועג —

מאַדאַם פעשקאָוואַ.

דער מאָסקווער קאָמיטעט האָט ווידער געשיקט אַ דעלעגאַציע צו

מאַדאַם פעשקאָוואַ, איר אויפגעקלערט, וואָס עס מיינט חלול שבת פאַר דעם רבי'ן, און זי האָט צוגעזאָגט צו טאָן, וואָס עס איז נאָר מעגלעך דאָס צו פאַרמיידן.

מאַדאַם פעשקאָוואַ איז דאָס מאָל אַוועק צו ריקאָוון און פאַר אים פאַרגעלייגט דעם גאַנצן ענין.

אין איר קעגנוואַרט האָט ריקאָוו טעלעפאָנירט צו מענזשינסקין און אים געבעטן דאָס אָפּלייגן ביז נאָך שבת.

מענזשינסקי האָט איינגעשטימט.

## קאַפּיטל 11

# דער רבי ווערט פאַרשיקט קיין קאָסטראָמאַ, אָבער ווערט באַפרייט נאָך 10 טעג

זונטיק, דריי טעג אין תמוז, נאָך ניינצן טעג זיצן אין „שפּאַליערקע", איז דער רבי פאַרשיקט געוואָרן אויף דריי יאָר קיין קאָסטראָמאַ, אַ שטאָט אין טיף־רוסלאַנד.

מיטאָג צייט איז דער רבי גערופן געוואָרן אין קאַנצעליאַריע, און מען האָט אים געזאָגט, אַז ער קען גיין אַהיים ביז אָונט. אַכט אַזייגער אין אָונט גייט אָפּ דער צוג נאָך קאָסטראָמאַ. ער זאָל זיין אויפן וואָקזאַל פאַר אַכט. אויב ער וועט פאַרשפּעטיקן, וועט ער שוין נעכטיקן ווידער אין „שפּאַליערקע".

דעם רבינ'ס הויז איז געפּאַקט מיט מענטשן. עס איז נישטאָ קיין אָרט מער.

עס איז זיבן אַזייגער.

דער רבי דאַרף זיך גרייטן אין וועג אַריין.

די פאַמיליע געזעגנט זיך מיט דעם רבי'ן אין הויז. עס פאָרן־מיט צו דער באַן נאָר איין טאָכטער, חי' מושקא, אַ נאָענטער ידיד און דער איידעם, הרב גור־ארי'.

דער וואָקזאַל איז שוואַרץ פון מענטשן. טויזנטער וואַרטן, זיי ווילן זען דעם רבי'ן אָפּפאָרן. זיי ווילן קויפן בילעטן אויף עטלעכע סטאַנציעס, צו קאָנען מיטפאָרן.

מען פאַרקויפט אָבער נישט קיין בילעטן. די טשעקאַ האָט באַפוילן ניט צו פאַרקויפן קיין בילעטן.

ווען דער רבי באַווייזט זיך, רינגלט אים אַרום אַ שטאַרקע שמירה. דריי

טשעקיסטן, גרוזינער סאָלדאַטן, און צוויי נאַטשאַלניקעס פון דער אָפּטיילונג פון קרימינעלער אויספאָרשונג.

אַ מעת־לעת האָט געדויערט די רייזע קיין קאָסטראָמאַ.

אַ ליובאַוויטשער חסיד האָט שוין געהאַט אָנגעגרייט אַ דירה פאַר דעם רבי'ן אין קאָסטראָמאַ.

דער צוג איז אָנגעקומען שפעט באַנאַכט. דער באַפעל איז געווען, אַז דער רבי מוז זיך מעלדן אין פּאָליציי גלייך ווי ער גייט אַרויס פון צוג.

דער רבי האָט אָבער באַשלאָסן, אַז וואָס עס זאָל נישט זיין, ער וועט ניט גיין ביינאַכט אין פּאָליציי.

ער איז געשטאַנען אונטער דער רשות פון דער פּאָליציי און דער טשעקאַ.

דער רבי האָט אויסגעפילט אַלע פאָרמאַליטעטן פון אַ „פאַרשיקטן פאַרברעכער", און דער פּאָליציי־נאַטשאַלניק האָט געזאָגט צו אים אַזוי:

— איר זייט דאָ נישט קיין פרייער בירגער ביי אונדז. איר זייט אַ פאַרשיקטער, אַ פאַרברעכער. איר קומט אָפּ אייער שטראָף פאַר אייער זינד קעגן דער סאָוועטישער מלוכה. איר טאָרט נישט אַרויספאָרן פון שטאָט, איר טאָרט נישט אַרויסגיין הינטער דער שטאָט. אויב איר ווילט אַרויסגיין הינטער דער שטאָט, מוזט איר פריער דערלאַנגען אַ בקשה צו דער פּאָליציי, און אַז מיר וועלן אייך דערלויבן אַרויסצופאָרן אָדער אַרויסגיין, וועט איר דאָס קאָנען טאָן. אויב איר וועט וועלן זיך איבערציען אויף אַן אַנדער דירה, מוזט איר פריער מעלדן אין פּאָליציי. און איר ווייסט מסתמא, אַז די פּאָליציי וועט וויסן אַלצדינג, וואָס איר טוט אָדער וואָס מען וועט טאָן ביי אייך.

די פּאָליציי און די טשעקאַ האָט אים אויף אַ מינוט ניט פאַרלאָרן פון אויג.

ער איז אָבער נישט אויסגעשטאַנען קיין באַליידיקונג. אומעטום איז ער באַהאַנדלט געוואָרן גאַנץ העפלעך.

קאָסטראָמאַ איז אַ גרויסע רוסישע שטאָט. אידן זיינען אָבער דאָרטן

דאָ נישט קיין סך. אַ הונדערט פאַמיליעס אינגאַנצן. און פון לומדות זיינען זיי ווייט. אָבער אידן זיינען אידן אומעטום.

קאָסטראָמאַ האָט אַ שול, אַ בית־המדרש. איז דער רבי געגאַנגען דאַוונען, איז די שול געווען פול. עס זיינען געקומען דאַוונען אַפילו אַזעלכע, וואָס זיינען שוין לאַנג נישט געווען אין שול.

די טיף רוסישע פּראַוואָסלאַוונע קאָסטראָמאַ האָט פּלוצלונג געקראָגן אַ רבי׳ן.

דער לענינגראַדער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן, אַז מען דאַרף ווייטער אַרבעטן פאַר דער פולשטענדיקער באַפרייאונג פונעם רבי׳ן.

מען דאַרף זיך ווענדן צום הויפּט־פּראָקוראָר קרילענקא וועגן אַ באַגנעדיקונג פאַר דעם רבי׳ן.

עס איז דאָך דאָ מאַדאַם פּעשקאָוואַ. אויסלאַנד אַרבעט אויך. מען האָט שוין געוואוסט, אַז אין אויסלאַנד ווערט געאַרבעט גאַנץ טיכטיק.

און עס איז געבליבן, אַז דעם רבינ׳ס איידעם, הרב גור־ארי׳, זאָל פאָרן קיין מאָסקווע.

דער מאָסקווער קאָמיטעט האָט גלייך אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג און באַשלאָסן, אַז פריער איידער מען גייט צו מאַדאַם פּעשקאָוואַ און קרילענקאָן, זאָל מען געוואָר ווערן וואָס עס זיינען די אויסזיכטן.

און נאָך אַן אָנפראַגע איז געקומען דער פאָלגנדיקער ענטפער:

— לאָזן צורו. וואַרטן כאָטש אַ זעקס חדשים. די טשעקאַ וועט קעמפן פאַרביסן קעגן יעדן פאַרזוך צו קריגן אַ גאַנצע באַפרייאונג. זי וועט נישט לאָזן אַפילו איבערקוקן די בקשות. די טשעקאַ וועט נאָך באַווייזן דערמיט, אַז דאָס איז אַ ספּעציעלע חוצפה פון די פרומע אידן, ווי זיי וואָלטן נאָך געמאַכט געלעכטער פון דער טשעקאַ. דער רבי איז ערשט אַ וואָך פאַרשיקט און זיי ווילן אים שוין באַפרייען. די טשעקאַ וועט אַזאַ בקשה באַטראַכטן אַלס באַליידיקונג.

און געוועגדט האָט מען זיך ווידער —

צו וועמען?

צו מאַדאַם פעשקאָוואַ.

זיי האָבן זיך געווענדט צו מאַדאַם פעשקאָוואַ, מאַקסים גאָרקיס ערשטע פרוי.

איינער פון אירע הויפט־געהילפן, אַ איד, איז אַוועקגעפאָרן קיין לענינגראַד, ווירקן אויף דעם נאַטשאַלניק פון דער לענינגראַדער טשעקאַ, ער זאָל ניט שטערן דעם רבינ'ס באַפרייאונג.

מעסינג דער נאַטשאַלניק פון דער לענינגראַדער טשעקאַ, וואָס האָט אַרעסטירט דעם רבי'ן, האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן דערפון.

— קיין אויסזיכטן צו פאַרלייכטערן זיין שטראָף. — האָט מעסינג געענטפערט קורץ און שאַרף.

מאַדאַם פעשקאָוואַס געהילף האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט און געהאַלטן אין איין טענהן, אַז דער רבי איז אומשולדיק. עס איז נאָר געווען אַ בייזוויליקע מסירה אויף אים.

מעסינג האָט זיך געהאַלטן פאַרעקשנט — נישטאָ קיין האָפענונג צו פאַרגרינגערן די שטראָף.

מיט דעם ענטפער איז געקומען קיין מאָסקווע מאַדאַם פעשקאָוואַס וויכטיקער געהילף.

מאָסקווע האָט זיך אָבער נישט דערשראָקן. עס איז געבליבן ווייטער אָנצוגיין מיט דער אַרבעט פאַר זיין באַפרייאונג. עס איז אָבער געוואָרן קלאָר, אַז אין פאַל, ווען דער רבי ווערט באַפרייט זאָל ער מער נישט אומקערן זיך קיין לענינגראַד.

אין לענינגראַד איז מעסינג דער הערשער.

מאַדאַם פעשקאָוואַ איז ווידער געגאַנגען צו די העכסטע פירער פון דער סאָוועטישער מלוכה, און דער רעזולטאַט פון איר מי איז געווען, אַז נאָכדעם ווי דער רבי איז געווען אַ פאַרשיקטער צען טעג, איז געקומען זיין פולשטענדיקע באַפרייאונג.

דער רבי איז געקומען אין טשעקאַ אין קאַסטראַמאַ זיך מעלדן, און דער נאַטשאַלניק האָט אים אויפגענומען באַזונדערס פריינטלעך און געזאָגט:

— איר פאַרשפאָרט זיך מעלדן. איר זייט פריי.

פאַרטיק מיט די לעצטע פאָרמאַליטעטן, האָט דער טשעקאַ נאַטשאַלניק געזאָגט צום רבי'ן:

— איך בין זייער גליקלעך, וואָס איך בין דער ערשטער אָנצוזאָגן אייך די בשורה פון אייער באַפרייאונג.

פערצן טעג אין תמוז, צען אַזייגער אין דער פרי, נאָך צען טעג אַלס אַ פאַרשיקטער, איז דער רבי, אַ פרייער בירגער, אַוועקגעפאָרן פון קאַסטראַמאַ.

די קהלה פון קאַסטראַמאַ האָט מיטגעשיקט צוויי פאָרשטייער אַלס באַגלייטער ביז לענינגראַד.

אַזוי איז דער רבי באַפרייט געוואָרן.

## קאַפּיטל 12

# דעפּוטאַט דובין איז זיך משתדל צו באַקומען פאַרן רבי'ן אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן פון ס.ס.ס.ר.

ס'איז געוואָרן קלאָר פאַר אַלעמען, אַז דער ליובאַוויטשער רבי מוז פאַרלאָזן רוסלאַנד. יעדער רגע איז אַ געפאַר ער זאָל נישט ווערן נאָכאַמאָל אַרעסטירט.

מאַדאַם פעשקאָוואַ האָט צוגעזאָגט ווייטער זיך משתדל צו זיין.

פון בערלין איז אַרויסגעפאָרן דער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט ד"ר אָסקאַר קאָן מיט אַ „כתב רבנות" פון דער פרומער געמיינדע אין פראַנקפורט, פאַר דעם רבי'ן.

חוץ דעם האָט ער אויך געהאַט רעקאָמענדאַציעס פון די גרעסטע מלוכה־מענער אין דייטשלאַנד און פון קרעסטינסקין, דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין דייטשלאַנד.

און פון ריגע איז אַרויסגעפאָרן דער פרומער אגודה דעפּוטאַט מרדכי דובין, אויך מיט אַ „כתב רבנות" פון דער ריגער געמיינדע, פאַר דעם רבי'ן.

אויסער דעם האָט ער אויך געהאַט אַ בריוו פון דעם סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר אין לאַטוויע, וואָס איז אַ לאַדזשער איד.

דעפּוטאַט דובין איז געפאָרן קיין רוסלאַנד מיט שרעק אין האַרצן. ער איז אַמאָל אַליין געווען אַרעסטירט ביי די באָלשעוויקעס.

דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען די באָלשעוויקעס זיינען געווען אין לאַטוויע. און דובין, אַלס געזעלשאַפטלעכער טוער, האָט דעמאָלט באַזאָרגט די ריגער אידן מיט מעל אויף מצות.

האָבן אים די באָלשעוויקעס אַרעסטירט, און עס איז געווען אַ געפאַר, אַז זיי וועלן אים דערשיסן.

ער האָט זיך געראַטעוועט. אָבער די שרעק האָט ער נאָך אַלץ נישט געהאַט פאַרגעסן.

אין לאַטוויע איז מען בכלל געווען אָנגעשראָקן פאַר סאָוועט־רוסלאַנד. עס איז אַזוי נאָענט און מורא האָט מען ווי פאַר אַן אַפריקאַנער דזשאָנגל.

די שרעק איז געבליבן פון יענער צייט, ווען די באָלשעוויקעס האָבן געהאַלטן לאַטוויע. עס איז געווען אַ שרעקלעכע צייט. דער רויטער טעראָר האָט דעמאָלט געהערשט אָן רחמנות.

און עס איז גאָרנישט איבערטריבן צו זאָגן, אַז אפילו היינט [1930] ווען אַ לאַטווישער פאָרט קיין סאָוועט־רוסלאַנד, קלאַפּט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן. ער האָט מורא, אָט כאַפּט מען אים אין מיטן גאַס און מען דערשיסט אים.

אַזאַ מאָדנע שרעקנדיקע פאָרשטעלונג האָבן די נאָענטע שכנים, די לאַטווישער, וועגן סאָוועט־רוסלאַנד. פון אַמעריקע קיין רוסלאַנד פאָרט מען גאַנץ רואיק, זיכער, און אין לאַטוויע האָט מען מורא.

עס איז אָבער דעמאָלט געווען אַ גינסטיקער מאָמענט פאַר אַ לאַטווישן דעפּוטאַט צו בעטן אַ טובה אין רוסלאַנד.

ענגלאַנד האָט נאָר־וואָס געהאַט איבערגעריסן די באַציאונגען מיט רוסלאַנד, און די סאָוועט־רעגירונג האָט דעמאָלט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט לאַטוויע צו שליסן אַן אָפּמאַך. רוסלאַנד איז אויסערגעוויינלעך פאַראינטערעסירט אין דעם אָפּמאַך מיט לאַטוויע. און אַ דעפּוטאַט אין לאַטווישן „סיים" שפּילט אַ גרויסע ראָלע. באַזונדערס וויכטיק איז געווען דעפּוטאַט רובין, ווייל ער האָט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף דעם פּויערים פּאַרטיי.

מיט דעם חשבון אין אויג איז דעפּוטאַט דובין אַריינגעפאָרן קיין רוסלאַנד.

און זיין שרעק איז געווען אומזיסט. נישט נאָר איז אים נישט געשען קיין

בייז, נאָר ער איז נאָך אויפגענומען געוואָרן מיטן גרעסטן כבוד, און מען האָט אים באַהאַנדלט אויסגעצייכנט.

אָבער זיינע קרובים אין מאָסקווע האָבן מורא געהאַט צו באַזוכן אים אין האָטעל, וואו ער איז איינגעשטאַנען, די קרובים האָבן געזאָגט, אַז די טשעקאַ האָט טויזנט אויגן, און זיי האָבן מורא געהאַט, אַז זיי וועלן זיך „קאָמפּראָמעטירן", ווען זיי וועלן גיין צו אים.

זיי האָבן אויך געזאָגט, אַז זיי זיינען זיכער, אַז די טשעקאַ וועט זיי אַרעסטירן נישט פאַר דעם, וואָס זיי באַזוכן אים; זיי וועלן אָבער געשטעלט ווערן אונטער פאַרדאַכט, און די טשעקאַ געפינט שוין צוטשעפּענישן צו אַרעסטירן דעם, וואָס זי וויל.

ד"ר אָסקאַר קאָן איז געגאַנגען זיך מיען אויף זיינע וועגן און דעפּוטאַט דובין — אויף זיינע וועגן.

דעפּוטאַט דובין איז אַוועק צוערשט אין אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט, און פאַרהאַנדלט מיט דעם דירעקטאָר פון דער אָפּטיילונג — וואָס נעמט אַריין פוילן, ליטע, לאַטוויע און עסטאָניע — דאָבראָניצקי, אַ פּוילישער איד.

דער ענטפער איז געווען:

ניין.

די אויסזיכטן זיינען געווען שוואַך.

ד"ר אָסקאַר קאָן, וואָס איז אַ פּערזענלעכער פריינט פון טשיטשערינען, סאָוועטישער מיניסטער פון אויסלענדישע ענינים, האָט גערעדט מיט טשיטשערינען, און מיט דעם הויכן באַאַמטן פון אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט ראָטשטיין, אויך אַ איד.

און דער ענטפער איז געווען —

ניין.

ד"ר אָסקאַר קאָן האָט אַ סך געאַרבעט און די שוועריקייטן זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז ער איז איינמאָל געקומען צו דעפּוטאַט דובין, און אַ

מאַך געטאָן מיט דער האַנט פאַרצווייפלט:

— איך קען מער גאָרנישט טאָן!

זיי האָבן געאַרבעט באַזונדער. עס האָט אויסגעזען לפנים, אַז זיי קאָנקורירן צווישן זיך, יעדער וויל דעם רבי'ן פאַר אַ רב אין דער שטאָט, וואָס ער האָט געבראַכט דאָס „כתב רבנות".

דעפּוטאַט דובין איז ווידער אַוועק צו דעם פּוילישן איד דאָבראָניצקין. דירעקטאָר פון דער באַלטישער אָפּטיילונג אין אויסלענדישן מיניסטעריום. און ווידער געבעטן אַן דערלויבעניש פאַר דעם רבינ'ס אַרויספאָר.

און אַז דאָבראָניצקי האָט געזאָגט, אַז ס'איז אוממעגלעך, האָט דעפּוטאַט דובין גענומען אַרויסקומען מיט פּרעטענזיעס. ער האָט געזאָגט אַזוי:

— איר ווילט אַז איך און מיינע פריינט זאָלן אייך העלפן שליסן דעם אָפּמאַך מיט אונדזער לאַנד. און טאָמער בעטן מיר פון אייך אַ טובה, אַנטזאָגט איר אונז. מיר ווילן דעם ליובאַוויטשער רבי'ן פאַר אַ רב. די הויפּט שטאָט פון לאַטוויע וויל אים פאַר אַ רב, דערלויבט איר אים נישט אַרויסצופאָרן. דערוויל איז געקומען אַן איינלאַדונג פון דייטשלאַנד פאַר דעם רבי'ן. עס קאָן גאָר זיין אַז דער רבי זאָל וועלן בעסער פאָרן קיין דייטשלאַנד, און אפשר וועט איר אים דערלויבן צו פאָרן קיין דייטשלאַנד, זאָג איך אייך, אַז דאָס וועט אויפרעקן די אידן פון לאַטוויע, דורך דעם וועלן זיי פאַרלירן דעם רב, וואָס זיי ווילן, און די אויפרעקונג וועט זיכער שטערן אייערע פאַרהאַנדלונגען וועגן דעם אָפּמאַך.

אָבער דירעקטאָר דאָבראָניצקי, אַליין אַ איד, האָט זיך נישט דערשראָקן פאַר די אַלע רייד, און ער האָט אָפּגעזאָגט די בקשה.

דאָס האָט געדויערט אַזוי אַ שטיקל צייט ביז דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר פון לאַטוויע, דער איד פון לאָדזש, איז געקומען קיין מאָסקווע.

געקומען איז ער, נאַטירלעך, וועגן מלוכה־ענינים, און דער עיקר וועגן דעם אָפּמאַך מיט לאַטוויע.

ער האָט אָבער באַלד אָנגעהויבן אַרבעטן גאַנץ שטאַרק, אַז דער רבי זאָל קריגן די דערלויבעניש צו פאָרן קיין ריגע.

ער האָט אויפגעוויזן, אַז דאָס איז זייער וויכטיק פאַר דעם דערפאָלג פון די פאַרהאַנדלונגען וועגן דעם אָפּמאַך.

דער לאַטווישער אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע האָט אויך געהאָלפן דובינען. ער האָט געגעבן אַ סעודה אין דער לאַטווישער אַמבאַסאַדע און איינגעלאַדן די הויכע באַאַמטע פון אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט און דעם דעפּוטאַט דובין.

און אויף דער סעודה האָט געטראָפן פאָלגנדיקער אינטערעסאַנטער עפּיזאָד.

עס איז גראָד געווען אַ תענית. און אין רוסלאַנד, וואו די אַנטי־רעליגיעזע קאַמפּיינס זיינען אַזוי שטאַרק, איז דעפּוטאַט דובין געזעסן אויף אַ סעודה מיט הויכע סאָוועטישע באַאַמטע, און האָט ער האָט נישט געגעסן.

זעט עס אַ הויכער סאָוועטישער באַאַמטער, אַ איד, און ער זאָגט צו אים:

— וואָס נעמט איר גאָרנישט אין מויל אַריין? איר האָט מורא פאַר טרפות קאָנט איר דאָך עסן אַ פרוכט.

— איך פאַסט, ס'איז אַ תענית — האָט געענטפערט דעפּוטאַט דובין.

דער הויכער סאָוועטישער באַאַמטער, דער פוילישער איד, ווייסט וואָס ס'איז אַ תענית, האָט ער געשוויגן.

## קאַפּיטל 13

# דער ליובאַוויטשער רבי פאָרט אַרויס פון רוסלאַנד

און ענדלעך האָט דער דירעקטאָר דאָבראָניצקי מסכים געווען אַרויסצולאָזן פון רוסלאַנד דעם רבי׳ן, די אַלטע רביצין, זיין מוטער, און זיין פרוי, די רביצין. די גאַנצע פאַמיליע, דאָס מעבל און די ביבליאָטעק מוזן בלייבן אין רוסלאַנד. די פאַמיליע מוז בלייבן פאַר אַ משכון.

דאָס איז געווען אַ געווינס. אָבער דער רבי האָט נישט געוואָלט אַרויספאָרן, סיידן די גאַנצע פאַמיליע וועט מיטפאָרן.

און מען האָט געמוזט אַרבעטן ווייטער. עס האָט געאַרבעט מאַדאַם פעשקאָוואַ, עס האָט געאַרבעט ד״ר אָסקאַר קאָן. אָבער דעם גרעסטן טייל אַרבעט האָט געטאָן דעפּוטאַט דובין. אים איז שטאַרק געקומען צו הילף דער אָפּמאַך מיט לאַטוויע.

אין אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט איז דובין אַוועק און נאָך אַ סך בעטן האָט ער געזאָגט קאַטעגאָריש:

— איר קענט נישט האָפן אויף אונדזער הילף און די פאַראַהאַנדלונגען וועגן אָפּמאַך.

דאָס שתדלנות איז אָנגעגאַנגען פון אַלע זייטן און עס האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס דעם צווייטן טאָג ראש־השנה איז אין אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ ספּעציעלע זיצונג וועגן דעם ליובאַוויטשער רבי׳ן.

אין דער זיצונג האָבן זיך באַטייליקט: טשיטשערין, ליטווינאָוו, ראַטשטיין, דאָבראָניצקי און דער אַמבאַסאַדאָר קיין לאַטוויע.

אויסער טשיטשערינען, וואָס איז נישט קיין איד, זיינען אַלע

באַטייליקטע געווען אידן. צוויי פון זיי, דאַבראַניצקי און דער אַמבאַסאַדאָר קיין לאַטוויע — פוילישע אידן, און ליטווינאָוו — אַ איד פון ביאַליסטאָק.

די ראש־השנה זיצונג אין אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט האָט ענדלעך באַשלאָסן אַרויסצולאָזן פון רוסלאַנד דעם רבי׳ן מיט דער גאַנצער פאַמיליע.

די פאָרמאַליטעטן האָבן געדאַרפט דורכגעפירט ווערן אין לענינגראַד, ווייל דער רבי איז דאָך געווען אַ לענינגראַדער תושב. ער איז דאָך אָפיציעל געווען אַ רב אין לענינגראַד.

די פאָרמאַליטעטן האָט געדאַרפט דורכפירן די אָפּטיילונג פון אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט אין לענינגראַד. דער פירער פון דער דאָזיקער אָפּטיילונג, דער לענינגראַדער פאָרשטייער פון סאָוועטישן אויסערן מיניסטעריום איז אַ איד, זיין נאָמען איז זאַלקינד. ער איז אַן אייניקל פון דווינסקער רב, וואָס איז געווען באַוואוסט אונטער דעם נאָמען „דער בטלן”. זאַלקינדס סעקרעטאַר איז אויך אַ איד, ער הייסט קרענקין.

דעפּוטאַט דובין איז אַוועקגעפאָרן קיין לענינגראַד אַליין דורכצופירן די לעצטע פאָרמאַליטעטן.

נאָר ווען ער איז אַריינגעקומען צו זאַלקינדן און געזאָגט וואָס ער וויל, האָט מען אים אָנגעקוקט ווי אַ ווילדן.

— וואָס רעדט איר וועגן פאָרמאַליטעטן אַרויסצולאָזן דעם רבי׳ן? אַזאַ באַפעל איז גאָר נישטאָ.

איינער פון די באַאַמטע, אַ איד, האָט זיך שטאַרק געבייזערט אויף אים. עס האָט אויסגעזען ווי ער וויל דאָ עפּעס אויסנאַרן.

עס איז אָבער דאָך געלונגען דובינען צו פועלן, אַז זאַלקינד זאָל טעלעפאָנירן קיין מאָסקווע אין אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט און פרעגן צי ס'איז נישט אַרויסגעשיקט געוואָרן אַזאַ באַפעל.

באַלד האָט זאַלקינד זיך איבערצייגט, אַז ס'איז יאָ אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל אַרויסצולאָזן דעם רבי׳ן. אַ קלענערער באַאַמטער פון קאָמיסאַריאַט, אַ קריסט, האָט געקראָגן דעם באַפעל, ער זאָל אים

אַרויסשיקן, נאָר ער האָט אים אויף אַ מינוט אַריינגעלייגט אין טיש-קעסטל און פאַרגעסן אָן אים.

דער באַפעל איז געלעגן אין שופלאָד ביים קליינעם באַאַמטן.

זאַלקינד האָט געקראָגן דעם באַפעל אויפן טעלעפאָן פון מאָסקווע.

און ער האָט געגעבן די שריפטלעכע דערלויבעניש אַרויסצולאָזן דעם רבי'ן, זיין פאַמיליע, זעקס זייטיקע פערזאָנען, נישט קיין קרובים, נאָר מקורבים, אַלס באַגלייטער, די ביבליאָטעק און דאָס מעבל.

אָבער איידער מען פירט אַרויס ביכער מוז קומען אַ פאָרשטייער פון דרוק קאָמיטעט און אַרויפלייגן זיין שטעמפּל.

איז געקומען אַ פאָרשטייער פון דרוק קאָמיטעט, שטיין, אַ איד, און ער האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן די ביכער און מאַנוסקריפּטן.

שטיין איז אַ מבין אויף די זאַכן. ווען ער האָט דערזען די אַלטע ספרים, זעלטענע אַנטיקן און ווערטפולע אַלטע מאַנוסקריפּטן, האָט ער נישט געוואָלט אַרויפלייגן דעם שטעמפּל. ער האָט געזאָגט:

— די אַנטיקן טאָר מען ניט אַרויספירן. איך וועל דאָס קיינמאָל נישט דערלויבן.

און וויפל מען האָט נישט איינגעטענהט מיט אים, איז ער געבליבן איינגעשפּאַרט. ער גיט נישט, ער איז בייז געוואָרן און אַוועקגעגאַנגען.

דעפּוטאַט דובין איז אַוועק אין דרוק-קאָמיטעט און דערציילט ווי אַזוי ער האָט אויסגעפירט צו קריגן די דערלויבעניש, דערמאָנט דעם „אָפּמאַך", און געבעטן מען זאָל שיקן אַן אַנדער באַאַמטן, נישט שטיינען.

דאָס מאָל האָט דער דרוק-קאָמיטעט צוגעשיקט אַ קריסט אַלס זיין פאָרשטייער. און דער קריסט, נישט קיין ידען אויף אידישע ספרים, האָט, אָן טענות, אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל.

דער רבי איז געבליבן אין רוסלאַנד ביז איבער סוכות.

אסרו-חג פון סוכות, אין יאָר תרפ"ח, איז דער רבי אַרויסגעפאָרן פון רוסלאַנד.

מיט אים איז געפאָרן זיין גאַנצע פאַמיליע, זעקס באַגלייטער ליובאַוויטשער חסידים, און זיין מעבל און ביבליאָטעק, וואָס האָבן פאַרנומען פיר וואַגאָנען.

צווישן די זאַכן, וואָס די סאָוועט־רעגירונג האָט דערלויבט דעם רבי׳ן מיטצונעמען מיט זיך, איז געווען דריי פוד זילבער, אַלטע אַנטיקוואַרע כלים.

אַ גרויסער עולם איז געקומען אויפ׳ן וואָקזאַל זיך געזעגענען מיטן רבי׳ן.

אויפ׳ן גאַנצן וועג פון רוסלאַנד ביז ריגע, אויף יעדער סטאַנציע, זיינען געקומען מחנות אידן זען דעם רבי׳ן, און אַ סך פון זיי זיינען מיטגעפאָרן עטלעכע סטאַנציעס.

אומעטום איז געקומען אַ גרויסער עולם באַגריסן דעם רבי׳ן צו זיין באַפרייאונג.

ווען דער רבי איז אָנגעקומען קיין ריגע, האָט מען אים געפרעגט ווי ער פילט זיך נאָך די שווערע צייטן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט. און דער רבי האָט געענטפערט אַזוי:

— ווען עמעצער זאָל מיר וועלן פאַרקויפן פאַר אַ מיליאַרד אַ רגע יסורים אין עתיד, וועל איך נישט קויפן. און ווען עמעצער זאָל וועלן ביי מיר אָפּקויפן פאַר אַ מיליאַרד אַ רגע יסורים פון עבר, וועל איך נישט פאַרקויפן.

# ווער עס איז ר' מרדכי דובין, דער אַמאָליקער עסקן און מאָדערנער פאָלקס־פירער

אין יאָר 1929 איז דער ליובאַוויטשער רבי געפאָרן קיין אַמעריקע דורכצופירן די גרויסע הילפס־אַקציע פאַר די אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד. מיט אים זיינען געפאָרן עטלעכע באַגלייטער, צווישן וועלכע עס זיינען געווען איינקע וויכטיקע פערזענליכקייטן, וועלכע פאַרדינען יעדער איינער ספּעציעל אויפמערקזאַמקייט.

דאָס איז באַזונדערס דער פאַל מיט ר' מרדכי דובין, דער דעפּוטאַט פון לאַטווישן סיים.

ה' דובין ווערט פון מאַנכע באַטראַכט אַלס דער „דיפּלאָמאַט" פון דער ליובאַוויטשער חסידישער „מלוכה", און ווי אַ דיפּלאָמאַט רעדט ער און שוויגט ער ווען דער מאָמענט פאָדערט ריידן אָדער שווייגן.

אָבער עס איז ניט אין זיין ריידן אָדער שוויגן. דאָס מען קען געניי דערקענען ר' מרדכי דובין. איר דערקענט אים אין זיינע מעשים און ער איז הויפּטזעכלעך אַ מענטש פון מעשים.

באַקענט איר זיך מיט זיין טעטיקייט, וואונדערט איר זיך ווי איין מענטש האָט געקענט אַזוי פיל אויפטאָן און גראָד אין אַזאַ קליין מדינהלע ווי לאַטוויע. דער פאַקט איז אָבער, אַז לאַטוויע, באַזונדערס ריגע, איז שוין לאַנג געוואָרן דער דורכגאַנג פאַר צענדליקער טויזנטער אידן פון רוסלאַנד און אַנדערע לענדער. פאַרשטייט זיך, אַז טויזנטער און טויזנטער פון זיי זיינען שטענדיק אין נויט — און אַז אידן זיינען אין נויט מוז זיך געפינען איינער וואָס זאָל פאַר זיי זאָרגן. איז ר' מרדכי דובין געוואָרן זייער פאַרזאָרגער און האָט עס אַלעמאָל געטאָן, ווי אַ טאַטע פאַר קינדער, ווי אַ ברודער פאַר ברידער. דער אידישער עמיגראַנט, דער אידישער

פליכטלינג און יעדער איד וואָס איז געווען אין אַ צרה האָט תמיד געפונען און געפינט נאָך איצט הילף ביי דובינען.

איר רעדט מיט ר' מרדכי דובין וועגן זיין טעטיקייט. ער רעדט באַשיידן. ער וויל זיך קוים אַרויסשטעלן אין פאָדערגרונד. ער האָט געטאָן ניט מער וואָס עס איז געווען זיין פליכט צו טאָן פאַר זיינע נויטליידנדיקע ברידער.

איר געפינט אָבער אויס דעם דערשטוינענדיקן פאַקט, אַז זינט די מלחמה יאָרן, ווען דובין האָט אָנגעהויבן זיין קהלשע טעטיקייט, איז ער געקומען אין פערזענלעכער באַרירונג מיט ניט ווייניקער ווי אַ הונדערט טויזנט אידן וועמען ער האָט געהאָלפן אויף פאַרשידענע אופנים.

אויפ'ן אויסזען איז ה' דובין פיל עלטער, אין זיין שוואַרצער, רונדלעכער באָד וואָס פּאַסט אַזוי צו זיין מילדן פאַרחלומטן פנים, שטרייפן זיך שוין דורך זילבער-ווייסע האָר. איר קוקט אים אָן און איר זייט איבעראַשט צו הערן, אַז ער איז בלויז 40 יאָר אַלט. אַזוי יונג און שוין אַזוי פיל מיטגעמאַכט!

הויך און מיט טרוימערישע אויגן האָט ה' דובין אַ „פּראָפעסאָרישן" אויסזען. ווען איר זעט אים שבתים אין אַ צילינדער, קוקט ער אויס ווי אַ טיפּישער דיפּלאָמאַט.

ה' דובין איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין ריגע. אין ריגע איז ער געווען די גאַנצע צייט טעטיק און אויך איצט. ער איז שוין אָבער לאַנג אַריבערגעוואַקסן די גרענעצן פון ריגא און אפילו לאַטוויע. כאָטש צוליב זיין באַשיידנקייט און גוטמוטיקייט הערט מען ניט אַזוי פיל פון אים ווי מען הערט פון אַ סך וואָס האָבן אַ הונדערטסטל פון זיינע פאַרדינסטן. זיינען אָבער פאַראַן טויזנטער און טויזנטער אין אייראָפּע און אין אַמעריקע וואָס ווייסן, אַז ער איז דער אמתער אידישער עסקן, וואָס קאָמבינירט דעם אַלטן כלל-טוער און דעם מאָדערנעם פירער.

ר' מרדכי דובין האָט אַ באַשטימטע אידישע וועלט-אַנשויאונג. ער איז אַן אָרטאָדאָקס און אַ פירער פון דער אָרטאָדאָקסיע: ער געהערט צו דער אגודה און איז איינער פון אירע זיילן. ער גלויבט אין אָרגאַניזאַציע און

דאָס אויף מאָדערנע און פעסטע יסודות, ווייל נאָר אויף אַזא אופן, האַלט ער, קענען די אָרטאָדאָקסישע אידן זיין אַ מאַכט און דערגרייכן זייערע צילן.

ער איז אָבער געניג וועלטלעך און געניג ברייטהאַרציק, אַז ער זאָל קענען „הויזן" מיט אַנדערע אידן, און ר׳ מרדכי דובין איז באַקאַנט ניט בלויז מיט זיינע קאַמפן מיט פּאָליטישע קעגנער, נאָר אויך פאַר זיין טאַקט און זיין איידעלער האַלטונג מיט די וואָס זיינען קעגן אים.

ר׳ מרדכי דובין, אַ איד אַ למדן און דערצו אַ קענער פון שפּראַכן און בכלל איינער וואָס באַזיצט אַ פולשטענדיקע אייראָפּעאישע בילדונג און פאַרשטענדניש פאַר זאַכן, איז ממש דערצויגן געוואָרן אַלס פּאָליטיקער און כלל-טוער. די וועלט, די אומשטענדן זיינען געווען זיינע לערער און דערציער.

דער זון פון אַ רייכן האַלץ-הענדלער און אַ געטרייער ליובאַוויטשער חסיד איז ר׳ מרדכי דובין דערצויגן געוואָרן אין אַ ריין טראַדיציאָנעלן חסידישן-חב״דישן גייסט. ער איז נאָך איצט אויך דער ברייטער בעל-הבית, דער פרומער חסיד און גלייכצייטיק וועלט-מענטש.

נאָך ווי אַ יונג בחורל האָט ער שוין אָנגעהויבן זיין טעטיק אין פאַרשידענע קאָמיטעטן צו העלפן אידישע כלי-קודש און אַנדערע.

אין דובלען און אַנדערע קוראָרטן אין קורלאַנד פלעגן יעדן זומער אָנקומען רבנים, חזנים און אַנדערע אידן, וועמען מען האָט פריער אָדער שפּעטער געדאַרפט מיט עפּעס אַרויסהעלפן. האָט דובין געקראָגן די דערפאַרונג פון אַן עסקן און ווען דער גרויסער וועלט-קריג איז אויסגעבראָכן און עס האָבן זיך אָנגעפאַנגען די גרושים, די בהלות און די אַנדערע פּלאָגן אויף אידן, איז שוין דובין געווען אַ וויכטיקער טוער אין די פאַרשידענע הילפס קאָמיטעטן און האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אויסצייכענען מיט זיין גרויסער ענערגיע, סיסטעמאַטישקייט און צוועקסמעסיקייט.

טויזנטער פליכטלינגע האָבן אָנגעהויבן פאַרפלייצן ריגע. מען האָט זיי געדאַרפט פאַרזאָרגן. דובין איז געוואָרן איינער פון זייערע באַזאָרגער מיט

ברויט און מיט אַ דאַך איבער זייערע קעפּ אָדער גאָר מיט הוצאות הדרך צו קענען פאָרן ווייטער אָדער צוריקקערן צו זייערע היים-פּלעצער.

נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע, ווען קערענסקי איז אַריין אין מאַכט, איז דובין געוואָרן טעטיק אין אָרגאַניזירן אידישע קהילות און בכלל צו אָרגאַניזירן די אידן אַזוי, אַז זיי זאָלן זיין פּאָליטיש אויף דער וואַך. דובין האָט דאַן אָנגעהויבן קריגן זיין ערשטע פּאָליטישע דערפאַרונג.

פון דעמאָלט אָן און ווייטער הויבט דובין אָן וואַקסן. זיין פּערזענלעכקייט ווערט מער בולט. ער ווערט אַווירקלעכער פירער.

ער ווייס די גרויסע אידישע נויט און ער ווייס אויך זייערע פּאָליטישע באַדערפעינישן. ער ווערט איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אגודת ישראל. ער ווערט אַ פּאַרטיי-פירער. ער איז טעטיק אויף אַלע געביטן פון אידישן עפנטלעכן לעבן.

ווען די דייטשן אָקופּירן ריגע שאַפן זיך אַ ריי פּראָבלעמען. אידן קריגן מער אַנערקענונג אַלס אַזעלכע, אָבער עס זיינען פאַראַן אַנדערע צרות. די דייטשן פאַרלאָזן ריגע און עס קומען די באָלשעוויקעס און ווידער צרות, נאָך גרעסערע ווי פריער.

הונגער, רדיפות און ביטערע אינערלעכע קאַמפן אין אידישן לאַגער. דובין זאָרגט פאַר קהלשע אידישע ענינים און אויך פאַר יעדן וואָס איז אין נויט. ער שיצט די קהלה און די אידישע אינסטיטוציעס און ווענדט אָן אַלערליי מיטלען כדי צו באַזאָרגן אידן מיט מצות, האַלטן אָפן חדרים, העלפן די כלי קודש און אַנדערע.

אונטער די באָלשעוויקעס פעלט מעל. עס פעלט ברויט. די לאַטווישע באָלשעוויקעס זיינען בכלל אַנטיסעמיטיש. זיי ווילן אידן צו גאָר ניט צולאָזן. די לאַגע איז אַ קריטישע. דובין ריזיקירט מיט זיין אייגענער פרייהייט און אפילו מיטן לעבן און באַשטייט אויף די רעכט פון די אידן.

איינמאָל האָט מען אים שוין אַרעסטירט. עס איז געווען אַ געפאַר, אַז אַ סך אַנדערע כלל-טוער זאָלן אַרעסטירט ווערן. מען האָט אים און אַנדערע באַשולדיקט אין אַלערליי קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן.

דובין איז אָבער געווען דרייסט און אַנטשלאָסן. ער האָט געוואוסט, אַז

דער אמת איז אויף זיין זייט און ער האָט זיך אויסגעדרייט פון די באָלשעוויסטישע אַגענטן.

דובין האָט דורכגעמאַכט אַלע צרות וואָס ריגע און אַנדערע שטעט האָבן דורכגעמאַכט אונטער די פאַרשידענע רעזשימען און אונטערן האָגל פון די קוילן, באָמבאַרדירונגען און אַזוי ווייטער. ער איז אָבער כסדר געווען אויף דער וואַך און האָט אונטער אַלע אומשטענדן זיך געזאָרגט פאַר די טויזנטער אידן וואָס האָבן געדאַרפט האָבן הילף און שוץ.

ניט איינמאָל האָט ער אידן ממש געראַטעוועט פון טויט, נאָכדעם ווי זיי זיינען שוין פון אַ פעלד-געריכט פאַרמשפט געוואָרן צום טויט ווי שפּיאָנען.

ווען לאַטוויע איז פריי געוואָרן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ זעלבשטענדיקע רעגירונג, איז דובין געווען דער ערשטער פון די וואָס האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער דאָזיקער אַרבעט.

ווי אַ גרינטלעכער קענער פון דער לאַטווישער שפּראַך, איז ער געוואָרן איינער פון די בעסטע און פּעאיקסטע פּאָליטישע פירער אין לאַטוויעס ווידערגעבורט ווי אַ זעלבסשטענדיקע מלוכה.

ער איז דערוויילט געוואָרן אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג און ער איז זינט דעם ערשטן טאָג אַ דעפּוטאַט אין סיים, פאַרטרעטנדיק דער אגודת ישראל, אָבער אין דערווירקלעכקייט שטייענדיק העכער פון אַלע פאַרטייען און ריכטונגען, האָבנדיק תמיד אין זינען די העכערע אינטערעסן פון אידישן פאָלק.

דובין פאַרנעמט אַ וויכטיקן און אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דעם לאַטווישן סיים. ער איז אַ מיטגליד פון אייניקע קאָמיסיעס, ספּעציעל די בודזשעט-קאָמיסיע, וואָס האָט אים געגעבן אַ באַזונדער שטאַרקע פּאָזיציע אין דער אידישער ווי אויך אַלגעמיינער פּאָליטיק פון לאַנד.

זייענדיק אין דער בודזשעט-קאָמיסיע שטייט דובין שטענדיק אויף דער וואַך, אַז אידן זאָלן געניסן פון אַלע רעכטן אונטער דער לאַטווישער קאָנסטיטוציע. אידן קריגן שטיצע פון דער רעגירונג פאַר פאַרשידענע צוועקן.

אַ דאַנק דובינ׳ס טעטיקייט, זיינען טויזנטער און טויזנטער פאַרוואָגלטע רוסישע אידן אין ריגע געהאָלפן געוואָרן פּאָליטיש אַזוי גוט ווי פינאַנציעל.

און אַ דאַנק דער שטאַרקער פּאָליטישער פּאָזיציע וואָס ער האָלט אין לאַטוויע און זיין איינפלוס, האָט ער געקענט ווערן איינער פון די וואָס זאָלן פיל ביטראָגן דירעקט און אומדירעקט צו דעם וואָס דער ליובאַוויטשער רבי איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון סאָוועט-רוסלאַנד.

גראָד איז די פּאָליטישע לאַגע דעמאָלט געווען אַ גינסטיקע. ענגלאַנד האָט געהאַט אָפּגעבראָכן אירע באַציאונגען מיט סאָוועט-רוסלאַנד, דאָס האָט די באָלשעוויקעס שטאַרק געקרענקט.

אין דער צייט זיינען אָנגעגאַנגען פאַרהאַנדלונגען מיט לאַטוויע וועגן אַ האַנדלס אָפּמאַך. אין אַ צייט ווען מען האָט פאַרלאָרן ענגלאַנד איז פאַר רוסלאַנד לאַטוויע געווען פון גרויס וויכטיקייט; אויב ניט פאַר קיין אַנדער אורזאַך ווי צוליב פּרעסטיזש. זאָל די וועלט זען, אַז ניט אַלע לענדער טרייסלען זיך אָפּ פון רוסלאַנד.

אין דעם לאַטווישן סיים האָט געזאָלט פאָרקומען די אָפּשטימונג וועגן דעם האַנדלס-אָפּמאַך מיט רוסלאַנד. און דערפאַר איז יעדער דעפּוטאַט ביי די סאָוועט-פירער געווען באַזונדערס חשוב. מען האָט זיך פאַר זיי געמוזט פלייסן, צייגן אַז מען האַנדלט ווי פאָרשטייער פון אַן אמת אייראָפּעאישער מלוכה.

און דער איינפלוס וואָס דובין וואָלט מעגלעך קיינמאָל ניט געהאַט אין מאָסקווע האָט ער דעמאָלט געקראָגן.

איז דובין געקומען קיין מאָסקווע און האָט אָנגעהויבן פירן די פאַרהאַנדלונגען, אַז מען זאָל דעם ליובאַוויטשער רבי׳ן דערלויבן אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד מיט זיין גאַנצער פאַמיליע און מיט זיין גאַנצער ביבליאָטעק.

אָבער אויך מיט זיין גאַנצן איינפלוס האָט ער פון אָנפאַנג ווייניק וואָס געקענט פועלן. ער האָט געמוזט האָבן די הילף פון אָסקאַר קאָן און אַ סך אַנדערע. ענדלעך האָט ער אָבער אויסגעווירקט, אַז מען זאָל דעם

ליובאַוויטשער רבי'ן אַרויסלאָזן קיין אויסלאַנד און דובין, ווי טויזנטער אַנדערע אידן, איז געווען מלא שמחה.

דובין איז זינט דאַן איינער פון די אָנגעזעענסטע צווישן דעם רבינ'ס מקורבים. ער העלפט אים אין זיין גאַנצער תורה־טעטיקייט.

# מפתח אנשים

אביגדור (רב פון פינסק): 58. 62. 77. 109־111. 119. 158.
אביגדור, חייקין (רב פון לאָנדאָן): 203.
אברהם (זיידע פון דעם אַלטען רבי'ן): 11.
אברהם (דער „מלאך"): 34. 39. 40.
אברהם, קאַליסקער: 9. 40. 41. 58. 81.
אברהם חנוך, גליצענשטיין: v.
אהרן, סטראַשעלער: 53.
אייזיק האָמליער (עפשטיין): 15. 163־166. 170.
איסר: 61.
אלי' (דער ווילנער גאון): 27. 28. 41. 45. 52. 53. 55. 57. 58. 60. 61. 65. 66. 68־71. 73־75. 90. 94.
אלי', יאַנג: iv.
אלי' חיים, מייזל (רב פון לאָדז): 203.
אלימלך (דער רבי פון ליזענסק): 34.
אַלעקסאַנדער, דער קיסער: 111. 114. 116. 155.
אַלעקסייעוו (סעקרעטאר): 79.
אַלפערין: 201.
אָסקאַר, קאָהען: 224. 281. 294. 296. 299.
אפרים יוסף, גאַלאַדיעץ: 172.
באַרטשענקאָ (פראָפעסאָר): 264.
בולגאַקאָוו (גענעראַל גובערנאַטאָר): 79. 80. 97.
בוראָוו (פראָפעסאָר): 22. 23.
ביילים: 264. 265.
בנימין (דער רב פון ליובאַוויטש): 13.
בראָדסקי: 201.
ברוך (טאַטע פון דעם אַלטן רבי'ן): 7־13. 16. 63.
בעק, ד"ר: 281. 283.
ברוך, מעזשיבושער: 119. 120.
גבריאל (מעטראָפאָליט): 97.
גוראַרי', פאַמיליע: 215.
גינזבורג, באַראָן: 183. 184. 202. 203. 206.
גרשון, קיטאָווער: 41.
דאָבראָניצקי: 296. 297. 299. 300.
דבורה לאה (טאָכטער פון דעם אַלטן רבי'ן): 67. 68.
דבורה לאה, גינזבורג (טאָכטער פון מהר"ש): 193.
דובער, דער מעזריטשער מגיד: 5. 20. 27. 28. 30־39. 45. 58־60. 66. 93. 109. 121. 131.
דובער, דער מיטעלער רבי: 1. 7. 126. 129־163. 167־169. 171. 173.
דובער זאב, קאָזעוווניקאָוו (יעקאַטערינאָסלאַווער רב): 192.
דוד משה, פרידמן (טשאָרטקאָווער רבי'): 201.
דוד, לאַזאראָוו: 187.
דוד, מעקלער: iv. 12. 92. 172.
דעכטעריעוו: 260. 265.
היימענטאַל (הייבענטאַל): 154. 156־158.
הירש, דאַווידאָוויטש: 77־79. 81.
הלל, פאַריטשער: 170. 171.
העניך, שיק: 55.
וואַיקאָוו (אַמבאַסאַדאָר): 268.

ווייסמאַן (וויצע רייכסקאַנצלער פון דייטשלאַנד): 281. 283.
זאַלקינד: 300. 301.
זייצעוו: 201.
זלמן, האָוולין: 214־216. 218. 225.
זושא, אַניפּאָלער: 34.
זשאַגאָלין: 83.
חי׳ מוסיא, האָרנשטיין (טאָכטער פון מהר״ש): 193.
חי׳ מושקא, שניאורסאָהן (טאָכטער פון מהריי״צ): 289.
חיים: 61.
חיים, ליבערמאַן: 275.
חיים, סאָלאָווייטשיק: 203.
חיים עוזר, גראָדזענסקי: 203.
חיים שניאור זלמן, שניאורסאָהן (אדמו״ר מהרחש״ז מלאַדי): 193.
חנה, גורארי׳: 231.
טעקטשינסקי (פירשט): 22.
טשעכאָווסקי (פירשט): 132.
טשיטשערין (סאָוועטישער אויסלענדישער מיניסטער): 296. 299.
יהודה, חיטריק: 179.
יהודה לייב, הכהן (אַניפּאָליער): 40.
יהודה לייב, יאַנאָוויטשער (ברודער פון דעם אַלטן רבי׳ן): 27. 29. 89.
יהודה לייב, סגל: 17. 19. 20. 26. 29. 30.
יהודה ליוואי (מהר״ל): 7
יהושע, דובראָווסקי: v.
יהושע, מונדשיין: 79.
יוסעלע, דעם מגיד׳ס: 54. 131.
יוסף, דער מוכיח: 12. 13.
יוסף, ד״ר בערטענסאָן: 184־186. 189. 191.
יוסף יצחק (פעטער פון דעם אַלטען רבי׳ן): 17.
יוסף יצחק, שניאורסאָהן (זון פון צמח צדק): 178.
יוסף יצחק שניאורסאָהן (דער רבי מהריי״צ): iv. v. 1. 2. 67. 68. 116. 138־141. 172. 195. 212. 214. 215. 217־309.
יעקאַטערינאַ (קעניגין): 77.
יעקב: 175־177.
יצחק אלחנן, פון קאָוונא: 180. 183.
ישכר בער, קאַבילניקער: 12־16. 54. 131.
ישראל, בעש״ט: 32. 39. 40. 41. 44. 58. 95. 109. 119. 120. 121.
ישראל, יאָפּע: 153.
ישראל נח, שניאורסאָהן (זון פון צמח צדק): 173. 178.
ישראל, סאַלאַנטער: 180. 183.
ישראל, רוזשינער: 175. 176.
כאָוואַנסקי (גובערנאַטאָר פון וויטעבסק (און זיין זון)): 154־159.
לאַפּוכין (גענעראַל פּראָקוראָר): 79. 83. 96. 97.
לוי יצחק, באַרדיטשעווער: 34. 58. 62. 67. 120.
לולאָוו: 222. 231־233. 235. 238. 260. 261. 263־266. 274. 279. 280. 286. 287.
ליובאָמירסקי (פירשט): 116־118. 131־134. 154.
ליטווינאָוו: 299. 300.
לייב, בן יהודה: 80.
לייב, יאַנאָוויטשער: 88. 90־94. 96. 98־100. 102.
לייב, שרה׳ס: 35.

מאַטוויִעוו (סעקרעטאַר): 79.
מאיר, הילדעסהיימער (רבינער פון בערלין): 281. 283.
מאיר, רפאל׳ס: 69. 70. 72. 75. 76.
מאַקסים, גאָרקי: 224. 272. 283. 232.
מאַרסעי (פּראָפעסאָר): 22.
מנחם מענדל, וויטיבסקער (האָראָדאָק): 9. 33. 34. 37. 39. 40. 41. 44. 45. 71. 72. 81.
מנחם מענדל, שניאורסאָהן (דער צמח צדק): 1. 52. 67. 68. 135. 137. 151. 163־178. 187. 194. 202. 263.
מנחם מענדל, שניאורסאָהן (זוהן פון מהר״ש): 193.
מנחם מענדל, שניאורסאָהן (כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א): 3. 8. 39. 54. 71.
מענזשיסקין (פאָרזיצער פון טשעקאַ): 272. 282. 283. 285. 288.
מעסינג (נאַטשאַלניק פון דער לענינגראַדער טשעקאַ): 273. 287. 292.
מרדכי (פּעטער פון ר׳ ברוך): 12.
מרדכי, דובין: 224. 294־309.
מרדכי, ליעפּלער: 88־91. 94.
משה (עלטער זיידע פון דעם אַלטן רבי׳ן): 8.
משה, בן מרדכי: 80.
משה, מייזליש: 45־52. 75. 126.
משולם זוסי׳, פון אַניפּאָליא: 40.
משולם זלמן, ניימרק (רב פון סטאַראָדוב): 187.
נאַפּאָלעאָן: 2־5. 46־48. 51. 52. 119. 122. 125־128. 145. 215.
נחום טשערנאָבילער: 35. 40. 67.
נחמה דינה, שניאורסאָהן (ווייב פון מהריי״צ): 222. 299.
נחמי׳ דובראָוונער: 168. 170.
נחמנסאָן: 222. 231־233. 235־238. 266. 279. 280.
ניסי בעלזער: 141.
ניסי באַסלאָוועך: 141.
ניסן, מינדעל: iv.
ניקאָליי: 6.
ניקאָליי, דער ערשטער: 180.
סעקרעט: 132־134. 154. 156. 157. 185.
פּאַביעדאָנאָסצעוו: 190. 191.
פּאַוועל, קיסר: 77. 79. 81. 85. 95־97. 102. 106־109. 114־116. 263.
פּאָלאַקאָוו: 203.
פלעכאַנאָוו: 229.
פנחס (דער בעל הפלאה): 34.
פנחס, זשעבינער: 142.
פנחס, שקלאָוועך: 55. 155.
פּעטראָ: 246־249.
פּעשקאָוואַ, מאַדאַם: 224. 272. 283־288. 291. 292. 294. 299.
פּרץ, חן: 170.
קאָוואַרדאַ: 268.
קאַלינין (פּרעזידענט פון רוסלאַנד): 272. 282.
קערנענסקי: 306.
קרילענקאָ (הויפּט פּראָקוראָר): 263. 264. 291.
קרענין: 300.
קרעסטינקין (סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין בערלין): 281־283. 294.

ראָטשטיין: 299.
רבקה, שניאורסאָהן (ווייב פון מהר"ש): 193־195. 200.
ריקאָוו (פרעמיער פון רוסלאַנד): 272. 282. 283. 288.
שאול, סיראַטינער: 102. 106. 107. 115. 116.
שאול שמעון, דויטש: vi.
שטיין: 301.
שטערזמאַן (אויסלענדישער מיניסטער פון דייטשלאַנד): 281. 283.
שטערנע (ווייב פון אַלטן רבי'ן): 18. 29. 30. 84. 155.
שטערנא, שניאורסאָהן (ערשטע ווייב פון מהר"ש): 193.
שטערנא שרה, שניאורסאָהן (ווייב פון מהרש"ב): 222. 231. 233. 299.
שיינא (דעם מיטעלן רבינ'ס פרוי): 129. 136.
שלום דובער, לוין: 8.
שלום דובער, שניאורסאָהן (דער רבי מהרש"ב): 2. 5. 6. 193. 195־218.
שלום יעקב, חזן: vi.
שלמה, קאַרלינער: 3. 34. 65־67.
שמואל, בן אלי': 80.
שמואל, מונקיס: 53.
שמואל, קראַוס: 60.
שמואל, שניאורסאָהן (דער רבי מהר"ש): 8. 177־196. 207.
שמעון, גליצנשטיין: vi.
שמעלקע, פון ניקלשבערג: 34.
שמרי', גוראַרי': 215. 220. 223. 229. 231־233. 269. 270. 289. 291.
שניאור זלמן (זיידע פון דעם אַלטען רבי'ן): 8.
שניאור זלמן (דער אַלטער רבי): לא נסמן לרוב המצאו.
שניאור זלמן אהרן, שניאורסאָהן (רז"א): 192. 193.

# מפתח מקומות


אונגאַרן: 92.

אוראַל: 128.

אייראָפּע: 269.

אַמעריקע: 225. 264. 265. 278. 282. 295. 303.

אַניפּאָליע: 61.

ארץ ישראל: 9. 33. 40. 41. 44. 45. 81. 109. 151-153. 158-160. 190. 192-193. 212. 214-216. 218. 225. 282.

בולדראָווקא: 157.

ביאַליסטאָק: 300.

בערלין: 281. 283. 294.

בריסק: 203.

גאָראָד אָסי: 128.

גאָראָד יורע: 128.

דובעלען: 305.

דובראָוונע: 118. 173. 202. 203. 207.

דייטשלאַנד: 5. 6. 224. 281-283. 294. 297.

דראָגאָבוזש: 125.

האַדיטש: 126. 161. 162. 213. 267.

האָראָדאָק: 10.

וואָלין: 68.

וואַרשע: 211. 225. 268.

וויטעבסק: 10. 11. 16. 17. 19. 21. 22. 24. 26. 30. 35. 85. 86. 148. 157-159. 283.

ווילנע: 26-31. 41. 44. 46. 47. 50-52. 54-56. 61. 69-72. 75. 76. 78-80. 89-91. 93. 94. 96. 97. 102. 203.

וולאָדימיר: 128. 199.

זשלאָבין: 54. 55. 120.

זשעבין: 213.

חברון: 152.

טאַובאָוו: 128. 275.

טולטשין: 120.

טריצא זערקא: 127.

טשאָרטקאָוו: 201.

יעקאַטערינאָסלאָוו: 151.

כאַרקאָוו: 220. 272. 283.

כערסאָן: 147.

לאָדז: 203. 294. 297.

לאַטוויע: 224. 294-300. 303-308.

לאָנדאָן: 203.

ליאָדי: 1-5. 118. 119. 122-125. 130. 131. 133. 134. 137. 138. 267.

ליאָזנע: 9-12. 16. 32. 42. 43. 44. 55. 56. 63-65. 73. 75. 79-81. 83. 85. 97. 110. 116-118. 131. 137.

ליובאַוויטש: 1. 2. 5. 6. 12-17. 131-135. 137-139. 142. 144. 149. 158. 159. 162. 171-174. 180. 183. 185. 186. 188-191. 195. 204. 205. 207. 208. 212. 213. 215. 225. 239. 240. 267.

ליטע: 28. 32. 33. 41-44. 52. 56. 57. 61-63. 65. 76. 119. 296.

לענינגראַד: 221. 222. 229. 233. 234. 237. 240. 250. 258. 267. 269-273. 285. 292. 293. 300.

מאָהילוו: 9. 45. 75.

מאַלאַכאָווקע: 224.

מאָסקווע: 2. 46. 51. 122. 126-128. 189.

197. 200. 223. 224. 269-273. 282. 283.
286. 291. 292. 296. 297. 298. 300. 301.
מינסק: 171. 272. 283.
מעזריטש: 26-31. 34. 35. 56-58. 131.
מעזשיבוש: 119. 120.
ניעזשין: 162. 267.
נעוול: 86.
סאָלאָוויעצק: 284-286.
סיביר: 221. 287.
סמאָלענסק: 127.
ענגלאַנד: 268. 282. 295.
עסטאָניע: 296.
פּאָזען: 8. 10. 11. 63.
פּאָלטאַווע: 126.
פּאַריז: 268.
פּוילן: 8. 77. 92. 268. 296.
פּינסק: 58.
פּיענע: 125. 126. 129. 130.
פּעטערבורג: 77. 79. 80. 82-84. 86. 89. 90.
94. 97-99. 101. 102. 108. 110. 111.
115-118. 131. 160. 182-185. 188-190.
192. 208. 209.
פּראַג: 7. 8. 77.
פּראַנקפורט: 294.
פּראַנקרייך: 6. 282.
קאַבילניק: 13.
קאָוונע: 207.
קאַווקאַז: 218.
קאָסטראָמאַ: 224. 285. 287. 289-291. 293.
קורסק: 125. 128. 129.
קיעוו: 200. 283.
קראַסנאַיע: 125.
קראָקע: 211.
קרים: 195.
קרעמענטשוג: 130. 134. 215.
ראָוונע: 58.
ראַזאַן: 128.
ראָמאַנאָווקע: 147-150.
ראָסטאָוו: 6. 217. 219. 220. 267.
רוסלאַנד: 6. 9. 46. 47-51. 56. 77. 79. 95.
122. 125. 126. 128. 145. 147. 160. 183.
186-190. 192. 198. 200. 201. 202. 208.
209. 213. 216. 217. 219-221. 224. 225.
233. 234. 262-265. 267-269. 272. 273.
282. 283. 289. 294. 295. 298. 303. 308.
ריגע: 225. 294. 302. 304-308.
שווינציאַן: 46-51. 70.
שטשעדרין: 171-173. 213.
שקלאָוו: 75.


A
B
C
D
E
1
2
3
BALTIC SEA
Petersburg
Dvina
Niemen
Nevel
Vilna
Polotsk
Horodok
Dokshitsy
Smorgon
Vitebsk
Liozno
Rudnya
Lubavitch
Borisov
Brda
Bug
WARSAW
LITHUANIA
Minsk
Lyady
Smolensk
MOSCOW
Dubrovno
Slutsk
RUSSIA
Bobruisk
IRELAND
ATLANTIC OCEAN
GREAT BRITAIN
NORTH SEA
NORWAY
SWEDEN
FINLAND
DEN.
HOLLAND
BALTIC SEA
FRANCE
GERMANY
SWITZ.
ITALY
MEDITERRANEAN SEA
AUSTRIA-HUNGARY
POLAND
LITHUANIA
BELORUSSIA
UKRAINE
RUMANIA
RUSSIA

RUSSIA
BELORUSSIA
UKRAINE
Wisla
Styr
Prypet
Desna
Teterev
Dniester
Dnieper
Boh
Karlin
Rogachev
Zhlobin
Parichi
Homel
Brody
Mezhirech
Korets
Annopol
Chernobyl
Chernigov
Peremyshlyany
Zhitomir
Kiev
Berdichev
Medzhibozh
Ruzhin
Okopy
Tulchin
Shpola
PALE OF SETTLEMENT
REGIONAL BOUNDARY
MAIN ROAD
A
B
C
D
E
4
5


A
B
C
D
E
1
2
3
BALTIC SEA
ESTONIA
LATVIA
LITHUANIA
BELORUSSIA
RUSSIA
Petersburg
Dvina
Niemen
Nevel
Vilna
Polotsk
Horodok
Dokshitsy
Smorgon
Vitebsk
Liozno
Rudnya
Lubavitch
Brda
Bug
WARSAW
Borisov
Minsk
Berezyna
Lyady
Smolensk
MOSCOW
Dubrovno
Slutsk
Bobruisk
IRELAND
ATLANTIC OCEAN
GREAT BRITAIN
NORTH SEA
NORWAY
SWEDEN
FINLAND
DEN.
HOLLAND
BELG.
FRANCE
GERMANY
BALTIC SEA
EST.
LATVIA
LITHUANIA
RUSSIA
POLAND
SWITZ.
CZECHOSLOVAKIA
AUSTRIA
BELORUSSIA
MEDITERRANEAN SEA
ITALY
YUGOSLAVIA
HUNGARY
RUMANIA
UKRAINE


Karlin
Rogachev
Zhlobin
Parichi
Homel
Wisla
Prypet
Styr
Desna
Mezhirech
Brody
Korets
Annopol
Chernobyl
Chernigov
Teterev
Peremyshlyany
Zhitomir
Kiev
Berdichev
Medzhibozh
Ruzhin
Dniester
Okopy
Tulchin
Shpola
Dnieper
U K R A I N E
Boh
BORDER OF REPUBLIC
MAIN ROAD
A
B
C
D
E
4
5

נדפס

לכבוד יום הבהיר

# י"א ניסן

התחלת שנת המאה

להולדת

# כבוד קדושת

# אדוננו מורנו ורבינו

# מלך המשיח

# שליט"א

יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד